3 1761 04263 1036

LIBRARY
UNIVERSITY OF TORONTO
JUN 14 '89

לאנדשאפט, וואס האט זיך געוויזען אין די פענסטערלאך. א מורא־שחורה'דינער שאטען האט זיך געוועבט ארום זייערע קעפ און פנים'ער און זיי האבען זיך נאך עפעס פערבענקט...

פאר די אויגען האבען זיי געזעהן די גאלדענע קרוינען פון די אבגעשטאנענע פלוימען־בוימער, וואס ברענען זיך אין די רויטע אונ־טערגעהענדע זון ביים דעם ברעג פון דער ווייכסעל.

— יוזעפאוו, — האט א אידענע געקרעכצט.

אין אַ פּאָר טעג ארום האָבען די קאצאפּעס די אידען שוין געהאַט אַלעס איינגעאָרדענט. מיט גרויסע וועגנס האָבען זיי די אידען אין שטאָדט געבראכט. אַבגעגעבען א פּאָר ליידיגע הייזער צו וואָהנען, האָבען זיי א לעבעדיגע שעפּס געבראכט צו שוחט'ן, נייע כלים צו קאָכען, אָנצוטהאָן — און די אידען האָבען זיך געוואונדערט און גאָט געדאנקט פאר דעם נס וואָס ער האָט געטהאָן מיט זיי.

— וואָס האָב איך געזאָגט, גאָט איז אומעטום, איך האָב קיין מורא ניט,אז ער הייסט געהן, געה איך — האָט אַן אלטער איד זיך אָבגערופען.

— די גוטע יאָהר זאָל איך האָבען וואָס זיי זיינען בעסער פאר אונזערע גוים. די פּאָליאקען, ימח שמם, זיי האָבען דאָך נאָך אונז מיט די שטעקלאך צוגעשלאָגען ווען מען האָט אונז פון שטאָדט געיאָגט — האָט א יונגער איד געזאָגט.

— יוזעפּאָוו, ברענען זאָלסטו — האָט א אידענע געשאָלטען די שטאָדט, — מיט מיין הויז, מיט מיין ווירטהשאפט, מיט מיין בעטגעוואנד, וואָס איך האָב דאָרט איבערגעלאָזט.

די אידען האָבען זיך דערמאָנט אָן זייערע גוטס, וואָס זיי האָבען איבערגעלאָזט אין יוזעפּאָוו, האָבען זיי אָנגעהויבען צו שילטען די שטאָדט.

— אז אַלעס זאָל פערברענט ווערען, נאָר ניט זאָל ביי די גוים איבערבלייבען.

— און איך זאָג דיר, אז ביי די קאצאפּעס וועט מען לייכטער א גראָשען קענען פערדיענען — האָט א סוחר געזאָגט.

— נור איין זאך בעט איך ביי גאָט, אז יוזעפּאָוו זאָל פערברענט ווערען — האָבען די אידען געהאַלטען אין איין שילטען די שלעכטע שטאָדט פון וועלכע זיי זיינען ארויסגעטריבען געוואָרען.

נור אז עס איז פארנאכט געוואָרען, און זיי האָבען זיך שוין געהאַט אָביסעל אָנגעוואָרימט, אָנגעגעסען — זיינען די אידען עפּעס טרויעריג געוואָרען. זיי זיינען געזעסען אויף זייערע פּעק זאכען, די ווייבער האָבען געהאַלטען די קינדער אין די אָרעמס און ארויסגעקוקט פון די קליינע פענסטערלאך אויף דעם ווייסען מעלאנכאָלישען שנעע

טעפ מיט ווארים געקעכטס, מיט דעם פרישסטען פלייש, קאפוסטע און קאשע, ווי גוים קענען נור. זיי האבען עס אבגעקאכט פאר די הונ־געריגע אידען. א פאר פארטעס האבען זיך גענומען איינגיסען די זופּ מיט׳ן פלייש אין שיסעלאך און דערלאנגט די הונגעריגע אידען. אבער ווי ערשטוינט זיינען זיי געווארען, דערזעהענדיג ווי די שיסלאך מיט דעם ווארימען געקעכטס שטעהען פאר די קאלטע אידען און זיי ריהרען זיך ניט צו דערצו. דא און דארט פּרואווט א קינד זיך צוכאפּען מיט א לעפעל צו א שיסעל, נעהמט עס באלד די מאמע אוועק, רייבט עס אויס מיט׳ן הענטעל דאס מיילכעל און שרייט אן אויפ׳ן קינד.

די גוים האבען ניט געוואוסט וואס צו טהאן, געשאקעלט מיט די אקסלען און געפרעגט איינער דעם אנדערען:

— און דאס וואס איז פאר א טייוועל...

אביסעל שפּעטער זיינען זיי נאך מעהר אין כעס געווארען, פער־שעהמט און פערפרעמדעט: געפארעט זיך, אראבגעבראכט עסען, און דא ווילען עס די טייוואלים נישט אין מויל נעהמען. א פארטע האט אנגעהויבען שטופען מיט א לעפעל אין א אידען׳ס מויל אריין און געשריען:

— עס, אז ניט וועל איך די צייהן אויסהאקען, ווי גאט לעבט די צייהן אויסהאקען.

די אידען האבען זיך איבערגעקוקט מיט די אויגען, און אן אלטער איד האט זיך אבגערופען פאר די איבעריגע האלב אויף רוסיש, אויף פוילישׁ און אידיש, ווי ווייט ער האט געקענט האט ער זיי פערשטעהן געגעבען:

— עס איז ביי אונז א זאקאן אזעלכער... באג סקאזאל — גאט האט געהייסען.

די גוים האבען פון די צוויי ווערטער „באג" און „זאקאן" אלעס פערשטאנען און בערוהיגט זיך. זיי האבען אנגעהויבען ריידען צווי־שען זיך, און דאס וואס די אידען האבען ניט געוואלט צוברעכען זיי־ער „זאקאן" איז זיי נאך מעהר געפעלען.

— „א פאלק איז דאס מיט א „זאקאן", אפילו הונגעריג און עסט נישט, שעהן!" — האט אן אלטער קאצאפּ געזאגט מיט צופרידענהייט.

אז זיי האָבען דערזעהן די „זשידעס", אז זיי האָבען אויך ווייבער און קינדער ווי די רוסישע, און אויגען מיט פּנים'ער ווי די רוסישע און די ווייבען זויגען די קינדער, און די אַלטע פריהרען פאַר קעלט, איז זיי א וואונדער געווען: דאָס זיינען זיי, די זשידעס?

— זעהען אויס פּונקט ווי מיר — האָט א יונגער רוסישער קאַצאַפּ אין א פּעלצעל מיט א קורץ נעזעל בעמערקט מיט פערוואונדערונג צו די רוסישע גוי'עס, וועלכע זיינען געשטאַנען ארום די אידען און בעוואונדערט זיי.

— זעה נור, א ביסעל לענגערע פּיאות — האָט א פרוי בעמערקט.

— און דאָס ניט ביי אלע.

— קוק, זיי זויגען אויך די קינדער פּונקט אַזוי ווי מיר.

— אין גאַנצען ווי אונזער איינער, ווי קריסטען מענשען, האָט אַן אַלטער רוסישער קאַצאַפּ, מיט ווייסע לאַנגע האָהר, אָבגעפּסקן'ט.

— מען דאַרף זיי אַנזעטיגען און אַנוואַרימען.

— יא, א גאָטעס נעבאָט — האָבען די ווייבער צוגע'פּסקן'ט און זיי זיינען אהיים געלאָפען ברענגען עסען פאַר די הונגעריגע אידען.

די אידען, דערזעהענדיג דאָס ווילדע געלאָף, וואָס איז געוואָרען פון שטעדטעל צו בעטראַכטען זיי — האָבען זיך אַנגעהויבען מעהר צו שרעקען. יעצט קומט עס — האָט ביי אלע די הערצער געקלאַפּט און מען האָט מורא געהאַט דאָס וואָרט ארויסצורייִדען:

— פּאָגראָם!

נור זעהענדיג ווי די קאַצאַפּעס טראָגען זיי גאָר נישט, נור אדרבא, בעטראַכטען זיי מיט מיטלייד, און דאָ און דאָרט נעהמט א גוי'ע אראָב איהר טוך, איהר שאַל, איהר פּעלצעל און דעקט דערמיט צו א נאַקעט אידיש קינד, וועלכע פריהרט פון קעלט, זיינען זיי אויך פערוואונדערט געוואָרען, און א אידענע וואַגט צו זאָגען א צווייטע:

— ווי אונזערע גוים.

— מענשען זיינען מענשען — קרעכצט א צווייטע.

— ניין, גאָט איז דער זעלבער, און אומעטום איז ער דאָ — הויבט אויף א איד די אויגען צום הימעל.

דערווייל האָבען די קאַצאַפּעס פון שטעדטעל מיט דעם שטאַרשט־שינאַ אין דער שפּיצע אראָבגעבראַכט צו דער סטאַנציע גרויסע

האָט זיי אין שטאָדט געבראַכט אלס רעקרוטען. זיי האָבען געקענט דעם סטראַזשניק פון שטאָדט, וועלכער איז געוועזן אַ „קאַצאַפּ“ און דאָ געפינען זיי זיך צווישען די קאַצאַפּעס. זיי האָבען מורא געהאַט אומצוקוקען זיך. אַזוי ווי מען האָט זיי נור אַראָבגעלאָזט אויף דער באַהן־סטאַנציע, האָבען זיי זיך איינגעקאָרטשעט, מיט די ווייבער און די קינד׳ערלאַך אין אַ ווינקעל פון גרויסען באַהן־בופעט, דריטער קלאַס, פערשטעלט זיך מיט די פּעקלאַך און קעסטלאַך, וועלכע זיי האָבען גע־פיהרט מיט זיך, און מיט האַרץ קלאַפּען אָבגעוואַרט וואָס דאָ וועט זיין. זיי האָבען מורא געהאַט אַ וואָרט אַרויסצורייִדען צווישען זיך, אַפּילו צו טראַכטען וועגען דעם וואו זיי געפינען זיך. די מענער זיינען געוואָרען אַפּאַטיש, די קעפּ אַראָבגעלאָזט. די קינדער האָבען געוויינט, האָבען זיי די מוטערס צוגענומען צו זיך. וועלכע פון זיי וואָס האָט נור פערמאָגט אַ טראָפּען מילך אין דער ברוסט האָט עס אין אַ קינד׳ס אַ מויל אריינגעשטעקט, ניט פרעגענדיג אויב עס איז יאָ איהר קינד אָדער ניט. נור מעהרסטען קליינע קינדער זיינען אויסגעשטאָרבען איבער דעם וועג, און די יונגע מאַמעס, וועלכע די מילך האָט נאָך אין די ברוסטען געשטאָכען האָבען געזוכט פרעמדע קינדער דערמיט אָנצוזיי־גען... נור די פּאָר אַלטע אידען, וואָס האָבען זיך געפונען צווישען די אַרויסגעטריבענע, זיי האָבען ניט פערלאָרען דעם בטחון אין גאָט, און געהאַלטען אין איין תהילים זאָגען הויך אויפ׳ן קול:

— הושיעני אלהים כי באו מים עד נפש.

די „קאַצאַפּעס“ פון רוסישען שטעדטעל זיינען דערוויייל געוואָהר געוואָרען, אז מען האָט צו זיי געבראַכט אַרויסגעטריבענע „זשידעס“. אַ „זשיד“ האָבען זיי קיינמאָל אויף די אויגען נישט אָנגעזעהן, נור גע־קענט איהם פון די געאָגראַפישע ביכלאַך, וועלכע מען לערנט אין די שוהלען, און וועלכע עס זיינען אויסגעמאָהלט אַלע נאַציאָנען, וואָס וואָהנען אין רוסלאַנד: אַ טאָטאַר, אַ כינעזער, אַ איד. און זיי האָבען זיך אָנגעהויבען אַראָבצולאָזען צו דער באַהן־סטאַנציע צו בעטראַכטען די „זשידעס“, וואָס מען האָט צו זיי געבראַכט, וועגען וועלכע מען רעדט אין גאַנץ רוסלאַנד.

געמיינט האָבען זיי, אז זיי וועלען אָנטרעפען עפּעס מאָדנע מענשען, וועלכע זעהען אַנדערש אויס ווי יעדער אַנדערער מענש, נור,

7

# אידען בענקען.

קנאפע דריי וואכען האבען זיך די אכט וואנאנען מיט די יוזע־פאווער אידען געשלעפט איבער די לאנגע ווייטע שטרעקעס פון דער רו־סישער אימפעריע ביז זיי האבען זיך אבגעשטעלט אין דער ווייטער רוסישער שטאדט טאמבאוו. ווען מען האט די אידען ארויסגעטריבען פון יוזעפאוו וואס ליגט ביי דעם ברעג פון דער ווייכסעל אין פוילישען לאנד, איז ערשט געווען הערבסט צייט, סוכות. און דער גאנצער ווייכסעל־ברעג, וועלכער איז בעדעקט מיט סערדער פון פלוימען האט זיך נאך געהאלטען אין איין גין־גאלדעווען זיך אין דער זון. די יוזעפאווער אידען האבען אפילו נישט בעמערקט די גאלדענע קרוין פון די געלע בלעטער, וואס פלאקערט זיך אויפ'ן ברעג פון דער ווייכסעל פון די אבגעשטאנענע פלוימען־בוימעלאך. זייער אויג האט זיך שוין געהאט אזוי צונעוואהנט דערצו, אז זיי האבען געמיינט, אז עס איז אזוי אי־בער דער גאנצער וועלט. דא, ווען זיי זיינען פלוצים נאך דריי וואכען ארומשלעפען זיך איבער סטאנציעס און באהן־וועגען, אנגעקומען ביי טאמבאוו, איז אלעס שוין געווען שנעע ווייס. א ווייסע, בעשנעעטע וועלט ארום, נור א פאר גרינע און גאלדענע קאפעלען פון קלויסטערס האבען ארויסגעשטארט פון שנעע אין די זון אריין. זיי האבען נישט בעמערקט דעם אונטערשיער און האבען אייגענטליך ניט געקלעהרט דערפון, נור די ווייסע שנעע פעלדער באלד נאך סוכות, א שטיק פאר חנוכה, זיינען זיי פארגעקומען אזוי משונה'דיג, אז זיי האבען זיך נאך מעהר אנגעהויבען צו שרעקען פאר דעם ארט און די מענשען צווישען וועלכע זיי זיינען אריינגעפאלען.

אין יוזעפאוו האבען זיי זיך אויך געשראקען פאר די ארטיגע גוים. נור דארטען איז געווען דער שרעק א היימישער, היימישע גוים. צום סוף זיינען זיי דאך מענשען און סיינען נור אויס דעם אידען א ביסעל חוזק צו מאכען. אבער דא, אין דעם פרעמדען רוסישען ארט, איז זיי בעפאלען א שרעק פאר די „קאצאפען“, וועגען וועלכע זיי האבען זיך אזוי פיעל אנגעהערט, פאר וועלכע זיי האבען זיך בעהאלטען, ווען מען

— מיט מיר וועט ער שלאָפען, מאַמעשי. וועסט מיר נישט גע־בען מעהר צו עסען ווי די גיסט מיר ; איך וויל מיך שוין מיט איהם טהיילען — שלעפט דער וואַרשעווער אינגעל דעם סאָכאַטשאָווער חבר.

אז די ערוואַקסענע האָבען געזעהן וואָס די קליינע טהוען, האָט זיך דער רב פון שוהל אוועקגעשטעלט ביי איין זייט טהיר, דער דיכטער פון דער צווייטער זייט טהיר און געזאָגט :

— קיינער געהט נישט פריהער אַהיים, ביז די סאָכאַטשאָווער קהלה וועט זיין בעזאָרגט.

און טרויעריגע וואָכעדיגע אידען מיט דעם טויט אין די אויגען : וואָס וועט זיין מאָרגען — זיינען אדורכגעגאַנגען דורך דער טהיר, דורך דעם רב און דורך דעם דיכטער, און יעדער האָט אַהיים גענומען וועד א מוטער מיט קינדער, וועד קינדער אליין, צו טהיילען זיך מיט זיי מיט'ן לעצטען שטיקעל ברויט און מיט'ן לעצטען שטיקעל קישען. און די שוהל איז געבליבען אַ ליידיגע פאר א נייע עדה אידען.

* * *

און וואָס מעהר איך הער און לעז פון דעם אלעס, קום איך אלץ מעהר צו דער איבערצייגונג, אז אין דער שלעכטער צייט, ווען דאָס מענשליכע געוויסען איז פערשטומט געוואָרען אין רעש פון קאַנאָנען און פולווער־שיסען, הערט זיך איין מענשליכע שטימע מעכטיגער ווי יעדעס אנדערע מאָל : דאָס איז דאָס קלאַפּען פון דאָס אידישע הארץ.

דאָס איז פאַרלויפיג דער איינציגער מענשליכער כח, וועלכער הערט זיך אין דעם רעש פון פייער און שווערד.

— די ספרי־תורות שטעלט אריין אין דער גמינע, וואו די אנדערע ספרי־תורות שטעהען. די טויטע קינדער דארף מען אויף'ן בית־עולם אבשיקען, און רופט מיר דא אהער דעם דאקטאר מיט'ן אמבולאנס.

די מיידלאך האבען געוואלט צוגעהן צום וואגען און אראבנעהמען דאס געשענדעטע כלה־מיידעל.

דער אלטער דיכטער האט א מינוט געקלעהרט:

— ניין, איהר נעהמט ניט צו. — זאגט ער צו די מיידלאך — איהר זייט מיידלאך, פאר אייך וועט זי זיך שעהמען. אויך ניט איהר, דאקטאר, איהר זייט נאך א יונגער מאן, פאר אייך וועט זי זיך אויך שעהמען. איך בין שוין אן אלטער מאן, פאר מיר איז זיך שוין נישטא וואס צו שעהמען.

און ער איז צוגעגאנגען און ווי דער רב פון שטעדטעל האט ער גענומען דאס מיידעל אויף זיינע הענד און איבערגעטראגען אין אמ־בולאנס, וואס האט זי געפיהרט אין אידישען האספיטאל.

— און יעצט אידען מיט מיר.

— — — — — — — — — — — —

די ווייבער און די קינדער פון דער שכנה'שאפט, דערהערט אז די סאכאטשאווער ערה איז אנגעקומען, האבען געבראכט צו שלעפען פון די שטובען ארויס וועד עס האט נאר געהאט א חלה, פיש, א טשא־לענט, אדער א פאר געבראטענע קארטאפעלס. פון די ארומיגע שטובען האט מען אנגעהויבען ארויסצוטראגען שטרוי, שעניקעס און אוועקגע־זעצט די מידע ווייבער און די שלאפענדע קינדער.

די אינגלאך פון דער גאס זיינען געקומען צו לויפען, געהאלטען אין די הענד די שטיקלאך חלה, וואס די מוטערס האבען זיי געטהיילט, אוועקגענעבען די סאכאטשאווער אינגלאך, אנגענומען זיי ביי די הענד און מיטגעשלעפט אהיים.

— קום מיט מיר אהיים, וועסט ביי אונז וואהנען — שרייט א צעהן־יעהריג חדר אינגעל צו א סאכאטשאווער חבר, און שלעפט איהם מיט זיך.

— *שלמה'לע*, וואס טהוסטו? וואו וועסט דו איהם *לעגען*? *שלאפסט* דאך אויפ'ן בלויזען *שעניק* אין דער קיך, צייט די מוטע מיט די קינדער וואהנען ביי אונז.

געל שלעפט א גרויסען טאפ טשאלענט. דער ריח פון די געבראטענע קארטאפעל מיט די בעבלעך פערשמעקען אין געסעל. א אידענע שלעפט א זאק קארטאפעלס, אידישע בחורים ברענגען ארויס פון א הויף צו־האקטע ברעטער, איינער האט נאך ערגעץ וואו געפונען א שטיק קויהל, — דאס האט די אידישע געמיינדע אין ווארשוי געבראכט זייער שבת־עסען די „פרעמדע“. מען טראגט עס אין הויף צו די אנגעלאפענע אידען.

„אויף די טרעפלאך פון דער גמינע שטעהט דער גרויסער אידישער דיכטער י. ל. פרץ. זיין געדיכטע קאפ האהר, וואס האט אנגעהויבען אין דער לעצטער צייט גרוי צו ווערען, איז יעצט שיטערער. דער קורצער שטערן האט זיך פערקנייטשט אין גאנצען, און די טארבעלאך מיט די טרעהרען אונטער זיינע גרויסע אויגען זיינען געווארען איינגעפאלען. דער שטרענגער שניט ארום זיינע פליישיגע ליפען און נאז איז יעצט ווייכער געווארען, און א שמייכעל הערשט איבער זיין מויל און עס דערמאהנט אן אן אנדער מויל, אן דעם ליעבען מויל פון דעם טהייערען פעטער דינעזאהן. דער דיכטער איז הייזעריג פון ארויסגעבען בע־פעהלען צו די בחורים און מיידלאך, וועלכע ברענגען צוזאמענצושלע־פען דאס עסען, וואוהין מען זאל עס טראגען, וועמען מען זאל עס צו־טהיילען.

אין דעם קומט צו לויפען צום דיכטער דער בחור, וואס האט אהער געפיהרט די טרויעריגע פראצעסיע.

— פרץ, די סאכאטשאווער קהלה איז אנגעקומען.

דער אלטער גרויסער אידישער דיכטער ווערט לייכט ווי א דריי־צעהן־יעהריג אינגעל, שטופט אוועק אלע פון זיך און מאכט זיך א וועג צווישען די אידען. אין א מינוט איז ער שוין ביי די סאכאטשאווער קהלה.

— — — — — — — — — — — —

זאגט דער דיכטער:

— וועמען האט איהר אויף דער פוהר?

— ספרי־תורות, טויטע קינדער און א געשענדעטע מיידעל.

צייט פון דער מלחמה צוזאמענגעקליבען קיין ווארשוי און וואהנען אין די פראמינענטסטע טהייל פון שטאדט.

דער טאג איז אויך געווען א שעהנער, א פאר־פריהלינגס טאג אין ווארשוי, ווען די זון אויפ'ן הימעל אין שוין פסח'דיג אויסגעלויכטעט, און די גאסען זיינען נאך חמץ'דיג, פייכטלאך פון דעם צוגאנגענעם שנעע.

אויף די ברייטע טראטוארען האבען שפאצירט די עלעגאנטע שלאנקע פוילישע דאמען און מיידלאך, וואס האבען אין דער צייט פון קריעג נישט פערגעסען זייערע פיגורען און געשמאקפאלע טואלעטען.

דערזעהענדיג די טרויעריגע פראצעסיע פון די שמוציגע אידען מיט די בעשמאדערטע ווייבער און די שרייענדע אידישע קינדער, האבען זיי געזאגט איינע צו אנדערע:

— די אידען פערפלייצען ווארשוי, די מלחמה וועט אונז נאך קאסטען א 50 טויזענד אידען, וואס די הויפט שטאדט וועט ווערען מיט זיי בעזעצט, און זיי וועלען פער'סמ'ען אונזער לופט ווי די מייז אין א מעהל־שפייכלער.

דערוויי'ל האבען זיך געוויזען אין דער גאס אידישע בחורים מיט אידישע מיידלאך, טרויעריגע געזיכטער מיט ברענענדיגע אויגען, וואס מען איז געוואהנט געווען צו זעהן אין ווארשוי אין די צייטען פון דער רעוואלוציע. די בחורים נעהמען שוין די פעקלאך פון די אידענ'ס פלייצעס. די מיידלאך טראגען שוין די קליינע קינדער אויף די הענד, נעהמען ארויס פון זייערע טאשען זעמעל, צוקערלאך, צוטהיילען די קינדער, און איינער, שוין פאראויס, רופט: „נאך מיר, אידען, צו די אידישע גמינע (געמיינדע)!“

עס איז שבת. די אידען זיינען אריינגעקומען אין שבת. דער רב האט געהייסען מחלל שבת זיין. די אידישע געוועלבער פון נזשיבאוו זיינען פערשלאסען, און די אידען מיט די ווייבער, נישט ווי אמאל שבת, נאר אין טרויעריגע וואכעדיגע מלבושים, דרעהען זיך ארום איבער די טראטוארען מיט פערשמאכטע ליפען, צוקענדע אויגען און אראבגעהאנגענע קעפ. אויפ'ן נזשיבאוו, פאר די גמינע, איז שווארץ פון מענשען. אידען אין קאפאטעס, ווייבער אין טיכער, קינדער אין שבת־היטלאך, און אלע טראגען זיי פעקלאך אויף די הענד: טעלער איינגעוויקעלט אין טיכלאך, דא טראגט א איד א שטוים חלות, א אינ־

שטיבלאך, וואָס האָבען זיך געפונען אין שטעדטעל, איבערגעדעקט מיט טלתים און עטרות.

צווישען די ספרי־תורות אין אַ ווינקעל פון וואַגען געפינען זיך אויך די צוויי עופה'לעך מתים, די צוויי קליינע אידישע קינדער, וועלכע זיי־נען אויסגעגאַנגען אויף דעם לאַנגען וועג, נישט קענענדיג אויסהאַלטען די שנעען און די רעגענס.

הינטער דעם וואַגען געהען נאָך די מוטערס פון די מתים, ווי אבלים נאָך אַ מיטה.

אין אַן אַנדערען עק פון וואַגען, אַבגערוקט פון די מתים און פון די ספרי־תורות, ליגט ר' אהרן משה'ס כלה־מיידעל, פערדעקט דעם קאָפּ מיט אַ טוך, ווארים צייט עס האָט זיך מיט איהר געטראָפען דאָס אומגליק, צייט מען האָט זי געפונען אַ האַלב לעבעדיגע אין שטאַהל צווישען די פערד, וואו די קאזאקען זיינען איינגעשטאַנען, וויל זי נישט די ליכטיגע שיין זעהן און האָט פערדעקט דאָס פּנים...

ווען מען האָט פלוצים געהייסען די אידען דאָס שטעדטעל פער־לאָזען, האָבען זיי נישט געוואוסט וואָס צו טהאָן מיט דער מיידעל, ווארים ר' אהרן משה'ס כלה־מיידעל, צייט עס האָט זיך מיט איהר דאָס אומגליק געטראָפען, איז געלעגען אין אַ בעט, פערדעקט דעם קאָפּ מיט אַ טוך, און נישט צוגעלאָזט קיין מענש צו זיך. איז דער רב אליין צוגעגאַנגען און האָט גענומען די מיידעל אויף זיינע הענד און האָט זי אליין אויפ'ן וואָגען געטראָגען, צווישען די ספרי־תורות אוועקגע־לעגט. און אז די שעהנע בעלי־בתים האָבען אָנגעקוקט דעם רב מיט ערשטוינען: „זי מיט די ריינינקייטען!“ האָט דער רב געזאָגט אין דער שטיל צום דיין: „זי איז מאלת התמימות והקדושות“ און זי איז ראוי צו זיין צוזאמען מיט די ריינינקייטען — ווייל זי איז אַ אי־דישע געפייניגטע...

* * *

די „יערוסאלימסקע אלעע“, די ברייטע שעהנע גאַס, וואו עס וואָהנען די אריסטאָקראַטען פון ווארשוי, אויף וועלכע די טרויעריגע פּראָצעסיע איז אָנגעקומען פון סקערנעוויצער וועג, איז געווען בעלעבט. די גאַנצע שלאַכטע פון די ארומיגע פּראָווינצען האָבען זיך אין דער

שרייבען פאר די חברה „תהילים״, האלט ער עס ווי אן אייגען קינד. ווארים אייגענע האָט ער נישט. האָט ער נישט געוואָלט, ווי די אנדערע, ארויפלעגען אויפ׳ן וואָגען, נאָר מיט די ווייבער וואָס טראָגען זייערע קינדער, אויף די הענד ווי א קינד געטראָגען.

און די אידען פרעגען איהם: „חיים, וואָס מאכט דיין קינד?״ קושט ער דאָס ספר תורה׳לע און זאָגט: „עס מאכט גוט״.

צווישען די עדה, אין פראָנט פון וואָגען, געהט דער רב פון שטעד־טעל, מיט׳ן דיין, מיט׳ן חזן־שוחט. דער רב געהט אָנגעטהאָן ווי א פראָסטער איד, אין א פויערשען פעלצעל. זיין איינציגען אויבער־מלבוש האָט ער אויסגעטהאָן און צוגעדיענט דערמיט די ספרי־תורות אויפ׳ן וואָגען. און אזוי ווי עס האָט געשנעהט און געדעגענט אויף דעם לאנגען וועג, פון וואנען זיי געהען פון זייער שטעדטעל, האָט איהם דעם קצב ר׳ משה נישט אָבגעלאָזט, אז ער זאָל אָנטהאָן זיין פעלץ. די פיאות ציטערען ביים רב, און די שרעקענדע אידישע אויגען קוקען ארויס פון עדעלען געזיכט און פרעגען די ליכטיגע שיין: „פארוואָס?״ מיט דרך־ארץ און הילף קוקען אויפ׳ן רב די עדה אידען, ווילען הערען עפעס פון איהם, אז ער זאָל זיי זאָגען: „פארוואָס״ און ווי לאנג?״ און דער רב שווייגט.

דער ערשטער לויפט צו צו רב זלמן דער מעקלער, וואָס איז בע־קאַנט פאר דעם גרעסטען חוצפה׳ניק אין דער שטאָט. האָט ער זיך דאָ אויך נישט פערגעסען און שרייט צום רב:

— רבי, צום ערשטען ברויט פאר די קינדער!

און דער רב ענטפערט איהם מיט א גוטען שמייכעל:

— וואָס איז שייך, מיר קומען דאָך צו אידען.

נאָכ׳ן רב, צווישען די עדה, געהט דער וואָגען פאמעליך, ווי דער אָרון וואָס אידען האָבען געפיהרט אין זייער וועג פון דער מדבר. ארום דעם וואָגען געהען די שענע בעלי־בתים פון דער שטעדטעל, העלפען מיט א האנד אונטערשטופען א ראָד. ווארים נאָטע בעל־עגלה׳ס „אידישער״ פערד, דאָס איינציגע פערד, וואָס מען האָט געלאָזט אי־דען פון שטאָדט ארויספיהרען איז מיעד געוואָרען פון וועג. ווארים דער וואָגען איז אָנגעלאָדען מיט הייליגקייט, אויף איהם זיינען אָנגעפּאַקט די ספרי־תורות פון אלע שוהלען, בתי־מדרשים, חברות, חסידים־

6

# וואַרשוי.

איבער די וואַרשעווער גאַסען ציהען זיך טרויעריגע רייהען פון מענשען. די מאַניפעסטאַציע פון קריעג. עס געהען אידען אין אָבגעריסענע בגדים, מיט די שבת־היטלאַך אויף די קעפּ און האַלטען אויף די פּלייצעס און אין די הענד פּעקלאַך. דאָס בעקאַנטע בעטגעוואַנד פּאַק איינגעבונדען אין ליילעך. דאָ האָט זיך איינער פערגעסען און טראָגט אין זיין פּאַק זיין שבת מלבוש און דער אידענע'ס זיידענע קלייד, און פון פּאַק קוקט אַרויס דאָס נייע שיטעל. אַן אַנדערער איד האַלט אין דער האַנד צוויי שבת לייכטערלאַך, זילבערנע, מיט אַ מחזור אונטער'ן אָרעם — דאָס האָט ער גענומען איז דאָס גרויסע פערמעגענס וואָס ער קען אַרויסראַטעווען פון שטוב ווען מען פעריאָגט איהם. די עלטערע אינגלאַך געהען ביי די טאַטעס. אַ טהייל פון זיי העלפען מיט־טראָגען פּעקלאַך, אַ בינדעל לעדער פון קרעמעל אַרויסגענומען, אַ צוויי שטיקלאַך סחורה. אָבער די מעהרסטע פון זיי טראָגען די גרויסע גמרות, מדרשים, חומשים, וואָס זיי האָבען פון טאַטען'ס סופרים שראַנק אַרויסגענומען, ווען דער בעפעהל איז געגעבען געוואָרען אין צוויי שעה דאָס שטעדטעל צו פערלאָזען און פון איילעניש האָט מען ניט געוואוסט וואָס צו כאַפּען. די אינגערע קינדער געהען מיט די מאַמעס, האַלטען זיך אָן ביי די שערצען, אָדער זיי העלפען די מאַמעס טראָגען די וויגענדע. נאָר אַס מעהרסטען זיינען ענערגיש די מיידלאַך, די צעהן־יעהריגע און די אַכט־יעהריגע און אפילו די זיעבען־יעהריגע. זיי זיינען די מוטערס פון די קליינטשיקע זוינענדע, האַלטען זיי איבער'ן גאַנצען וועג און שטילען איין זייער געוויין מיט אידישע ליעדלאַך, וואָס זיי זינגען זיי איבער'ן וועג.

צווישען די ווייבער און די קינדער געהט אויך חיים פישער. דאָס איז אַן אַלטער, אויסגעהאָרעוועטער איד, מיט אַן אָבגעברענט פּנים און קורלעוואַטע האָהר און פּיאות. ער טראָגט אויף זיינע הענד, ווי די ווייבער, אַ קינד, און אַ ספר־תורה אין אַ טלית איינגעוויקעלט. דאָס קינד איז אַ פרעמדער יתום, און דאָס ספר תורה האָט ער געלאָזט

טאטע־מאמע האבען שוין געהאט געשלאפען, יאסעלע אויך. און גאל־דעלע ליגט ביי דער מאמע. אלע שלאפען, און דא וועט זיך באלד אויפ'ן הימעל צווישען די שטערען משיח ווייזען און קומען אראבצורייטען מיט זיינע זעלנער און קיינער וועט איהם נישט זעהן. אוי וועה, די מאמעשי וועט איהם נישט זעהן, ניט דער טאטע, ניט יאסעלע און ניט גאלדעלע. ער וויל זיי רופען, און ער רופט זיי: „מאמא, מאמא". נור זיי הערען איהם ניט, זיי שלאפען. און די קעפעל ווערט איהם אזוי ווארים. דאכט זיך, אז ער זיצט אויף א פייערדיג פערדעל און רייט נאך משיח'ן, נור אלע שלאפען און קיינער הערט ניט און זעהט ניט. „מאמא, מאמא!" פאר וואס רופט זי זיך נישט אב?

ער האט אנגעלעגט דאס קעפעל אויף'ן פאק און נעקוקט אין הימעל אריין. נא, אט ווערען די שטערען גרעסער, וואס אמאל גרעסער, פערד, גאלדענע פייערדיגע פערד, און מלאכים רייטען אויף זיי, און האלטען פייערדיגע שפיזען אין די הענד, און אט באלד מאכען זיי א וועג, פון הינטער א וואלקען שווימט ארויס א גרויסער שטערען. נייז, עס איז א גרויסער, גרויסרע אדלער מיט פליגלען, און אויף איהם זיצט א הויכער, גרויסער מענש. ווי א רב נעהט ער אנגעטהאן, אין א טלית, אין א פייערדיגע קרוין אויף'ן קאפ און א גרויסע פייערדיגע שווערד האלט ער אין דער האנד און ער שווימט אין דער לופטען. אט איז ער דא, אט איז ער דא.:

— מאמא, מאמא, ער קומט, ער קומט! — שרייט דאס קינד מיט די לעצטע קרעפטען.

חנה־לאה האט זיך איפגעכאפט פון שלאף ווי א ווילדע, זיך אומ־געקוקט:

— ווער? שלמה'לע?

— משיח! — האט דאס קינד שטיל אבגעענטפערט קוים־קוים פון זיינע צוברענטע קליינע ליפעלאך, און די אויגעלאך צוגעשלאסען.

---

דער". חנה־לאה האָט געוועקט יאָסעל'ען, אַז ער זאָל עסען די קאַר־טאָפעל, און אליין האָט זי גענומען אַ קאַרטאָפעל, אָבגעשיילט מיט די פינגער. און געזאָגט, עס איז גוט, אַז שלמה'לע זאָל עסען אַ הייסע קאַרטאָפעל, כדי ער זאָל זיך דערוואַרימען, וואָרים דאָס קינד האָט נאָך היינט אַ גאַנצען טאָג קיין לעפעל וואַרים געקעכטס נישט געקראָגען.

שלמה'לע אָבער, וועלכען די מאַמע האָט געוועקט, מיינענדיג, אַז ער שלאָפט, איז געלעגען מיט האַלב פער'חלש'טע אויגען און געקוקט אין דער נאַכט אַריין. דאָס געשריי פון די זשאַבעס אין וואַסער, און דאָס זשומען פון די ווערימלאַך אין די גראָזען האָבען אויף איהם אַזאַ שרעק אָנגעוואָרפען, אַז דאָס קינד האָט מורא געהאַט איינצושלאָפען. און שלאָפען האָט זיך איהם געוואָלט. ער האָט טיעף אין דער מאַמע'ס קאַפּטען דעם קאָפּ איינגעשטעקט, עס איז איהם אַי וואַרים אַי קאַלט געווען, און ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגען און נישט געקענט. ער האָט געקוקט אויפ'ן הימעל, און ער האָט געגלויבט, אַז די שטערען זיינען דאָס די זעלנער פון משיח, אַ'ן זייער ליכט זיינען דאָס די פייערדיגע שווערדען, וועלכע מען זעהט פון הימעל אַרויס. און די אַלע שטערען שטעהען דאָס אַרום און היטען אָב די ערדה אידען, אַז די סטראַזש־ניקעס און זעלנער וואָס ליגען יעצט אַזאַ וואַסער און אין די גריבער און שרייען און בייזערען זיך אויף זיי, זאָלען זיי קיין שלעכטס נישט טהאָן. און באַלד וועט זיך אָנהויבען אַ גרויסע מלחמה צווישען משיח'ס זעלנער — די שטערען מיט די סטראַזשניקעס, וואָס האָבען דער מאַמען געשלאָגען און אַרויסגעטריבען זיי פון שטוב, וואָס ליגען יעצט אין גראָז און וואַסער פערשטיקט; און ער קוקט אויפ'ן הימעל און וואַרט אַלץ אָב, אַז צווישען די שטערען זאָל זיך בעוויזען משיח, אַ גרויסער אויף זיין פייערדיג פערד, מיט אַ פייערדיגען רוט אין די הענד און זאָל אַרויסרייטען פון הימעל און די שטערען, זיינע זעלנער, נאָך איהם.

די נאַכט איז וואָס אַמאָל קאַלטער געוואָרען — און שלמה'לען איז דער קאָפּ וואָס אַמאָל וואַרימער געוואָרען. אַלע זיינען שוין גע־שלאָפען אַרום די פעק, און — נאָר אין מיטען האָבען זיך איינזאַם געטליעט די צוויי אָבגעברענטע העלצער, וואָס איז איבערגעבליבען פון פייער. אויף אַ פּאַק איז נאָך אַלץ געזעסען דער איד און געזאָגט תהילים מיט זיין קלאָגענדיג נגון „למה רגשו גוים". נאָר שלמה'לעס

אלע אידען זאָלען זיך צונויפקומען און דאָרט משיח'ן אבוואַרטען — האָט יאָסעלע געזאָגט מיט גדולה.

— הלואי, רבונו של עולם, אוי, הלואי — האָט די מוטער אָבגע־ענטפערט, געווישט זיך אַ טרעהר פון אויג, און קייענדיג דאָס טרוקענע ברויט האָט זי צוגעגעבען: „עס איז שוין צייט".

— צייט, שוין צייט — האָט דער טאַטע אויך געזאָגט מיט אַ קרעכץ, קייענדיג דאָס ברויט.

דערווייל איז די נאַכט צוגעפאַלען וואָס פינסטערער און שטילער. גרויסע שטערען האָבען זיך אָנגעצונדען איבער'ן הימעל און פון וואַסער ארויס און פון די טיעפע גריבער האָט זיך געהערט אַ זשומען, ווי עס וואָלטען דאָרט נשמות געווען פערשיקט און קלאָגען ארויס, אז מען זאָל זיי קומען בעפרייען. די נאַכט איז קיהלער געוואָרען און די מאַמעס מיט די פאָטערס האָבען די קאַפּאָטעס און די קאַפּטענס אויסגע־טהאָן און ארומגעהילט די קינדער. דאָס פייער, וואָס האָט זיך גע־ברענט אין מיטען דעם עולם, האָט בעלהויכטען אַ גרופּע אידען וועלכע זיינען געזעסען ארום דעם פייער מיט זייערע קינדער און עפּעס צווישען זיך אינטים גערעדט. אַ טרויעריגער שבת־נגון האָט זיך גע־הערט פון אַ ווינקעל תהלים זאָגען: אוי „למה רגשו גוים". דאָ און דאָרט האָבען זיך געבלייכט אין דער נאַכט די ווייסע פּעק פון בעטגע־וואַנד אויף וועלכע עס זיינען געווען אָנגעלייגט קליינע און גרעסערע קינדער און האָבען געשלאָפען. און די ערדה איז אַלץ שטילער געוואָרען. דאָס ברומען פון די נשמות וואָס האָבען געשטעקט אי די גריבער און אין וואַסער האָט זיך וואָס אמאָל העכער געהערט, און דאָס האָט אָנגע־וואָרפען אַ שרעק אויף די קינדער ביז זיי זיינען איינגעשלאָפען. פון דאָרף זיינען ארויסגעקומען אַ פּאָר פּויערים און פּויערטעס און האָבען אהיים געיאָגט די פּוילישע קינדער וואָס זיינען פון דאָרף ארויסגעקומען צו צוקוקען זיך צו די ארויסגעיאָגטע, און וואָס אמאָל איז שטילער גע־וואָרען צווישען דער מחנה. דאָס פייער האָט זיך געברענט, און די נשמות אין די גריבער האָבען געקלאָגט.

גאָלדעלע, דאָס עלטערע מיידעל, האָט געבראַכט דעם טאַטע אָבגע־קאָכטע קאַרטאָפעל פון פייער, נור צו עסען איהם איז שוין נישט געווען ווער. יאָסעלע איז אויך געווען איינגעשלאָפען פאַר מיעדקייט און חיים זרח האָט זיך אָבגעזאָגט מיט אַן „ע" און צוגעלעגט: „גיב די קינ־

— מלאכים זיינען זיינע זעלנער, מלאכים פון הימעל, מיט פייערדיגע שווערדען.

— מיט פייערדיגע שווערדען — האט שלמה'לע נאכגעזאגט מיט פרייד אין דער שטיל און די נאכט האט פערדעקט דאס שטילע פרייד שמייבעלע אויף זיין קליין פנים'על.

באלד איז אבער אנגעקומען דער טאטע מיט יאסעלע'ן. חיים זרח דער תבואה מעקלער, וואס האט די גאנצע צייט פון זיין חתונה האבען מיט חנה־לאה'ן קיינמאל נישט בעמערקט, אויב חנה־לאה עסט, אויב חנה־לאה האט א קאפטען אויף יום־טוב און איז געוועהנט געווען, אז חנה־לאה זאל איבער איהם זארגען — איז יעצט אין די אלגעמיינע צרה געווארען גאר א הייסער מאן, און געפרעגט „אויב זי האט שוין עפעס געגעסען". איהר איז עפעס פון דער פראגע געווארען אזוי מאדנע און האט נעענטפערט מיט א „ע" און „מוחל". נור דאס מיידעל האט געבראכט פון ערגעץ א ברויט און אונטערגעשטעלט אונטער דעם אלגעמיינעם פייער וואס די קצבים האבען געמאכט א טאפ מיט קארטאפעל. חנה־לאה האט נעטהיילט דאס ברויט, און, אז זי האט געוואלט געבען א מוציא שלמה'לען, האט זיך שלמה'לע אויפגעכאפט און געפרעגט:

— מאמעשי, און פארוואס האט ער געזאגט דעם סטראזשניק צו שלאגען דיר?

— ווער?

— דער משיח!

— קינד לעבען, ער איז נאך נישט געקומען.

חיים זרח האט אבגעקרעכצט. ער האט געהאלטען דאס ברויט אין דער האנד און געקוקט אויף די שטערען, און געזאגט פאר זיך:

— אודאי איז עס חבלי משיח, אודאי.

— טאטע, עס מוז דאך אבער פריהער קומען משיח בן יוסף און אליהו הנביא אנזאגען — האט יאסעלע געפרעגט, וועלכער איז געווען א בקי אין אלעם וואס עס וועט זיין ווען משיח וועט קומען.

— אבער אפשר זיינען זיי שוין געקומען, מען קען וויסען? — האט דער טאטע אבגעענטפערט.

— און אפשר טרייבט מען דאס אונז צונויף אויף איין ארט, כדי

— טרינק, שלמה'לע, פערגים נישט — האָט די מאמא דערלאַנגט שלמה'לען.

שלמה'לע האָט אָבער נישט געהערט, ער האָט ערגעץ יואו איינ־געקאָרטשעט זיין קעפּעל, און איינגעקוקט זיך אין די טונקעלע נאַכט וואָס האָט זיך אָנגעהויבען ארויסצייגען פון אלע עקען וועלט און צוגע־דעקט דעם גאַנצען הימעל. עפּעס האָט זיך איהם געדאַכט, אז ער פער־נעהמט א געזאַנג פון אַ פיערעל, וואָס האָט געשפּיעלט פון חזן'ס פענסטער ארויס, און יעצט הערט ער זי, ווי זי שפּיעלט ארויס פון וואַסער. ער איז געלעגען און געהערט.

— שלמה'לע, מאַך אַ ברכה, ווערסטו טרינקען אביסעל מילך.

— ברוך אתה — האָט שלמה'לע געשטאַמעלט אויס געוועוהנהייט און גענומען דאָס טעפּעל אין דער האנד אריין. איידער אָבער ער האָט עס צוגעטראָגען צום מויל האָט ער דער מאמען געפרעגט:

— מאַמעשי, וואוהין געהען מיר?

— ווייסט דאָך, שלמה'לע, ווייסט דאָך, משיח קומט, טרייבט מען אלע אידען צוזאַמען.

שלמה'לע האָט אַ לעק געגעבען פון טעפּעל מילך, אַ שלוקעכץ, און ווידער געפרעגט:

— מאַמעשי, ער איז א גרויסער, דער משיח?

— זעהר א גרויסער, שלמה'שי, זעהר אַ גרויסער, העכער פון אלע אידען.

שלמה'לע האָט ווידער געהאַלטען דאָס טעפּעל אין דער האנד און מיט די אויגעלאַך וועלכע זיינען איהם, דורך די דריי טעג ארומ־וואַלגערען זיך איבער די פעלדער, נאָך גרעסער געוואָרען, אזוי אז זיי האָבען געהערשט איבער'ן גאַנצען פּנים'על, האָט שלמה'לע געפרעגט:

— און אַ מלך איז ער אויך, דער משיח?

— א גרויסער מלך, איבער אלע אידען אַ מלך, און איבער אלע מלאכים אַ מלך.

שלמה'לע האָט געשוויגען און עפּעס זיך פערקלעהרט.

— פאַר וואָס טרינקסט דו נישט?

דאָס קינד האָט אויס געוועהנהייט געגעבען א לעק דאָס טעפּעל, אַ שלוקעכץ, און ווידער אויפגעעפענט די גרויסע אויגען.

— מאַמעשי, און זעלנער האָט ער אויך, דער משיח?

נור באלד האָט זיך די ערה אידען אָבגעשטעלט ביים דאָרף. עס האָט שוין אָנגעהויבען צו טונקעלן און עס איז געבליבען ביי די אנגע־זעהענע פון די ערה, ביים דאזאר ר׳ עוזר, און ביים דיין, אז מען זאָל דאָ אין דאָרף איבערנעכטיגען און נישט צו געהן צום נאָהענטסטען שטערטעל, וואָס איז נאָך געווען אַ וויארסט צעהן, ווארים די ווייבער און די קינדער זיינען מיער געווען, און די ערה אויסגעמאַטערט. מען האָט אויסגעשפּאַנט די פערד פון דעם איינציגען וואָגען, אויף וועלכע מען האָט די רייניגקייט געפיהרט. די טאַטעס און די קינדער האָבען די פּעק אָבגעלייגט און די מאַמעס האָבען זייערע טיכער און זייערע קאָפּ־טענס אויסגעטהאָן און אויסגעשפּרייט איבער׳ן פייכטען גראָז און אויס־געזעצט זייערע קינדער. צוויי בעלי־בתים, קאַלבס סוחרים, וואָס האָבען געהאַט בעקאַנטע גוים אין דאָרף, זיינען אין דאָרף געגאַנגען בעטען מילך ביי די פּויערטעס פאַר די קינדער, און עס איז נישט דורכגע־גאַנגען קיין פיערטעל שעה, און עס האָבען זיך טאַקע געוויזען די פּוי־ערטעס מיט די קליינע שקצים׳לאַך און שיקסעס פון דאָרף. טהייל פון זיי האָבען געהאַלטען קרוגען מיט מילך, אנדערע — קאַנען מיט פרישׂ וואַסער, וועלכע זיי האָבען צוטהיילט צווישען די קינדער און די מו־טערס. די עלטערע אידען האָבען זיך דערווייל צוזאַמענגעקליבען אונ־טער אַ בוים, אַ איד האָט אָנגעטהאָן אַ טלית און אויף׳ן ברייטען פעלד האָט אָבגעקלונגען אַ טרויעריגער ווינטערדיגער והוא רחום יכפּר עון, כאַטש ארום אויף׳ן פעלד האָט אַלעס געבליהט און געזשומעט אזוי זו־מערדיג, אזוי דאָרפּיש.

חנה לאה האָט ווי די אנדערע מוטערס אויסגעבעט שלמה׳לען אויף איינעם פון די פיעלע קאָפּטענס, וועלכע זי האָט אויסגעטהאָן איינס נאָך׳ן אנדער׳ן. נעבען איהם איז געזעסען די מאַמע, יאָסעלע האָט זיך געשטעלט מנחה דאַווענען ביים טאַטען צווישען די אידען און גאָלדעלע, די עלטערע שוועסטערל, וועלכע איז געווען איבער׳ן גאַנצען וועג אַנגעלאָדען מיט צוויי גרויסע פּעק בעטגעוואַנד און וועש, האָט זיך יעצט געשאַרט צווישען די ווייבער מיט אַ קריגעל אין דער האַנד צו בעקומען פאַר שלמה׳לען אַ טעפּעל פרישע מילך. און באַלד האָט זי עס געבראַכט מיט גרויס גדולה, און נאָך פון דערווייטענס געראָפען:

— איך האָב, מאַמא, נאַ.

כח נאכגעלאפען נאך די ערה, און געדופען מיט א הייזעריגער שטימע איהר עלטער אינגעל:

— יאסעלע, יאסעלע! —

עס האט געקאסט דער מאמען ניט ווענינ צער איידער זי האט ביי זיך גע׳פועל׳ט רופען צו הילף איהר עלטערן אינגעל יאסעלע, ווארום יאסעלע איז געווען בעלאדען מיט דעם פאק ספרים און בעטגעוואנד וואס ער האט געטראגען אין איינעם מיט׳ן טאטען, און אלס אלטער־בית המדרש אינגעל האט ער דוקא געוואלט געהן אין איינעם מיט אלע אידען. כאטש ער האט זיי ניט געקענט נאכאיילען, דאך האט ער זיך געפאסט מוטה, ווייל ער האט שוין געוואלט זיין א איד מיט אידען גלייך.

יאסעל האט איבערגעלאזט דעם טאטען מיט די אידען און איז געקומען צוריקצולויפען צו דער מאמען.

— יאסעלע, איך האב קיין כח נישט, שלמה׳לע וויל נישט געהן.

— גיב איהם מיר, מאמא, איך׳ל טראגען.

יאסעלע האט געפרואווט צו נעהמען שלמה׳לען, ער האט איהם גע־טראגען א פאר צעהנדליגע טריט, ער האט איהם דאך געמוזט אראב־לאזען.

— שלמה׳לע ווילסט נישט געהן משיח׳ן זעהן? — האט יאסעלע געפרעגט.

— ווען וועט ער שוין זיין?

— אט באלד, ווען מיר וועלען נור צום דארף אנקומען, דער זיי־דעשי האט געזאגט.

— מאמעשי, ל׳מיך, איך׳ל שוין לויפען.

שלמה׳לע האט זיך געריסען פון יאסעלע׳ס הענד און אנגעהויבען צו לויפען מיט די דארע דינע פיסעלאך, וועלכע האבען זיך אנגעשלאגען אן די שטיינער, אן די פערהארטעוועטע שטיקער בלאטע וואס זיינען געלעגען אויף׳ן וועג.

— זעה, מאמעשי, זעה ווי איך לויף, זעה.

— איך זעה, שלמה׳לע, איך זעה — האט די מוטער געווישט דעם שוויים פון שטערן מיט דעם ארבעל פון קאפטען, וואס עס האט איהר דאס פנים ברודיג געמאכט.

— מאמעשי, זעץ זיך, זעץ זיך, איך בעט דיר, זעץ זיך.

— ווי, שלמה'לע? דו זעהסט אלע אידען געהן. און ווי וועלען מיר זיך אוועקזעצען אין מיטען וועג?

— איך וויל נישט, מאמעשי — האט דאס זעקס יאהריגער אינגעלע פלוצים זיך אבגעשטעלט אין מיטען וועג און ניט געוואלט געהן ווייטער.

די אידענע האט זיך ארומגעקוקט און דערזעהן די ערה ארויסגעטריבענע אידען מיט די וועגען א שטיק פאראוים. זי איז איבער די קאפריזען פון דעם זעקס יעהריגען שלמה'לע, וועלכען זי האט די גאנצע צייט, איבער'ן גאנצען וועג וואס דויערט שוין איייניגע טעג, געהאלטען ביי איהר האנד, געבליבען א שטיק הינטערוויילעכטס. צו טונקלען האט אויך אנגעהויבען, דער הימעל איז געווארען בעגאסען מיט א רויטען ליכט, אין וועלכען עס זיינען געווען בלאהע בלאנקענדע אינזלאך. איז אויף איהר א שרעק געפאלען, אז זי זאל זיך מיט שלמה'לען נישט אבבייסען פון דער מחנה און פון הינטען בלייבען, האט זי געכאפט דאס קינד אויף איהרע הענד, און אנגעהויבען נאכצולויפען נאך די ערה אידען. מיעד און אויסגעמאטערט איז זי געווען פון דריי טעג וואלגערן זיך שוין איבער די פעלדער, האבען קאלטע ווייסע אנגסטען אנגעהויבען ארויסצושלאגען אויף איהר פנים פון אונטער איהר שווארצען טוך, און כאטש עס איז געקומען אהער צובלאזען פון די פרייע פעלדער א אסענדיגער קיהלער פאר־נאכטליכער ווינד, דאך איז איהר דאס מאטע אבגעברענטע לעדערנע פנים בעגאסען געווארען מיט שוויים, דער האלז האט זיך אנגעהויבען צו ציהען פון די פיעלע קאפטענס וואס זי האט געטראגען (און געטראגען האט זי אלע יום־טוב'דיגע קאפטענס, וואס עס איז איהר א שאד געווען איבערצולאזען אין דער פערלאזטער שטוב פו'ן וואנען מען האט זי געטריבען), און דער האלז איז געווארען אנגעצויגען מיט בלויע אדערען און געבויגען זיך ווי ביי אן אויסגעמאטערטען פערד דער רוקען פון כאמוט. די הענד זיינען איהר געווארען מאט און שווער ווי שטיינער. נור דער זעקס יעהריגער שלמה'לע האט איינגעגורעט זיין קליין צוהיצט פנים'ל אין א ווינקעלע פון דער מאמעס רוקען. און דער מאמען איז א שאד געווען דאס קינד פון די הענד אבצולאזען, און וויעדער האט זי מורא געהאט, אז זי זאל ניט פאלען פון די פיס מיט דער קינד אויף דער האנד, איז זי מיט דעם רעשט ביסעל

אז זיי שטעהען אין פעלר, אז די סכנה שוועבט איבער זיי, אז יעדען אויגענבליק קען מען דערהערען זייער געשריי, און מען קען אויסטייטשען ווי אזוי מען וועט וועלען. זיי האבען אן אלעם פערגעסען, אז דער וועלט, אז דער מלחמה און אז דער הערשאפט פון אנ׳אנדערען, פון שלעכטען כח — אויסער אן איינציגען גאט איבער דער וועלט. איהם האבען זיי יעצט געזעהן. ער אליין הערשט איבער דער וועלט: אין איהם איז דא די מאכט צו העלפען זיי, און צו איהם האבען זיי יעצט געשריען. נאר דער געשריי איז ניט געווען קיין קלאג געשריי, ניט קיין געוויין אויף זייער פערלאזקייט און עלענד. ניין, עס איז געווען א לויב־געזאנג, א הימן פאר דעם נסיון וואס ער שיקט איבער זיי. א גרויסע שבועה איז עס געווען צום בעשעפער, — אז זיי גלויבען אין איהם און זעהען איהם — כאטש ארום זיי איז דער כח פון שלעכטס, פון נאכט, פון מלחמה און פערניכטונג.

לאמיר זינגען מיט זיי דעם געזאנג אין דער מלחמה אריין:

— לכה דודי לקראת כלה, פני שבת נקבלה.

---

5

# ער קומט...

---

## א בילד פון היינטיגער צייט.

---

— מאמעשי, נאך ווייט צו געהן?

— אט שוין קינד לעבען, אט שוין, נאך א קליין, קליין ביסעל.

שלמה׳לע האט זיך פעסטער אנגעהאלטען אן דער מוטער׳ס שערץ, און די קליינע אויסגעמאגערטע פיסלאך, ווי צוויי דינע שטעקלאך, וואס האבען זיך שוואך געהויבען איבער׳ן זאמד פון וועג, האבען מיט אמאל אנגעהויבען צו שפרינגען, ווי זיי וואלטען כח בעקומען און געלאפען אביסעל פריהער פון די מוטער׳ס איילענדע טריט. באלד זיינען אבער די פיסלאך ווידער מיעד געווארען און אבגעשטעלט זיך:

ווען מען האט נאך ניט געוואוסט וואס ווייטער צו טהאן, דא צו בלייבען אדער ווייטער צו געהן — זיינען די צעהן אידען מיט די ספרי־תורות אנגעקומען.

אז די אידען האבען דערזעהן די ספרי־תורות פון די שוהל, איז א גרויסע פרייד געווארען. די ווייבער האבען שוין פארגעסען אן די אייגענע צרות און די קינדער — און מען האט געוויינט נישט פאר צער, נור פאר נחת, וואס גאט האט געהאלפען און מען האט די ספרי־תורות גערעטעוועט. באלד האט מען א וואגען אבגערייניגט, אראבגענומען פון איהם צוויי קראנקע אידען, אין געצעלט אריינגעלעגט און אויף דעם וואגען מיט טלתים אויסגעבעט און די ספרי־תורות אוועקגעלעגט. דעם וואגען פאר דעם ארון געמאכט.

— אידען, עס איז שבת, לאז מען דעם שבת מקבל זיין.

און דער חזן פון שטאדט האט זיך באלד ביי וואגען מיט די ספרי־תורות אוועקגעשטעלט און א טרויעריגע שטימע, די בעקאנטע שטימע פון איכה, מיט וועלכען מען זינגט דעם לכה דודי אין די דריי וואכען האט אין דעם וואלד, אויף די פעלדער אבגעקלונגען.

— לכה דודי לקראת כלה, פני שבת נקבלה.

און די גאנצע עדה האט אפגעענטפערט אין איין טאן:

— „מקדש מלך עיר מלוכה, קומי צאי מתוך ההפכה. רב לך שבת בעמק הבכה, כי בך יחסו עניי עמי“.

עס האבען זיך ערוואכט פעלד און וואלד און צוגעהערט זיך מיט ערשטוינען צום שבת־געזאנג אין דער טרויעריגער פינסטערער נאכט. פון וואנען קומט דא געזאנג אין דעם רעש פון די קאנאנען, אין דעם שרעקענדען חורקלען פון דאס טויבע פולעמיאט־שיסען וואס דער וואלד איז געוואהנט געווען דאס יאהר צו הערען? פון וואנען קומט אין דער מלחמה דאס געזאנג?

די אידען האבען זיך פערטיפט אין דאווענען. אלעס וואס זיי האבען געטראגען אויף די הערצער אין די שרעקליכע טעג, דאס גאנצע פער־לאזקייט און יתום'קייט וואס זיי האבען געפיהלט דא אין פעלד מיט ווייב און קינד האבען זיי אויסגעגאסען אין געזאנג. דער „לכה דודי“ איז געווארען דאס איינציגע שטיקעל ליכט וואס זיי האבען געזעהען אין זייער פינסטערער נאכט, די האפנונג אין די פערלאזקייט. און וואס אמאל העכער האט געשאלט דער „לכה דודי“, זיי האבען פערגעסען.

זיי האבען זיך אויפגעהויבען און זיינען ווייטער געגאנגען איבער דעם וועג, האלטענדיג די ספרי־תורות אין די הענד און געזונגען „מזמור שיר ליום השבת". שטיל האבען זיך פערהוילען די פעלדער אין די פייכטע נעכט, נאר די בוימער האבען זיך געוועקט און געקוקט מיט פערוואונדערונג, וועמעס הארץ שטעהט נאך היינט גאט צו לויבען...

אזוי זינגענדיג זיינען זיי אנגעקומען צו די עדה אידען.

עס האט גערוהט די עדה ארויסגעטריעבענע אידען אין מיטען וועג ביים וועלדעל. דער שבת איז אריינגעטראטען און זיי האבען ניט גע־וואוסט וואס צו טהאן. ווייטער געהן אין שבת אריין וואלט עס געהייסען מחלל צו זיין דעם שבת מיט'ן גוטען ווילען, ווייל קיינער האט זיי ראך שוין ניט נענויט. און דאס האט דער דיין און די פרומע אי־דען ניט געוואלט צולאזען, אבער מען האט געזאגט, אז די מלחמה קומט ניט ווייט פאר, און ווען מיליטער װעלען זיי דא טרעפען אין וואלד, וועט מען אלעמען אויסשיסען. און אויך איז געווען אונמעגליך, מיט די ווייבער און די קינדער אין וואלד איבער נאכט צו פערבלייבען. עס איז פייכט געווען. עס איז ניט געווען וואו זיך אנידערצוזעצען, וואו דעם קאפ אנידערצולייגען. אבער אבגעשטעלט האט מען זיך שוין. די אידישע בעלי עגלות וואס האבען פרייוויליג אויף די פוהרען גע־פיהרט די קראנקע און די אלטע לייט, האבען די פערד אויסגעשפאנט און ניט געוואלט קיין שריט ווייטער מאכען אין שבת אריין. מאמעס האבען זייערע טיכער, זייערע קאפטענס אויסגעטהאן און אויסגעשפרייט אויף די פייכטע גראז, און זייערע קינדער אוועקגעזעצט. איין איד האט דעם אנדערן די קאפאטע אויסגעבארגט, ארומגעהילט די אלטע לייט, די שוואכע ווייבער מיט די קאפאטעס, אז זיי זאלען זיך נישט צו־קיהלען. חיים בעל עגלה און נתן פישער זיינען קלוג געווען און האבען פעלצען מיטגענומען. „מיר ווייסען מיט וואס דאס שמעקט", האבען זיי געזאגט, און אוים די פעלצען א געצעלט אויפגעשלאגען. אין געצעלט האט מען צוויי ליכט אנגעצונדען, שבת־ליכט, מורא געהאט, אז מען זאל דאס ליכט פון דערווייטענס ניט דערזעהן און עס זאל נישט הייסען: די אידען גיבען סיגנאלען. דורך דעם האט מען די שבת־ליכט־לאך גוט פערשטעלט. נור יעדער איז נאך געווען פערנומען מיט זיין אייגענער זארג: די קינדער טרוקען אויסצובעטען, און די ווייבער מיט די קאפאטעס ארומצוהילען, אז זיי זאלען זיך ניט פערקיהלען.

דעל האט זיך צוגאסען ווי א טייכעל איבער'ן הימעל און אויפגעעפענט א שפאלט און געטרונקען אין זיך אריין דעם ליכטיגען זונען־הימעל ווי א שטארקע חיה וואלט געלויערט אויף דעם טאג און זי פערצוקט איהם... נור וואס מעהר עס האט געטרונקען אריין אין זיך דער נאכט־וואלקען דאס לעצטע ביסעל רויט פון הימעל, אלץ מעהר איז דער טונ־קעלער וואלקען־לייב געווארען דורכזיכטיגער און פון זיין מאטען וואל־קען שטויב האבען אנגעהויבען ארויסצושימערען די פייערדיגע זיילען שטערען, וואס ער האט געהאט אין זיך... איינזאם האבען זיך די איינ־צעלנע ביימער אויפ'ן וועג געשאקעלט, און ווי זיי וואלטען געזוען פער צווייפעלט, אויב עס איז דא א בעשעפער וואס ווייס פון זיי און היט זיי — האבען זיי מיט מורא און אונצוטרויען זיך געמוליעט ארום זייערע צווייגען און שאטענס. דער הימעל האט זיך גערוקט איבער די לאנ־קעס, און די לאנקעס זיינען פייכט געווארען און ערגעץ־וואו פער־שוואונדען. קיינעם איז נישט געוועזן צו זעהן אויפ'ן וועג, נישט קיין פויער, נישט קיין סוחר. אויף די פעלדער האבען זיך פער'יתום'טע א פאאר בהמות מיט א הונד ארומגעוואלגערט, און זיינען געקומי־צולויפען יעדעס מאל צו די אידען און געלעקט זיי, ווי זיי וואלטען געוואלט שוטין ביי די ארימע אידען זוכען פון דער נאכט און פון זייער היימלאזיגקייט וואס מען האט זיי אליין אין פעלד געלאזט. די אידען אבער, פאלענדיג פון די פיס פאר מיעדקייט און פאר שרעק, האבען זיך אויף א ווײלע אין מיטען וועג אוועקגעזעצט, קוקענדיג מיט שרע־קעדיגע אויגען אויב די קאזאקען קומען נישט צולויפען.

א מינוט האבען זיי אלע געשוויגען, הויך געהעשעט און אבגעעבצט באפענדיג לופט. איינער האט זיך מיט א טיכעל דאס פנים געווישט. א צווייטער איז געזעסען פערטראכט. נור אלע האבען זיי געשוויגען, און קיינער האט ניט געוואגט דעם צווייטען אין פנים צו קוקען.

— דאכט זיך, עס איז שבת, — האט זיך פלוצים איינער פון זיי אנגערופען.

א מינוט האבען זיי געשוויגען, די קעפ בויגענדיג צו דער ערד.

באלד האט זיך איינער אויפגעהויבען, גענומען דעם ספר־תורה אין דער הויך און אנגעהויבען צו זאגען מיט א פרום קול:

מזמור שיר ליום השבת.

באלד האבען איהם די איבריגע אבגעענטפערט.

אט האט זיך איינער אבגעשטעלט, געפאלען איבער א שטיין, שפרינגט פלינק צו דער קאזאק מיט׳ן פערד און שלאגט דעם אידען, די בארד צי־טערט און די אויגען גלאנצען פון בעוואקסענעם בלייכען פנים מיט שרעק, און דער איד האלט די הענד מיט׳ן ספר־תורה אין דער הויך אויסגעשטרעקט — האט מורא, אז דאס ספר־תורה זאל איהם פון די הענד ניט ארויספאלען און פסול ווערען, און שטארקט זיך מיט אלע קרעפטען פון דער ערד זיך אויפצוהויבען אזוי, אז דאס ספר־תורה זאל די ערד נישט אנריהרען; ער פערשטעלט מיט זיין רוקען, מיט זיין קאפ, מיט זיין לייב, אז די קלעפ פון קאזאק׳ס באטעק זאלען אויף זיין לייב פאלען און נישט דאס הייליגסטע אנריהרען. אזוי הויבט ער זיך אויף און לויפט וויפיעל כח ער האט די אידען נאך.

עס זיינען געווען די צעהן אלטע אידען, וואס האבען זיך ביים לעצטען דאוונען אין די שוהל פערשפעטיגט. צוואויינט זיך און פאר־געסען, אז די צייט איז אריבער, וואס זיי מוזען די שטאדט פערלאזען. אזוי האבען זיי אזוי לאנג זייערע הערצער פאר גאט אויסגעגאסען ביז די קאזאקען האבען זיי אין שוהל געפונען, און מיט די באטעקעס פון דער שוהל ארויסגעטריבען און איבער דעם געסעל אויס דער שטאדט געיאגט.

די אידען זיינען שוין געווען הינטער דער שטאדט. די קאזאקען האבען זיך אבגעשטעלט ווארטען און פון דער ווייטענס צו די אידען מיט די באטעקעס געשראקען, אז זיי זאלען פלינקער לויפען. די אידען זיינען געגאנגען וואס אמאל פלינקער, האלב לויפענדיג, און שווער געאטהעמט, געדריכעט און צוגעיאגט זיך אויס מורא פאר די קאזאקען. און זיי האבען געוואלט די עדה ארויסגעטריבענע אידען אניאגען. אבער די שטאדט אידען זיינען שוין געווען א שטיק ווייט אין וועג. זיי האבען דערזעהן אז די טריט פון קליינע קינדער, פון ווייבער, אז זיי זיינען פאראויס. אויך האבען זיי געפונען אויפ׳ן וועג פערלוירענע זאכען: א לייכטער, א חומש, א ווייבערשע שייטעל, וואס זיינען ארויסגעפאלען אויס די פעקלאך פון די ארויסגעטריבענע אידען. זיי האבען אויפגע־הויבען די זאכען און מיט אימפעט וויפיעל כח זיי האבען געהאט זיינען זיי איבער׳ן וועג געגאנגען.

די נאכט איז וואס אמאל מעהר צוגעלאפען. זי האט זיך ארויס־געשלעפט ווי א קליין וואלקענרעל פון אונטער א וואלד. דאס וועלקענ־

4

# שבת אין פעלד.

מיט בענקשאפט אין די זונן אבגעגאנגען אונטער דער ווייכסעל אין ראדאמער גובערניע און די פערשיעדנע־קאלירטע פענסטער פון די קירך האבען געברענט מיט א רויט פייער. דאס וואסער פון דער ווייכסעל איז מאט געווארען ווי מעטאל און א גערונצעלט פעלכעל האט זיך אויפגעצויגען איבער דער אויבערפלעך. די בוימער האבען זיך געהילט אין א טונקעל־בלויליכען שאטען און א טהייל ווענד פון הייזלאך, וועלכע זיינען ווייס געוועזן אבגעקאלירט, האבען זיך געלויכטען אין די לעצטע זונען־שיין אין א געלבען אראנדזישען קאליער. אין דער לופט איז אזוי שטיל געווארען ווי יעדען פרייטאג פאר־נאכט, ווען דער שבת קומט אריין מיט רוהיגע שטילע טריט. ווי יעדען פרייטאג פאר־נאכט זיינען אויך דאס מאל די געוועלבלאך געוועזן פערמאכט. נור עס האבען דאס מאל דעם שבת אנטקעגען ניט געשיינט דאס שבת־ליכטלאך פון די איד־דישע הייזער. עס האבען זיך ניט געוויזען די בעלי־בתים פון שוהל און בתי־מדרשים אין די אטלאסענע קאפאטעס מיט די אורחים, מיט די אינגעלאך און די סדורים אין די הענד. אין א וואכעדיג שטעדטעל איז דער שבת אריינגעקומען. טהיר און טהויערען פערהאקט. עס הערט זיך נישט קיין לכה דודי, קיין שיר השירים געזאנג פון פענסטער ארויס. א שטילע מרה־שחורה האט ארומגעהילט דאס שטעדטעל. אויסגע־שטארבען איז דער מארק, נור די צוויי הינד, וואס שטעהען פאר'ן געוועלב בילען נאך א ביין...

פלוצים הערט זיך א געשריי אין א הינטער געסעל, א קאזאק גאלאפירט אויף א פערד. און די פערד'ס טריט שלאגען אפ אויף די שטיינער... א געוואלד פון אידען. א צוויי, דריי גויים קומען ארויס פון די הייזער, לויפען אין געסעל אריין, זיינען נייגעריג צו וויסען וואס דאס געשריי איז. אידען מיט ספרי־תורות אין די הענד לויפען פון דער שוהל איבער'ן געסעל אויפ'ן וועג ארויס, און צוויי קאזאקען אויף די פערד מיט באטעקעס אין די הענד יאגען נאך די אידען, שלאגען איבער די קעפ, איבער די לייבער. די אידען מיט די ספרי־תורות אין די הענד לויפען וויפיעל כח זיי האבען איבער דעם געסעל פון שטאדט ארויס.

און קוים איז איין פּנים צופאַלען — זעה, אַז אַנדער „ווייסער רבי" קריכט ארויס פון אַן אַנדער ווינקעל, אַט גיעהט ער, גיעהט ער, ער וועט באַלד אָנקומען צו איהם... וואַסיל'ן איז בעפאַלען אַזאַ אַנגסט. אַז ער האָט איינגעקאַרטשעט דעם קאָפּ אין דער ערד און איבערגעגעבען זיך דעם „ווייסען רבי'", און זיינע ליפּען האָבען געמורמעלט אונאויפ־הערליך: „גאָט, האָב רחמנות! גאָט, האָב רחמנות!".

נור אַט איז דער „ווייסער רבי" דורכגעפלויגען נעבען זיין קאָפּ. ער־געין אַנדערש־וואו אַראַבגעפאַלען. וואַסיל וואַגט זיך אומצוקעהרען. די נאַכט איז אַ פייכטע, די ערד פאַרעט און פון איבעראַל שטייגען אויף „ווייסע רבי'ס", זיי נעהמען זיך אַן איינער דעם אַנדערען ביי די הענד און פליהען צוזאַמען. אין יעדען ווינקעל זיינען זיי דאָ, און אַט קומען זיי שוין אָן צו איהם, פון דער היילער הויט איז אויסגעוואַקסען אַ „ווייסער רבי", ער שטעהט פאַר איהם און קוקט איהם אָן מיט זיינע שטאַרענדיגע אויגען. וואַסיל'ן ציטערען די הענד, און מיט אַן אַנגסט־געשריי שרייט ער אויס צו די חברים:

— חברים, אַנטלויפט, דער „ווייסער רבי" געהט!

— וועער איז ער אַזעלכער?

— איהר ווייסט נים וועער דער „ווייסער רבי" איז? זעהט, זעהט, — ווייזט וואַסיל אויף די ווייסע וואָלקענדלאַך — דאָס איז ער, ער געהט ארויס נקמה נעהמען. אומזיסט שטעלען מיר זיך אַנטקעגען איהם, ער איז אַ גייסט, ער איז אַ הייליגער, ער נעהמט נקמה. „גאָט האָב רחמנות! האָב רחמנות!" — פאַלט וואַסיל אויף די קניה — „חברים, אַנטלויפט, וואַרפט די ביקסען, בחנם, בחנם, דער „ווייסער רבי" געהט".

און דאָס וואָרט דער „ווייסער רבי" האָט זיך ווי אַ קרענק אַנגעשטעקט צווישען די סאָלדטען. איין סאָלדאַט האָט דאָס דעם אַנ־דערען איבערגעגעבען, און אַן אַנגסט איז זיי בעפאַלען — נים פאַר'ן טויט, נור פאַר דעם אונפערשטענדליכען „ווייסען רבי'", וואָס איז ארויס נקמה נעהמען. איינער נאָכ'ן אַנדערען האָבען די סאָלדאַטען געוואָרפען די ביקסען און אַנטלאָפען פון פעלד אַראָב...

אַזוי יאָגט זיי נאָך דער „ווייסער רבי", און טרייבט די רוסישע אַרמעע פון פעלד אַראָב, און נעהמט נקמה ביז'ן היינטיגען טאָג...

וואלקענדלאך, וואס ברעכען אויס אין ווייטען האריזאנט און צושיטען זיך ווי צוריסענע ווייסע טיכעלאך אויף דער ערד אראב. ער האט גאנץ גוט געוואוסט, אז די ווייסע וואלקענדלאך זיינען דעם טויט׳ס שלוחים, דעם פיינד׳ס ארטילעריע, און דארט וואו זיי פאלען שניידט דער טויט. די נאהענטקייט פון טויט האט איהם מונטער געמאכט, און ער האט זיך איינגעקוקט אין די ווייסע וואלקענדלאך ווי זיי ברעכען אויס אין פאלק, איבער די קעפ פון די סאלדאטען, און אין׳ם האלבען דרימעל האט ער זיך אן עפעס דערמאנט — אן דעם „ווייסען רבי״, ווי ער ליגט א בלייכער און זיין בארד צושפרייט זיך איבער זיין ווייס העמד און ברוסט, און פלוצים האט וואסיל ענטפלעקט, אז די ווייסע וואלקענדלאך, וואס ברעכען אויס אין האריזאנט, זיינען עהנליך צו דעם געזיכט פון „ווייסען רבי׳ן״. אט צופלאשעט זיך די בארד און זי צופאלט אין קליינע שטיקלאך, ווי די האהר פון דער בארד וואלטען פון דעם „ווייסען רבי׳ס״ פנים ארויסגעפאלען און זיי צולאזען זיך איבער דעם הימעל און פאלען איבער די קעפ פון די רוסישע סאלדאטען, און דארט וואו זיי פאלען טויטען זיי מענשען.

און מיט אמאל איז איהם קלאהר געווארען, פארוואס זייט די ווייסע וואלקענדלאך האבען זיך אנגעהויבען צו בעווייזען איבער׳ן הימעל טרעט די רוסישע ארמעע אב, און רוסישע סאלדאטען מיט רוסישע אפיצערען און רוסישע גענעראלען אנטלויפען פאר זיי ווי פאר׳ן טויט — דאס איז דער „ווייסער רבי״, וואס געהט און נעהמט נקמה; און פאר דעם „ווייסען רבי״ אנטלויפען זיי... און קוים האט ער דאס דערקלעהרט, איז איהם אן אנגסט־שרעק בעפאלען. א שרעק ניט פאר׳ן טויט (צום טויט איז ער צוגעוועהנט און ווארט דארויף), נור א שרעק פאר דעם אונפערשטענדליכען „ווייסען רבי״, וואס איז ארויסגעגאנגען איבער׳ן הימעל נקמה נעהמען... ער האט איהם געזעהן יעצט דעם „ווייסען רבי״, ווי ער קריכט ארויס פון א ווינקעל, אט־אט פון יענעם ווינקעל און פערשפרייט זיך איבער׳ן הימעל, ער האלט די אויגען פערגלייזט. דער שווארץ־אפעל בעהאלט זיך אונטער דער הייטעל און קוקט אויף איהם שטאר און אונבעוועגליך, און די ליפען מורמלען, מורמלען אונפערשטענדליכע ווערטער אין דער ווייסער בארד אריין, און אט צופאלט די בארד פון „ווייסען רבי״, דאס גאנצע פנים צופאלט און ווארפט זיך אויף די קעפ פון די רוסישע סאלדאטען.

דעם אויפגעריסענעם ווייסען העמד און אויף דער בלייכער טויטער ברוסט, און דאָס רויטע שטראָמעל בלוט וואָס האָט זיך געגאָסען פון אונטער די האאר פון דער בארד, האט נאך בלייכער און ווייסער געמאכט דאָס פנים, די באָרד און די ברוסט פון דעם אידען. אויף זיינע אָפענע ליפען האָט נאָך געשוועבט דער אונפערענדיגטער זאַץ פון דעם אונפערשטענדליכען שפרוך — און עס האָט זיך דעם סאָלדאט גע־דאכט, אז דער אַלטער איד מורמעלט נאָך עפּעס א געהיימניספולען שפרוך אין דער באָרד אריין. דער סאָלדאט האָט זיך יעצט דערשראָקען אי פאַר די אויפגעריסענע אויגען, וואָס האָבען איהם שטאַרק אָנגע־קוקט און אי פאַר דעם שטערבליכען מורמלען וואָס דער טויטער רעדט אין זיין באָרד אריין... דער שמייכעל פון געװנוס איז פלוצלונג פער־שוואונדען פון דעם סאָלדאט׳ס פנים, ער איז פלינק ארויסגעשפרונגען פון שטוב אין גאס ארויס, ווי ער וואָלט מורא געהאט, אז דער טויטער זאָל איהם ניט אָנכאַפּען ביי די פיס, ווי פריהער, און ער האָט צו זיך גערעדט:

— א ווייסער רבי!

---

אין א פּאָר וואָכען ארום איז וואסיל איוואנאָוויטש, פון כארקאָווער גובערניע, דער סאָלדאט, וואָס האָט ערמאָרדעט דעם אָסטראָווער רבי׳ן און געשענדעט זיין איינציגע טאָכטער, געלעגען צוזאמען מיט זיינע חברים אין פּאָלק אויף די פייכטע פעלדער פון דער רויטער רוסינער ערד, וואָס האָבען יעצט אין פריהלינג געפּארעט פון זיך די פייכטקייט ארויס און געהילט זיך אין דעמפיגע נאסע וואָלקענס. דער סאָלדאט, וועלכער האָט שוין די דריטע נאכט ניט געשלאָפען, און די פיערטע וואָך זיך ניט אויסגעטהאָן, און שטעהט שוין זייט דריי טעג זינט מען האָט דעם רעזערוו געשיקט אין פראָנט אריין, אין שרעק און אנגסט פאר׳ן טויט, איז אזוי אויסגעמאָרעט געוואָרען, אז ניט קוקענדיג אויף דער געפאהר וואָס ער האָט זיך געפונען אין צוים פון פיינד׳ס ארטי־לעריע, איז ער אנידערגעפאלען אונטער א בערגעל און איז איינגעשלאָ־פען. זיינע ליפען האָבען אויס געוואָהנהייט געמורמעלט, אויך יעצט אין שלאָף די תפלה, וואָס איז ניט אראָב פון זיי זייט די לעצטע פּאָר טעג וואָס ער געפינט זיך אין פייער: „גאָט, האָב רחמנות!" און די אויגען, כאָטש האלב פערשלאָסען אין דרימעל, דאָך האָבען זיי געזעהן די ווייסע

דער צוהיצטער סאָלדאט האָט געוואָלט אריין אין דער צווייטער שטוב, נור ער האָט געפיהלט, ווי עפּעס שלעפּט זיך איהם נאָך צווישען זיינע פיס און האַמערט איהם זיין טריט. מיט בייזקייט האָט ער זיך געגעבען אַ קוק אום און דערזעהן דעם אלטען ווייסען אידען, ווי ער וואַלגערט זיך ארום זיינע פיס. ער האַלט איהם מעהר איין מיט זיינע דערשראָקענע, ארויסגעזעצטע אויגען איידער מיט זיין כח, אויסצופיה־רען זיין וואונש.

דער סאָלדאט האָט ארויסגעכאַפּט דעם שטיק וואָס ער האָט גע־טראָגען ביי זיין זייט, און אריינגעפיהרט אין דעם אידען'ס ווייכע ברוסט, ווי אין פּוטער... אַ רויטער שטראָמעל בלוט האָט זיך געגעבען אַ גאָס אונטער די ווייסע ציטערדיגע האָהר פון דער באָרד, די אויגען האָבען זיך געגעבען אַ פערגלייז, זיינען שטעהן געבליבען, ווי זיי וואָלטען זיך אַנגעהאנגען אָן דעם זעלנער'ס פּנים, און אַ מורמלען פון אונפערשטענדיגע ווערטער האָט זיך ארויסגעכאָרכעלט פון די פער־קרימטע ביטערע ליפּען פון דעם אידען... דער זעלנער האָט ניט גע־קוקט דאַרויף. אַ ווײַלע האָט ער אָבגעשטעלט זיין בליק אויף דעם רויטען שטראָמעל בלוט, וואָס האָט זיך געגאָסען אונטער די ווייסע האָהר פון באָרד. דאָס האָט אין איהם דערמאָנט עפּעס אנגענעהמעס, און מיט אַ געשריי פון אויפרעגונג האָט ער געגעבען אַ שפּרונג אריין אין דעם צווייטען צימער נאָכ'ן ווייבערשען רויטען פלעק פון דער ספּאָדר־ניצע, און באַלד האָט זיך פון דער צווייטער שטוב דערהערט אַ ווייבערישער קוויטש, וואָס האָט ארומגעבלאָנדזשעט אין די שטובען. דער־נאָך איז שטיל געוואָרען...

אין אַ צייט ארום איז דער זעלנער ארויס פון דער צווייטער שטוב אַ בערוהיגטער און אַ צופריעדענער. אויף זיין פּנים איז געלעגען אויס־געגאָסען אַ גוטער שמייכעל פון נענוס. איהם איז אויסגעקומען איבער־שפּרינגען איבער דעם קערפּער פון דעם אלטען אידען, וואָס איז גע־לעגען אין דער טהיר, און ניט ווילענדיג האָט ער אָבגעשטעלט זיין בליק אויף איהם, אזוי ווי דער אלטער איד וואָלט איהם צוגעצויגען. די אויגען פון דעם אידען זיינען ווי פריהער אָפען געווען, דערשראָקען־פערגלייזט, און זיי האָבען זיך רוהיג איינגעקוקט אין דעם זעלנער'ס פּנים. ווי זיי וואָלטען זיך געוואָלט אַנהעננגען אָן איהם. די לאַנגע ווייסע האָהר פון דער באָרד האָבען זיך נאָך לייכט בעוואויגען אויף

3

# דער ווייסער רב

ווי אַז אויפגעשראָקענער הירש האָט דעם אַסטראָווער רבי'ן'ס טאַכטער געגעבן אַ ציטער אויף, אַ שפּרונג אריין אין דעם צווייטען צימער, ווען אין דער טהיר האָט זיך בעוויזען אַ רוסישער סאָלדאַט, מיט אַ צושמאָלצען געלעכטערעל אויף די חיה'שע ליפּען, מיט אַ ברום: „דיעווקא יעסט“, מיט אַ פייער־גלאַנץ אין די אויגען. דער רויטער פּלעק פון איהר ספּאָדניצע און די שווארצע קודלעס האָהר פון דער יונגער מיידעל, וואָס האָבען זיך אין דער לופטען דורכגעוואָרפען ביי איהר ארויסלויפען, האָט דעם צוהיצטען רוסישען סאָלדאַט נאָך מעהר אויפגערייצט. צייט מען האָט איהם אין די זומער־טעג פון די ווארימע רוסישע פעלדער אראָבגענומען, ביז ער איז דערגאַנגען מיט זיין פּאָלק אין דער גאַליציאַנער קליינער שטעדטעל, האָט ער קיין ווייב ניט גע־האַט, און די אנגסט פאר'ן טויט, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען די גאַנצע צייט, האָט זיין געזונדעס רוסישעס בלוט נאָך מעהר צואוואַ־רימט און אויפגערעגט איהם. די רויטע ווייבערשע ספּאָדניצע און די שווארצע קודעלם האָהר, וואָס האָבען זיך אין דער לופט דורכגע־וואָרפען, האָט איהם אזוי צורייצט, ווי מען וואָלט פאר דער נאָז פון אַ הונגעריגע חיה פלייש דורכגעפיהרט... ער האָט זיך געגעבען אַ וואָרף צו דער טהיר אין וועלכער דאָס מיידעל איז אריין.

נור פּלוצים איז צווישען איהם און דעם רויטען ווייבערשען פּלעק אויסגעוואַקסען אַ ריעזיג געשטאַלט פון אַ הויכען אַלטען אידען, מיט גרויסע אויפגעריסענע ערשראָקענע אויגען און אַ ציטערדיגע לאַנגע באָרד. צוויי בלייכע, מיט אָדערען דורכגעצויגענע, ציטערדיגע הענד האָבען זיך אויסגעשטרעקט צו איהם און האָבען איהם פערשטעלט דאָס וועג צו זיין בענעהר... דער גלאַטיגער קלאַנג פון באָרפישע פּיס דערהערט זיך פון דעם צווייטען צימער, און אין זיינע אויגען פארבט זיך נאָך די רויטע פארב פון דער ווייבערישער ספּאַדניצע און אַ שוואַר־צער פּלעק פון די ווייבערשע האָהר. מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין מעגליכען פערלאַנג האָט ער אנגעכאַפּט דעם אַלטען, דערשראַקענעם אידען און געגעבען אַ וואָרף צו דער ערד, און אַ בינדעל ביינער האָט געגעבען אַ קנאַק, ווי אַז אַלטער טאָפּ וואָלט צובראָכען געוואָרען.

און דענסטמאל איז עס געשעהען... ווען מען האט די אידען אין מארק געטריבען, און אלעס האט זיך שוין געהאט אין מארק פערקליבען, האבען זיך א פאר אלטע בעלי־בתים פון די חברה תהלים דערמאהנט אן דער אלטער אידישער שוהל, און די ספרי תורות. איינציגווייז, אהן אבצורעדען זיך, האבען זיך איינצעלנע בעלי־בתים געלאזט צו דער שוהל. זיי האבען שוין געטראפען די שוהל אפען, און דער שמש איז געשטאנען פאר'ן ארון, ער האט ארויסגענומען די ספרי תורות, איינ־געהילט זיי אין טליתים... שטיל זיינען די אלטע אידען אריינגעקומען אין דער אלטער שוהל. אהן א ווארט צו רעדען, האט יעדער פון זיי גענומען א ספר תורה אויפ'ן האנד. צעהן אלטע אידען זיינען עס גע־ווען, מיט צעהן ספרי־תורות אויף די הענד. און ווי זיי האבען געוואלט פון דער שוהל ארויסגעהן מיט די ספרי־תורות, האבען זיי אויף די ווענט געקוקט. און עס האט זיך זיי געדאכט, אז די ווענט פון דער שוהל, מיט די לשון קודש'דיגע אויפשריפטען, קוקען זיי נאך, ווי זיי וואלטען געוואלט ווערטער רעדען און קענען ניט, ווייל זיי זיינען שטום. א מינוט האבען זיך די אידען אבגעשטעלט מיט די ספרי־תורות אין די הענד. און דער אלטער שמש האט זיך אבגערופען:

— דאכט זיך א מנין?

— א מנין — האבען די אידען זיך ארומגעקוקט.

— לאמיר דאווענען צום לעצטען מאל מנחה.

— צום לעצטען מאל!

— מיט די ספרי־תורות אין די הענד האבען זיי זיך אוועק־געשטעלט.

נאר קיין מנחה האבען זיי נישט געדאווענט.

דער אלטער שמש האט דעם תהלים אויפגעמישט און האט נע־זאגט דעם לעצטען געבעט:

— הושיעני אלהים כי באו מים עד נפש!...

און די ווענד האבען מיטגעוויינט.

געווען די אלטע אידען און די יונגע מיידלעך. שטיל האָבען די יונגע מיידלעך צונויפגעפּאַקט די וועש מיט די קליידער אין פּעק און געטראָגען אין מאַרק אריין, און די פּאַטערס האָבען פערשלאָסען די טהירען מיט די לאַדענס אויף די הייזער און אויף די געוועלבען, איבערלאָזענדיג אלעס אין שטוב און זיי האָבען זיך געשטעלט אין מאַרק.

אין א שעה ארום איז דער גאַנצער שטערטעלשער מאַרק פול געווען מיט אידען, ווייבער און קינדער. אלעס האָט זיך אויסגעמישט. א קינד אויף א פּעקעל. א פּאָאר מעשענע לייכטער זיינען ארויסגעפאַלען פון א טלית, ספרים מיט ווייבערשע קליידער. אידען מיט בעטגעוואַנד. ווייבער מיט קליינע זויגעדיגע קינדער. אלעס האָט זיך צונויפגעמישט און געשריען און געוויינט, און ארום זיי זיינען געשטאַנען די הייזלעך מיט צוהאַקטע לאַדענס, און די געוועלבער מיט צוגעהאַקטע טהיר און טויער, ווי שבת, און א פּאָאר גוים מיט שיקסעס זיינען געשטאַנען אויף די שוועלען פון די הייזלעך, צוגעקוקט זיך צו דער בהלה און געלאַכט.

און עס איז נישט נאַכט געווען, נאָר אין דעם שעהנסטען זונניגען נאָכמיטאָג. די זונן האָט געשיינט, ווי יעדען טאָג, און הערליכער נאָך ווי יעדען טאָג, מיט א פרעהליכען פרייטאָג׳דיגען גלאַנץ, ווען אידען געהען זיך צום וואַסער באָדען לכבוד שבת. זי האָט ניט געוואוסט, אז עס איז מלחמה אויף דער וועלט, און מען פערטרייבט אידען פון שטאָדט. עס האָט געגליהט דער גאָלדענער רויטער צלם פון דער קירכע אין דען זון, ווי ער וואָלט געווען א שטיק פערגליווערטער בלוט, און געשראָקען דעם הימעל מיט דער זונן. נאָר ארום דער שטאָדט האָבען זיך אויסגעשפּרייט די גרינע פעלדער, און די בליהענדע סעדער מיט די בוימער. יעדעס בלעטעל און יעדעס בליה־בלימעל האָט זיך געגלאַנצט און זיך געוואַשען אין דער הערליכקייט פון דער זונן, און אלעס, האָט זיך געדאַכט, רייצט זיך מיט די אידישע קינדער: די בוימעלאַך, דאָס גרינס, און די הייזער. זיי רייצען זיך מיט זיי: מיר שטעהען, מיר בלייבען און איהר נעהט אוועק...

נאָר די ווייכסעל האָט זיך ווייט אוועקגעצויגען ווי א זילבערנער באַנד איבער׳ן גרינס, און די קינדער האָט זיך געדאַכט, אז וואוהין זיי וועלען געהן, וועט זיי די ווייכסעל מיטגעהן...

האבען אנגעהויבען צו זוכען די קינדער. מאמעס זיינען ארומגעלאפען איבער'ן גאס מיט געוואלדען: „וואו איז מיין קינד! יאסעלע איז נישטא!" נאר קיינער האט שוין קיין צייט ניט געהאט צו הערען זייער געוויין. יעדער איינער האט זיך שוין אליין אהיים געלאזט, און גענומען פאקען. נאר די הענד האבען זיך ווידער נישט געהויבען. מען האט נישט געוואוסט וואס פריהער צו פאקען: שרענק, קאמאדען, אדער בעט־געוואנט. און ווי ביי א שרפה, האט א איד געכאפט די ווייבערישע מלבושים פון דעם שראנק ארויס, א פאאר שטיקלעך וועש, און איז מיט זיי ארויסגעגאנגען אין מארק אריין. און אנדערער האט געהאלטען א פאאר מעשענע לייכטערלעך מיט א שטויסעל, געמיינט, אז דאס איז דאס טהייערסטע וואס ער פערמאגט. אינגלעך האבען אין מארק געשלעפט ספרים: א ווילנער געבונדענער ש"ס. דארט האבען צוויי אידען געטראגען א בעט, אין וועלכער עס איז געלעגען אן אלטער קראנקער איד, מיט צוויי גרויסע אויגען. דאס איז געווען ר' אהרן־ליב דיין, דער ל"ו צדיק, וואס ליגט שוין צוואנציג יאהר אין בעט און לערנט די הייליגע תורה. א אינגעל האט געפיהרט ביי דער האנד אן אלטען בלינדען זיידען, און האט איהם אוועקגעזעצט אויף א פאק זאכען אין מיטען מארק. דער אלטער בלינדער איד האט ארומגע־טאפט ארום זיך מיט'ן שטעקען און ניט געוואוסט, וואו ער געפינט זיך, און עפעס געזעגט, געמיינט, אז עס איז ווער דא נעבען איהם. נאר קיינער האט איהם ניט געהערט, ווייל אלע זיינען געווען פערנומען מיט זיך.

וואס אמאל איז די בהלה געווארען גרעסער. זי האט געוואקסען ווי א שרפה. די זעלנער האבען געיאגט, אז די אידען זאלען זיך צו־איילען. אין דער לעצטער מינוט האבען אידען אלעס איבערגעלאזען, נאר געכאפט זייערע קינדער און געלאפען אין מארק אריין. יעדעס קינד האט געהאלטען א פעקעל אין דער האנד. א טהייל: חומשים, סדורים, ספרים, וואס זיי האבען געמיינט, אז דאס איז דאס טהייער־סטע, וואס זייערע עלטערן פערמאגען; אנדערע — פעקלעך בעט־גע־וואנד, וועש, קארבס. די ווייבער האבען גאר ניט געוואוסט, וואס עס טהוט זיך מיט זיי. זיי זיינען ארומגעלאפען, געהאלטען אין איין זוכען זייערע קינדער, וועלכע זיי האבען אליין געהאלטען ביי די הענד, אויפ'ן שויס, נעבען זייערע פארטיכער. נאר די רוהיגסטע זיינען

אנגעלאכט — האט מען די אידען די טעלעגראמע צוריקגעגעבן: „מען קען ניט אוועקשיקען".

— פאר וואס?

— דער קאמאנדיר דארף אונטערשרייבען. אלע טעלעגראמעס מוז דער קאמאנדיר אונטערשרייבען.

צום קאמאנדיר זיינען זיי שוין ניט געגאנגען. האבען זיך געפונען א טהייל בעלי־בתים, וואס זיינען אוועק צום גלח, אז ער זאל בעטען פאר זיי. אנדערע, ווידער, האבען געהאט א בעקאנטען פריץ. נאר אי דער גלח, אי דער פריץ האבען אבגעזאגט: זיי קענען גאר ניט טהאן. האט דער דיין גוזר תענית געווען. אידען האבען תהילים געזאגט. מען איז געלאפען אויפ'ן גוטען ארט, צום אלטען רבי'ם קבר. נאר געפאקט האט מען ניט, ווייל די הענד האבען זיך ניט אויפגעהויבען עפעס צו טהאן. און מען האט געווארט ביז דער לעצטער מינוט, טאמער וועט דאך געשעהן א נס. דערווייל זיינען אידען ארומגעגאנגען ווי פער'סם'טע, מען האט ניט געוואוסט וואס מארגען וועט זיין. די ווייבער האבען געוויינט. די גוי'ישע שכנות האבען מיטגעוויינט. נאר די שוסטער געזעלען האבען געלעכטער געמאכט אוים זיי. און דער דאקטאר מיט דעם פוילישען אינזשעניער זיינען ארומגעגאנגען צו די קריסטען און גערופען עפעס א פערזאמלונג. און מיט א מאל האבען זיך געפונען קריסטען, וואס זיינען געווען א גאנין יאהר טרעגער, שכורים, אדער האלבע גנבים, וועלכע האבען פארגעלייגט די אידען, אז זיי זאלען זיי פערקויפען די געוועלבען, די הייזלעך, און אז דער דאקטאר מיט דעם פוילישען אינזשעניער וועלען אויסצאהלען פאר זיי. נאר די אידען האבען ניט געוואלט הערען דערפון. זיי האבען אלץ געווארט אויף א נס.

דער לעצטער טאג איז געווען א פרייטאג. אידען האבען ניט קיין קאפ געהאט צום שבת. זיי האבען שוין איבערהויפט ניט געוואוסט וואס פאר א טאג עס איז. געפאקט האבען זיי זיך אלץ ניט. זיי האבען געווארט. מיט אמאל איז געווארען א בהלה. ארום נאכמיטאג האבען זיך געוויזען זעלנער, זיינען אריין אין אידישע שטובען און האבען אנגעהויבען ארויסטראגען אין מארק אריין שטוב־זאכען, בעט־געוואנד, און טרייבען אידען אין מארק אריין. אז אידען האבען דערזעהן, אז מען טרייבט, איז געווארען א גרויסע יללה. די ווייבער

קברים פון טאטע־מאמע, פון די רביים ? זייערע הענד האבען זיך ניט אויפגעהויבען צו פאקען די זאכען. וואס װעלען זיי פאקען ? דאס בעט־געוואנד, די וועש, די כלים ? אז די טהייערסטע זאכען, די שטארט מיט די הייזער בלייבען איבער. זיי קענען דאך דאס ניט מיטנעהמען אין קעשענע אריין. האבען זיי גאר ניט געפאקט, נאר זיינען ארום־געלאפען, געקלעהרט עצות, וואס צו טהאן.

צום גובערנאטאר פאהרען, אין די גובערנסקי שטאדט אריין, האט מען זיי ניט געלאזט. מען מוז האבען א שיין ארויסצופאהרען פון שטאדט. האט מען גענומען שרייבען א טעלעגראמע צום גובערנאטאר. מען האט זיך צוזאמענגעקליבען אין רב'ס שטוב, ביי דער אלמנה, און לייזער שרייבער, דער „פראשעניע" שרייבער, א איד, וואס קען אביסעל רוסיש, האט געשריבען א טעלעגראמע, און אלע אידען, וואס זיינען ארומגעשטאנען ביים טיש, האבען דיקטירט. איינער האט געזאגט, אז מען זאל אין דער טעלעגראמע אויסשרייבען אלעס, וואס אידען פיהלען איצט. און פאר וואס קומט זיי דאס אונגליק ? מען זאל ניט קיין מורא האבען און אלעס ארויסשרייבען. און אויף קיין געלד זאל מען ניט קוקען, וויפיעל עס זאל ניט קאסטען.

די טעלעגראמע איז געווען א לאנגע און א ריהרענדע. לייזער שרייבער האט זיך דאס לעבען איינגעשטעלט און האט אלעס אויסגע־שריבען, וואס אידען האבען איבערגעלעבט, צייט די מלחמה האט אויס־געבראכען. און פארוואס יאגט מען זיי אזוי? פאר וואס האט מען זייער רב געהאנגען ? זיי זיינען געטריי דעם קייסער, און זיי װעלען זיך געהן הרג'ענען פאר'ן קייסער, און זיי בעטען דעם גובערנאטאר, „וואס איז שטענדיג געווען א פאטער צו זיי" — ער זאל זיך אננעהמען פאר זיי. מען האט די טעלעגראמע געטראגען צו דער פאסט. די גאנצע שטאדט אידען זיינען מיטגעגאנגען אויף דער פאסט אוועקשיקען די טעלעגראמע. דער פאסט־טשינאווניק, וואס האט צוגענומען די טעלעגראמע, האט זי דורכגעלעזען און געלאכט. דערנאך האט ער צוזאמענגערופען אלע טשינאווניקעס, אלע האבען דורכגעלעזען די טעלעגראמע הויך, אויפ'ן קול, און האבען געלאכט פון לייזער שריי־בער'ס שלעכטען רוסיש, און פון דעם, וואס אידעלעך שטעלען זיך איין און פער'מסר'ען דעם קאמאנדיר פאר'ן גובערנאטאר. דער סוף איז געווען, אז ווען אלע טשינאווניקעס האבען זיך שוין געהאט גוט

גאנצע שטאָדט אידען מיט ווייבער און קינדער, מיט קראַנקע אין די בעטען, מיט אַלטע לייט, וואָס קענען שוין אַליין ניט געהן — זאָלען די שטאָדט פערלאָזען. און וואוהין זאָלען זיי געהן? און וואָס וועט בלייבען מיט די הייזער, מיט'ן פערמעגענס, מיט דער שוהל, בית־המדרש, בית־הקברות און דער גאנצער שטאָדט? זיי האָבען גערעכענט, אַז מען מיינט זיי נאָר אָבצושרעקען. און זיי זיינען ארויס פון דעם קאָמאַנדיר דערשראָקענע, טויטע. מיט קלאַפּענדע הערצער האָט זיי שוין געהאַט אָבגעוואוּרט דאָס גאנצע שטעדטעל, אין מיטען מאַרק. אַ רעדעל פון בעלי־בתים זיינען געשטאַנען ביי דער פּלומפּ.

— אידען, עס איז ניט גוט! — האָט איינער פון רעדעל אויסגע־רופען, דערזעהענדיג דעם דאָזאָר מיט עוזר חסיד לויפען פון קאָמאַנדיר דערשראָקענע, מיט צופּלאָשעטע קאַפּאָטעס און ציטערדיגע פּיאות.

— וואָס הערט מען? — זיינען די אידען אנטקעגען געלאָפען.

— ער הייסט אונז געהן! — האָט עוזר חסיד מיט שרעק אויס־גערופען, און ברכיה דער דאָזאָר האָט שוין גאָר ניט געקענט רעדען פאַר שרעק.

— ווי הייסט? — האָבען אידען געפרעגט.

—ווי הייסט? מיט ווייב און קינדער, מיט קראַנקע און אַלטע לייט. ארויס, ארויס פון שטאָדט, דורך דריי טעג קיין שריט ופליט. ארויס, ארויס! דאָס הייסט עס! — האָט זיך עוזר חסיד צובייזערט, ניט וויסענדיג אַליין פאַר וואָס און אויף וועמען.

אידען האָבען געשוויגען, אראָבגעלאָזט די קעפּ און זיינען זיך צוגאַנגען. אין אַ מינוט ארום איז שוין די גאנצע שטאָדט געוואָהר גע־וואָרען פון'ם אונגליק. קיינער האָט עס אָבער ניט געגלויבט, אַז מען מיינט עס ערנסט; אַלעמען האָט זיך געדוכט אַז מען שרעקט נאָר אָב. זיי האָבען געהערט, אַז אַזעלכע זאַכען טרעפען זיך טיעף אין ראָסיי, דאָרטען, וואו אידען טאָרען ניט וואוהנען — דאָרט שיקט מען ארויס אי־דען, וועלכע קומען אהין. אָבער דאָ, ביי זיך אין שטעדטעל, וואו אידען זיינען צייט קדמונים און האָבען דאָ אַזאַ אַלטען בית־עולם, מיט די אוהלים פון אַלע גוטע אידען, וואָס אַ וועלט מיט אידען קומען אויף זייערע קברים בעטען — זאָל מען אין מיטען טאָג נעהמען אַ גאנצע שטאָדט און ארויסטרייבען? און וואָס וועלען זיי טהאָן מיט די שטאָדט־הייזער, געוועלבען, מיט די שוהל און בית־המדרש, מיט די

די ציצית. דענסמאל איז ביי אידען אלעם מותר געווארען, אלעס הפקר. עס איז זיי שוין גאנץ גלייך געווען, צו מען וועט מיט זיי אלעמען דאס זעלבע טהאן, צו נישט. זיי האבען שוין פאר קיינעם נישט מורא געהאט. זיי זיינען ארויסגעקראכען פון די קעלערס, און אין גאס זיך געוויזען. זיי זיינען נעגאנגען אין זייער שוהל אריין און פראנק און פריי געדאווענט. און צוויי בעלי־בתים, ר' ברכיה און ר' עוזר האבען נאך אפילו זיך אונטערגעשטעלט צו געהן צום פאלקאווניק און בעטען דעם רב'ס גוף צו קבר ישראל צו ברענגען.

דאמאלסט זיינען די קינדער פון די קעלערס ארויסגעגאנגען און דערזעהן, אז דער פריהלינג איז געקומען, און בארג אראפ צו דער ווייכסעל איז בעוואקסען מיט גראז. האבען זיי אויף גאר נישט געקוקט, נישט אויף די מאמעס געוואלדען און נישט אויף דעם זעלנער מיט'ן ביקס אין דער האנד, וואס האט זיך ביי דער ווייכסעל ארויף און אראב נעדרעהט. זיי האבען זיך אנגעכאפט אן די שטראהלען פון די זון און מיט די בארוועסע פיסלאך האבען זיי זיך איבער'ן גרינעם גראז געלאזט צו דער ווייכסעל צו, גענעצט די נאקעטע פיס און די לאנגע קאפאטעס.

און ווען דער זעלנער מיט'ן ביקס אין דער האנד האט געמאכט פיף־פאף, האבען זיי געלאכט און נאכגעמאכט מיט קינדערשען פרייד: „פיף־פאף".

---

2

## דאָס לעצטע דאוונען.

דריי טעג האָבען זיי געווארט. זיי האָבען אלע געמיינט, אז גאָט וועט דאך טהאָן א נס און די שרעקליכע גזירה וועט פערשווינדען. און זיי האָבען גאָר נישט געטהאָן, ביז עס איז ניט געקומען די לעצטע מי־נוט.

אז דער קאָמאַנדיר האָט צונויפגערופען אויפ'ן צווייטען טאָג דער־נאָך, ווען מען האָט געהאָט דעם רב געהאנגען, ר' ברכיה דאָזאר מיט ר' עוזר חסיד און זיי געזאָגט, אז אין דריי טעג ארום זאָל זיך קיין איד ניט געפינען אין שטאָדט, האָבען זיי ניט פערשטאַנען וואָס ער מיינט. זיי האָבען זיך ניט געקענט פאָרשטעלען, אז דאָס איז מעגליך, אז א

אפּט אַ אידען אָפּגעשטעלט וואָס איז מיט'ן טלית־זאַק פון דאַוונען געגאַנגען, און נעפרעגט דעם אידען וואָס ער טראָגט איז זאַק. און אַז דער איד האָט איהם זיין טלית און תפילין געוויזען, האָט דער שרייבער מיט'ן קאָפּ צוגעשאָקעלט, געשושקעט זיך אין אויער אריין מיט'ן סטראַזשניק און ווייטער געגאַנגען, און אַז אידען האָבען דאָס געזעהן, איז אַן אַנגסט און אַן אימה זיי בעפאַלען, און זיי האָבען געריכט זיך אויף עפּעס שלעכטס.

אַזוי האָט מען זיי די נשמות אַרויסגעצויגען אַ פּאָאַר חדשים. אידען האָבען געזעהן, אַז עפּעס וואָס גרייט זיך אויף זיי, און האָבען ניט געוואוסט וואָס. זיי האָבען מורא געהאַט זיך אויף דער גאַס צו ווייזען: שבת — אין דער שוהל צו געהן דאַוונען. זיינען זיי געזעסען אין די הייזער, אין די קעלערס משפּחות־וויינז. איין משפּחה האָט פון דער אַנדערער אביסעל קאַרטאָפּעל, מעהל און ברויט געבאָרגט, און אַלין געהאָפּט אַז די שלעכטע צייטען וועלען פאַראיבערגעהן, די מלחמה וועט זיך ענדיגען און ס'וועט בלייבען ביים אַלטען. איז אין אַ שעהנעם נאָכמיטאָג האָבען זיך אַ סך מיליטער בעוויזען. דער פּאָלקאָווניק איז צוגעפאָהרען צו ר' ברכיה דאָזענבערג'ס הויז, געהייסען זיך די שטובען ריינינגען און אידען זיינען גליקליך געווען, וואָס מען האָט זיי אַזאַ כבוד אָנגעטהאָן, וואָס דער פּאָלקאָווניק וואָהנט ביי אידען, און זיי זיינען זיכער געווען אַז מען וועט זיי קיין שלעכטס ניט טהאָן.

אין אַ שעהנעם מאָרגען זיינען זיי עס געוואָהר געוואָרען. עוזר חסיד, וואָס האָט עס דער ערשטער דערזעהן, האָט זיך דאָס לעבען איינגעשטעלט, געקומען צו לויפען, אַריינגעקלאַפּט אין די צוגעמאַכטע לאָדענס פון די אידישע הייזער מיט אַ געשריי: „אידען, דער רב הענגט!" אידען, ווייבער און קינדער האָבען זיך אין גאַס אַרויסגעלאָזט. אויף דעם בוים, וואָס שטעהט אין מיטען מאַרק האָבען זיי דערזעהן, ווי איין פוס איז נאָך געווען אין ווייסען זאָק, און אַן אַנדערע פוס, אַ נאַקעטע שוין, אַ בלייבע האָט דער ווינד בעוואויגען. די אַטלאַסענע קאַפּאָטע אָראָפּגעריסען, נאָר דאָס ציצה־כנפות האָט זיך אַרויסגעזעהן, און דער ווינד האָט די ציצית אויפגעהויבען, אויסגעפּאַטשט איהם מיט די ציצית איבער'ן פּנים, אויף דער באָרד.

עס זיינען אַרום געשטאַנען פּוילישע אינגלאַך, צוויי פּוילישע פרויען און יאַנעק שוסטער און האָבען געלאַכט, וואָס דער ווינד פּאַטשט מיט

קוים האט אויסגעבראכען די מלחמה איז יעדער פוילישער אינגעל געווארען א הערשער איבער אידען.

אזוי ווי מען האט פון שטעדטעל ארויסגענומען אלע געזונטע בעלי בתים און טאטעס זיינען פערוואנדעלט געווארען אין סאלדאטען; עס זיינען נאך ניט פערשוואונדען די טרעהרען פון דער מוטערס באקען, פון דער ווייב'ס אויגען, און דאס לעצטע אויסגעשריי „טאטע" פון קינד'ס מויל ביי דעם געזעגענען זיך מיט זייערע ברויט געבער, וואס מען האט פון זיי אויף דער מלחמה אוועקגעפיהרט, האט די אידישע בעפעלקערונג מיט אמאל זיך געפונען ווי געפאנגען צווישען פיינד. הפקר אויף די גאסען ארויסגעשטעלט, ווער עס וויל נאר הערשען איבער זיי האט געקאנט. אריינגעקומען זיינען די פוילישע שוסטער אין די אידישע הייזער אריין, געווארפען פרעכע בליקען אויף די מאמא און אויף די ערוואקסענע טעכטער, בעקוקט דאס זילבערווארג, די בעלי־בתישקייט, די ירושה פון די עלטערען און אויסגעפרעגט זיך מיט צוויי־פעלהאפטען שמייכעל, וויפיעל איז דאס ווערטה אזוי ווי זיי וואלטען שוין די בעלי הבתים געווען דערפון.

מיט א חניפה'דיג שמייכעל האט יעדער אלטער איד אפגעענטפערט יעדען פוילישען אינגעל אויף די פרעכסטע רייד, און אנגעבאטען איהם מיט אונטערטהעניגקייט זיין טיש, זיין מיטאג, די סחורות פון זיין געוועלבעל, אבי צו נושא חן צו זיין אין פאן'ס אויגען, אז ער זאל איהם נור קיין שלעכטס נישט טהאן. „מיר זיינען אין זייערע הענד, וואס קענען מיר טהאן?" האט דער איד געזאגט, און האט ערלויבט אז דער שוסטער־שגיץ זאל זיין טאכטער גלעטען איבער דער באק און דער איד האט אונטערגעשמייכעלט מיט אונטערטהעניגקיים.

שווייגענדיג בייז זיינען די עלטסטע אנגעזעהנע פוילישע „פאנעס" איבער'ן שטאדט ארומגעגאנגען. פארלויפיג האבען זיי נאר די פוי־לישע אינגלאך און די שוסטער געזעלען געלאזט, אז זיי זאלען מיט'ן אידען זיך אפרעכענען. באלד האט זיך אבער דערהערט זייער ווארט. יעדען טאג איז דער שרייבער פון דער גמינע (א הויכער גוי מיט צוויי געדיכטליכע וואנצעס, וואס האט די אנפאנג שוהלע אין שטעדטעל גע־ענדיגט — דורך דעם איז ער א שרייבער געווארען) מיט'ן סטארשי סטראזשניק איבער אידישע געסלאך דורכגעגאנגען, געהיימניספול אין די אידישע הייזער אריינגעקוקט, מיט'ן סטראזשניק זיך גע'סוד'עט, און

טאטע־מאמע טראגען ארום ווייזען. און אלע שכנים זיינען זיי מקנא, און מיינען אז זיי האבען קינדער אין אמעריקא מיליאנערען. און טאטע־מאמע מיינען אויך אזוי, און זיינען גליקליך.

אזוי האט זיך דאס שטערטעל אויסגעלעבט זיינע יאהרען. קיינער האט ניט באמערקט ווי עס שטארבט אב, די יוגענד צופאהרט זיך, טאטע־מאמע לעבען פון אמעריקאנער געלד. דירות ווערען וואס אמאל ביליגער, חתונות — זעלטענער, די כלי־זמר זיינען זיך צופאהרען. קיין ברחן איז שוין אויך אין שטאדט ניטא, נור לויות זיינען וואס אמאל עפטער.

ביז עס איז אויסגעבראכען דער „באיקאט״.

אנגעהויבען האט עס זיך דערפון וואס דעם גלח'ס מוטער האט זיך אויפגעעפענט א געוועלבעל אין מארק צווישען די אידישע קראמען און דער גלח האט זונטאג אין דער קירכע געהאלטען א דרשה פאר די פויערים, אז עס איז א מצוה אז א פאליאק זאל קויפען ביי א פאליאק.

האבען אידען געמיינט אז זיי ווערען אונגליקליך, אז עס וועט ווערען א תל פון דער שטעדטעל. האבען אידען אנגעפאנגען צו קלעהרען עצות וואס צו טהאן. האבען זיי געמאכט א חברה „ציון״ וואו מען איז זיך שבת צוזאמענגעקומען און געדראווענט, און מען האט גערעדט וועגען ציון, און געצאהלט א שקל. און נאך א חברה האבען זיי געמאכט מיט דעם נאמען „הזמיר״ וואו מען איז זיך שבת צו נאכט צוזאמענגעקומען, געזונגען ליעדער, געלעזען א צייטונג און געבארגט א אידיש ביכעל.

נאר דאס שטעדטעל איז ניט אונטערגעגאנגען, ווייל די פויערים האבען סיי ווי סיי ניט געפאלגט דעם גלח: האבען ווייטער געקויפט אין די אידישע געוועלבלאך. ערשטענס, האבען זיי זיך געקענט אין די אידישע געוועלבלאך דינגען, אין פוילישען — נישט. און צווייטענס, האט דער איד דעם פויער גרויס כבוד אפגעגעבען. ער האט איהם גערופען „פאן״ (וואס ארט עס איהם, עס קאסט איהם טייערער?) און אין פוילישען געוועלבעל האט מען זיי גערופען חלאפ.

נאר די שטעדטעל איז סיי ווי סיי אויסגעגאנגען, ווייל די יוגענד איז זיך צופאהרען קיין אמעריקא און די כלי־זמרים האבען ניט געהאט וואס צו טהאן.

אזוי האט דאס שטעדטעל אויסגעלעבט זיך זיינע יאהרען, ביז עס איז אויסגעבראכען די מלחמה.

היינט האט דאס שטעטעל פערלארען איהר גלאנץ. די ווייכסעל פיהרט שוין ניט איבער דאס ברויט און דאס האלץ פון פוילען. צו דעם זיינען שוין פאראן אייזען־באהנען, און די גרויסע שעהנע שפייכ־לערם שטעהען פוסט אויפ'ן ברעג פון ווייכסעל, און מען האט מורא צוצוגעהן צו זיי נאהענט, ווייל שדים וואהנען אין זיי.

די אלטע בכבוד'ע בעלי בתים, מיט וועלכע דאס שטעטעל האט אמאל געקלונגען, זיינען שוין אויך אויסגעשטארבען, און דאס איינציגע וואס דאס שטעטעל פערמאגט היינט, איז אן אייניקעל פון דעם אלטען רבי'ן, צו וועלכען חסידים קומען צופאהרען אויף יום טוב, און פרומע אידען מאכען דערפון א לעבען, וואס זיי נעהמען די חסידים א היים צו זיך אויף סטאנציע.

די פראסטערע אידען האלטען די סעדער. בעקאנט זיינען די פלוימען־סעדער און עפעל סעדער וואס ציהען זיך ארום דאס שטעטעל אויפ'ן ברעג פון דער ווייכסעל צייט הונדערטער יאהרען. דאס שטעטעל ענדערט זיך מיט יעדען דור, אבער סעדער בלייבען סעדער. יעדעס יאהר ברייגגען זיי ארויס די פרוכטען און אידען דינגען זיי אפ ביי די גויים, היטען זיי א גאנצען זומער, און צו סוכות צו, קלייבט מען אן די עפעל מיט די בארנעס, די לעזעלקעס מיט די פלוימען אויף גרויסע בערלינקעס, און מען פיהרט עס איבער דער ווייכסעל קייןווארשא צו פערקויפען.

אן אנדער טהייל אידען האלטען די סטאווען אין די הויפען, הא־דעווען פיש און ציהען די העכטען מיט די שלייען אין גרויסע טוגען וואסער און מ'פיהרט זיי אין גרויסע שטעדט. און אנדערע וואשען פעלכלאך פון שעפסען, קעמען זיי אויס, און מאכען דערפון פויערים־פעלצען, און מען פיהרט זיי אין גרויסע וועגען אויף די יאהר־מארק.

קיין יוגענד איז דא נישטא, אחוץ א פאאר בית־המדרש בחורים'לאך, וועלכע זיצען אין שטיבעל און קנעלען ביי די גמרות, און ווארטען ביז רייכע בעלי־בתים וועלען זיי נעהמען פאר איידעמס.

די יוגענד צופאהרט זיך אין די גרויסע שטעדט: קיין ווארשא, קיין לאדז ארבייטען אין די פאבריקען. דאס שטעטעל קען זיי ניט בעשעפטיגען, און איז ווער פון זיי קלוג — זאמעלט ער זיך אן אויף א שיפס־קארטע און פאהרט אוועק קיין אמעריקא. שיקט ער אהיים אויף יעדען יום טוב, טאטע־מאמע געלד מיט פאטאגראפיעס, וועלכע

דעם שיסען פון די הארמאטען: פיף־פאף, פיף־פאף, און פרעהען זיך דעריבער.

אויף א שפיץ בארג ביים לינקען ברעג ווייכסעל, אין לובלינער גו־בערניע, שטעהט א הויכע באשניע וואס דער קעניג קאזימירז האט אויפ־געשטעלט, און צו פוסענס פון דער בארג ליעגט א אידישע שטעדטעל איינגעטונקט אין סערער און אין גערטנער צייט שוין הונדערטער יאהרען.

אמאל, בעפאר די באהנען זיינען געגאנגען קיין ראססיי, איז דאס שטעדטעל געווען א בעריהמטע האנדעלס־שטעדטעל. די ווייכסעל איז געווען דער איינציגער וואסער־וועג וואס האט איבערגעפיהרט דאס ברויט פון די פוילישע פעלדער און דאס האלץ פון די פוילישע וועלדער אין דער וועלט אריין. און די אידען זיינען די סוחרים געווען.

דאמאלסט האט דאס שטעדטעל געהאלטען אין מיטען בליהען, און איהרע סוחרים זיינען בעריהמט געווען איבער דער גאנצער וועלט.

פון דאמאלסט שטאמט נאך די שעהנע אידישע שוהל, אויף וועל־כער מען זאגט, אז דער קעניג קאזימירזש, וואס איז געווען פאר די אידען ווי א פאטער, האט זיי געהאלפען דעם שטעדטעל אויפצובויען.

און, ווירקליך, געפינט זיך נאך אין דער שוהל אן אלטער סידור, אין וועלכען עס שטעהט די ברכה אויף די פוילישע מלכים. די זיידענע פרוכת'ן און די אטלאסענע פסרי־תורות־קליידלאך טראגען נעמען פון בעלי־בתים, וואס לעבען שוין לאנג ניט, זייערע געדעכעניש איז שוין לאנג אפגעווישט געווארען פון די לעבעדיגע. נאר אויפ'ן אלטען בית עולם וואס ליגט אויפ'ן בארג, און תשעה באב, ווען די קינדער געהען מיט די הילצערנע שווערדען ארויס, געפינט מען צווישען די גראזען איינגעפאלענע מצבות, וואס טראגען די נעמען פון די בעלי בתים.

און ר' שלמה קברן, דער אלטער הונדערט־יעהריגער איד, וואס וואהנט אין הקדש־שטיבעל אויפ'ן בית עולם ווייזט די קינדער וואו די עלטערען ליעגען ווען זיי קומען אויף קבר אבות.

אויפ'ן אלטען בית־עולם ליעגען צעהן דורות. יעדער דור מיט זיין רב. און אז עס קומט אן עת־צרה אויף אידען, קומט מען אויף דעם אלטען בית־עולם ארויס וויינען און קלאגען אויף די גוטע אידענס קברים.

פוילישען שטעדטעל אריין, וואו די איינוואהנער זיינען ארומגעגאנגען קראנקע מיט שלאף־דארשטיגע אויגען און פערשמאכטע מיילער, און בייטאג האבען זיי גאט געבעטען, אז די נאכט זאל קומען, און ביינאכט אז דער טאג זאל שוין אויפגעהן. עס ציהט זיך אזוי די ווייכסעל ווי תמיד, א סאמעטענער גאלדענער באנד צווישען סעדער מיט פלוימען, עפעל און קארשען בליהונג. דאס גרינס האט זיך אריינגעצויגען אין שטעדטעל אריין, אריינגעכאפט זיך אויף זאמדיגע אידישע הויפען, צווישען אידישע הייזלאך. אויף די אלטע בוימער וואס שטעהען פאר די הייזער, און אין די שפאלטען פון די שטיינערנע בריק. עס האבען אויך נישט געקוקט וואס עס איז מלחמה. צייט די קינדערלאך פון שטעדטעל. בעשמוצט זיינען נאך די בעקלאך פון טרעהרען וואס זיי האבען ערשט פאר א מינוט ביי דער מאמען אויסגעוויינט א שטיקעל ברויט, און שוין שטראהלט אויף זייערע יונגע מיילכעלאך און פייכטע אויגען דאס גליקליכע לאכען פון ענטציקונג, ווי די זונן שיינט אויף א בערעקטער פעלד. דאס האט זיי די יונגע פריהלינגס זונן געכאפט אויף איהרע לייכטע שטראהלען און טראגט זיי ווי א ווינד איבער דעם גרינעם גראז צו דער ווייכסעל אראפ.

עס ווייקען אידישע קינדער זייערע נאקעטע פיסלאך און לאנגע קאפאטקעלאך אין דער ווייכסעל און בעשפריצען זיך איינס די אנדערע מיט וואסער. זיי האבען שוין פארגעסען אן הונגער, און טרינקען דאס ניכטערע שפייעכטס אין זייערע פערטריקענטע צוזאמענגעצויגענע העלזלאך און פערגעסען דעם טוידט וואס האט טאטע־מאמע ארומ־געהילט זייט איניגע טעג. זיי פארגעסען אפילו דעם אנגסט, וואס איז די מאמען בעפאלען ווען זי האט זיי אנגעזאגט, אז זיי זאלען זיך ניט דערוועגען געהן צום ווייכסעל. די ווייכסעל איז אין סכנה. זיי קענען נישט פארשטעהן פאר וואס די ווייכסעל וואס איז שטענדיג אזוי צוגעלאזען צו זיי — זאל זיי מיט אמאל אזוי פרעמד ווערען, און מיט קינדערשע נייגעריגקייט הערען זיי זיך צו צו דעם טעמפען, הייזעריגען גארגלען, וואס עס הערט זיך פון גאנץ ווייט אין וואלד פון יענער זייט ווייכסעל אין ראדאמער גובערניע. זיי קוקען אויפ׳ן הימעל און זוכען די קליינע ווייסע וואלקענדלאך, וואס שטייגען אויף אין דער לופטען נאך יעדעס מאל, ווען עס הערט זיך א שושקען. און מיט פרייד ענט־דעקט איינער פון זיי נאך א וואלקענדעל און א זייט, און מאכען נאך

# חורבן פוילען.

## 1

## קינדער מאַכען פיף-פאף!

עס האט געטהאן די צייט איהר פליכט, און ווען די זונן האט ווארימער געשיינט, האט די פוילישע ערד אנגעהויבען ארויסצושפראַצען פון זיך מיט גרינס, גראז און בלעטער. זי האט נישט געהערט די טעמפע הייזעריגע קרעכצען פון די קאנאנען, וואס האבען מיט יערען געשריי א שטיק פייער פון זיך אויסגעשפיגען, און יערעס מאל אין אן אנדער ארט גריבער אויסגעגראבען, הייזער אונטערגעצונדען ארער בליהענדע בוימער אונטערגעהאקט — זי האט ניט געהערט, זי האט ניט געזעהען און ווייטער, ווי גאט האט איהר געהייסען, האט זי בעגרינט די אויבערפלאך פון די ערד און געפלאכטען גראזען אונטער דעם מענשען'ס טריט. עס האבען זיך נור געשראקען פאר דעם הייזערדיגען ברום מענשען און בהמות. די מענשען זיינען שוין אבער לענגס פערשוואונדען פון די ערטער, איבערלאזענדיג פערוויסט זייערע הייזער און פעלדער פאר דעם פייער פון משחית, און די בהמות וועלכע זיינען פער'יתום'ט, פערגעסען געווארען אויף די פעלדער — האבען מיט א וויינענדיגען קינדערשען „מע" גערופען זייערע בעלי־בתים. קיינער האט זיי ניט צוזאמענגעקליבען, און משוגע זיינען זיי געווארען פון דעם הייזעריגען ברום וואס הערט זיך ארום זיי און שפייט פלאמען פייער.

עס האט ניט געקוקט דער פריהלינג וואס עס איז מלחמה־צייט און געצוינען זיך מיט א גרינעם סאמעטענעם בייט אין דעם קליינעם

און דער ארומיגער עולם האָט אַ וועג געמאכט פֿאר דעם עולם מיט דעם „עוזר דלים“.

---

פינסטער איז שוין געווען, אין גאס האָט געבלאָזן אַ קאלטער הערבסט־ווינד. פון אויבען, פון הימעל האָבען די שטערן קאלט אראָב־געשיינט. ראכט זיך זיי שרעקען עפּעס...

ר׳ נעצעל, דער טאַג־חזן פון בית המדרש, וואָס זיין רעדען איז שטענ־דיג מיט דעם נגון פון ,,וישתבח״. די חברה ,,פועלי צדק״ האָבען זיך נעלאָזט בענוגען דערמיט, וואָס זייער דעלעגירטער, ר׳ נעצעל, טראָגט אַ פערקעהרטע קאַפּאָטע מיט אַ פערקעהרטער הוט, און דאָס ספר־תורה פון דער חברה ,,פועלי צדק״ האָט אַ שעהן סאַמעט מאַנטעלע מיט אויסגעהעפטע לייבען. פון דער חברה ,,תמימי דרך״ (בעלי־בתים, סוחרים, אָרענטליכע שניידערס) איז דעלעגירט ר׳ אפרים עקר, אַ איד, וואָס האָט קיין קינדער ניט און וואָס האָט פאַר זיין אייגען געלד אַ ספר־תורה געלאָזט שרייבען.

דער דעלעגירטער פון דער חברה ,,תמימי דרך״ טראָגט אַ פּאַרטוך אויפ׳ן קאָפּ, און דאָס ספר־תורה — אַ זילבערנע ,,עטרה״, מיט אַ זיל־בערנעם „יד״. פון דער חברה „נקי כפים״ (טרעגערס און וואַסער־פיהרערס) איז דעלעגירט עפּעס אַ הויכער יונג, וואָס האָט תמיד אַ פערבונדען אויג, אַז מען מיינט, דאָס ער איז געבאָרען מיט׳ן טיכעל אויפ׳ן אויג, און דאָס טיכעל איז אין דער וואָכען שמוציג, שבת — האַלב ריין, און יום־טוב קלאָהר. ער האַלט אין דער האַנד דער חברה׳ס ספר־תורה, אַ נאַקעטעס, נעבעך, און אַ קליינס — אַן עופ׳עלע פּשוט, און טראָגט, ווי איהרע בעלי־בתים, אַ צייגען מאַנטעלע און די עטרה מיט׳ן יד זיינען נעבעך פער׳ישב׳ט.

באַלד איז מען מכבד דעם רב פון דער שטאָדט מיט דער שטאָדט׳ס ספר־תורה, אַ גרויסעס, מיט אַ גאָלדענער ,,עטרה״ און מיט אַ גרויסען גילדענעם יד.

און דער „חזן״ מיט די „משוררים״ דאָרט ביים „עמוד״ האָבען דעם סיגנאַל געגעבען, און ער איז אַרויס מיט אַ געזאַנג. דער רב מיט׳ן ספר־תורה פון פאָרנט, און נאָך איהם ר׳ אפרים, דער דעלעגירטער פון דער חברה ,,תמימי דרך״ מיט זיינע חברה־לייט און גבאים און חברה־ווייבער און חברה־קינדער, דערנאָך דער דעלעגירטער פון דער חברה קצבים, ר׳ ברוך פישער מיט דער חברה׳ס ספר־תורה, און חברה־לייט, און מיט די גבאים, און מיט חברה־ווייבער, און חברה־קינדער, און דער־נאָך ר׳ געצעל, דער דעלעגירטער פון דער חברה ,,פועלי צדק״ מיט זיינע חברה־לייט, און דערנאָך דער הויכער יונג מיט דער פערבונדענער אויג, מיט דער נאַקעטער ספר־תורה אין האַנד.

די ליכטלאך, און עס הערט זיך נאך פון דערווייטענס ר' ברוך פישער'ס קול.

— שישו ושמחו בשמחת תורה, אונזער היילינער משה רבינו... אונזער משה רבינו...

---

די אידען האבען נעכאפט גאט אין קרענצעל אריין, און נעמאכט, מחילה, מיט איהם א טענצעל. דאס ארון קודש איז אפען און א ליכט ברענט זיך דארט, די קינדער האלטען פאהנעס אין די הענד, אויף די שטעקלאך פון די פאהנעס זיינען רויטע עפעלאך און אין זיי זיינען אריינגעשטעקט ברענענדיגע ליכטלאך. די קינדער שטעהען אויף די בענק און שרייען: „גוט יום־טוב! גוט יום־טוב!" אויסגעמישט איז דער עולם; נישטא היינט קיין אונטערשיעד, היינט זיינען אלע גלייך. סיי רייך, סיי ארים — אלע זיינען „מורנו'ס". יעקל וואסערטרעגער האט זיך ארויפגעכאפט אויבען־אן, אויף מתתיהו גאלדמאן'ס שטעל. באלד ביים רב, אין דער מזרח־וואנט. און ר' יעקל וואסערטרעגער רייבט זיך צו צום קרענצעל נגידים, וואס שטעהען ביים רב, און ר' יעקל וואסערטרעגער גיט א שאקעל מיט'ן קאפ און זאגט הויך: „גוט יום־טוב, רבי!" און שאקעלט זיך פרום.

די חברה־לייט קומען זיך צוזאמען אין שוהל אריין, יעדער פאלק מיט זיין שטאב און זיינע פאלקאווניקעס, יעדע חברה מיט איהר היילינג ספר־תורה, פאראויס, און מיט איהרע גבאים, מיט לעקיך און בראנפען, מיט איהרע חברה־לייט, חברה־ווייבער און חברה־קינדער. יעדע חברה קלייבט אוים איהר דעלעגיערטען און שיקט איהם מיט דער ספר־תורה ארויף אויף בעלעמער. און דא, אויפ'ן בעלעמער קענט איהר דערקענען יעדע חברה מיט איהרע סימנים. אט זעהט איהר אונזער בעקאנטען ר' ברוך פישער (דעלעגירט פון דער חברה קצבים). אט שטעהט ער מיט דעם קאפעלושעל אויפ'ן קאפ, אין די הויזען מיט'ן שפענצער. און האלט דער חברה'ס ספר־תורה און די חברה־לייט קוקען אויף ברוך'ן און קוועלען פאר נחת. נעבען איהם שטעהט דער דעלעגירטער פון דער חברה „פועלי צדק". (שניידערס און שוסטערס).

— א רוח זאָל... אַט... — כליפּעט ר׳ ברוך און קלאַפּט אין טיש אריין, — ביער! גבאים, וואָס שלאָפט איהר? אונזער משה רבינו נעבעך, אונזערער.

און טרעהרען בעווייזען זיך איהם אין די אויגען.

— אונזער הייליגער משה רבינו, — און ר׳ ברוך פישער איז צו צום אָרון, אויפגעעפענט דאָס פּרוכת, און ער האָט דער חברה׳ס ספר־תורה ארויסגענומען. אנגעקליידעט איז עס געווען מיט דעם נייעם ווייס־אטלאסען מאנטעלע, און פון זילבער א מגן־דוד אויסגענייהט. און ר׳ ברוך האט מיט דער ספר־תורה א טענצעל ארום „שלחן" גע־מאַכט.

— שישו ושמחו בשמחת תורה, אונזער הייליגער משה רבינו...

און ער האָט געוואָרט ביז דער עולם וועט איהם אונטערהעלפען...

און דער עולם איז ארויס פון טיש.

— גוט יום־טוב! גוט יום־טוב!

— אין שוהל אריין, אין שוהל אריין! — און דער עולם האָט זיך געלאָזט אין שוהל.

צו ערשט זיינען געגאנגען די בחורים מיט א פרעהליכען נגון, דער־נאָך די קינדער מיט די ברענענדיגע פאָהנעס, און ר׳ ברוך פישער אין הויזען מיט א שפּענצער, מיט דעם קאפּעלושעל, מיט די ווייסע פעדערן אויפ׳ן קאָפּ. ער האלט אין האנד דאָס ספר־תורה און טאַנצט דערמיט אין גאס, און זינגט הויך אויפ׳ן קול.

— שישו ושמחו בשמחת תורה, אונזער הייליגער משה רבינו!

און דער עולם מיט׳ן „רבי" געהען נאָך ר׳ ברוך׳ן, און דערנאָך געהען די ווייבער פון די חברה־לייט, יום־טוב׳דיג געקליידעט. פון פאָרנט שפּרינצע, ר׳ ברוך פישער׳ס ווייב, פיהרט דעם פאראד.

עס האָט שוין אָנגעהויבען צו טונקלען, און פאר יעדען פענסטער האָבען ליכטלאך געפינקעלט, און ווייבער, און מיידלאך זיינען מיט לייכטער און לאמפּען פאר דער טהיר ארויס צו מאכען אן איללומינאציע פאר דער הייליגער תורה.

און ווייבער מיט ברענענדיגע ליכט זיינען דער הייליגער תורה נאָכגעפאָלגען.

און טונקעל ווערט. די הערבסט־נאכט פאלט שווער איבער דער שטעדטעל צו, און אידען געהען דאָרט... ווייט... עס פּינקלען נאָך

און אזוי האט דער עולם אונטערגעהאלפען, ביז עס איז טרויעריג פרעהליך געווארען, און ר׳ ברוך פישער האט דער ערשטער זיך פון ארט אויפגעהויבען און האט זיך א לאז געטהאן טאנצען.

— שישו ושמחו בשמחת תורה!... היירא, עולם! היירא! היירא!

— צוויי גילדען א פונט פישלאך — האט אונטערגעבראכען זינ־גענדיג אנטשיל קצב און איז צו צו ר׳ ברוך׳ן און איהם אנגענומען פאר׳ן לאפיז.

— פערציג גראשען א פונט פלייש — האט ר׳ ברוך געזונגען האל־טענדיג ר׳ אנטשלען פאר דער האנד, און דער עולם איז ארוים מיט א הילך:

— גוט יום־טוב! גוט יום־טוב!

באלד האט זיך דער עולט איינגעשטילט. דער רבי פון דער חברה האט דעם גרויסען מדרש אין האנד גענומען, פון וועלכען ער פלעגט יערען שבת לערנען, אויפגעעפענט עס און אנגעהויבען;

— נו, רבותי!

— רבי, א שטיקעל, א פרעהליכעס.

— א יום־טוב׳דיגעס, רבי, — האט דער עולם נעזאגט.

— זיי ווילען אן אגדתא, רבי, נישט קיין „הלכה״,—האט ר׳ מרדכי קצב זיין בקיאות פאר׳ן עולם ארויסגעוויזען.

דער רבי האט א שמעק טאבאק גענאסען און אנגעהויבען זאגען:

— מיר וועלען מסיים זיין אין מדרש.

— אז עס איז געקומען די צייט, ווען משה רבינו זאל נפטר ווע־רען, האט ער ביי גאט געבעטען: „רבונו של עולם, פערציג טעג, פערציג נעכט בין איך ביי דיר געווען, בעט איך דיר, זאלסט מיך נישט איבערגעבען דעם מלאך המות״...

— רבי, א פרעהליכעס — שרייט דער עולם.

— ניין, רבי, טאקע דאס, — שרייט ר׳ ברוך און טרעהרען בע־ווייזען זיך איהם אין די אויגען. — אט אזוי ווייטער.

דער רבי זאגט ווייטער:

— דעמאלט האט זיך משה געהייליגט ווי א מלאך, און גאט אליין האט אראבגענידערט צו איהם, צו צונעהמען זיין נשמה, אונ דריי מלאכים זיינען מיט הקדוש ברוך הוא: מיכאל, גבריאל און זנזגאל.

אויפגעהויבען און מיט גרויס פאראד געפיהרט צום טיש, אנידערגע־זעצט איהם אויבען־אַן, ביים „רבי'ן" און מכבד געווען מיט צוויי שטי־קער לעקיך.

דער עולם איז געזעסען ארום ביי די טישען, און די גבאים האָבען דערלאנגט.

און לעקיך האָט מען געטהיילט אומגעוואויגען, און בראנפען האָט מען געגאָסען אומגעמאָסטען.

ביי דער טהיר זיינען געזעסען זעקס בחורים'לאך אויף איין זייט. זעקס בחורים'לאך אויף דעם צווייטען זייט: בעהעלפער פון חדרים. אתרוג־ארומטראָגערס. הושענה־מאַכערס, לולב־בינדערס. די צוועלף בחורים'לאך האָבען געדיענט אלס מוזיק אויפצונעהמען יעדען חברה־מאַן וואָס קומט אריין, מיט אַ פרעהליכען „ברוך הבא" און אָבצוקנאַ־לען אַ „גוט יום־טוב" ביי אַ טרונק בראַנפען.

דער עולם האָט נור ביער געטרונקען, דעם לעקיך האָט יעדער פאַ־טער צוטהיילט די קינדער, וואָס זיינען מיט אין דער חברה געווען, און די עפעל, און די ניס האָט מען בעהאַלטען פאר די ווייבער אין די קע־שענעס.

די גבאים, אָנגעטהאָן אין ברייטע פּארטיכער, האָבען דערלאנגט, דער עולם האָט געטרונקען. דער חברה־חזן מיט די משוררים האָבען אַ פרעהליכען נגון געזונגען, און דאָס אינגעל, דאָס קוויטשעריל, האָט אין דעם נגון אַ טרויעריגען „ונתנה־תוקף'דיגען" טאָן אריינגעכאַפּט, און דער באָס האָט אַ בעמעלע געגעבען: אוי,—אוי,—אוי,—און דער עולם האָט מיטגעהאָלפען: אוי,—אוי,—אוי,—האָט עס אויסגעזעהן עפּעס, ווי אַ פרעהליכער יום כפור.

און וואָס אמאָל האָט זיך דער „אוי־אוי" אלץ מעהר פערגרעסערט, אלץ שטאַרקער נעהילכט. און האט אַ איד אַ בליק אין פענסטער גע־וואָרפען און די פערלאָפענע שויבען געזעהן, האָט ער מיטגעברומט: אוי־אוי, אוי־אוי, דער ווינטער קומט, דער ווינטער קומט!

אַ צווייטער איד האָט מיטגעזונגען: „דער אויוועז איז צובראָ־כען", און אַ דריטער איד האָט מיטגעזונגען: „און דער פעלץ איז אויסגעקראָכען". און דער איבעריגער עולם האָט אַ ברום געגעבען:

„און קיין געלד איז נישטאָ" —

— „אוי־אוי, אוי־אוי".

פוהרען שטעלען זיך אָב פאר ר׳ אברהם מילכינגער׳ס טהיר, און דארט טרעפען זיך און קושען זיך צוויי ק״קים במדינת פוילען...

די חול־המועד׳ניקעס קריכען אראָב פֿון די וועגען און טהיילען זיך איין אין צוויי מחנות: אויף איין זייט „פיאַנטעק״ מיט איהר פערד און וואַגען, אויף דער צווייטער זייט „סאָבאָטע״ מיט איהר פערד און וואַגען. און איין שטאָדט קוקט דער צווייטער אריבער. אין איין האַ־ריזאַנט ליגען דאָך די צוויי שטעדטלאך, אָבער ווי ווייט זיינען זיי אָבגעשיידט איינער פון צווייטען. עפּעס די חול־המועד־שטעקלאך זיי־נען אנדערש — דאָ זיינען פיאנטעקריגע שטעקלאך, דארטען האלטען זיי סאבאטעדיגע שטעקלאך. און די היטעלאך מיט די דאַשעקלאך זיינען גאר אנדערע: די פיאנטעקער גיט קליינע דענקעלאך, דארט — סאבאטער מיט ברייטע דענקעלאך... און די קליידלאך! סאבאטער קליידלאך מיט קישעלאך פון הינטען און פיאנטעקדיגע קליידלאך מיט הארץ־וועסטעלאך פון אויבען...

צוויי שטעדטלאך — „סאָבאָטע״ און „פיאַנטעק״.

---

# שמחת תורה אין דער קצבי׳ישער חברה.

דער עולם האָט זיך נאָך מיטאָג שמיני־עצרת אין דער קצב׳ישער חברה צוזאמענגעקליבען. מיט מנחה האָט מען ר׳ ברוך פישער מכבד געווען; און ר׳ ברוך, דעם טלית אויף איין אקסעל פערלעגט און אויפ׳ן קאָפּ אַ קאַפּעלושעל מיט ווייסע שלייפערלאך און ווייסע פּע־דעמלאך אריינגעשטאָכען, שטעהט פאר׳ן עמוד און זינגט די יום־טוב׳־דיגע שמונה־עשרה. אונטער זיינע פיס איז אוועקגעשטעלט אַ באַנק, כדי ר׳ ברוך זאָל אומפאלען ווען ער וועט די שמונה־עשרה אויסגעהן. מען איז עפּעס דורך די „ימים נוראים־צייט״ מיט גאָט נאָהנטע מחו־תנים געוואָרען, — „אויף דו״...

ר׳ ברוך האָט שוין שמונה־עשרה אָבגעזאָגט, דער עולם איז ארויס מיט אַ פרעהליכען קדיש, אזוי ווי דאָס מאָל וואָלטען די געשטאָרבענע מוחל געווען, אז מען זאל פאר זיי בעטען... און ר׳ ברוך איז שוין אומגעפאלען, ווי מען האט געווארט, מען האט איהם מיט יעזאנג

אויפ׳ן הימעל, און די פעלדער וואס פערשפרייטען זיך איבערביידע זייטען וועג זיינען פריש, ערשט אראבגעוואָרפען פון זיך דעם ווינטער יאָך, דאס ווינטערדיגע וואטען־קאפאטקעלע... און פריש איז די ערד, ווי א פרישער געזונטער בחור, וואס ווארט אויף דער כלה. און א יהר פערשלאסענער פריהלינג רייסט זיך ארויס פון דער ערד און טראגט זיך אין לופט און ערוועקט יעדעס הארץ און גרייט עס אַן צום זומער, און די זון בעגריסט אלץ מיט ליכט און מאכט עס יום־טוב׳דיג. און צוויי יונגע מענשען, א יונגער שניידער־געזעלען מיט א חול־המועד שכזעקען, און א יונגע שניידערין מיט א חול־המועד שירעמעל פיהלען עפעס אין הארצען, און איינער גיט א ווינק צום צווייטען, און אזוי ווי מען זיצט אויפ׳ן וואגען צוזאמענגעקוועטשט, דריקט מען זיך הינטען ביי די הענד, און די הערצער פיהלען עטוואס...

און דער וועג איז א חול־המועד־וועג, ווארים אין אמת׳ן איז נור פון איין שטאָדט ארויס, אין דער צווייטער שטאָדט אריין; כאפט מען זיך ארויף אויף דער פוהר כדי מען זאל זעהן, אז מען פאהרט אויף חול־המועד, און אז מען קומט אויף חול־המועד, אָבער אזוי ווי מען קומט נור הינטער דער שטאָדט ארונטער, כאפט מען זיך פון וואגען אראב, און מען געהט אויפ׳ן וועג נאָך דער פוהר, לוסטיג און פרעהליך, און מען זינגט ליעדער... יונגע שניידער־געזעלען כאפען זיך צו צו די יונגע שניידער־מיידלאך... און מען כאפט א וואונק אויפ׳ן וועג... און ייי בעגלייטען נאך א חברה חדר־אינגלאך, אנגעזאטעלט מיט מצה און איינגעריכטע פנים׳ער מיט אייער...

אין מיטען, וואו די וועג צושיידעט זיך, שטעהט א הייזעל. דאָרט וואָהנט א איד א מילכיגער (א חלבן); דאָרט שטייגט מען אָב, דער בעל־עגלה פיהרט זיין פערדעל אָנצוטרינקען צו דעם ברונען, און די חול־המועד׳ניקעס געהען אריין צו ר׳ אברהם מילכיגער נאך אייער — עס איז פערפאלען, אברהם מילכיגער מוז געבען אייער. (אזוי איז שוין דער מנהג פון קדמונים אָן, אזוי האָט זיך זיין פאָטער, זיין זיידע, און זיין עלטער־זיידע געפיהרט)...

פון „פיאָנטעק״ דערוויייל קומט אָן א צווייטע פוהר (אויף חול־המועד איז דא א בעזונדערער פוהרמאן אין „פיאנטעק״, וואס פיהרט אָב די חול־המועד׳ניקעס קיין „סאָבאָטע״, ווארים דער סאָבאָטער מוז דאָך זיינע חול־המועד׳ניקעס אָבפיהרען קיין „פיאנטעק״). ביידע

און נישט אזוי פאר דער איינענער שטאדט, ווי פאר דער צווייטער שטאָדט.

גאָלד וואו מען גראבט עס, האָט עס נישט קיין ווערטה; א יונגער געזעלען אין זיין שטעדטעל, א יונג מיידעל אין איהר שטעדטעל האָט קיין ווערטה נישט — זיי ווייס מען ערשט ווי אָבצושאַצען אין צווייטען שטעדטעל.

און קומט אַזאַ חול־המועד, נעהמט זיך א יונגער געזעלען זיין חול־המועד שטעקען אין האנד אריין, נעהמט זיך א יונגע מיידעל איהר שירם אין דער האנד אריין, און די נייע קליידער, און די נייע אנצוגען, און היידאַ אין דער צווייטער שטאָדט אריין.

אזעלכע יונגע לייטלאך הייסען: „חול־המועד'ניקעס", אזעלכע יונגע מיידלאך הייסען „חול־המועד'ניצעס".

און „סאָבאָטע" איז אין „פיאָנטעק", און „פיאָנטעק" איז אין „סאָבאָטע".

איין פערדעל, איין בעל־עגלה איז דאָ אין די צוויי שטעדטלאך: איין האַלבען טאָג איז דאָס פערדעל אין „סאָבאָטע", איין האַלבען טאָג אין „פיאָנטעק"... דאָס פערדעל פיהרט אויף זיך די סאָבאָטער קיין „פיאָנטעק", און די פיאָנטקער קיין „סאָבאָטע"... נאָר א גאַנץ יאָהר נעהען די סאָבאָטער קיין „פיאָנטעק" צום פוס, און דאָס פערדעל מיט'ן בעל־עגלה זיינען געמאַכט געוואָרען, ווייל אין א שטעדטעל מוז א בעל־עגלה זיין, מוז א וועגעלע זיין און א פערדעל איבערצופיהרען, אזוי ווי עס מוז א שטאָדט'ס משוגע'נער, א שטאָדט'ס גנב, א שטאָדט'ס מסור זיין; אז עס קומט חול המועד, איז א מצוה צו פאָהרען. — צו פאָהרען צו גאסט... קומען צו געהן די יונגע געזעלען מיט די שטעקעלאך, קומען צו געהן די מיידלאך מיט די שירמלאך, קומען צו געהן די חדר־אינגלאך און אלע מיט אייער (חול־המועד ריהרט מען זיך נישט אהן אייער), און א גאַנץ „פיאָנטעק" וויל ארויף אויף דער פוהר, און איינער אויף דעם צווייטען'ס קאָפ, און די אייער צורינען זיך און צו־ניסען זיך איבער די נייע קליידער, איבער די נייע אנצוגען, ווערט דאָרט א לעבען! — און ר' אהרן פיהרט דאָס פערד ביים צוים...

און גאָט האָט געמאַכט אויסטריקענען די בלאָטע, וואָס איז א גאַנץ יאָהר אויף דעם וועג צווישען די ביידע קליינע שטעדטלאך, און עס איז שביה שכנות, און ער האָט געמאַכט שיינען די חול־המועד זון

וועט ער זיך דערקענען מיט זייע חברים, און אפשר, וועט ער וועט איבער די צוויי טעג דאָרט איבערבלייבען, איז א סברה, אז ער וועט דאָרט איבער'ן ווינטער אין בית־המדרש לערנען.

און א גאנץ שווערען ווינטער זיצט דער אינגעל אין חדר, אין דעם ווינטערדיגען וואטענדיגען קאפּאָטקעלע, און זאמעלט די צווייערס. וואָס די מאמע גיט, און קניפּט זיי איין אין ציצה־כנפות'ל און מאכט זיך א „קעזועל", „די קאסע" האָט עס געהייסען. דאָ האָט ער... וועט קומען חול־המועד... נו, נו וועט ער שוין וויסען...

און נישט איינמאָל געהסטו דורך פאר פייגעלע'ס „שטעל", דאָס עפּעלע, דאָס בארנעלע ווינקט צו דיר אראָב פון דער מולטער; קום, אינגעלע, דאָרט אין ציצה־כנפות'ל... וועקט דאָס בארנעלע פון מולטער. און אָט שטעקסטו דו שוין א האנד צום קניפּעל אויס... נאָר באלד קומט דער חול המועד, דו דערמאָנסט זיך: פּאָהרסט מיט נטע סאָבאָטער קיין „סאָבאָטע" און דו אנטלויפסט פון דער מולטער, וואו דער פעפער וואקסט.

אונטער דעם באַנק וואָס איז פאר'ן הויז איז א גריבעל אויסגע־גראָבען. שבת טאָר מען דאָך נישט טראָגען, נעהמט מען פרייטאָג פאר־נאכט דאָס קניפּעל און מען בעגראָבט עס אונטער דער באַנק. און דו טטעהסט שבת פאר דער טהיר, זעהסט ווי מענשען געהען דורך, אהין און צוריק פאר דיין קניפּעל און דו וואונדערסט זיך: צו ווייסט טאקע קיינער נישט, אז דיין „קניפּעל" איז דאָרט ארייננעגראָבען?

זיינען חול־המועד־טעג גליקליכע טעג פאר אינגלאך, ווי נאָר גליק־ליכער, ווי פרעהליכער זיינען זיי פאר געזועלען און געזועלענטעס.

אויף וואָס ארבייט א געזועלען א גאנצען זמן, אז נישט אויף דעם נייעם אנצוג וואָס ער מאכט זיך אויף פסח?

אויף וואָס ארבייט א מיידעל א גאנצען זמן און נעהמט זיך די אויגען ארויס ביי דער ווינטער־לאָמפּ, אז נישט אויף דאָס נייע קלייד, וואָס זי מאכט זיך אויף פסח?

אין אמת'ן נישט אזוי אויף יום־טוב ווי אויף חול־המועד. אין יום־טוב שפּיעלט מען אין נים ביי א שכן'טע, אָדער מען פערוויילט זיך אזוי אביסעל אונטער דער שטאָדט, וואו מען כאפּט א טענצעל אויפ'ן סאָבאָטער שאָססע... נאָר די נייע קליידעלאך און די נייע אנצוגען זיינען געמאכט אויף חול־המועד.

# חול-המועד.

צוויי שטעדטלאך האָט גאָט בעשאַפען איינם הארט נאָהנט נעבען דעם צווייטען, זיינען געקומען די משוררים און האָבען פעריטטאַגען גאָט'ס מיין, און האָבען זיי אַ נאָמען געגעבען איינם ,,פּיאַנטעק'', דאָס צווייטע — ,,סאַבאַטע''.

און די שטעדטלאך זיינען נאָר בעשאַפען געוואָרען, כדי איינס זאָל זיך קענען מיט דעם צווייטען משדך זיין, כדי פּיאַנטקער אידען זאָלען זיין מחותנים פון ,,סאַבאַטע'', און די סאַבאַטער אידען זאָלען זיין מחותנים פון ,,פּיאַנטעק''.

און געמאַכט האָט עס דער בורא העולם דירעקט כדי סאַבאַטער אינגלאך זאָלען האָבען זיידעס אין ,,פּיאַנטעק'', און פּיאַנטקער אינ־גלאך זאָלען האָבען זיידעס אין „סאַבאַטע", און דער עיקר נאָר איבער הול־המועד.

גליקליכע טעג זיינען די חול־המועד טעג. קיין יום־טוב איז עס דאָך נישט, אָט דרעהט מען זיך אין גאַס ארום, מען רויכערט, די צו־קערדיגע געוועלבער זיינען אָפען, און אין דערוואַכענס איז עס אויך נישט. אלע געהען האלב יום־טוב'דיג אָנגעטהאָן, דאָס שטעדטעל דרעהט זיך פוסט און פּאַס ארום; דער שניידער האָט אוועקגעוואָרפען די שער, דער שוסטער די נאָל, אזוי ווי גאָט וואָלט אויפ'ם ניי דעם מן פון הימעל אָנגעהויבען אראָבצוואַרפען. כ'לעבען, אידען האָבען אויפגעהערט קלעהרען וועגען פרנסה, מען טהוט גאָר נישט, דאָס גאַנצע שטעדטעל — ליידיג־געהער, און מען הויבט אָן קלעהרען וועגען שידוכים...

נאָר דער עיקר האָט גאָט ברוך הוא בעשאַפען חול המועד פאַר אינ־גלאך. אוי, דאָס איז אַ יום־טוב פאַר אינגלאך, אַ בעצאָהלונג פאַר'ן לאַנגען ווינטער, פאַר די לאַנגע פינסטערע נעכט אין חדר.

אין אַזאַ וואָכענדיגען יום־טוב טהוען די חדר־אינגלאך פון איין שטעדטעל אין צווייטען צו גאַסט צום זיידען פאָהרען. אַ גאַנצען פינסטערען ווינטער זיצט דער אינגעל אין חדר און פאַנטאַזירט: ווען חול המועד קומען וועט ער צום פעטער קיין ,,סאַבאַטע'' פאָהרען, דאָרט

בער איד. — ער האנדעלט מיט אתרוגים — דאך, ברודער, יעדער קוקט פאר זיך, ער בעהאלט זיך די „ממתקים׳לאך״ פאר די נגידים. מיר חברה „יגיע כפים״ — אי, עס שאט נישט, ארימע לייט, וועלען מיט אזא אתרוג אויך יוצא זיין.

און דער גבאי בעט איהם:

— ר׳ חיים דוד, מיר זיינען פראסטע אידען, מיר פערשטעהען זיך נישט אויף די זאכען, מיר גיבען דיר אזוי פיעל און אזוי פיעל און גיב אונז אן אתרוג׳ל, אזעלכעס, ברודער לעבען, וואס מיר זאלען ניט האבען מיט וואס זיך צו שעמען.

נעהמט מן הסתם, אזא חיים דוד, און גיט אונז אן אתרוג׳ל. מיר גיבען א קוק — „נישט קיין סחורה״, עפעס א ביסעל „גרינדלאך״ און „הויקערט״ צו; ווייזט אונז א צווייטען „בחור״ — סיין לייט נישט.

דער גבאי בעט זיך:

— חיים דוד לעבען, קרוין, מיר וועלען דיר בעצאהלען וויפיעל דו ווילסט, גיב אונז עפעס רעכטס!

און ער ענטפערט זיך:

— גיט נור א קוק! איהר וועט מיט אזא אתרוג אויך יוצא זיין, נישט קשה, נישט קשה.

דער גבאי קומט צו לויפען: קומט ברידער!

און וואס קלעהרט איהר? מיר גיבען א קוק אריין אלע, פון קליין ביז גרויס צו ר׳ חיים דוד, מיר גיבען זיך א לאז זוכען! ר׳ חיים דוד שרייט, שעלט — נור דער קאטער הערט איהם, מיר צוואווארפען די קאסטענס, מען קלייבט אויס, און מען גיט אונזער רבי דורכצוקוקען. וואס קלעהרט איהר? דעם בעסטען „העכט״ האבען מיר געפאקט. אויף מיינע נאמנות — דאס שעהנסטע, פאר׳ן רב האט ער געהאט בע־האלטען.

מיר האבען איהם גוט בעצאהלט, דריי רובל מזומנים, מיר דארפען דען חלילה, אז עס זאל ווער אונז געבען בחנם?

וועט מען אן ארון־קודש'ל שטעלען. אבער דאס ספר־תורה'לע האט מען עץ־החיים געקויפט, און א ניי העמדעל, אויף יום טוב האט מען די זילבערנע יד אויסגעלייזט, וואס זי איז געוועזען פון גרויסען אומגליק אן פער'ישב'ט ביים אפרים קינדער־האבען. און דער גאסטינינער בחור האט אונז א „מזרח'ל" אויסגעמאהלט, אין בית המדרש צו שטעלען. וואס מען קאן — מאכען מיר.

און די גבאים, ביי אונז איז נישטא קיין מחלוקות, האטש ארימע „וויסאבניקעס" — דאך פאריאדעק איז. אין דער חברה „תמימי דרך" — פריצים זיינען אלע. ווילען זיי גבאים ווערען, מיר, האבען זיך אונזער קלפי, און יעדען סוכות, אסרו־חג אויף דער נאכט, קומט מען זיך צוזאמען אין חברה, דער רבי שרייבט אויס קוויטלאך, יעדען חברה־מאן'ס נאמען, מעג ער זיין ווער ער איז, יעדענס. די קוויטלאך לעגט מען אין א קאפיל אריין און אין א צווייט קאפיל לעגט מען ווייטער לעדיגע קוויטלאך אריין, מיט דריי אויפגעשריבענע; מז"ט „גבאי ראשון", מז"ט „גבאי שני" מז'ט „גבאי שלישי", און אויף וועמען דער גורל פאלט, וועמען גאט בעגליקט, דער זאל זיך זיין גבאי געזונטערהייט, קיין האהן וועט נישט קרייהען.

און דעם גבאי הערט מען. ווער עס הערט נישט — אויס חברה־מאן. אויף דער וואנד הענגט למשל א צעטעל: „מען זאל זיך נישט דערוועגען צו ריהרען צום „ברעטעל", אז דער גבאי וועט נישט הייסען" און דו שטעה דיר, דאס הארץ געהט דיר אויס פאר א מינחה'לע, פאר א קדושה'לע, אבער אז דער גבאי הייסט נישט — איז „פערפעל", ברודער, פערפעל! זעהט איהר, למשל, אויף סכות, דארף מען אן אתרוג'ל. יעדען ערב יום־כפור געהט דער גבאי ארום און נעהמט צוזאמען אויף אתרוג־געלד, און יעדער גיט, וויפיעל ער קאן. און איהר מוזט וויסען, אז דער עיקר איז א שעהנער אתרוג, ווארום, ברודער, האסטו א שעהנעם אתרוג — איז דיר א גאנץ יאהר שעהן. איז אבער נישט... דעמאלס ברודער... און ווידער, גוטער ברודער, מיט וואס קענען מיר גאט דיענען, מיט א פרק משניות, וואס מיר קענען נישט. אז נישט מיט א שעהנעם אתרוג? און פאר וואס נישט? וואס מען טאר נישט? אונזער געלד איז אפשר קיין געלד נישט? הא?

באלד נאך יום כפור געהן מיר מיט אונזער רבי צו ר' חיים דוד דיין אויסקלייבען אן אתרוג'ל. ר' חיים דוד דיין איז זיך אוראי אן עהרלי־

גאט׳ס א פאלק, נישט קיין רייכ׳ס, אבער ווי ווייט מ׳קען, טהוט מען דאך איהם צוליעב.

ר׳ טוביה דער צווייטער שוחט, א שעהנער איד, וואס נייו? — אונזער חזן. ר׳ גבריאל מלמד — אונזער רבי. צעהן גילדען א חדש און יעדען שבת נאכ׳ן דאווגען — מיר זיינען הונגעריג — דאר שטעהען מיר, און מיר הערען אויס, וואס דער רבי לערנט מיט אונז.

אונזער׳ס א חברה־מאן, פיהלט זיך גוט אין דער חברה. אין שטאדט־זאכען, א חזן אויפצונעהמען, למשל, אדער א שוחט, ווערט מען דאך א נאש־בראט קיין דעה נישט פרעגען. קיין עטאט צעהלט ער נישט און קיין דעה האט ער נישט; כאטש די שוהל קעהר זיך מיט אונז אן פונקט אזוי ווי מיט זיי; אונזערע טאטעס האבען פונקט אזוי די ציגעל נע־בראכט ווי זייערע טאטעס, און א ווייב און קינד האבען מיר אויך. און אויף א שטיקעל פרנסה דארף א נאש־בראט אויך בעטען, וואס נייו? איז דאך גאט פונקט אונזערער ווי זייערער... נור געה שריי חי וקים, אז דו האסט קיין געלד נישט, פאר דעם האבען מיר אונזער שוהל׳כל, אונזער ספר־תורה׳לע און אונזער חזן.

יעדער חברה־מאן צאהלט צעהן גראשען א וואך, געלד איז דא, און קיין פרעמדע בעל־דעות דארפען מיר נישט.

און אונזער איינער איז זיך דארט פאר זיין געלד א שעהנער בעל־הבית. אין גאס, למשל, אונזער׳ס איינער, וואס איז מישטיינס־געזאנט? שלעפ זעק מעהל און ווייטער פטור, איינער רייסט דעם צווייטען אב דעם נאז ביי א זעקעל מעהל, וואס קען מען מאכען? פרנסה, ברודער! אין דער היים איז אוודאי צרות; דער קעלער קאלט און ווילגאטש, די קינדער: איינס וויינט ברויט, דאס צווייטע איז קראנק, און די אי־דענע, גאט איינער, די אידענע! אבער פאר דעם, אז עס קומט שבת, יום טוב, טוט זיך א נאש־בראט די קאפאטע אן, שמירט די שטיוועל מיט אויל אויס און האלא אין דער חברה.

פיער לאנגע טישען, דריי לייכטער אויף דעם טיש, איך זאל אזוי לעבען. אין מיט׳ן חברה האסטו דיר איין „אלמעמער״, זאג איך דיר א נייעס, א צאצקע. אליעזר דער סטאלאר האט איהם געמאכט, 5 קארבווינעס קאסט ער, חלעבען. טאקע דאס ארון קודש׳ל הינקט אביסעל צו, מילא, וואס קען מען מאכען, ברודער, אז גאט גיט אונז ניט מען איהם... ווערט מען זיך אם ירצה השם פאר׳ן „אלמעמער״ אויסצאהלען.

— אם שוין, אט שוין — זאגט מאמע — ווארט, זאג איך. „עבדים היינו". און מאמע הויבט אָן צו זאָגען, ער גענעצט, ער הויבט אָן צו דרעמלען. יענטע גיט איהם אַ ריס — מאמע גיט אַ קוק אויף איהר און זאָגט ווייטער.

ער גיסט ווידער אָן אַ כוס און זאגט:

— טרינק, יענטע, טרינק.

— און אפיקומן? — רופט יענטע.

— אפיקומן, אפיקומן — ברומט מאמע — ווארט נאָר, יענטע. היינט אַ יאָהר, ווארט ווי וועט מען איהם אַ נאָמען געבען, איין נאָמען זאָל זיין נאָך כּיין טאטען, איין נאָמען נאָך דיין מאמען. יא, יענטע. יא, — ער נעהמט זי ארום און זאָגט ווייטער: יענטע ער וועט אוועק־געבען דעם אפיקומן, כאַ, כאַ, כאַ, הערסטו יענטע?

ער קושט זי.

— אָבער דער סדר, אַ חורבן. אַ איד זאָל אזוי דעם סדר אָבריכטען, בייזערט זיך ליעבליך יענטע.

מאמע זאָגט ווייטער די הגדה, טרינקט נאָך אַ כוס און הויבט אָן צו דרעמלען. יענטע וועקט איהם יעדעס מאָל אויף — דער קאָפּ זיינער פאלט ווידער אראָב. זי הויבט אויך אָן צו דרעמלען.

צו דער צווייטער סדר־נאכט האָט יענטע שוין נישט געלאזט — זי אליין האָט אריינגעבראכט דעם שאַכאטשאָווער בחור, געגעבען איהם צו עסען, ער זאָל דעם סדר אָבריכטען.

אָבער מאמע האָט דערפון פּערדרוס געהאט.

---

# אונזער חברה׳לע.

מיר זיינען אריכע חברה־לייט, מיר ווילען זיך נישט שעמען, וואַ־סער־טרענער פּשוט׳ע, אונזער חברה׳לע איז ארים. און אונזער ספר־תורה׳לע איז ארים. נישט געפּוצט, נישט געשמוקט, אַ פּשוטע.

אַ גאנצע וואך זיינען מיר דאך פערנומען, ארבייטס־מענשען... צרות איבער׳ן קאָפּ. אָבער שבת, זעהט איהר, דארט אין די חברה... אונזער חברה׳לע, אונזער ספר תורה.

ער האָט אויסגעטרונקען און געגעבען דערפון יענטע'ן.

דערנאָך האָט ער זיך ווייטער צוריק אנידערגעזעצט, ארייגעקוקט אין דער הגדה.

— יענטע, בויג זיך אויך אריין, יענטע, — זאָגט ער צו איהר — רוק זיך אביסעל צו.

זי האָט זיך צוגערוקט צו איהם.

— איצט וועלען מיר, יענטע, ביידע אויפהויבען דעם טעלער. יענטע האָט אויסגעשטרעקט איהר האנד, זי איז רויט געוואָרען — און קלעהרט ביי זיך: „ווי קום איך צו דעם ?"

— אַ קשיא, ווער וועט פרעגען די פיער קשיות, זאָגט ער צו איהר.

יענטע שווייגט.

— אָבער היינט אַ יאָהר, גיט מאָטע אַ ווינק צו איהר, און נעהמט זי אָן ביי דער האנד. אהא יענטע — ער ווינקט צו איהר און לאכט.

— אַ חורבן נאך דיין פּנים, ווי דו ריכסט אָב דעם סדר — זאָגט צו איהם יענטע.

— האָסט דו אַ זאָרג — זאָגט ער צו איהר, — האָסט אַ געשעפט מיט דעם, מצות איז דאָ, קניידלאך אויך, אריין מיט דער גרולה.

— און די הגדה ?

— מען זאָגט דאָך דאָס שפּעטער, נאָכ'ן עסען. ווייסט דען גישט ?

יענטע שטעהט אַ וויילע קלעהרענדיג, וואָס מען טהוט : צי דער־לאנגען דאָס עסען אָדער ניין. זי צווייפעלט, זי זאָל פאָלגען דעם מאַן אָדער נישט.

— נו, וואָס שטעהסטו ? — גיט אויף איהר מאָטע אַ געשריי.

יענטע האָט איהם געפאָלגט און זיי זיצען ביידע און עסען.

— און איצט — זאָגט מאָטע — ווארט נאָר, ווארט נאָר, כוסות. ווען טרינקט מען די כוסות ?

— וואָס פרעגסטו מיך — רופט זיך יענטע אָן דערשראָקען.

מאָטע גיסט אָן צוויי כוסות.

— טרינק, יענטע, — זאָגט ער, — טרינק, אזא יאָהר אויף מיר ווי אַ ווייבעל דו ביזט.

ער נעהמט זי ארום.

— די הגדה, די הגדה, — שרייט יענטע.

אויף איהם פינקלען זיך די צוויי אויסגעפּוצטע מעשענע לייכטערלאך. וואס זיי האבען גערופען „דרשה־געשאנק", דריי מצות צוגערעקט מיט א ווייס טישטיכעל, אויף זיי א טעלער מיט שאר־ירקות; מאמע זיצט אויפ'ן בעט אנגעטהאן אין זיין נייע כאלאטעל, אין א ווייסען קיטעל. זיין דיק גערויכט זעהט אויס ערדלער און פיינער. יענטע, זיין ווייבעל, זיצט ביי זיין זייט, א שעהן יונג ווייבעל, רויטע פלאמענדיגע באקען, איינינגע שווארצע האהר קוקען ארויס פון דעם ווייסען הייבעל. וואס בע'חן'ט איהר פנים. זיי ביידע זיצען עפּעס מיט שרעק. זיי שפּי־רען ביי זיך, אז זיי געהען טהאן א זאך, וואס זיי זיינען נישט ראוי דער־צו. פון דערווייטענס זעהט מען די ווייסע נייע פאַרהאנגען. וואס בע־הענגען דאס פענסטער, און די צוויי רויטע פאפירענע בלומען. וואס זיינען אריינגעשטעקט אין זיי. איינינגע אבגעפּוצטע בלעכליך מיט פּא־פירענע בלומעלאך הענגען אויף די ווענט. דאס שענקעל קוקט ארויס. זעהט אוים ווי עס וואלט דא געווען א היימישער וואס פיהלט און לעבט מיט מענשען. די נייע אויסגעפּוצטע גלעזלאך, וואס שטעהען אויפ'ן קאמאד און פינקלען זיך צום שיין פון די צוויי ליכטלאך, וועלכע ברענען אין דעם פאפירענעם לייכטערעל אויף דער וואנט, זעהען אוים יום־טוב'דיג. אלץ איז איבערגעצויגען מיט א יום־טוב'דיגען גייסט.

פאר מאטען שטעהט אן אנגעגאסענער כוס, אין דער האנד האלט ער די נייע הגדה.

ער ווארפט א בליק אמאל אין דער הגדה, אמאל אויף יענטען. ווי ער וואלט פרעגען איהר אן עצה, וואס מען טהוט, ווי הויבט מען אן, ווי לאזט מען אוים.

מאטע ווייס, אזוי געדענקט ער נאך, אז מען דארף דעם כוס אויס־טרינקען, אבער ער שעהמט זיך, ער קאן נישט.

— מאטע, מאך קידוש — רופט זיך יענטע אן דערשראקען און ווערט ווייס. וואס זי, א פּראסטע אידענע, זאגט א דעה אין אזעלכע הויכע ענינים.

מאטע האט אראבגעלאזט זיינע אויגען אין דער הגדה אריין, גע־מורמעלט עפּעס מיט די ליפּען, און צוגעהמענדיג דעם כוס צום מויל האט ער נאך אמאל געווארפען א בליק אויף יענטען, ווי ער וואלט זי דערמיט געפרעגט, אויב עס איז גוט אזוי.

— — — — — — — — — — — —

עס איז ערב פסח, דער ערשטער פסח, וועלכען מאטע פראוועט אליין ווי א בעל־הבית.

מאטע האט זיך שוין אנגענרייט מצות, זיי זיינען שוין אין קארב אויפ'ן בוידעם, אפילו מיט זעקס מצה־שמורה צו די צוויי סדר־נעכט. דאס פעטע בארשט שטעהט ביים אויוועז, עס איז בערעקט מיט א ריינעם שירץ, דאס בעט שטעהט שוין ביים טיש, חרוסת האט דאס ווייב אויך שוין געמאכט, אלעס איז שוין גרייט.

דער שניידער האט איהם שוין אבגעבראכט דאס כאלאטעל, וואס ער האט זיך געמאכט אויף יום טוב, אויך דער ווייב האט ער געקויפט א פאר נייע שיך, א נייעו שייטעל, — א קלייד האט זי נאך פון דער חתונה.

מאטע האט זיך געלאזט אבשערען, געוועז אין מקוה, געקויפט זיך א ניי קאשקעטיל און א נייע הגדה, ווי א בעל־הבית.

נאר איין זארג האט ער: ער ווייסט נישט וואס צו טהאן.

אלע יאהרען איז עפעס אנדערש. און אנדער זאך. ער וויל סט פערגעסען.

קיין גרויסער בריה אין די קליינע אותיות'לאך איז ער נישט. וואס טהוט מען מיט'ן סדר אבריכטען?

אריינגעהמען א בחור ווילט זיך איהם נישט. איינס, ער וויל אליין זיין בעל־הבית, אליין זיצען אויפ'ן הסב־בעט, און ער וויל אויפהויבען מיט'ן ווייב די קערה, און ער קאן נישט ליידען, אז פרעמדע קוקען איהם אין שיסעל אריין.

ער האט זיך שוין געלאזט געהן אין בית־המדרש אריין נאך א בחור, אבער ער קאן נישט.

אבער וואס טהוט מען מיט'ן סדר?

נייז, וואס עס וועט זיין, דאס זאל זיין, מען וועט זיך אן עצה געבען.

---

פסח אויף דער נאכט.

א קליין אויסגעווייסט שטיבעל, די פיער ווענט זעהען אויס, ווי זיי וואלטען זיך פריינדליך צוזאמען בעהעפטען צו שיטצען דאס קליינע חדר'ל; אין מיטען שטוב שטעהט א קליין ווייס בערעקטער טיש.

ווער ווייס צו מאַטע וואָלט חתונה געהאַט. ווען עס וואָלט זיך נישט פּלוצלונג געמאַכט אַזאַ מין מעשה.

יענטע פייגע, דער קרעמערקע׳ס טאָכטער, איז אַ כלה געווען פאַר אַ שוסטער־יונג. נאָר 2 טעג פאַר דער חתונה האָט דער חתן צוגענומען די 400 גילדען וואָס מען האָט איהם געגעבען נדן, און דער כלה׳ס גאָל־דענע אויערינגלאַך און האָט געמאַכט ויברח. אַלץ איז שוין געווען אָנ־געגרייט, די גאַנצע חתונה פאַרטיג, און דאָ מאַכט זיך אַזאַ מעשה. האָט לייזערקע שדכן דערצו זיך גענומען און דורך די צוויי טאָג איז מאַטע געוואָרען חתן און מען האָט מאַטען געפיהרט צו דער חופה.

און זיצענדיג אויף דער נאַכט נאָך דער חופה אויבען אָן, אָנגע־טהאָן אין אַ שעהנע קאַפּאָטע, קוקט זיך מאַטע ארום און לאַכט אין זיך: „ווי הייסט דאָס, ווי קום איך דאָ אַהער? בין איך טאַקע מאַטע, אָדער איך, מאַטע, בין גאָר אַן אַנדערער?״

און מאַטע האָט חתונה געהאַט.

נאָך דער חתונה איז מאַטע געוואָרען גאָר אַן אַנדער מענש, ווי מען וואָלט איהם גענומען און גאָר אין גאַנצען איבערגעמאַכט מיט דער האַנד.

מאַטע זיצט אַ גאַנצען שבת אין דער היים און זינגט „ברכי נפשי״.

אין דער וואָכענס ארבייט מאַטע עפּעס מיט מעהר פלייס, מיט מעהר לוסט. עס קומט אויף דער נאַכט, פיהלט ער עפּעס אַ בענקעניש אַהיים צו קומען, און גיט נאָך אַ שמיץ די פערדלאַך, אַז זיי זאָלען פלינקער געהן.

שבת, פרייטאָג צו־נאַכט, ווען מאַטע זיצט ביי זיין ווייס געדעקטען טישעל, קוקט ער זיך ארום אויב עס איז נישט ווער דאָ אין שטוב אַ העכערער פון איהם, און ער קאָן דאָס גאָר נישט פערשטעהן, אַז דאָס איז אַלץ זיין, אַז דאָס זיצט ער ביי אַ געדעקטען טיש און ער אַליין איז דאָ בעל־הבית. און ער זיצט ווי אַ פרעמדער, ער האָט זיך מורא אַ ריהר צו געבען.

מאַטע האָט שוין אוועקגעוואָרפען אַלע שטותים, ער מישט זיך שוין נישט אריין אין די חברה „וואָהלע יונגען״, עס געהען איהם די נאָ־רישקייטען נישט אָן. און ווען ער זעהט איינעם פון די היינטיגע חברה, קוקט ער אויף איהם מיט אַ שמייכעל. ווי ער וואָלט זאָגען: ער איז מיר אויך אַ „וואָהלער יונג״.

און מאַטע נויט, אַז אַלע יונגען און מיידעל, וואָס געפינען זיך אין שטעטעל, זאָלען איהם צאָהלען חודש־געלד, אַז נישט ווייזט ער דעם בלייענעם קנאָפּ, וואָס איז אויף זיין זעלנערישען פּאַשעק.

דאַרף זיך אַ יונג שלאָגען מיט׳ן צווייטען, קומט מען צו מאַטען און מאַטע גלייכט אויס: מען מאַכט אַ סעודה און עס ווערט ווייטער גוט, מיט איין פּייף אין די אויגען פיהרט ער אַלעס אויס.

און מאַטע געהט שפּאַציערען שבת נאָכ׳ן עסען אין די גאַסען פון שטעטעל. ער קוקט אויף אַלעס, אויף די הייזער, אויף די געוועלבער, מיט גאוה, ווי עס וואָלט הייסען: אַלעס איז מיין. איך האָב זיי אַלעס איינגעטהיילט. דעם אַ הויז, דעם אַ געוועלב, און זיך זעלבסט האָב איך מיר גענומען דעם שטאָהל.

פון איין זאַך האָט מאַטע פערדרוס — פון די מיידלאַך אין שטעטעל. אַלע רעדען מיט איהם, אַלע פרעהען זיך מיט איהם, נאָר ער ווייס, אַז דאָס איז געמאַכט, נישט אמת. מען האָט נאָר מורא פאַר איהם. אַלץ איז נאָר אויס מורא, ווייטער גאָר נישט.

און אַמאָל שבת נאָכ׳ן עסען, ווען דאָס גאַנצע שטעטעל איז געווען פערשלאָפען ווי אין אַ שבת׳דיגע נאַכט, האָבען זיך אַלע מיידלאַך מיט די שניידער־יונגען צוזאַמענגענומען ביי שרה ביילע׳ן די אויבס־הענדלערין און האָבען געמאַכט אַ טענצעל. מן הסתם אין דער ערשטער געווען מאַטע, ווארים אַז נישט ער, וואָלט דער שמש ניט געלאָזט. הכלל עס וואָלט גאָר אָהן איהם זיך נישט אָנגעהויבען.

נאָר אין מיטען בעסטען טאַנצען פאַלט מאַטען איין און ער יאָגט זיך אַרום די יונגען און די מיידען. ער פעריאָגט אַלעמען און לאָזט זיי נישט טאַנצען, און דוד׳קען, דעם קאַמאַשען־מאַכער האָט ער צו׳הרג׳עט. פאַרוואָס — ווייס קיינער נישט. דאַכט זיך, ער האָט דאָך פונקט גע־טאַנצט ווי אַלע.

נאָר ער האָט זיך געפּיהלט עפּעס נישט היימיש. ער איז דאָ פרעמד אין גאַנצען, טאַקע אַלע מיידלאַך לאַכען צו איהם פריינדליך, אַלע רעדען מיט איהם ליעבליך, אָבער עס איז ניט ווי צו דוד׳ן: צו דוד׳ן עפּעס זיינען זיי פריינדליכער און צו איהם איז בלויז מורא: מען וואַרפט דעם הונד אַ ביינדעל, ער זאָל נישט בילען. אַזוי האָט עס אויסגעזעהן ביי איהם.

— — — — — — — — — — — —

פערשטעלט מיט צוויי ברעטער, דאָרט, דאכט זיך איהם, איז ער געבאָ־רען געוואָרען און דאָרט וועט ער שטאַרבען.

דעם פאָטער געדענקט ער לחלוטין נישט, נאָר די מוטער'ס בילד שוועבט איהם אפטמאָל פאַר די אויגען ווי א שיין פון א קליין גראָ־שענדיג ליכטעל, וועלכע ווערט באַלד פערלאָשען: איהר אלט פער־קנייטשט און פערזאָרגט פנים זעהט ער, ווי אין א חלום, מיט דעם הייבעל, וואָס איז פעסט איבערגעצויגען ביז איהרע האַלבע אויערען.

און זייט ער געדענקט, געדענקט ער נאָר דעם שטאַהל און די שימלען.

דאָס זיינען זיינע בעסטע פריינד. איז איהם עפּעס אמאָל שווער אויפ'ן הארצען, נעהמט ער ארום דעם שימעל'ס האַלז און קוקט אין דעם פערד'ס גרויסע פערגלעזערטע אויגען, און איהם דאכט זיך, אז דאָס פערד פערשטעהט איהם און עס בעדויערט איהם, קוקט אויף איהם מיט א מינע ווי עס וואָלט זאָגען: א רחמנות אויף דיר, מאָטע, ביזט אַ גוטער ברודער.

און אויך מאָטע פערשטעהט גוט די פערד. מיט א קוק אויף זיי ווייס ער, וואָס עס פעהלט זיי. „אהא, מיינע קינדערלאך זיינען מיר שוין הונגעריג, נאָ, נאָ, פּיעטשטשעט אייך נישט".

וויפיעל יאָהר מאָטע איז אלט ווייסט קיינער נישט, אויך ער אליין ווייסט נישט. ער האָט קיינמאָל וועגען דעם גאָר נישט געקלעהרט, און אלע וואָס קענען איהם מיינען, אז מאָטע איז שטענדיג געווען אין דעם עלטער, תמיד געוועזן אזוי הויך, תמיד געהאָט א געשטופּעלטען פערברענטען פנים ווי א לעדער. דאָס פּנים מיט די הענד זיינע האָבען איין קאָליר. אָנגעטהאָן געהט ער סיי זומער, סיי ווינטער איז דער אייגענער סערמיאַנקע, וואָס מען קאָן נישט בעצייכענען וואָס פאַר אַ קאָליר זי האָט, נאָר אין שטיוועל קאָבעט ער זיך, איבער די גאַנצע פּיס ביז אויבען ארויף מוזען די כאַליאַוועס דערגרייכען, און אייזערנע פּאָדקאָוועס מוזען זיי האָבען, עס זאָל קלאַפּען איבער די שטיינער.

אלע האָבען מורא פאַר מאָטע'ן, אפילו דער דאָזאָר מיט'ן גאַנצען כלי קודש. און ווען מאָטע שטעהט ביי דער טהיר אין שוהל און זעהט דעם דאָזאָר, גיט ער אַ ווינק מיט די אויגען, מאַכט ער מיט'ן מויל „פּסס", ווי ער וואָלט זאָגען: „קוקט נאָר אָן דעם, איהר זאָלט מיר לעבען".

וויינען מיט א קול. און יוסעלע צולאזט זיך מיט א קוויטש. ער שטעהט אויף די הויכע טרעפלאך וואס פיהרען צום ארון־קודש, ביי איהם ר' ישראל קוביל דער דאזאר, וואס האט געהאט „פתיחה" און גלייך איז ער דענסטמאל צו איהם און ער זינגט זיך און צוגיסט זיך אויפ'ן קול. ארום איהם, די בעל־הבית'שע אידישע איגנעלאר, מיט נייע יום־טוב'דיגע קאפאטקעלאך, וואס דער שמש האט ניט די העזה זיי פון אויבען־אן אראב־צו־יאגען. און זיי קוקען מיט קנאה אויף יוסעל'ס הוי־קער, און יוסעלע שטעהט און ווינקט אראב צו זיי מיט גאוה, זינגענדיג „וחיל ורעדה יאחזון". און דאס קול'כעל צוגיסט זיך און קוויטשעט און קוויטשעט וואס אמאל וויינענדיגער און הארץ־רייסענדיגער, אזוי, אז עס דאכט זיך, אז דאס העלזעל ווערט וואס אמאל מעהר איינגעצווי־גען און איינגעצויגען...

---

נאר קוים איז נאך ימים נוראים, ווען יוסעלע וואלגערט זיך ווייטער ארום אין דער גאס ווי א ווערימעל און קוויטשעט זיך פאר זיך און קיינער הערט איהם נישט, דאמאלס וואונדערט זיך נישט איין דורכ־געהער: עס איז דאך נאר יוסעלע געוועזען, דער יוסעלע מיט דעם קוויטשענדיגען קול'כעל און פארוואס ווייגט מען אזוי, פארוואס?

יוסעלע שפרינגט אונטער, דאס הויקערעל טאנצט מיט; עס ווינקט: „מי לחיים ומי למ־ו־ת".

---

## די ערשטע סדר נאכט.

מען רופט איהם מאטע. ער איז א פוהרמאן.

און מאטע האט נישט אויף דער וועלט און נישט אויף יענער וועלט קיינעם, אויסער די צוויי ווייסע שימלען, וואס ער טרייבט זיי אן.

זיין היים איז דער שטאהל, זיין גאנצע פאמיליע זיינען די שימ־לען.

יוער ער איז, פון וואמען קומט ער ארויס, נישט ער, נישט פרעמדע ווייסען דאס. דארט אין שטאהל, אין א ווינקעלע אויף א בינטעל היי

א טהיר איינגעקוועטשט, און עס פאלט רענסטמאל אז אזא רחמנות און אזא אימה, אז מען האט מורא טאקע, אז דאס העלזעל זאל נישט צווישען דער טהיר בלייבען אבגעווארגען...

א גאנץ יאהר איז אט דאס אינגעל גאר קיין גרויסער מורנו נישט. ער וואלגערט זיך אין געסעל ארום, ווייל עס איז א לעבעדיג נפש'ל, און קאן זיך קריכען. מען צוטרעט עס נישט מיט די פיס, ווייל עס איז העכער פון א ווארים און קאן קוויטשען, ווען מען טרעט איהם אן... זיצט ער זיך, פאר נאכט למשל, אויף דער ערד, ווען ער האט שוין פון דער מאמע'ס קיך א שטיקעל ברויט אוועקגע'גנב'עט און האט מורא אהיים צו קומען, און זינגט זיך א מעשה „ווי דער גראף איז אין וואלד נעגאנגען". אין געסעל זיינען נאר בלויז ווייבער דא, און פאר ווייבער האט אפילו אזא יוסעלע נישט קיין מורא.

גיט מען אבער דעם ערשטען בלאז מים'ן שופר און דאס שטעד־טעל ציטערט, ווערט אזא מין יוסעלע מיט איין מאל פון א ווערימעל א מענש, דאס איז זיין צייט. דער חזן פון דער שוהל קומט זיך בע־טען און סוד'עט זיך מים'ן טאטען. און יוסעל שפרינגט דאמאלס אונטער אין דער גאס פרעהליכער און קוויטשעט אויס א טרויעריגען „מי לחיים ומי למות".

און גאר א גאנצער „מאכער" איז יוסעל ראש השנה ביי ונתנה תוקף. דער חזן וויינט אב די ווערטער, די משוררים האלטען מיט. לייבעל בעמנער, דער באס, גיט א „קלאפ" מיט דעם אנגעצויגענעם גארגעל, און די גאמבע ווערט טאפעלט, און דער באס גיט א קלאפ בא־א־א־ם. דאס אליין הויבט זיך גאר נישט אן. דער חזן גיט א וואונק צו קראפלען, א ניעדריגער יונג מיט א געשוואלענער באק, אין א ווײ־סען גומענעם קראגען. פון פופצעהן יאהר א יונג! וואו האלטען זיי די חברה? זינגענדיג: מרא־א־א־א, לא־לא־לא־א. קראפעל גיט איהם אן ענטפער אב זינגענדיג. דעמאלס גיט דער חזן א וואונק יוסלען און יוסעלע גיט א קוויטש: „וקול דממה דקה ישמע" און'ס דאכט זיך דענסט־מאל, אז אט איז דאס מלאך'ל פון הימעל אראבגעפאלען מיט'ן קוויטשענ־דיגען קול און באלד הערט זיך דערנאך א כליפען פון דער ווייבער־שוהל. „נעהם זיי" — ווינקט ער צום בעמנער, און יוסעלע גיט זיך א רוף אן אזוי, אז דאס הויקערעל גיט זיך א קארטשע איין „ומלא־א־א־כים יא־חא־פא־א־זון". דאמאלס איז די מעשה ריכטיג — די ווייבער

# אַ משורר׳ל.

אין גאנצען שטעדטעל האָט געקלונגען יוסעלע פייגעלע. דער פאָטער איז אַ מאַלאַרזש, אַ איד אַ הויכער און אַ דאַרער, מיט אַ לאַנגע, קאַלטענעוואַטע באָרד, וואָס קוקענדיג דאַרויף איז מען זיך פון עפּעס מיאוס: בחנם אַ קאָם אין די האָהר אַריינצושטעקען, בחנם... אַ מאַ־לאַרזש איז ער, פון די העלע הויט איז ער אַ מאַלאַרזש געוואָרען. און אַזוי איז ער שוין פון לאַנג. פאַר יעדע שטוב האָט ער אַ בעזונדערען דעסען; די דעסענס לאָזט ער זיך נישט ברענגען פון וואַרשע, נייז, זיינע אייגענע מעשי ידיו, אליין שניידט ער זיך זיי אויס. זיצט ער ביי־נאַכט, איינער ביים טישעל, דאָס לעמפּעל רויכערט זיך פאַר איהם, און אַרום איהם איז פינסטער און טרויעריג און עפּעס אַ וואַרימקייט געהט אויף אין די אַרומיגע פינסטערניש. און ער זיצט זיך, לייזער אַדלער מאַלאַרזש, און שניידט זיך אויס מיט זיין מעסערעל אַ דעסען מיט פליגלען פון פויגעלאך און מגן־דוד׳לאך אַרום. ער זיצט און שניידט. דאָס לעמפּעל צאַנקט. דאָס ביסעל ליכט ווערט פערלאָרען אין די אַרומיגע פינסטערניש, און אַזוי זיצט ער און שניידט נאָך. מיט אַמאָל ווערט ער געוואָהר, אַז עס איז פינסטער אין שטוב, כאַפּט ער זיך אויף און וואונדערט זיך עפּעס; דער וועג פון טישעל צום געלעגער איז איהם גוט בעקאַנט, וועט ער אין אַ מינוט שפּעטער אין דער פינ־סטערניש פערהוילען.

אַ זוהן׳דעל האָט ער, יוסעלע הייסט ער. אַ קליינס איז ער, אַ מאַגערער און אַ דאַרער. די דינע האַלז הענגט נאָר אַזוי זיך אויף אַ געלעלכטער׳ל... און, כ׳לעבען, עס איז אַן אימה, אַז מען זאָל נישט צו־געהן און עס אָוועקשנעלען. הינטען אַ האָרב אַ שפּיציגען, וואָס דאַכט זיך, אַז עס האָט אין זיך אַריינגענומען דעם גאַנצען אינגעל׳ס קער־פּער׳ל און אַ פּנים׳ל מיט צוויי דאַרע ביינדעלאַך, און די שוואַרצע גרוי־סע פולע אויגען, דאַכט זיך, סקאַליטשען זיך צווישען די צוויי שפּיציגע ביינער. און אַ הויכען שטערן, און די האָהר ווי ביי אַן אַלטען אויס־געקראַכען. און דאָס אינגעל האָט אין זיך אַן אייגענשאַפט, אַז עס גיט אַ קוויטש, דאַכט זיך, אַז עס האָט וועד זיין דאָר העלזעל צווישען

— אַ טייך הינטען האָבען מיר אונזער ירדן, אונזערן ליעבען ירדן. וואָס פליסט אין מיטען לאַנד, דאָרט... ביי זיינע ברעגען האָבען אידען די ערד בעאַרבייט און געקוקט אין זיין וואַסער, ווי עס פליסט זיך ווייט...

— ווי עס פליסט זיך ווייט, אַזוי ווי אונזער וואַסער דאָ...

— אונזער וואַסער, רעדט דער אייניקעל, פּרעמד איז עס, זייער וואַסער, דאָ האָט אידיש בלוט גערונען — הינטען, ווייט אין ארץ ישראל האָבען מיר אונזער אָרט, מיר בענקען דערנאָך.

— ווייט אין ארץ ישראל, — ברומט דער אַלטער, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ און קוקט ווייט.

דאָרט אַביסעל ווייטער, אין'ם זייט פון דאָס שטעדטעל, ביים ברעג, ווייזט זיך דאָס „בית־עלמין" אַרויס. דאָס צוימעל איז אין דער ערד איינגעזונקען. עס ווייזען זיך נאָר אייניגע מצבות מיט אייניגע בוימער, וואָס שטעהען אויפ'ן באַרג. אין מיטען דער דאַך פון אוהל, דער הייליגער רבי ליגט דאָרט בעגראָבען. און אָט נאָכ'ן אוהל ווייזט זיך אַ שפּיץ מצבה אַרויס, און קוקט זיך שטום צו, ווי דאָס וואַסער רינט — דעם פאָטער'ס מצבה, דאָרט ביי דעם קבר איז אַ שטיקעל אָרט איינגעצוימט, אַ קבר שוין פאַר זיך. ביים פאָטער'ס קבר אָנגעגרייט...

דער אַלטער וואַרפט אַ בליק ווייט, דאָס וואַסער אײַלט אַוועק.

דאָ ביים ברעג וועט ער ליגען, אין דער ערד בעגראָבען, שטענדיג... זיין מצבה וועט שטעהן, צו קוקען זיך צום וואַסער, אַ שטומער שכן, און דאָס וואַסער וועט ווייט, תמיד אַוועקשווימען...

— מיין קינד, — זאָגט דער אַלטער אויפהויבענדיג זיך פון אָרט — דו ביזט יונג, קענסט נאָך אַלין מיט דיינע אייגענע אויגען זעהן... אין מיין קינד, בין צו אַלט שוין, עס ווינקט דאָס קבר צו מיר... פערפאַלען. זיך מוזען נאָר בענוגען לאָזען מיט גלגול מחילות...

— אַלטע, טויטע נשמות, אין דער מדבר וועט איהר פאַלען, גלות־קנעכט, דער יונגער דור וועט קיין ארץ ישראל קומען, ברומט דער יונגער אונטער פאַר זיך.

דער אַלטער האָט מיט'ן קאָפּ צוגעשאָקעלט, ווי ער וואָלט מסכים געווען; אַזוי, מיין קינד, אַזוי...

ער קויפט יעדעס יאָהר די שעפסען־וואָל — דאָרט, אז מען פאָהרט אויפ'ן וועג זעהט מען דאָס גאנצע שטעדטעל ארויס, עס שטעהט אויפ'ן בארג און קוקט אריבער איבער'ן וואסער...

און ער הערט ווי דער אייניקעל דערצעהלט ווייטער מיט א שטי־לען טאָן:

— אונזער הייליגע ערד, זעהסט זיידע, אויפבליהען וועט זי ווייטער, אונזערע ברידער בעארבייטען זי מיט זייער שוויים און בלוט.

און דער אלטער קוקט אויפ'ן ברעג — א וואָל קלאַפּט אויף די שטיינער.

דעם שטעדטעל'ס וואסער... פון שטענדיג אַן גיסט עס זיך אזוי... דאָרט ביים ראָוו איז זיין ליבישעל דערנסטמאָל דערטרונקען געוואָרען. לייבישעלס גוף איז מיט דעם וואסער געוואָרען אויסגעמישט, זיין קבר איז דאָ, א שטיק וואסער איז לייבישעל געוואָרען, א כוואַליע... און עס דאכט זיך, אז יעדע כוואַליע וואָס קלאַפּט אויפ'ן ברעג איז לייבישעל... לייבישעל מיט זיינע חברים שווימען דאָרט ווייט... ווייט... טהיילמאָל ברומט עס אזוי. עס דאכט זיך, אז לייבישעל'ס וויינענדיגער קול... אַט קלאַפּט א וואָל, זי פאַלט אויפ'ן ברעג, לייבישעל גריסט און ער שווימט שוין אוועק... ווייט... דאָרט רייזט עס...

דער אלטער ווארפט א בליק אויף דעם אייניקעל — עס ברענט א פלעמעל אין זיינע אויגען — דאָס הארץ קלאַפּט אין איהם, זיין קול ציטערט... און ער דערצעהלט שטיל ווי א יונגער העלד, וואָס וואָלט ערשט פון דער מלחמה צוריק געקומען:

„אויף די פעלדער דאָרט אין ציון שטעהען אונזער ברידער — עס הערען זיך שוין אונזערע געזאַנגען.”

— און ווי זעהן אויס דאָרט די פעלדער — פרעגט דער אלטער — אזעלכע ווי דאָ ארום? די אייגענע תבואות?

— ווי אַט דאָ ארום, חזר'ט איבער דער אייניקעל. אונזערע פעל־דער, רעדט ער מיט היין, דאָרט בעארבייטען אונזערע ברידער די פעלדער, די זאנגען וואָס וואקסען — די גרעזער, די געוויקסען האָבען אידען בעארבייט — זייער ארבייט, זייערע תבואות...

— און א טייך, דאכט זיך, איז אויך הינטען דאָ, וואָס פליסט אינ לאנד, ווי הייסט ער?

אראב. דער ברעג איז נאס... דאס וואסער לויפט מיט א געבייזער: ברומט אונטער שרעקליך, ער געהט ביים ברעג — ער קלעהרט וועגען א תכלית, אויף פרנסה..., דאס וואסער קלאפט צו אויפ׳ן ברעג... און דארט ווייט לויפט א וואל, שווימט ווייט אוועק...

„הארט איז געווען דאס ערד — דערצעהלט ווייטער דער איי־ניקעל — אכטצעהן הונדערט יאהר האט מען זי נישט בעארבייט, אכט־צעהן הונדערט יאהר האט אונזער מוטער אויף איהרע קינדערלאך געווארט אויף איהרע קינדער אין גלות... אנדערע בעלקער האבען זי געוואלט צו נעהמען, בעארבייטען איהר ערד, זי האט איהרע פרוכטען, איהר בלוט פאר פרעמדע נישט געוואלט געבען... וויבט האט זי גע־וואלט זיין ביז איהרע קינדער וועלען צו איהר צוריק קומען... און עס זיינען צו איהר איהרע קינדער צוריק געקומען; און מיט דעם שוויים פון זייערע הערצער האבען זיי די ערד נאס געמאכט, און היינט איין און צוואנציג דערפער האבען מיר שוין אין ציון. אונזערע ברידער בעארבייטען שוין די ערד דארט״...

און דער אלטער זיצט און הערט.

...ציון, וואס שטעהט אין חומש, אט שטעהט דארט א איד מיט אן אקער־אייזען און בעארבייט איהר ערד — און דארט אין ירושלים שטעהט דאס בית־המקדש, אונזער בית־המקדש שטעהט נאך, איין וואנט איבערגעבליבען, די כותל מערבי... מיט בוימער... אט דא איז דער הר הבית, דאס ארט, וואס אויף איהם האט יעקב אבינו געשלאָ־פען... אזוי ווי עס שטעהט אין חומש, און גאט האט זיך צו איהם בעוויזען... דא זיינען אידען געשטאנען און האבען קרבנות מקריב געווען... עולה רגל געווען... אזוי פיעל אידען פון גאנץ ווייט קומען מיט פערשיעדענע זאכען, אזא שטויב ווערט אין די גאסען פון ירושלים... און אט שטעהט א וואנט, נאך א וואנט. אט זעה איך זי מיט די אויי־גען, אט שטעהען אידען און וויינען און בעטען דארט צו הקדוש ברוך־הוא...״

אוי, אוי... כאטש ארץ ישראל ערד אין קבר מיטצונעהמען...

און דער אלטער זיצט אויף דעם קלאץ און קוקט אין וואסער אריין, דא גיסט עס זיך, דארט זעהט זיך די הילצערנע בריק, וואס ליגט איי־בערן וואסער... און דארט לאזט זיך ווייט אוועק דער וועג, וואס פיהרט אין דעם דארף לאנקעשין, צו דעם אלטען פריץ — דארט וואו

שער, וואסערדיגער בעל־הבית; פערהארעוועט א גאנצע וואך, שבת נאכ'ן עסען מאכט ער זיך א געלעכטעריל, קיצעלט דעם ברעג, לכבוד שבת, מנוחה'דיג איינצושלאפען...

און דער יונגער מאן האט ווייטער דערצעהלט.

„פאר אכטצעהן יאהר צוריק, זיידע, איז דאס געווען. אידען פון פערשידענע פארטייען, דאקטוירים, אדוואקאטען זיינען קיין ארץ ישראל אראבגעפאהרען. אונטער זיי איז אויך געווען ר' שמואל מוהילע־ווער, און אזוי ווי זיי זיינען הינטען אראב געקומען, האבען זיי אויף די ערד געקניעט, איינגעגראבען אין איהר דאס געזיכט, איהר שטויב גע־קושט. און האבען אנגעהויבען צו וויינען, אויפ'ן פעלד, און דערנאך האבען זיי אויפ'ן פעלד מנחה געדאווענט, די ערשטע אייל ערד גע־קויפט, און די ערשטע קאלאניע געגרינדעט".

— א ווא — וואונדערט זיך דער אלטער און שאקעלט מיט'ן קאפ און קוקט אין וואסער אריין.

„ציון", אונזער ציון, „ציון" וואס שטעהט אין חומש, דארט גאנץ ווייט איז עס, א לאנד, דארט האבען אידען געוואהנט, די בני ישראל וואס שטעהט אין חומש, אט געהט זיך א וועג אוועק, מיט שטיינדעלאך בעשאטען, מיט טענענביימער בעזעצט, דאס איז דער וועג קיין „בית לחם". אט שטעהט א קבר, די מאמע רחל'ס קבר, „קבר רחל", וואס שטעהט אין חומש, יעקב אבינו האט עס געמאכט, זיינע הענר האבען דעם שטיין געלעגט, יעקב אבינו'ס הענד... און אט איז די „מערת המכפלה". א אייל אויף א אייל, וואס אברהם האט פון די בני חת אבגעקויפט, אזוי ווי עס שטעהט אין חומש פאר פיער הונדערט טאלער, דארט ליעגט אברהם, יצחק, יעקב, אונזערע אבות בעגראבען. מיט די אמהות. די הייליגע. „אוי, אוי, ווי טראגט מען זיך די אלטע ביינער אהין"...

— ציון, אונזער ציון, וואס שטעהט אין חומש — קרעכצט דער אלטער — און קוקט אין וואסער אריין.

אט גיסט זיך דאס וואסער אזוי ווייט אויס, אונזער וואסער.

...איינגעלוויין. זומער לעב... דער רבי לאזט פריהער פון חדר ארויס... פארנאכט מען לאזט זיך צום וואסער אראב. אט שטעהט א לאדקע. ער כאפט זיך ארויף. מען שטופט זיך אב... דערנאך א יונגער מאן איז ער, ער עסט קעסט — אט געהט ער ביים ברעג שפאצירען, יעשען צייט, אלץ איז אזוי טרויעריג, די בלעטער פאלען פון די בוימער

דאס אייניקעל יודעלע, איז א הויכער יונגער מאן, אנגעטהאן אין א שבת'דיגען שניט־ראק, אבגעוואקסטע שטיוועל און א בעל־הבתיש געפרעסט קראגענדעל. און דער יונגער מענש האט זיך געפלייסט צו צופאסען זיינע איילענדיגע טריט צו דעם זיידענס מנוחה'דיגען גאנג. זיין שטילער טאן און זיינע שטילע פאמעליכדיגע בעוועגונגען מיט די הענד האבען זעהר ערנסט זיין שמועס געמאכט.

טיילמאל האט א דורכגעהער א שאקעל מיט'ן קאפ געגעבען און דער „גוט שבת" האט דעם שמועס איבערגעהאקט.

זיי זיינען דורכגעגאנגען דאס געסיל, באלד אנגעקומען צו דעם וואסער, וואס פליסט אונטער דעם שטעדטעל.

א ברייט אויסגעטראטען פעלד לאזט זיך צו א וואסער אראב, דער ברעג איז מיט בעלקען, מיט זעקלאך מעהל, מיט טינטלאך נאפט בעלעגט. א וואגען אהן א פערד שטעהט, הארט ביים וואסער; אונטען אין וואסער, א הויכע בערלינקע און פון דער בערלינקע ציהט זיך א לאנגע שטעגעל ביז צום וואגען ארויף. דאס ווייזט אז נעכטען איז לכבוד שבת די ארבייט אבגעהאקט געווארען.

אידען שפאצירען זיך מנוחה'דיג נאכ'ן עסען ביים ברעג און קוקען אין וואסער אריין מיט א מינע פון רוהיגע בעלי־בתים. דארט אויף א לאדקע שטעהען פויערען און ציהען זאמד פון וואסער, דערביי געהען ווייבער שבת'דיג געקליידעט, אין גאלדענע איירינגלאך, איינע דער־צעהלט עפעס, און איהר וויינענדיג קול שלאגט אב פון דערווייטען. ווי א חתונה־געוויין. הינטען, הארט ביים וואסער וואויעווען חדר־אינגלאך ארום — און ווארפען איינס דאס צווייטע די היטלען אין וואסער.

ר' אנשעל און זיין אייניקעל האבען זיךביידע אויף א בעלקע ביים ברעג געזעצט.

ארום און ארום האט גערוהט די מנוחה פון שבת. דאס וואסער זיכערדיג זיין אין ברייטען ראם, איינגעפאסט אין ביידע זייטען ברעג, האט זיך מנוחה'דיג געוויעגט און געקיצעלט דעם בעגראזטען ברעג, זיין שכן. שטיל איז געווען אויפ'ן וואסער; די בערלינקעס און די לאד־קעס האבען זיך פון די ברעגען נישט געריהרט, און דאס וואסער האט זיך געוויענט מנוחה'דיג. איין וואל האט זיך לייכט אין די צווייטע אריינגעוואשען, אזוי ווי זיי וואלטען וויסען, אז מען טאר אין שבת קיין פסיעה גסה נישט מאכען, און דאס וואסער האט אויסגעזעהן ווי א אידי־

שעפּ פול מיט זאמד, און פון דעם ליכט טריפט דער חלב אין זאמד אריין. אויף דער ערד: אין א ווינקעל, בעהאלטען דאס געזיכט צווישען צוויי פאליצעס וואס זיינען אנגעשטעלט מיט ספרים, זיצט דער רב. טייל מאל בלאזט א ווינטעל, אימיצער שפּאצירט דורך די שטוב, ווי א שווערער שאטען, און דער רב בעהאלט דאס פנים צווישען די פאליצעס ספרים, און ער שווייגט...

אין גאס הערשט אלין די פריהערדיגע שטילקייט, די לבנה בלאנזשעט ארום אין הימעל און קוקט מיט קאלטע אויגען אויף דעם פינסטערען געסיל. אלין איז ווי עפּעס פערטרונקען אין זיך אליין. צו זיינען שוין דען אראבגעפאלען גאט׳ס צוויי גרויסע טרעהרען און האבען אלין, אלין פערטרונקען?... און עס דוכט זיך אויס, אז אויפ׳ן וועג צום בית עלמין צו שפּאנט ירמיהו הנביא איינער אליין, ער געהט צו די אבות, ער געהט זיי וועקען פון די קברים און באלד וועט זיך אנהייבען דא אין געסעל דער גרויסער וכוח.

---

## ביי אַ פרעמדער טייך.

שבת נאכ׳ן עסען. אין שטעדטעל איז שטיל ווי איינגעוויעגט צום שלאף. אויף די בענק פאר די טהירען זיצען שניידער־געזעלען אין שבת׳דיגע ווייסע קראגעלאך און ווינקען מיט די אויגען צו די דיענסט־מיידלאך, וואס שפּאצירען אנגעטהאן אין די שבת׳דיגע קליידלאך, מיט דרך־ארץ, איבער דער גאס.

ר׳ אנשיל וויינבוים, דער חשוב פון שטעדטעל, שפּאציערט זיך מיט זיין אייניקעל יודעלע איבער דער גאס, ארויס צום וואסער. די ווייסע האר ציטערט אויף דעם רויטען שנופּ־טיכעל, וואס ר׳ אנשיל טראגט אויף זיין שבת׳דיגע קאפּאטע, און די ווייסע שיטערע, לאנגע בארד, וואס בעוועגט זיך אויף זיין ברוסט, זעהט אויס, ווי זי וואלט רחמים בעטען, אז מען זאל איהר מיט א רויך נישט אוועקבלאזען.

ר׳ אנשיל איז געגאנגען פּאמעליך, נישט אזוי איבער דער עלטער ווי איבער די שבת׳דיגע מנוחה, און ער האט זיין אלטען קאפּ איינגעבויגען, אויסהארכענדיג, וואס דער אייניקעל דערצעהלט.

אין שוהל־געסעל און שווייגט. הינטערן ערגעץ וואו, פון א שפאלט פון א לאדען, לאזט זיך הערען א וויינענדיגער ניגון, וואס גיסט זיך שטיל אריין אין געסיל, עפעס ווי פאר זיך, גלאט אזוי — א ניגון אהן א פרעטענזיע, אהן א שום זאך — און ער שוועבט דורך די גאס, שווימט אוועק, און ער ווערט פערטונקט ווייט — ערגעץ אין געסיל, דארט נאך דעם ראט־הויז, אויף דעם וועג, וואס פיהרט צום בית־עולם. פון א שפאלט פון דעם רבי'נס לאדען שיינט נאך ארויס דאס שטילע יאהר־צייט ליכט, פאר א הייליגע נשמה'ס וועגען, און אינווייניג ביי'ם רבי'ן שווייגט מען. די לבנה ווארפט א קאלטען שטראהל און בעשיינט קאלט די גרויסע שויבען פון בית־המדרש; אינוועניג איז פינסטער און עס רודערט זיך עפעס אין דער שטיל. אויף די טרעפלאך פון בית־המדרש, ליעגען עפעס, מענשען, צי מתים, די קעפ פערנורעט, די הענד פערלעגט איינע אויף די אנדערע. זיי ליגען שטיל; די לבנה שווימט פערביי, ווארפט א קאלטען שטראהל אויף די ליגענדע. די שוהל איז פערמאכט. מיט דער שווערער טהיר פערהאקט, אזוי ווי מען וואלט אינוועניג עפעס וואס אריינגעכאפט און מען לאזט נישט ארויס... נאר פון א קליין פענ־סטעריל ערגעץ אין א ווינקעלע ביי דער טהיר וואו די חברה תהלים איז, שטראהלט ארויס א שוואך ליכטיגקייט. דער שיין שפיגעלט זיך אב. ווי פערטרונקען אין דער פינסטערניש אויף דעם געמויערטען קלאץ, וואס שטעהט פאר דער שוהל, אונטערשפארענדיג דעם גאניק פון דער ווייבער־שוהל. אינוועניג, אין דער חברה תהלים זיצט עפעס א מענש אויף דער ערד און ביי דער שיין פון א קליין ליכטעל קוקט ער אין אן אפען ספר אריין, און ער שווייגט...

ביי דער רביצין אין עס־צימער, האבען זיך די „בלי קודש" ווייבער פערזאמעלט. טונקעל איז אין שטוב, בעלעבט פון שאטען. און אויף דער ערד, אויסגעבעטעט מיט קישענס, זיצען ארום די ווייבער, האלטענדיג אין די ארעמס די שלאפענדיגע קינדער, און הארכען זיך איין צו דער כשר'־ער, פרומער, רביצינ'ס קול, וואס זיצט אין מיטען דעם קרענציל. אויף א שטוהל איז אויסגעשפרייט דער „צאינה וראינה" בעלויכטען פון דעם פעררויכערטען קיד־לעמפעל, און די רביצין מיט א וויינענדיגער שטימע דערצעהלט די מעשה פון חנה'ן מיט איהרע זיעבען זיהן.

אין בית־דין שטוב ביים רב, איז די איינענע האלבע פינסטערקייט. אויף דעם טיש ברענט זיך א יאהר־צייט ליכט, אריינגעשטעקט אין א

עפעס א נידריג אידעל מיט זעהר א ברייטער בארד, וואס זעהט זוים ווי צוגעקלעפט צו זיין ווייס געזיכט, כדי די דארע, בלייכע באַזען צו פערשטעלען, שטעהט אויף די טרעפלאך און בעטראכט טרויערינ דעם קונדס און עס דאכט זיך אוים, אז פון זיינע טרוקענע ליפען הערט זיך א ברום: א שווארץ וואוילטאג איז אויף איהם!

און שטיל ווערט אויך אין שוהל־געסעל. די זון איז שוין לאנג אונטער אונטער דעם ראט־הויז, אויף דעם וועג וואס פיהרט צום בית־עולם. אידען האבען זיך אלע פערזאמעלט אין שוהל, אין בית המדרש. צייטענווייז בעווייזט זיך א אידענע, וואכענדיג געקליידעט, האלט א גראב ספר אונטערן ארעם, און א ליכטעל אין דער האנד, און געהט דעם קאפ אראבגעבויגען. די נידריגע הייזלאך אין געסיל, אזוי ווי זיי וואלטען מורא האבען אליין, אהן אידען, אהן א תורה אין גלות צו שטעהן — קארטשען זיך עפעס איין און עס דאכט זיך: זיי האבען זיך צום רבינ׳ס ניעדריג הייזעל צוגעבויגען: אז עצה זיך צו האלטען ווי צו טהאן אין אזא שלעכטע צייט?

פון דעם רבינ׳ס פענסטער שיינט עפעס א שווארץ טרויעריגקייט ארוים, און עס פינקעלט א קליין ליכטעל אין דער פינסטערניש; עס דאכט זיך, אז אינוועניג מוז ליעגען א מת אויף דער ערד, צוגעדעקט מיט א שווארץ ליילאך, און א גראשענדיג ליכטעל צו קאפענס, און דער רבי פערלאזט זיין מת; ער איז אנגעטהאן אין אן אלט שטריימעל, אין אנ׳אלטער צוריסענער קאפאטע, מיט א בעטריבט פנים, אראבבויגענדיג דעם קאפ צו דער ערד, געהט ער אליין אין זאקען אויף די שפיציגע שטיינער, און ער לאזט זיך אין בית המדרש אריבער. אפשר וועט ער דארט ביי דער ערה אידען קענען א טרייסט געפינען.

אין דעם געסעל געהט זיך מאטשעק פון דער פאשע אהיים. די קיה מיט אראבגעלאזטע קעפ לאזען זיך פאראוים. און ער מיט זיין בעהעלפער דעם הונד פון הינטען, שפיעלט זיך אויף זיין פייפעל ווי נעכטען, ווי אייערנעכטען...

---

נאכט. שטיל איז דער שוהל־גאס, די לאדענס זיינען פערמאכט, די טהירען פערשלאסען, די לבנה איינע אליין, בלאנזשעט ארום אויבען אין דער הויך אויפ׳ן הימעל, איבער אונזערע קעפ, און זי קוקט אראב

כאַלאַט, אויף וועלכען עס בעוועגט זיך אַ לאַנג אויסגעצויגען פּנים, מיט געלע האָהר, אַ געלע באָרד און אַ לאַנגער בלייכער נאָז. פון אונטער די פאַלעס זעהען זיך צוויי לאַנגע פיס ארויס, אנגעטהאָן אין ווייסע זאָקען אָהן פאַנטאָפעל. און דער איד אין די זאָקען געהט, אונטערשפּרינגענדיג אַלע ווײַלע, בשעת ער טרעפט אויף אַ שפּיציגען שטיין. ער טראָגט אין דער האַנד אַ ספר'ל אָהן טאָוולען, געהט איבערן מאַרק און מאַכט אָן איינדרוק פון אַ טויט־שוהל קלאַפּער, וואָס רופט מתים אין שוהל אַריין...

באַלד בעווייזט זיך נאָך אַ איד, און נאָך אַ איד, פון יעדער הויז לאָזען זיך אַרויס קופּקעס אידעלאַך אָנגעטהאָן אין צוריסענע קאַפּאָטעס, אין ווייסע זאָקען ווי די אבלים. און אַלע לאָזען זיך צום ראָג צום שוהל־געסעל.

אין גאַס ווערט שטיל. וואָכענדיג איז אַלץ. לאַנגע, בלייכע, וואָכענדיגע אידען, נידריגע איינגעפאַלענע וואָכענדיגע הייזלאַך און דער קאַלטער וואָכענדיגער פאַר־נאַכט פון נעכטען, פון אייער־נעכטען ציהט זיך ווייטער איבער'ן שטעדטעל, און דאָך זיינען די געוועלבער פונקט ווי פּריוואָג פאַרנאַכט, פערמאַכט, עפּעס ווי אין מיטען לעבען אָבגעהאַקט געוואָרען.

און וואָס אמאָל ווערט עס שטילער און טונקעלער; אָט, דאַכט זיך, וועט אַ לויה פון זעהר אַ גרויסען רב דורך דעם מאַרק דורכגעהן...

אין מיטען מאַרק ביים ברונען שטעהען נאָך אַ קופּקעלע יונגע בעלי־בתים, טהייל בחורים, און כאַפּען דעם לעצטען טרונק פאַר'ן טענית; די עלטערע בעלי־בתים וואַרפען, נעהמענדיג די שעפּערס צו צו די ליפּען, אַ בליק דערווייל אין הימעל אַריין, צי האָט אַ שטערן זיך נישט חלילה, פלוצים, שוין בעוויזען.

און פון דער צווייטער זייט געסעל, דאָרט פון אונטער דעם ראַטה־הויז, פון דעם וועג, וואָס פיהרט צום בית־עולם, קומט צו לויפען אַ חברה קונדסים; זיי האַלטען בערעלאַך אין די הענד און שיסען איינער דעם צווייטען. פאַראויס לויפט אַ קונדס, מיט אַן אָבגעריסענער קלאַפּע פון אויבער־מאַנטעל; ער קומט אָן פאַר די בית־מדרש־טרעפּלאַך און ווינקט מיט פרייד צו די אידען וואָס שטעהען דאָרט, ווייזענדיג מיט דער האַנד אויף די אָנגעפילטע קעשענעס: פולע קעשענעס, אוי אַ לעבען!

די זון האט נאך געווארפען אנ׳אבגלאנץ אויף די דעכער פון שטעדטיל אויפ׳ן האלבען קלאץ, וואס שטעהט אין מיטען מארק (א שריד ופליט פון א צולעגטען צירק), נאך בעגילדט די שויבען פון דעם גרויסען איינפאהרהויז, וואס שטעהט אין אנהויב שטעדטעל; אין מעריב־זייט אבער האט שוין די רויט־גאלדענע זון גע׳גוסעט. און א שווערער וואלקען, וואס האט זיך קאלטבלוטיג געטראגען פון יענער זייט שטאדט, האט איהר פלאמעדיג אויג בעצויגען ווי מיט א גרויער הויט. די פיעלע ליכטיגע שטראהלען, וואס בלאנדזשען נאך אין מארק, זיינען שוין ווי דאס ליכטיגקייט פון א לאמפ, וואס מען האט איהר קנויט אראבגעדרעהט...

אין העלען טאג הויבען זיך אן אין דער גאס די געוועלבער צו פערמאכען, איינציגווייז, איינציגווייז... און יעדעס געוועלב, יעדעס געוועלב. ווי עס פערהאקען זיך נאר די טהירען, ווי עס ווערען פערשוואונדען די פערשיעדען־פארביגע שילדען און אויף זייער ארט בעווייזט זיך א שווארצער פלעק אויף דער לעדיגער מויער, — זעהט עס אויס ווי א ליכטעל, וואס ווערט פלוצים אין א ליכטיג, העל־בעלויכטענע שטוב אויסגעלאשען... און באלד נאך א ליכטעל און נאך א ליכטעל, און פינסטער ווערט עפּעס ווי א גאסט, וואס פערלאזט דעם חתונה־זאל; באלד נאך א גאסט, און נאך איינער... און עס גנב׳עט זיך אן אומעט אריין...

ערגעץ פאר א טהיר שטעהט א הויכער דארער איד, אנגעטהאן אין א צוריסענער קאפאטע, די לענדען פעסט מיט א גארטעל ארומגענארטעלט; ער פערגלאצט די אויגען און קוקט אין הימעל אריין. די דארע באקען בעוועגען זיך, ווי א ווינטעל וואלט צווישען צוויי הייעלע בלעטער געפייפט. באלד נעהמט ער די אויגען פון הימעל אוועק, און ער קוקט פרום אין מארק אריין, מיט א מינע ווי איינער זאגט: רבונו של עולם, איך ווארט אויף דיין בעפעהל... דערווייל זיינען נאך די כנסת ישראל אין די שטיבער פערזאמעלט, כאפען אריין דעם לעצטען ביסען און מאכען זיך גרייט, מיט א טרויעריג פנים, זיך צו נעהמען צו דער „איכה״. אין דער גאס איז שטיל, די הייזלאך שטעהען ארום דעם מארק און שווייגען, ווארטענדיג אויף עפּעס.

באלד טרעט ארויס פון ערגעץ א הויז א דארער, הויכער, געלער איד. זיין איינגעטריקענטער גוף טראגט זיך אין א ברייטען, ווייסען

א נאכט פריהער האט נאך דאס בית־המדרש׳ל אויסגעהערט, וואס די חדר־אינגלאך האבען געדערט איינער צום צווייטען און נאך זיי מיט זיין אלטען דאך אבגעשאקעלט.

א ווינט האט ביי נאכט געבלאזען.

פאר טאג, ווען דער שמש איז צו חצות געגאנגען דעם עולם וועקען, האט ער בעמערקט, אז דער שטראהל וואס דרינגט תמיד פון דעם בית־המדרש׳ס פענסטעריל ארויס, איז אויסגעלאשען, און געראכט האט זיך איהם, אז דאס אויג אין דעם שווארצען שטערן פון שטערטעל איז אויסגעשטאכען געווארען...

— אידען צו חצות! — האט דער שמש גערופען...

דער עולם איז זיך צוזאמענגעקומען און האבען אנגעהויבען צו טאפען מיט די הענד דאס טהירעל פון בית־המדרש׳ל...

ביי די ערשטע שטראהלען פון דער זון האבען זיי דערזעהן, אז דאס אלטע פערפוילטע דעכעל ליגט אויף די פיער שווארצע איינגעפאלענע ווענט — א האלב ספר תורה׳לע מיט אן עץ־חיים׳ל וואלגערט זיך אויף א פערפוילט ברעט.

דאס לעמפעל, דאס אויג אין שטערן איז אויסגעלאשען.

דאס „עיר מקלט" צופיהרט...

---

# תשעה-באב.

... און די כנסת ישראל האט זיך מיט׳ן הקדוש־ברוך־הוא א ברוגז׳ל געמאכט, ווי א שעהנע כלה, וואס ווארפט צוריק דעם חתן די כלה־מתנות׳לאך: גע‏ה דיר, גע‏ה. אזוי האט די כנסת ישראל אויך צוריקגעווארפען די תורה דעם בורא עולם: גע‏ה דיר אוים מחותנים־שאפט! יונגע אידימלאך, וואס זיינען אויף קעסט, און בחורים דרעהען זיך ארום פוסט און פאס. חדר אינגלאך, ווי עס וואלט שוין קיין קאנטשיג, קיין חדר, קיין רבי אויף דער וועלט נישט געווען, לויפען פראנק און פריי אין מיטען מארק ארום. און אין דעם אלטען בית־המדרש זיצט זיך די תורה איינע אליין אין א ווינקעלע און טרויערט, און האט פרעטענזיעס צו דער שכינה: אלע האבען מיך פערלאזט!

אין אַ ווינקעלע אין בית־המדרש ברענט זיך אַ לעמפּעלע, אַ נר תמיד'ל. שטענדיג ברענט עס זיך, דאָס לעמפּעלע, ביי טאָג און ביי נאַכט, סיי זומער, סיי ווינטער. ווער ווייסט וואו עס זיינען איצט די הענר, וואָס האָבען עס אָנגעצונדען?... און ווער ווייסט, וועלכע הענד וועלען עס אויסלעשען.

ביינאַכט. טויט שטיל איז ארום, אין דער פינסטערער נאַכט, און דער שטראַהל, וואָס דרינגט פון אַ שייבעל פון דעם בית־המדרש'ל זעהט אויס, ווי אַ פינקעלדיג אויג וואָלט אין אַ שוואַרצען שטערן געווען איינגעזעצט — און דאָס אויג דערצעהלט מעשיות פון לאַנג... פון גאָר לאַנג...

---

יעדען אין דער פריה, יעדען פאַר נאַכט, ווען די קינדער געהען אין חדר אריין, און געהען פון דעם חדר אַהיים, שטעלען זיי זיך אַ מינוט פאַר דעם בית־המדרש'ל אָב.

— העכער געוואַקסען מיט אַן ארבעס — זאָגט איין איינגעל צום צווייטען.

— יאָ, העכער געוואַקסען מיט אַן ארבעס — ענטפערט איין אינגעל דעם צווייטען.

די קינדער זיינען אַלטע אידען געוואָרען, די אַלטע אידען זיינען געשטאָרבען, און אַן אַנדער דור איז אויפגעשטאַנען; און ביי יעדען דור, און יעדען פריה־מאָרגען, יעדען פאַרנאַכט, ווען די חדר־קינדער געהען אין חדר און געהען פון דעם חדר, שטעלען זיי זיך פאַר דעם בית־המדרש'ל אָב, און איינער זאָגט צום צווייטען:

— העכער געוואַקסען מיט אַן ארבעס.

— יאָ, העכער געוואַקסען מיט אַן ארבעס — ענטפערט איהם זיין חבר אָב.

און דאָס בית־המדרש'ל שטעהט איינגעזונקען ביז צו די פענסטער אין דער ערד, און הערט אויס יעדען פריה־מאָרגען און יעדען פאַר־נאַכט, וואָס די חדר־איינגלאַך רעדען איינס צום צווייטען און עס דאַכט זיך, אַז דאָס אַלטע בית־המדרש'ל שאָקעלט צו מיט זיין אַלטען, שוואַר־צען, איינגעפאַלענעם דאַך: יאָ, העכער געוואַקסען מיט אַן ארבעס.

וועל, דער שטאַרט גנב, וואָס סטראַשעט אַ גאַנץ יאָהר דעם רב, אַז ער וועט צום גלח געהן שמד'ען זיך, בעהאַלט זיך אויך אַמאָל, אין אַ שלעכטע צייט, אין בית־המדרש'ל... און דאָס בית־המדרש נעהמט אַלעמען שעהן צו, נישט קשה, אויף איהרס אַ קינד... און עס לעבט זיך ווייטער מיט זיין עדה. שטאַרבט דאָס דור — קומט אויף אַ נייער דור און עס לעבט זיך ווייטער דאָס אַלטער בית־המדרש'ל מיט דעם נייען דור. און אַזוי ווייטער, און ווייטער... עס דאַכט זיך, אַז אַן אַלטע באָבע איז דאָס בית־המדרש'ל פון אַ סך אייניקלאַך, מיט אַ ברייטע שערץ, וואָס בעהאַלט אַלע איהרע אייניקלאַך אונטער איהר שערץ אַרונטער.

און עפּעס אַן איינגענשאַפּט האָט דאָס בית־המדרש'ל: קוים קומט מען אין זיינע טויערען פערגעסט מען זיך באַלד אַן דעם הונגער, וואָס מען האָט אין דער היים איבערגעלאָזט, אַלץ פערגעסט זיך דאָרט...

און יאָהרען לאַנג, און טעג לאַנג שטעהט זיך דאָס בית־המדרש'ל, און אַ דור נאָך אַ דור קומט אַריין, בעהאַלט זיך אין איהם און געהט אַוועק... יעדעס דור לאָזט אַ צייכען פון זיינע צרות אין איהם איבער: אַ יד פערזעצט, די מנורה פערקלאַפּט... יעדעס דור דערצעהלט פאַר איהם זיינע ליידען, גיסט אויס זיינע טרעהרען אונטער זיין פּרוכת, און דאָס בית־המדרש'ל, אַזוי ווי אַ ערבאַרמדיגע מאַמע שטעהט און ווישט אָב די טרעהרען פון די קינדער'ס געזיכטער.

— וויינט נישט — אייערע עלטערען האָט זיך אויך אַמאָל אַזוינס געטראָפען.

עס דאַכט זיך, אַז די טרעהרען פון יעדען דור זיינען מיט זיינע ציגעל געוואָרען צוזאַמענגעקנאָטען. דורך דעם שטעהט עס אַזוי לאַנג...

מהייל מאָל דאַכט זיך, אַז דאָס בית־המדרש'ל, שטעהענדיג אַזוי צווישען די קליינע, אָרימע, איינגעפאַלענע הייזלאַך, אין דער קליינער שטאָדט, איז עפּעס ווי אַ „מאור הגולה“, אַ ליכט אין גלות — אַ איד, מיט אַ לאַנגע ווייסע באָרד, און אַ לולקע אין מויל... אַלע הייזלאַך פערלאָזען זיך אויף איהם.. און ביי־נאַכט, שטיל איז אַרום, די לבנה אין דער הויך באָדט זיך צווישען די וואָלקענס, און קוקט זיך אין געסעל אַראָב. און דאָס בית־המדרש'ל, ווי אַן אַלטער העלד, שטעהט און דערצעהלט פאַר די אַרומיגע הייזער מעשות פון לאַנג...

בתים, יעדר זיצט אויף זיין אָרט. כ'לעבען עס פערגעסט זיך דאָך אין בית־המדרש'ל פון דעם הונגער...

אַ הויז איז דאָס בית־המדרש פאַר אַלע אידישע קינדערלאַך. אַ נאַכטלעגער פאַר אַלעמען, וואָס האָבען נישט וואו דעם קאָפּ אַנידערצולעגען; אַ דאַך פאַר אַלע אָהן־היימיגע, עס מאַכט נישט, קיין אונטערשיעד, יאָ אַ היגער, נישט קיין היגער... וואָס איז דער חלוק? היינט נעכטיגען קינדער פון אַ פרעמדען בית־המדרש ביי איהם, מאָרגען וועט דערפאַר יענס בית־המדרש אונטער זיין דעכעל זיין'ס אַ קינד ארונטערנעהמען, ווען עס וועט זיך פֿערבלאָנדזשען ווייט...

אָפען איז דאָס בית־המדרש פאַר אַלעמען, ווער עס וויל קומט אריין.

עס דערשרעקט נישט מיט זיין רייכקייט און הערליכקייט; זיינע אָרימע שוואַרצע פיער וועגט זיינען דיר זעהר היימיש, זיין שוואַרצער פעררויכענטער באַלקען זעהט דיר אויס ווי דער באַלקען פון דיין מאַמע'ס שטיבעל, דאָרט וואו דו ביזט געבאָרען געוואָרען... די ווינקעלאַך מיט שפּין־וועבעכעס, די פענסטער פערשטויבט, ביי דער מזרח־וואַנד שטעהט אַן אָרון קודש אַ אַלטס, מיט אַלטע צוויי לייבען; איבער דעם אָרון — אַ פּרוכת'ל אַן אויסגעריבענעם, מיט אַן אָבגעריסענעם שעכטין מגן־דוד'ל; ביים אָרון שטעהט אַ הויכער עמוד מים אַן אַלט פערפּעצטע מנורה, אויף דעם אַלטען עמוד זיינען מיט קרייד אָנגעשריבען די קראַנקע פון דער שטאָדט. און פון די ארומיגע פּאָליצעס מיט די ספרים געהט אַ שטויב אַרויס און לעגט זיך אין דער לופט פון דעם בית־המדרש'ל...

און אַז דער בעל־הבית קומט אין דעם בית־המדרש'ל אריין פערגעסט ער אַן דעם הונגער, וואָס ער האָט אין דער היים איבערגעלאָזט, זיינע „צרות" די ביטערע, די וואַכענדיגע פּרנסה...

און יאָהרען לאַנג און טעג לאַנג שטעהט דאָס בית־המדרש'ל און לעבט זיך מיט אין דער שטיל מיט זיין ערה אידען. אַ חדר־אינגעל אַנטלויפט פון חדר קומט ער אין בית־המדרש אריין, בעהאַלט זיך אונטער זיין קאַסטען „שמות", אַ טאַטע לויפט אַוועק פון דער הונגעריגער ווייב, פון די הונגעריגע קינדער, בעהאַלט ער זיך אין בית־המדרש'ל. עס דאַכט זיך איהם, אַז זיינע שוואַרצע וועגט טרייסטען איהם: נישט קשה, דיין טאַטע האָט אויך אַמאָל אַזוי געטהאָן... וועל־

# אידישע יום טובים.

## אַ בית־המדרש׳ל.

דאָס שטערטעל האָט זיך זיין ,,עיר מקלט׳ל", דאָס בית־המדרש׳ל. אין מיטען גאָס שטעהט עס, פיער שווארצע, פיער פערפּוילטע, ביז צו דער ערד איינגעזונקענע ווענט; דאָס אלטע שינדעל־דעכעל פערפּוילט פון רעגען — עס גלאַנצט שוין מעך אראָב פון דער הויך. און אויף די צוויי ישפין־בעוועבטע פענסטערלאך ווייזען זיך נאָך די אָבגעריבענע מגן־דוד׳לאך ארויס.

די טרעפּלאך איינגעזונקען, די טהירען שווארץ, גלענצענדיג פון די קושען פון פרומע ווייבער, וואָס לייגען די ליפּען צו דורכגעהענדיג, און פון נישט פרומע וואָס לאָזען זיך בענוגענען מיט א בלויזער האנד־אָנריהרונג.

קיינער וויים נישט ווער עס האָט דאָס בית־המדרש׳ל אויפגע־שטעלט; די אלטע בעלי־בתים, ווען זיי זיינען נאָך קינדער געווען געדענקען דאָס בית־המדרש׳ל ווי עס איז זיך אזוי שטעהן געשטאַנען ווי איצטער: דענסטמאָל אין שמחת־תורה, ווען זיי האָבען מיט די פּענער אויף זיינע פענסטער געטאַנצט.

און דאָס בית־המדרש׳ל קעהר זיך כלל ישראל אָן. יעדער איד האָט דערינען א חלק, יעדער זיידע האָט א ציגעל אין איהם איינגע־מויערט, א בעהעלטעניש פאר די שפּעטערדיגע דורות... און פאר נאכט, ווען עס ווערט טונקעל, צינדט זיך דער שמש די זעקס ליכטלאך פאר׳ן עמוד אָן. אין דרויסען איז קאַלט, אין דער שטוב זיצען ווייב און קינדער און הונגערען, אין בית־המדרש׳ל בעהאַלטען זיך די בעלי

ניט גערעדט. איהרע ליפּען זיינען שטום געווען, נור מיט איהרע אויגען האט זי אויף אלעמען מיט שטאלץ געקוקט.

און אלע האבען זיך אבגערוקט פון איהר און מיט קנאה און כבוד געקוקט אויף איהר:

די מוטער טאנצט מיט איהר זוהן, די מוטער טאנצט מיט איהר זוהן...

און אוועקגעלעגט האט זי איהר זוהן'ס קאפּ צווישען די קעפּ פון די קדושים, און אנגעצונדען מיט איהרע הענד דאס יאהרצייט־לייכט פאר איהר זוהן און אוועקגעשטעלט עס פאר דעם ארון צווישען די ליכט פון די קדושים.

ווידער זיינען אלע אידען אין דער שוהל פערזאמעלט. קיין תהילים זאגט מען ניט היינט. אויסגעזועצט זיינען זיי אלע אויף דער ערד. די שטענדערס פערדרעהט. די ליכט ברענען זיך אויף דער ערד. דער רב אין די זאקען זאגט „איכה" און דער עולם אין דער שטיל זאגט נאך איהם. מען זיצט שבעה נאך די קדושים. תליות האט מען אין מארק אויסגעשטעלט, און יעצט ווערט געטהאן זייער רעכט אין מיטען מארק. פיער יאהרצייט־ליכט ברענען זיך אין א קאס־טען זאמד אויף דר׳ערד, און ארום די ליכט זיצען שבעה די משפחות פון די קדושים און זאגען איכה. אין א ווינקעל שוהל, הארט ביי דער טהיר שטעהט אויך דאס פינפטע ליכט. זי איז ניט אנגעצונדען, און נעבען דעם זיצט די מוטער פון דעם בעל־עגלה איינע אליין. מען ווייסט ניט, צי האט איהר זוהן אויסגעהאלטען דעם נסיון און ער געהערט אויף צו די קדושים און אלע קוקען אויף איהר מיט רחמנות און פער־דראס: „אזא זוהן ערצויגען! אזא זוהן ערצויגען!"

אין דעם הערצען זיך טריט צורייטען פון דרויסען. א רייטער קומט אן צו דער שוהל, ווארפט עפעס ארונטער הינטער דער טהיר און קלאפט אן אין טהיר פון שוהל — איינס, צוויי, דריי, פיער... פינף. פינף קלעפ האט ער געגעבען. און ווי עס האט זיך דערהערט דער פינפטער קלאפ אין דער טהיר, רייסט אויף די מוטער פון דעם בעל־עגלה די טהיר פון שוהל — און הינטער דער טהיר פון דער שוהל ליעגען פינף אבגעהאקטע קעפ.

אויסגעזוכט האט זי דעם קאפ פון איהר זוהן און אויף די הענד גענומען און איז אריינגעגאנגען מיט איהם אין שוהל אריין. הויך האט זי געהאלטען דעם קאפ פון איהר זוהן אויף די הענד, ווי זי וואלט איהם דער גאנצער ערד געוואלט צייגען. א שטאלצער בליק האט זיך פון איהרע אויגען ארויסגעריסען. אראבגערוקט האט זי שוין דאס טיכעל פון איהר קאפ און שטאלץ אלעמען אין די אויגען געקוקט. אבגערוקט מיט כבוד האבען זיך אלע פאר איהר און די מאמע, מיט דעם זוהנ׳ס קאפ אין דער האנד, האט אין מיטען שוהל צו טאנצען אנגעהויבען.

לייכט און שטיל האבען זיך איהרע פיס בעוואויגען, און גע־טאנצט האט זי מיט איהר זוהנ׳ס קאפ פאר׳ן ארון — קיין איין ווארט

און דא אין שוהלכעל, ראכט זיך, הערען זיך די קרעכצען און די געשרייען פון די געפייניגטע, וואס מישען זיך אוים אינאיינעם מיט די אידען׳ס תהילים זאגען און רייסען זיך אין הימעל ארויף.

נור זיכער זיינען אידען אין זייערע קרושים, אז זיי וועלען אויס־האלטען דעם נסיון און וועלען ניט פערשוועכען חלילה גאט׳ס נאמען פאר די נארישקייטען פון דער וועלט. און שטאלץ רייסט זיך ארויס דער בליק אוים די פערוויינטע אויגען פון די מוטערס און די ווייבער פון די געפייניגטע איבער זייערע קרושים. און מיט קנאה און כבוד קוקען אלע ווייבער אויף זיי, אויף די מוטערס און פרויען פון די קרושים, וואס זיינען מקדש את השם.

נאר אין איינעם איז מען ניט זיכער, אין דעם בעל־עגלה. א פרא־סטער יונג פון דער גאס, און נישט איינמאל האט מען איהם שוין גע־טראפען מחלל שבת זיין בפרהסיא. ער היט ניט אב קיין מנחה ומעריב און שבת נעהט ער מיט זיין פערד איבער דער גאס שפאצירען. עסט אומגעוואשען און נעהמט דעם סדור אין האנד ניט אריין. גע׳מוסר׳ט האט איהם שוין דער רב אייניגע מאל און געוואלט איהם אין פאליש איינזעצען, האט ער געסטראשעט מיט שמד׳ן זיך — האט מען איהם צורוה געלאזט.

אין א ווינקעל ווייבער־שוהל שטעהט זיין מוטער מיט׳ן טיכעל איבער׳ן קאפ אריבערגעצויגען, שעמט זיך די ווייבער אין פנים אריינ־צוקוקען. אלע קוקען אויף איהר מיט רחמנות און פערדראס: „אזא זוהן ערצויגען!" — ווארים געהערט האט מען שוין אין שטאדט, אז דער בעל־עגלה איז זיך מודה... אבגערוקט האבען זיך אלע פון איהר און זי וויינט און שטעהט מיט דעם טיכעל איבער די אויגען. קיין תהילים זאגט זי ניט — זי קען ניט; קיין סדור האלט זי ניט אין דער האנד, נור איהרע ליפען מורמלען א תפילה, און זי בעט צו גאט: „טאטע אין הימעל, שטעה איהם ביי! טאטע אין הימעל, שטעה איהם ביי!"

און די טרערען גיסען זיך פון די אויגען אין טיכעל אריין. קיינער זעהט זיי ניט, קיינער הערט איהר תפילה ניט, ווארים אבגערוקט שטעהט זי אליין, און אלע קוקען מיט רחמנות און פערדראס אויף איהר: „אזא זוהן ערצויגען! אזא זוהן ערצויגען!"

האט מען סטראזשניקעס איבער'ן שטעדטעל ארויסגעשיקט נאכ־פרעגען, ווער איז איבער'ן וועג געפאהרען. האט מען די מחותנים מיט דעם בעל־עגלה אין קייטען געשמידט און אין די תפסה געווארפען.

די מחותנים זיינען געווען די פיער שעהנסטע בעלי־הבתים פון שטאדט.

---

פערזאמעלט זיינען אלע אידען אין דער שוהל. די ליכט אנגע־צונדען ווי צו יום כפור. פון די ווייבערשע שוהל פערנעהמט זיך א שטיל ערנסט געוויין. עס ווייגען איינצעלנע שטימען און מען ווייסט, אז דאס ווייגען די ווייבער און די מוטערס פון די געפייניגטע. דער אלטער רב אין קיטעל און טלית שטעהט פאר'ן ארון און זאגט תהילים:

„למה רגשו גוים ולאומים יהגו ריק...“

און די עדה אין קיטלען און טלתים זאגען נאכ'ן רב מיט ציטריגע שטימען:

„למה רגשו גוים ולאומים יהגו ריק“.

און שטיל איז אין דער קליינער שוהל. מען הערט דעם גאנג פון די נשמות פון אלע קדושים פון אלע דורות, וואס געהען דורך די לופט פון דער שוהל. ווארים מען זאגט תהילים פאר געפייניגטע.

דארט אין דער תפיסה פייניגט מען די געפאנגענע מיט כל עגויים קשים, אז זיי זאלען זיך מודה זיין. און דאס זאגט מען דא תהילים פאר זיי, אז גאט זאל זיי שטארקען, זיי זאלען אויסהאלטען די ענויים און ניט פערשוועכען זיין הייליגען נאמען ווארים דער נסיון איז א שווע־רער. דער וואס וועט זיך מודה זיין און אבזאגען זיך חלילה פון אידישען גלויבען, האט מען אויסגעפויקט אין שטאדט, וועט מען איהם שענקען דאס לעבען, און מאכען איהם פאר דעם אויפ.זעהער פון אלע צינזען וואס די אידען האבען צו בעצאהלען דעם פריץ, און אבגעבען איהם אלע פראפענאציעס פון אלע שיינקען, און ער וועט ווערען א ראש איבער די אידען

און די וואס וועלען זיך ניט מודה זיין, וועט מען זיי צופערטלען און ניט לאזען קומען צו קבר ישראל.

אמר אביי, אמר ר׳ פפא,
די מוזינקע אויסגעגעבען,
די מוזינקע אויסגעגעבען,
לכה דודי, לכה דודי
לקראת—כ—לה!

דער וועג לייכט אין שנעע־און לבנה־ליכט, און אין דער ווייסער לבנה־נאכט טראגט זיך די אידען׳ס זמר:

לכה דודי, לכה דודי
לקראת —כ—לה!

עס זעהען ניט די אידעלאך ווי דער פריץ פון שטערטעל קומט זיי אנטקעגען מיט דריי פערד נאשפּיץ (אין דער לענג). עס הערען ניט די אידעלעך ווי דער פריץ רופט: „העי, זשידי, פארכי, דאיטשע דראגי" (העי, אידען, פארכעס, לאזט דעם וועג). פרעהליך זיינען אידען, א טאָכטער אויסגעגעבען. נאך א אידיש פּאר ביי אידען צוגעקומען. א נייע הויז אין אידיש פאלק, און יעדעס אידישע הויז איז ווי יעקב אבינו׳ס הויז. און ווער הערט היינט דעם פריץ מיט זיינע משרתים. „דייטשע דראגי, זשידי, פארכי", שרייט דער פריץ. די אידעלעך ענט־פערען איהם: „מיר אידען האָבען אַ משיח, און וואס האסט דו? מיר דיענען דעם איינציגען לעבעדיגען בורא. און דו וועמען? דער רבי איז אונזער מליץ יושר. און דיינער ווער?" און זיי גיבען ניט דעם פריין דעם וועג. זיי נעהמען פאר׳ן פריין דאס היטעל ניט אראב. זיי זאגען ניט דעם פריץ: „דזשען דאברי" (גוט מארגען). שכור זיינען אידען און פאהרען פון א חתונה און זינגען אין די ווייסע נאכט אריין:

„לכה דודי, לכה דודי
לקראת כלה!"

אויפ׳ן צווייטען טאג האט מען פון פריין רייטערס ארויסגעשיקט נאכשפּירען פון וואנען זיינען אידעלעך געפאהרען, און וואס האבען אידעלעך שכור אבגעטהאן. און מען האט געפונען א טויטען פויער ליגען אין דער פוסטער קרעטשמע, וואס שטעהט אן א זייט פון וועג.

און די צייט איז געוועזן פאר פסח.

# קדוש השם

(א לעגענדע)

ווייס בעשנעעט איז דער וועג. די לבנה שפיעגעלט זיך אב אין די ברייטע ווייסע פעלד־שנעען ווי אין א ים; און די שטערען רייבען זיך איינס אַן צווייטען... אזוי געדיכט זיינען זיי איבער'ן הימעל בעזייעט. פון דער ווייטענס הערט זיך א אידיש זמר'ל, אויסגעמישט מיט דעם קנאַל פון א בעל־עגלה'ס בייטש:

הע, הע, אַן א זייט,
אידעלעך פאהרען, אידעלעך פאהרען!
לכה דודי, לכה דודי
לקראת כלה!

פון וואנען פאהרען דאס אידעלעך אזוי פרעהליך? פון א חתונה פאהרען אידעלעך. אנגעשטאָפּט איז די בויד מיט מחותנים, אויף'ן סאמע קארזשעל זיצט דער בעל־עגלה שכור'לעך. דאס היטעל שפּרינגט פון קאפּ, און מיט דער בייטש קנאַלט ער אונטער: הע, הע אַן א זייט, אַן א זייט! זייט וויסען, די פערדלעך, אז אייער בעל הבית איז שכור, מען פאהרט פון אַ חתונה — און זיי האָבען פערגעסען דעם טעגליכען יאָך, לאָזען זיי זיך מיט אימפּעט און טרייבען אלעס פון וועג אראָב.

און די מחותנים האַלטען איינער דעם צווייטען מיט די הענד ארומגעארעמט, די שטריימלעך רוקען זיך אַן א זייט. די פערד פערפּלאָנטערען זיך, און אלע אינאיינעם שאָקלען זיך צוזאמען מיט דער פוהר, ווי ביי דער גמרא, און זינגען הויך אויפ'ן קול:

ער איז געזעסען און געשוויגען. די ווערטער, וואס זי האט גע־זאגט, האבען איהם געשניטען מיט ליעבע זיין הארץ. אין דעם טאן איז געווען אזא ווייכקייט, אזא שטילקייט, אז ער האט עס ניט גע־קענט איבערטראגען. ער האט געמורמעלט פאר זיך:

— מילא, עס איז דאך שוין מיין מזל אויך.

ער האט געהערט א שטיל וויינען הינטער זיך. די טרעהרען האבען איהם וועה געטהאן, האט ער זיך אבגערופען:

— דבורה'לע, וואס וויינסטו, וויין נישט.

— פאר וואס זאל איך ניט וויינען, אז איך האב אזא ביטער מזל, אז גאט האט מיך אזוי געשטראפט.

דוד האט שוין ניט געקענט לענגער אויסהאלטען. ער האט בע־האלטען זיין פנים צווישען איהרע ברוסטען און געוויינט אין זיי:

— עס איז דאך שוין מיין מזל אויך, דבורה'לע.

און ער האט ניט געוואוסט צי דאס זיינען טרעהרען פון אונגליס אדער פון גליק.

— וואו?

— אט דא ביים הארץ.

דוד האט איהר צוגעלעגט דאס האנד־טוך אויפ'ן הארצען און זיין האנד האט ניט ווילענדיג איהר נאקעטע ווארימע ברוסט בעריהרט, און א געפיהל האט איהם ווידער ארומגענומען צו איהר.

— איז שוין נימא קיין עצה אויפ'ן הארץ? קען מען דאך פאה־רען צו א גרויסען דאקטאר! — האט ער געזאגט אין דער הויך, ווי צו זיך.

— געוועזן שוין ביי דאקטוירים— ביי גרויסע דאקטוירים — ווייסען נים קיין עצה.

דוד איז געזעסען און האט געשוויגען. פאר די אויגען איז איהם פארגעקומען זיין צוקונפטיגעס לעבען מיט א קראנקע ווייב. דאס גאנצע לעבען פערבונדען מיט א ווייב וואס וועט קרענקען, שטענדיג קרענקען, שבת און יום טוב, שטענדיג טרויעריג זיין, און אפשר וועט דאס שארען די קינדער אויך, און די קינדער וועלען זיין שוואכע, אדער זי וועט גאר קיין קינדער נים האבען, נאר לעבען בלויז, ער אליין מיט א קראנקע ווייב — אין דרויסען וועט די זון שיינען, יום־טוב זיין, פסח, אידען זיינען פרעהליך, זינגען, די ווייבלאך שפאצירען פארביי פאר דער שוהל און זיין ווייב וועט ליגען אין בעט א קראנקע.

ער האט שוין איצט ניט געקלעהרט וועגען גט'ען — ער האט זיך שוין געזעהן אנגעבונדען אן דער קראנקער ווייב, און ער האט רחמנות געקראגען אויף זיך. אט ערשט געוועזן א בחור, א גליקליכער, געזעהן זיין צוקונפט אזוי ליכטיג און שוין יעצט אזוי טרויעריג. פארוואס קומט איהם דאס? וואס פאר א שלעכטס האט ער געטהאן?

ער האט קיינעם שוין ניט בעשולדיגט נור זיין מזל, אויף דער ווייבעל האט ער יעצט רחמנות געהאט. וואס איז זי נעבעך שולדיג — ער האט זיך נאך געוואלט רעטען, געפינען עפעס א שטראהל פון האפנונג. האט ער זיך אנגערופען:

— און אז ניט ווייסען אלין די דאקטוירים. אז דער רבונו של עולם וויל, קענסטו דאך נאך אין גאנצען געזונד ווערען.

— די דאקטוירים האבען געזאגט, אז איך וועל געפינען א גוטען כאזן, וואס וועט זיין גוט צו מיר, וועל איך קריגען צוריק א געזונד הארץ.

אַ מינוט האָט ער געשוויגען, ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן מיט זיך. אַנצוטהאָן זיך און ארויסצוגעהן איז נאָך נאכט געווען. האָט ער זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן ראנד פון בעט.

— אָבגענאָרט — האָט ער געמורמעלט פאר זיך.

— איך בין ניט שולדיג. דער טאטע האָט מיר געהייסען שווייגען, יעצט ביזטו דאָך שוין מיין מאן — בעדאַרפסט דו דאָך עס וויסען — זאָג איך דיר.

דוד האָט געשוויגען. ער האָט געקוקט אויפ'ן פענסטער און געזוכט אַ מאָרגען־שטראהל. ער האָט זיך געטראכט, געווים וועט ער מאָרגען מיט'ן טאטען אהיים פאָהרען. אַ כלה מיט אַ הארץ־פעהלער, ער איז ניט שולדיג, מען האָט איהם אָבגענאַרט. אָבער דער רב וועט באלד אַ גט געבען. פּיינליך איז איהם געווען וואָס די נאכט רוקט זיך אזוי לאנגזאם און דאָ איז ער מיט אַ פרעמדער אין איין שטוב, מיט איינע, וואָס מאָרגען וועט ער זי שוין ניט זעהן און קיינמאָל ניט.

אין דעם האָט ער דערפיהלט עפּעס ווארימעס רוקט זיך צו צו איהם, און קארטשעט זיך איין הינטער איהם און בעריהרט איהם. ער האָט געוואָלט אָבשפּאַרען — נאָר עס איז איהם אנגענעהם געווען איהר בעריהרונג, און ער איז ווייטער געזעסען.

— דוד, דו ביזט בייז? — האָט זי איהם געפרעגט.

ער האָט איהר ניט געענטפערט, נאָר געטראכט האָט ער זיך וואָס איז זי שולדיג, אז גאָט האָט זי געשטראָפט.

האָט ער רחמנות בעקראָגען:

— טהוט דיר נאָך וועה דאָס הארץ? — האָט ער געפרעגט, ניט קוקענדיג איהר אין פּנים.

— אביסעל — האָט זי שטיל אָבגעענטפערט.

— און וואָס טהוט מען אז דאָס הארץ טהוט וועה?

— מען לעגט צו אַ נאָסען קאַלטען האנד־טוך.

— ווילסטו אזא האנד־טוך? — האָט ער ווידער געפרעגט, ניט אומקוקענדיג זיך.

— יאָ, דאָרטען שטעהט אַ שיסעל מיט וואסער און אַ האנד־טוך.

דוד האָט געטאַפּט אין דער פינסטער צו די שיסעל, נאָס געמאכט דעם האנד־טוך און איהר דערלאנגט.

— לעג עס מיר צו, דוד — האָט זי געזאָגט.

ביי־נאכט, ווען דוד איז געבליבען מיט זיין כלה אליין, איז זיין כלה ניט גוט געווארען. אז דוד האט זי געהאט אבגעמינטערט מיט וואסער, האט זי אויפגעעפענט איהרע אויגען און האט דוד'ן אנגעקוקט פרעמד און ערשראקען. און דערנאך איז געווען, ווי זי וואלט עפעס איהם געבעטען מיט איהר בליק. דוד האט ניט פערשטאנען וואס איז מיט איהר, און האט זי געפרעגט:

— וואס איז דיר, דבורה'לע?

אנשטאט צו ענטפערען, האט זי גענומען דוד'ס האנד און האט זי צוגעלעגט צו איהר הארץ.

דוד האט געפיהלט ווי איהר הארץ קלאפט אונטער זיין האנד ווי א האמעריל, האט ער זיך דערשראקען. ער האט זי געפרעגט מיט אנגסט:

— דו ביזט קראנק, דבורה? וואס איז דיר?

דבורה האט געשוויגען. זי האט איהם נור שטום אנגעקוקט מיט איהרע גרויסע אויגען. אין די פינסטערע נאכט האט ער געזעהן ווי איהר שווארץ־אפעל בליסטשעט און בעט עפעס. זי האט ווידער גענומען זיין האנד און צוגעלעגט זי צו איהר הארץ, און האט געשעפטשעט אין דער שטיל:

— איך בין קראנק, דוד.

— וואס איז דיר? האט ער דערשראקען געענטפערט.

איהרע אויגען האבען יעצט נאך מעהר געבליסטשעט און נאך מעהר זיך געבעטען:

— איך האב א הארץ פעהלער.

—א הארץ פעהלער — איז דער חתן פערציטערט געווארען און זיינע נאקעטע הענד האבען זיך אנגעהויבען צו טרייסלען און ער האט זיך אבגערוקט פון איהר.

— פאר וואס האט מען מיר גאר ניט געזאגט דערפון? — האט דוד געפרעגט ברוגז'דיג.

—דער טאטע האט מורא געהאט, אז דו וועסט ניט וועלען דעם שידוך.

— א כלה מיט א הארץ פעהלער — האט דוד געמורמעלט פאר זיך.

— וואס פאר א דריי הונדערט? פיער הונדערט, אט איז דאך דאס וועקסעל — האט דער מחותן געשטופּט דעם חתן דאס וועקסעל אין האנד אריין.

— א וועקסעלע, וואס איז א וועקסעלע? — גאר נישט, עס איז דריי הונדערט רובל נדן — דוד, אז דו ווילסט איז מיר ניחא.

דור׳ן איז דאס בלוט געקומען אין פּנים אריין. אין די דריי הונדערט רובל האט ער געזעהן א בעליידיגונג פאר זיך. א ליאדע בחור נעהמט היינט פיער און פינף הונדערט, און ער, וואס האט דעם גוטען קאפּ און ער איז דער וואויל לערנער, זאל נאר נעהמען דריי הונדערט רובל. וויפיעל שידוכים מיט גליקען האט מען איהם גערעדט און ער האט זיי ניט געטהאן דערפאר, וואס עס איז גאר געווען דריי הונדערט רובל. און יעצט וועט ער חתונה האבען מיט דריי הונדערט רובל, וואס פאר א פּנים וועט ער האבען פאר זיינע חברים, די יונגע־לייט אין בית־המדרש? א דריי הונדערט רובעלדינער חתן! ער איז בערייט געווען אראצואווארפען פון זיך די קאפּאטע אין די מינוט און מיט׳ן טאטען אוועקצוגעהן. ער האט זיך אבער איינגעהאלטען — — ווייל אין דער צווייטער שטוב זיינען די בחורים און די געסט געווען — האט ער זיך בייז געקרייזעלט ביי דער פּיאה, און געזאגט:

— דער טאטע ווייסט בעסער, וואס עס איז גוט פאר מיר, איך פערלאז זיך אויפ׳ן טאטען.

און עס האט גאר ניט געהאלפען. דער מחותן האט געמוזט די קאפּאטע אנטהאן און דעם שטעקען אין דער האנד נעהמען און געהן אין גאס ארויס און בארגען זיך הונדערט רובל צום נדן, און די כלה האט אזוי לאנג געווארט מיט איהרע צופלאשעטע האהר אויפ׳ן חתן־בערעקענעס, ביז די הונדערט רובל וואס מען האט צוזאמענגעשלעפּט אין זילבער און קופּער פון דער כלה׳ס משפחה זיינען ניט געווען איינ־געבונדען אין א טיכעל אין די הענד פון קליינעם אידעל, דעם שווייגענ־דען גזל:

— דוד, גיב בערעקען די כלה — האט דאס אידעל געזאגט צום חתן אריינקומענדיג מיט׳ן טיכעל זילבער געלד אין דער האנד.

— דער חתן וועט טהאן, וואס איך וועל איהם הייסען — האט דער קליינער אידעל געלאסען און קורץ אבגעענטפערט.

— ניין, איך וויל עס הערען פון זיין מויל, איך וויל, אז ער זאל מיר זאגען, אז ער וועט ניט געהן פריהער בערעקען דער כלה ביז די הונדערט רובל צום נדן וועלען נישט זיין אין כסף — איז דער מחותן דוקא דערויף בעשטאנען.

—אז דו ווילסט עס דוקא, וועסטו עס הערען — האט דער קליינער אידעל געזאגט ווידער געלאסען, אויפהויבענדיג זיך צוגעהענדיג צו דער טהיר, און רופענדיג:

— דוד, דוד, קום נאר אריין.

דער חתן איז געזעסען ארומגערינגעלט מיט די בחורים און האט פאר זיי תורה געזאגט. די קאפ איז איהם שוין ניט געשטאנען צו דער תורה. ער האט פערשטאנען אז עפעס וואס איז געשעהן און עס קען זיין, אז עס זאל זיין אויס חתונה. פאר קיין גרויס אונגליק האט ער דאס ניט בעטראכט. מן הסתם, אז דער טאטע וועט אבלאזען דעם שידוך פאר דער חופה, ווייסט ער וואס ער טהוט, און מיינט עס זיין טובה. די כלה האט ער נאך ניט געקענט. זי געזעהן א פאר מאל ביי די תנאים, ווען ער האט מיט איהר די תנאים אונטערגעשריבען און געזאגט איהר מזל־טוב. אודאי איז איהם געווען א רחמנות וואס א אידישע טאכטער וועט פערשעהמט ווערען,—אבער מן הסתם ווייס דאך דער טאטע וואס ער טהוט, און עס איז דאך אודאי דא א טעם דערביי.

אונאנגענעהם איז איהם געווען וואס דער טאג ציהט זיך אזוי לאנג, האט ער געפראוווט ווייטער תורה זאגען, און אריינגעווארפען בעהאלטענע בליקען אין דער צווייטער שטוב וואו די כלה איז געזעסען. ער האט גאר ניט געזעהן, נאר א ווייסע קלייד. געווים האט איהם דאס כלה'ס ווייסע קלייד אנגענעהם געריהרט. זיין בעשערטע. נאר קיין טיעפעס געפיהל האט ער נאך ניט געהאט פאר דער ווייסער קלייד...

אז דער פאטער האט איהם אריינגערופען, האט ער געוואוסט, אז עס האנדעלט זיך געווים וועגען שידוך, און ער וועט עס בעדארפען ענטשיידען. האט איהם דאס הארץ אביסעל אנגעהויבען צו קלאפען.

— דוד, דו ווילסט חתונה האבען מיט דריי הונדערט רובל נדן ?

— האט איהם דער פאטער געפרעגט.

— גאָט וועט דיר בעצאָהלען פאַר דער חרפּה, וואָס מען טהוט דיר
אַז מיין קינד — גאָט וועט דיר בעצאָהלען.

און אין אַ צווייטען צימער זיינען געוועזן ביידע פּאַטערס־מחותנים.
איין מחותן עוזר'ל, דעם חתן'ס פּאַטער, וועלכער איז געוועזן אַ קורץ אי־
דעל, זיצט פערביסען די דאַרע אויסגעטריקענטע ליפּען, זיין קליינעם
אינגעלשען קאָפּ אנגעלעהנט אויף איין האַנד, און מיט דער צווייטער
האַנד האָט ער זיך געלאָסען געגלעט דאָס קורצע בערדעל. און ער
שווייגט ווי אַ שטיין. דער צווייטער מחותן, דער פּאַטער פון דער כּלה,
אַ הויכער שטאַרקער איד מיט אַ גרויס פּנים און אַ גרויסע לאַנגע באָרד,
אַ געלער, שטעהט פאַר איהם און בעט זיך:

— עוזר, פערשעהם מיך ניט פאַר מענשען — אכט טעג נאָך
דער חתונה, אַזוי ווי איך פערקויף נאָר דעם ווייץ, גיב איך דיר די
הונדערט רובל. נעהם דעם וועקסעל, איך בעט דיר, נעהם דעם וועק־
סעל — האָט ער איהם געשטופּט אַ וועקסעל אין האַנד אריין.

דאָס קליין אידעל האָט זיך נישט בעוואויגען פון אָרט. ער האָט
מיט דער האַנד קיין איין פלינקערע בעוועגונג ניט געמאַכט, גלעטענדיג
זיך די באָרד. ער האָט זיך קיין איין פלינקערען שאָקעל ניט געגע־
בען. ער האָט די אויגען ניט אויפגעהויבען, ניט מיט'ן קאָפּ בעוואויגען,
נאָר איז געזעסען ווי פריהער און געשוויגען.

פון צייט צו צייט האָט אַ מחותנת'טע דעם קאָפּ אין טהיר אריינגע־
שטעקט און אריינגערעדט:

— מחותנים, דאָס חתן־כּלה פאַסט דאָך עפּעס אַ לאַנגען זומער־
טאָג.

— מחותנים, די געסט צוגעהן זיך דאָך, אַ חרפּה פאַר מענשען.

— וואָס זאָל איך טהאָן? — ער זיצט ווי אַ גזלן — האָט
דער כּלה'ס פּאַטער אנגעוויזען אויפ'ן מחותן עוזר. — ווייסט דו גאָר
וואָס, לאָמיר פרעגען דעם חתן, אַז ער וויל דווקא אַז איך זאָל יעצט
פאַר דער חופּה אנטהאָן די קאַפּאָטע און נעהמען דעם שטעקען און
געהן אין גאַס אריין בארגען מיר הונדערט רובל צו דעם נדן, יעצט פאַר
דער חופּה, ווען מיין קינד וואַרט אויפ'ן שלייער, וועל איך דאָס טהאָן,
וועל איך עס טהאָן — האָט דער מחותן געזאָגט שוין ארויסגעהענדיג
פון געדולד.

# אָפּגענאַרט.

די מיידלאַך האָבען שוין אויסגעזעצט די כלה צום בעדעקענס, די כלי־זמרים מיט די כלים אין די הענד שטעהען ארום, די פידעלען אנגעשטעלט אין די הענד, פון ווײַלע צו ווײַלע גיט אַ כלי־זמר אַ ברום מיט זיין פינגער אויף אַ זייט פון פידעל. דער קאָנטער־באַס גיט אַ אַ קרעכץ אָב, און פאַר אונגעדולדיגקייט בלאָזט יענקעל קלאַרנעט אויף דער טראָמפּייט. אויף אַ שטוהל שטעהט דער בדחן, צוויי פינגער אויס־געשטרעקט גרייט צום טאַקט און מיט די אנדערע פינגער צופּט ער זיך דאָס בערדעל מיט אַזאַ עקשנות, ווי ער וואָלט דעם גאַנצען כעכ אויסגעלאָזען אויפ'ן בערדעל.

און דער חתן מיט דער דעק־טוך ווייזט זיך אַלץ ניט.

פון די ברוגז'ע מינע פון די מחותנת'טע זעהט מען, אַז עס האַנ־דעלט זיך עפּעס וועגען חתן. ריכטיג אָבער ווייסט מען נישט וועגען וואָס עס געהט. די מיידלאַך האָבען רחמנות אויף דער כלה, וועלכע ווערט פערשעהמט ווארטענדיג, און טהוען אַלעס וואָס אין זייער קראַפט צו פערזאָגען די פיינליכע שטימונג. זיי לאַכען, פרעהען זיך, פאָדערע; אויף די כלי־זמר צו שפּיעלען... נאָר די כלי־זמר זיינען פערטראַגען, אַז פון דעם אַלעס זאָלען זיי ניט בלוטען — ווען עס וועט ווערען אויך שדוך — זיי יאָגען פון זיך די מיידלאַך אוועק מיט די סמיטשקעס:

— סטופּיי, סטופּיי — שפּעטער טאַנצען.

אַ פערשעהמטע, די אויגען און דאָס פּנים פערשטעלט איןביידע הענד, זיצט די כלה און וויינט שטיל. איבער איהר קאָפּ שטעהט די מוטער, קושט זי און טרייסט זי:

— וואו זיינען מיינע פאפיראָסען? — פרעג איך האלב פערדרים־ליך.

— לייב, וואו ביזטו? פאפיראָסען וויל מען — רופט די אי־דענע.

פון א ווינקעל שטוב הויבט זיך אויף א קליין אידעל, דאכט זיך, ער האט א הויקער געהאט, מיט א בלייך, בלייך פּנים'ל, נור שווארצע אויגען און א שווארצע באָרד האָט ער געהאט.

— פאר וויפיעל ווילט איהר?

---

אז איך בין אראָב פון די טרעפּ מיט די „פאפיראָסען" אונטערן אָרעם, ווי אַ אָבגעשטיסענער, האָב איך זיך געטראכט:

— וואָס א אידענע קאָן! אַ האַלב טוץ קינדער האָט זי, און האָט נאָך אזעלכע שעלמישע אויגען.

— און אויף וואָס זי נוצט זיי אויס — האָט ווער געזאָגט.

— „פאלשע פאפיראסען" צו פערקויפען — לאכען אלע.

—ניין, אויף ברויט פאר איהרע קינדער — האָט דער ערצעהלער געענדיגט.

— איך וויים דאָך, וואָס דו מיינסט. איך וויים דאָך — א וועלט היינט — זאָג איך צו מיר — א וועלט — א חסידיש ווייבעל אין א שייטעל — „פאלשע פאפיראָסען" צו פערקויפען, איבער די האָטעלען געהען זיי— איי, איי — זאָג איך זיי מוסר ביי זיך אין הארצען.

אנגעטהאָן, געהט זי פאראויס פאר מיר. איך געה נאָך איהר.

— געהען זי נאָך מיר, זאָגט זי, מען זאָל נישט זעהן.

„מען זאָל נישט זעהן" — אהא, א וועלט, און זי קוקט זיך יערעס מאָל אום, צי איך געה איהר נאָך. — איך געה, איך געה, ווינק איך צו איהר מיט'ן קאָפּ — א וועלט היינט! האסט געזעהן א חסידיש ווייבעל, אין א שייטעל געהט עס, „פאלשע פאפיראָסען" — הא?

ארויפגעקומען אין א הויף, לויפט די אידענע פלינק אין א געוועלבעל אריין און קויפט עפּעס, און ווינקט צו מיר מיט די אויגען — „נור איין מינוט", זי שפּרינגט באלד ארויס פון געוועלבעל מיט א ברויט הינטערן אָרעם און ווארפט ווידער צו מיר א גנב'ישען בליק, און ווידער א שמייכעל. „קומען זיי מיט ארויף, אויפ'ן דריטען שטאָק, געהען זי נאָך מיר".

איך בין אריינגעקומען נאָך איהר אין שטיבעל — און א כאָ־ליאסטרע קינדער האָט זי געגעבען א רינגעל ארום, אז דאָס ווייבעל איז אין גאנצען פערטרונקען געוואָרען צווישען די קינדערישע קעפּלאך און קינ־דישע געשרייען; איינס זיצט שוין ביי איהר אויף די הענד, און זי ווישט עס אָב דאָס נעזעל. איינס ציהט ביי דער האנד, וויל מיט ארויף, שוין איז עס אויך אויבען, און די איבעריגע צוויי רייסען די שירץ, און פּאטשען זיך אין די הענטלאך, און שרייען מיט זייערע דינינקע קול'כלאך:

— די מאמעלע, די מאַמעלע איז געקומען...

— אָט באלד, אָט באלד — פרעהט זיך די אידענע, און הויבט איינעם אויף דאָס היטעלע, און זעצט עס איהם אויפ'ן קעפּעל.

„משה'לע, א ברכה מאך".

— ברוך אתה...

און די אידענע שטעהט זיך רוהיג און צוטהיילט מוציא'ס די קינ־דער, און אז מיר, און מיינע „פאלשע פאפיראסען" האט זי גאר פער־געסען.

— פאלשע פאפיראסען — זאג איך פון בעט ארויס, און קוק אויף דער אידענע, וואס זי מיינט.

זי טראגט מיר צו די פאפיראסען — „זיי קאנען פרובירען".

איך פרוביר, און רויכער מיר דעם פאפיראס ארויס פון בעט. און קוק אויף דער אידענע און טראכט מיר:

— מיך וועסטו נישט נארען, פאלשע פאפיראסען מיינסטו דאך נישט... און קוק אויף דער טהיר, א שפאלט האט זי דאך אויפגעלאזען — זי זאל ניט זיין מיט מיר ביחידות — קוק איהר אין די אויגען אריין — א גנב'ישער, שעלמישער בליק.

„רויכערען זי — זיי שמעקען גאנץ פיין" — זאגט זי.

— וואס קאסט עס? — פרעג איך און קוק איהר אין די אויגען אריין — אז מיין פראגע זאל זיין צווידייטיג.

— אזוי, פערציג קאפיקעס פאר הונדערט — זאגט זי.

— אזוי, פערציג קאפיקעס פאר הונדערט, — זאג איך פון בעט ארויס — די פאפיראסען הייסט עס.

— יא, הונדערט שטיק, — ענטפערט זי געלאסען.

אבער א שווארץ יאהר, וואס בליסטשעט זי אזוי מיט די אויגען?

— גוט, גוט, זאג איך, פערציג קאפיקעס פאר הונדערט — זיי שמעקען זעהר פיין, זעהר פיין — לאז איך דעם רויך לאנגזאם פון מויל ארויס.

— און אין דער היים האבען זי דאך אויך פאפיראסען? — פרעג איך; איז מיר פלוצלונג עפעס איינגעפאלען.

— גוטע, בעסערע נאך פון די; איך וועל איהן באלד אריינברענגען. זיי וועלען נעהמען? — פרעגט די אידענע און קוקט מיך ווידער אין די אויגען אריין.

— נעהמען, נעהמען, — זאג איך.

— אריינברענגען?

— ניין, איך געה מיט, — ענטפער איך — ווארטען זי נאר דארט אויף מיר — ווייז איך איהר אויפ'ן קארידאר — איך געה שוין מיט.

די אידענע האט געווארט אין קארידאר, און איך טהו זיך פלינק אן, און טענה אלץ צו זיך:

„מיר וועסטו נישט נארען". „פאלשע פאפיראסען" צו פערקויפען, הע! „פאלשע פאפיראסען האסטו דאך נישט צו פערקויפען"

— וואס, געקראגען אין „פאפא"? — פרעגט איינער.

— ניין, דאס נישט, יעדענפאלס נישט קיין פיזישען פאטש, אבער... איבעריגענס, קיינער פון אייך איז נישט בעסער. און יעדער פון אייך וואלט געטהאן דאס, וואס איך האב געטהאן, — ניין, דאס, וואס איך האב געוואלט טהאן.

— אדרבה, דערצעהל — לאז מען הערען.

— עס איז מיר איינמאל אויסגעקומען נעכטיגען אין א האטעל אין די אידישע גאסען, דארט ארום גענשא, דזיקא. האט איהר שוין אמאל דארט גענעכטיגט? ניין? — נעהט פרואווט. איך קום א מיעדער און ווארף זיך אין בעט אריין. יא, וואנצען, נישט וואנצען — איך ווייס נישט, טויט מיעד געוועזן און עפעס אויפגערעגט.

איך בין קוים איינגעשלאפען, פריהמארגענס. איך האלט אין מיטען בעסטען חלום, מען וועקט מיך. אויפגעכאפט זיך, אויפגע־עפענט, וואס איז?

— דא וואהנט קאין? — פרעגט א איד, ארייגשטעקענדיג די בארד מיט'ן קאפ.

— ניין, דא וואהנט נישט קאין.

דער איד איז שוין נישט דא.

נור צו דעם האט מען מיך נישט געדארפט אויפוועקען. שלאפען קאן איך שוין נישט, ליג איך אין בעט און ווארט, ווער עס וועט ווייטער קומען. נאז־טיכלאך וויל איך שוין נישט קויפען, אויך נישט קיין זאקען מיט גאפעל און מעסער. א אידענע עפענט גלאט אזוי אויף מיין טהיר, — וואס איז? — עס איז איהר פינסטער אין קארידאר. און איך ליג אין בעט, בין ביי מיר אין האטעל, און האב דאס געפיהל, ווי מען וואלט מיך א נאקעטען אויף די נאלעווקעס אוועקגעלעגט.

די טהיר עפענט זיך און עס קומט אריין א יונג, יונג ווייבעל. פון הינטער דעם שייטעל שיינט ארויס נאך גאר א פריש פנים'על, מיט א פאר גלאנצענדיגע, שווארצע שעהנע אויגען. זי געהט צו צו מיר ביז פאר'ן בעט און ווייזט מיר אויף עפעס, וואס זי האלט בעהאלטען הינטערן שירץ.

— פאלשע פאפיראסען — ווארפט זי צו מיר א שעלמישען בליק, פערקרימט די ליפען און ווייזט איהרע חן'עווריגע צייהנדלאך.

# אידישע אויגען

מיר זיינען געזעסען אין דרייען אין איינעם פון די ווארשאווער קאַ־פעעס, און מיר האָבען גערעדט פון אידישע טעכטער־אויגען. אונזער פריינד וולאדעק, דער מיסטישער גוי, וועלכער איז געוועזן אַ בעריהמטער ליעבהאבער פון אידישע טעכטער, האט זיך צוקאכט:

— די אויגען, די אויגען פון אידישע טעכטער איז נאָך אַ רעשט פון אַלטען ירושלים — האָט ער אויסגעשריען מיט בעגייסטערונג — אין די אויגען פון אידישע טעכטער ליגט דער מיסטישער מעלאנכאָלי־שער לאנדשאפט פון אָבגעברענטען אָריענט. אין זיי פינקעלט דער גלאנץ פון פער'שיכור'טען תאוה'דיגען בליק פון סאלאמעא, אין וועלכען עס האָט זיך אָבגעשפיעלט דער גלאנץ פון הורדוס'עס שווערד, אָבהאַ־קענדיג יאהאַן'ס קאָפּ; אין די אויגען פון אידישע טעכטער. — האט ער זיך ערשט גענומען צו ערפלאקערען...

— אפשר שוין גענוג? — האָט זיך ווער אָבגערופען פון דער חברה, — קיין זייטען־שפיעלען פון אָריענטאלישער מוזיק הערט מען נישט דאָ, און דער וויין גלאנצט אויך נישט אין גלאָז פאַר דיר, — האָט ער געזאָגט אין אַ ביבלישען טאָן.

אונזער פריינד וולאדעק איז קיהל געוואָרען און געקוקט אויף דעם ריידענדען מיט פערדרוס.

— איין מאָל האָט זיך מיר געטראָפען אַ מעשה מיט אידישע אוי־גען — האָט זיך אָנגערופען דער מאהלער סטאַניסלאוו, וועלכער איז געזעסען אין אַ ווינקעל — אָבער איך שעהם זיך צו דערצעהלען, — האָט ער פלוצלונג אָבגעהאקט, רויט ווערענדיג.

— גיב נאָר אַ קוק ווי דער צדיק האָט זיך פערשעהמט.

געזונטעז נאקען אראבגעלאזט. און די גערדיכטע שווארצע צעפּ האבען זיך פון רויטען טיכעל ארויסגע'גנב'עט און זיך איבער'ן געזיכט פאר־שפּרייט. און א פּאר גרויסע, חיטרע, שווארצע אויגען מיט א פּאר רויטע פרישע ליפּען האבען חיטרע פון פּנים ארויסגעשמייכעלט, פראנק און פריי אויסגעלאכט דאס גאנצע וועלט... און דאס יונגע בלוט האט גע־קאכט אין איהר רונדע חנ'ו־ציטערנדיגע האנד און האט עפּעס ווי ארויס־געבעטען זיך, און געוואונקען אין דער שטיל... און די אויפגעדעקטע נאקעטע פיס האבען געלאכט אין דער וועלט אריין, אבער זי אליין האט גאר נישט געוואוסט פון דעם אלעם — וואס איהרע אויגען און איהרע נאקעטע הענד זאגען אויס אהן איהר ווילען... קוקענדיג אויף די בחורים מיט גלייכגילטיגקייט, אזוי ווי זי וואלט גארנישט געוואוסט פון דעם אלעס, איז זי אראב פון פערד, און האט זיך אבגעטהאן דאס איהריגע (און אנטרינקענדיג די פערד, האט זי אויסגעדעהט פון דער־ווייטענס, ווי אונזער באבע רבקה עליה השלום, ווען אליעזר האט זי מיט קעמלען ביים ברונען געטראפען). און די בחורים מיט די „רויטע העמדלאך" זיינען געשטאנען און האבען געקוקט אויף איהר פון דער־ווייטענס און די הערצער האבען געקלאפּט... איהרע אויגען האבען צו־געצויגען און אין דערזעלביגער צייט אויך אבגעשטויסען פון זיך... און חיטרעדיג איז זי ווייטער אויפ'ן פערד ארויף און עפּעס לאכענדיג מיט די גאנצע וועלט האט זי זיך אין די וועלט געלאזט.

די בחורים אין די „רויטע העמדלאך" שטעהען, קוקען און גאפען און עס דאכט זיך, אז די טריט פון דעם פערד, וואס הערט זיך אויפ'ן וועג מאכען ס'געלעכטער אויס זיי...

און דארטען ווייט איז די זון איינגעזונקען אויף יענער זייט וואלד און מען האט נישט באמערקט, ווי די נאכט האט זיך אריינגע'גנב'עט. נאר מיין איד ציהט מיך ביי'ם ארבעל: קומט, פעטער, מעריב דאווענען.

וואלד זינגט דאס ארויס. באלד האט זיך פון דערווייטענס געלאזט הערען א וואגען סקריפּען. פאר אונז איז דורכגעפאהרען א פוהר פול אנגעפאקט מיט זאנגען, און בעל־הבית׳ישע טעכטער מיט די קאסעס אין די הענד זיינען נאכגעגאנגען, און האבען בעגלייט די אבגעשניטענע זאנגען פון פעלד א היים, אין שפּייכלער אריין, מיט געזאנג, אזוי איינע, אזוי צוויי און אזוי דריי. און דער „בעל־בית", א נגיד פון אנ׳אכט סאזשען ערד מיט פערד, קיה, אקסען, שעפּסען און רינדער געהט זיך נאכ׳ן וואגען בארפוס — און פיהרט זיך אב זיין פּראצע אין שטאל אריין, רוהיג, אסור ער זאל ס׳מאל א שמייכעל געבען. דער איד מיינער קוקט איהם נאך, און גיט א קרעכין: עשו! א צווייטע פוהר פאהרט פערביי, מיין איר קרעכצט: עשו, און אזוי א דריטע, און אזוי א פיערטע.

און יעדען טאג זיצט יעקב פאר דער טהיר, פאר זיין איינגעפאלען הייזעל און זעהט ווי עשו פיהרט א היים זיין תבואה פון זיין פעלד, רוהיג און גלייכגילטיג. און יעקב קרעכצט אלין: עשו....

געגען אונז איז געווען דער ברונען פון דארף. באלד זיינען זיך אנ־געקומען „די טעכטער פון לאנד", מיט „די פעטערס טשערעדעס", און זיי האבען אנגעהויבען אנצוטרינקען זייערע שאף מיט דעם וואסער פון דעם ברונען. זיינען דארט אויך אהין געקומען „די זיהן פון לאנד" גאנץ הויכע בחורים מיט קורצע „שעהנע העמדלאך", כדי צו בעזעהן די „טעכטער פון לאנד" און זיך פון זיי אויסצוקלייבען כלות און א לעב צו טהאן... די טעכטער פון לאנד האבען זיך ביי דער ברונען אביסעל פערזאמט מיט די בחורים, ביז עס האבען זיך פון דארף געלאזט הערען די מאמעס קולות: א—שא, א—שא, וואו זייט איהר? האט מען זיך געזעגענט מיט די בחורים, דורך חנ׳ווריגע וואונקען מיט די אויגען און א היים געלאזט זיך. די בחורים אבער אין די שעהנע רויטע העמדלאך זיינען געשטאנען און געווארט, זיי האבען זיך געריכט אויף עפּעס און באלד טאקע פון דארט, פון וואנען די זון געהט אונטער אזוי רויט־העליש, אונטער׳ן וואלד, געהט אויף א ראפּטים פענדזויען. מען לאזט זיך און ווי א דונער געהט עס פאראויס, אנזאגענדיג עפּעס און באלד בעווייזט זיך א יונגע בעל־הבית׳טע טאכטער רייטענדיג אויף א פערד, און נאך איהר האט זיך נאכגעלאזט איהר פאטערס טשערעדע. איהרע שווארצע ברויטע האאר האבען זיך פון לויפען אויף איהר איידעלען

פאר א קליין הייזעל, וואס די שוועל פון די טהיר איז באלד שוין אזוי הויך ווי דאס פענסטער, איז געשטאנען א הויכע, דארע אירענע אין א „וויים־טיכעל" איינגעהילט דעם קאפ — און זי האט אויך אב־געווארט איהר טשערעדע. נור איהר טשערעדע — איין ארימע מאגערע קוה, איז זיך געגאנגען אן א זייט, פאמעליך מיט רוהיגע טריט, אזוי ווי זי וואלט פערשטאנען, מיין שרה'טע, אז זי איז א אידישע בהמה, און פאר א אידישע בהמה פאסט נישט צו לויפען. און אזוי ווי איהר „בעל־הבית", איז זי מיט דרך ארץ אריין אין הויפעל און אויסגע־שטעלט איהר אייטער פאר דער אירענע מיט דעם קריגעל, וואס איז גע־קומען אבנעהמען פון די קוה דאס איהריגע מיט א יראת־שמים־פנימ'ל, אזוי ווי זי וואלט וויסען, די נארישע אידישע בהמה, אז זי טהוט א מצוה דערמיט, וואס זי גיט אב איהר מילך א אידיש שוואך קינד, וואס די מוטער קען עס נעבאך נישט זייגען.

דערזעהענדיג א איד זיצט פאר דער טהיר פון זיין הויז און קוקט זיך צו אלעם מיט א שטיל שווייגעניש, וואס דאס אלעס געהט איהם גאר נישט אן, בין איך צו איהם צוגעגאנגען. ער האט מיך אויפגע־נומען מיט „אונטערטעניגקייט" — און מיר זיינען ביידע געזעסען און נעהנטער בעקאנט געווארען.

איך האב געמוזט זאגען ווער איך בין, און וואו איך בין געוועזן, און וואו איך געה, און צו וואס איך געה. איצט הארך איך איהם אויס. איז'ען איז ער, לא עלינו, א גרויסער ארימאן, און האבען האט ער, לא עלינו, דערוואקסענע טעכטער, און וואס דארפט איהר נאך מעהר? ער דארף נישט מעהר נאר איינציגע האטש טויזענד רובל. 5 טעכטער האט ער, צו 200 רובל אויף א קאפ: הונדערט רובל התונה הוצאות, א קלייניגקייט נור. אין דארף זיצט איבער צוויי טעמים. ערשטענס ווייל ער „מעג" וואהנען אין דארף, ער איז דא געבוירען געווארען, און צווייטענס, ווייל ער האט זיך נישט מיט וואס ארויסצוציהען...

אזוי ווי מיר זיצען אוןריידען זיך אויס איינער פאר דעם אנדערען די אידישע צרות, הערען מיר פון דערווייטענס א געזאנג. עס איז שוין געווארען ווי כלומר'שט טונקעל, עפעס יענע שטיק וועלט, דארטען ביי וואלד, האט זיך וואס אמאל מעהר אין וואלד בעהאלטען, איבער דעם ליכטיגען רויט־זודיגען ים איז אריבער א טונקעלער רויך — און פון דארטען האט זיך געהערט דאס געזאנג. עס האט זיך געראכט, אז דער

און עפּעס אזוי ,,מנחה'דיג'' איז די גאנצע וועלט געוועזן. די זון איז אונטערגעגאנגען. אבער איהר ווייסט ווי אזוי, א פייערדיגער געגליווערטער ים האט זיך ערגסט פון הימעל אראבגעקייקעלט און איז פערפאלען געווארען, ווייט אוועק אויף יענער זייט וואלד. פון דעם וואלד האבען ארויסגעשטארט איינציגע הויכע ביימער, און פון דער־ווייטענס האט זיך געדאכט, אז די בוימער שטייגען אויף און גרייכען אין א פייערדיגען ים אריין — און פון צווישען איין בוים און דעם צווייטען, קוקט גאט'ס אן אויג ארויס...

א לאנגער שמאלער וועג פוןביידע זייטען מיט קליינע הייזלאך בעשטעלט. פענסטערלאך קוקען ארויס פון צווישען צווייגען און בלע־טער; פאר דער טהיר אויף די טרעפלאך זיצען די בעל־הבית'עס און שמועסען צווישען זיך. איינע מיט א רויט טיכעל אויפ'ן קאפּ, שטעהט און קוקט ווייט אין פעלד אריין; פערשטעלענדיג זיך מיט דער האנד פאר די זון, קוקט זי וועמען אויס אין פעלד. און אין וועג, אין זאמד, שפּיעלען זיך די קינדערלאך קליינע — איינגעברודיגטע. און פון פעלד א היים, דארטען פון דעם רויט־ליכטיגען ים, לאזט זיך איבער'ן וועג א נאלאפּ — א סטאדע אויסגעמישט: פויערשע שעפּסען, מיט די נארישע תמ'וואטע אויגען, ציגען, קיה און פערד צוזאמען, און זייערע פּאסטוכער, די קינדער מיט די בייטשלאך, אינגלאך מיט בארפיסע פּיס. אין די טאטעס' וועסטען, העמדעם פענדעם אין איין גאלאפּ, אזוי אז עס האט זיך געדאכט, אז דאס אלעס איז איין סטאדע. אלץ איז אויסגעמישט און לעבט אינאיינעם, שעפּעלעך מיט מענשליכע קינדער, ציגען, חזרים מיט הינט — אלץ לעבט אין שלום. יערערער טהוט דאס וואס ער דארף צו טהאן, און ,,מען בילדעט די געזעלשאפט''. די חברה האבען מיר געגעבען א נעהם אריין אין מיטען און איך בין צווישען זיי פערטרונקען געווארען... פאר יעדען הויז איז געשטאנען די ,,בעל־הבית'טע'' און האט אבגעשיידט איהר סטאדע, איהרע צוויי, דריי שע־פעלאך מיט די ציגען און חזרים, און האט זיי אריינגענומען אין איהר הויף אריין. טייל געהען מיט גוטען, עס הייסט, געהן זיך פלוצלינג ארויס פון די סטאדע און לאזען זיך אין הויף אריין; א טייל אבער גרויסע קונדסים, לאזען זיך נאך דער סטאדע, און די ,,בעלי־הבית'טעס'' לויפען זיי נאך, זיי אבצושניידען פון די איבריגע און אריינברענגען אין הויף.

# אין דאָרף.

און קענסטו די פעלדער אין וואהלין? שעה'ן לאנג קאנסטו פאה־רען, איינגעטאפיעט צווישען הויכע זאנגען. קיין הייזעל, קיין ביימעל וועט זיך דיר אין די אויגען נישט ווארפען, נאר א פאליע בייטען בע־וואקסען מיט תבואה, איין אונענדליכע חוואליע וואסער גיט זיך א לאז ארויף אין דער הויך — באלד גיסט זיך א צווייטע פאליע הויכע, פולע זאנגען אויף די ווערסטען לאנג אראב אין טאל. פון טאל זעהסטו א שנור וועגעל ציהט זיך אוועק און פערבלאנדזשעט זיך ערגעץ אין א וואלד אריין. שעה'ן לאנג געה איך צווישען די זאנגען — און די פעל־דער ציהען זיך פאר מיינע אויגען אוועק און איך בעגעגען נישט קיין לעבעדיגען נפש. אזוי, אז עס דאכט זיך מיר, אז איך איינער אליין לעב ערגעץ אין א בעוואקסענע וויסטע...

דאך געגען פארנאכט ווייזען זיך ארויס פון מיטען די זאנגען איי־ניגע רויטע דעכער; איך קום אן אויפ'ן וועג, וואס פיהרט לינקס אין דארף אריין. אויף די פעלדער, ביים וועג, וואלגערען זיך פגרים פון פערד ארום, א סקעלעט פון א פערד'ס א קאפ קוקט ערנסט, תם'וואטע, אזוי ווי עס וואלט וועלען דערציילען פון אמאליגען לעבעדיגען פערד. באלד אבער קום איך אן, ביים „ערב דארף", דער ערשטער מענש, וואס איך בעגעגען אויפ'ן וועג איז א איד, אנ'אלטער, מיט א שיטערע, לאנגע, ווייסע בארד — שטעהט זיך אונטער א בוים און דאוועגט מנחה. דאס פעקעל וואס ער האט ערשט געהאט אבגעלייגט פון זיין רוקען, ליגט איהם צו פוסען און ער שטעהט זיך איינער אליין, עס געהט איהם גאר נישט אן קיינער, און ער דאוועגט מנחה...

און ארום און ארום איז גאט'ס וועלט שטיל און ערנסט געוועזען, ווי זי וואלט זיך וועלען איינהאָרכען צו דעם איד'ס מנחה.

דער איד, האלטענדיג דעם שמעק־טאבאק צווישען די צוויי פינגער, האט זיך אבגערופען צום פריץ:

טאק, טאק, פאניע שלאכטשיצו!

דער פריץ האט זיך אויסגעניסט און האט איהם אבגעענטפערט:

— טאק, טאק, פאניע זשידזשע!

דער סטראזשניק, האלטענדיג איין האנד אין די הויזען־קעשענע און מיט דער צווייטער די וואנצעס דרעהענדיג, האט זיי אבגעענטפערט:

— טאק, טאק שלאכטשיצו, טאק, טאק, פאניע זשידזשע.

ארומגעוואלגערט, — שטיקער בלעך, ביינער פון א גע'פגר'טער קאץ, אדער הונד; קעפּ און פיסלאך פון געשאכטענע היהנער, א גע'גנב'עט קאלב־פעל פון נאטעס שפּייכלער. צווישען די אראבגעווארפענע שמאַטעס איז געבליעבען ליעגען צו די פיס פון די בעלי־בתים אנ'אלטע זעלנעריש היטעל.

עס איז געוועזן א הוסארסקע היטעל פון נאפּאלעאן'ס צייטען.

עס קאן זיין, אז א זעלנער, זיך צוריקקערדענדיג מיט נאפּאלעאנ'ען פון דער מלחמה פון יאהר 1812, א פערוואונדעטער און א קראנקער, האט זיך בעהאלטען פאר די רוסען אויפ'ן בוידעם. זיין קערפּער האבען די מייז שוין לאנג אויפגעגעסען, נאר דאס הימעל, לעדער און אייזען, איז געוועזן נישט צו צוטרעטען פאר די מייז'ס מיילער. די בלעכען פון היטעל זיינען געוועזן פערראסטעט און די ברעגען זיינען געוועזן בעדעקט מיט א געלען, פייכטען שימעל. דאס היטעל איז ווי א שטומער עדות געלעגען צו די פיס פון די בעלי־בתים, האט אן עפּעס דערמאהנט און האט דערצעהלט, אז עס זיינען געוועזן אמאל אנדערע צייטען, אנדערע מענשען...

און א געפיהל האט אויפגעלעבט אין איין מינוט אין דריי פערשיעדענע הערצער: א געפיהל אז דא שטארבט נישט קיין מענש, דא שטארבט א הויז, א געסעל און אפשר א וועלט. אז עס זיינען אמאל געוועזן אנדערע צייטען, אנ'אנדער געסעל, אנדערע בעלי־בתים און אנדערע הייזלאך. אז דער איד איז נישט דער איד פון אמאל, אז דער פריץ איז נישט דער פריץ פון אמאל, און אפילו דער סטראזשניק איז שוין אויך נישט דער סטראזשניק פון אמאל. ביי אלעמען איז געקומען דער געראנק, אז מען מוז זיך אנגרייטען צו לעבען אין אנ'אנדער געסעל צווישען אנדערע מענשען...

און טרויעריג איז זיי געווארען איבער דעם, וואס שטארבט אב און וועט שוין קיינמאל נישט צוריקקומען.

דער פריץ האט ארויסגענומען דאס טאבאק־פושקעלע און דערמיט מכבד געוועזן דעם אידען. דער סטראזשניק איז אויך צוגעקומען און האט אויך די פינגער אריינגעשטעקט.

די בעלי בתים זיינען געשטאנען און האבען זיך צוגעקוקט, ווי מען לעגט דאס „הויז" איין. נאך יעדען קלאפ האבען זיך געשאטען פער־פוילטע ברעטער, פערשימעלטע שינדלען, א וואלקען שטויב האט זיך געוויכערט. די ווענד האבען זיך אזוי געטרייסעלט, אז עס האט זיך געדאכט, אז דאס „הויז" זינקט איין אונטער די הענט. פון אונטער'ן דאך זיינען נאך אין גאס אראבגעפאלען פערפוילטע און פערשימעלטע ברעטער און ציגעל, ביינער, אלטע „קאלקעס", וועלכע האבען געמוזט ליגען אויפ'ן דאך נאך פון יענער צייט אן, ווען אונזערע זיידעס האבען אין גאס אין פאלענט געשפיעלט. די בעלי־בתים האבען געקוקט אויף די שפיעלערייען, זיינען טרויעריג געווארען און האבען געשוויגען. ר' נחום האט זיך געוואלט עפעס אנרופען, ער האט געקוקט אויפ'ן פריץ. דער האט אזוי געשוויגען, אז דער איד האט מורא געהאט דאס מויל צו עפענען. דער „גאספאדין" איז עפעס נעהנטער געווען, דערפאר האט ר' נחום איהם גאנץ שעהן געגריסט מיט'ן היטעל און האט געזאגט:

— נוט מארגען דיר, פאניע נאטשאלניקו!

דעב „גאספאדין" האט עס פערדראסען, וואס דער איד האט איהם גערופען „נאטשאלניק". האט ער זיך האלב ערנסט און האלב אויף געלעכטער געווענדעט צום איד:

— דעם רינשטאק פאר דער טהיר האסט שוין אויסגעקעהרט? — מיט קאלך אויסגעשאטען? הא?

— ווינאוואט — האט ר' נחום געשטאמעלט און אבגערוקט זיך נערנטער צום פריץ צו, איבערבעטענדיג דעם סטראזשניק מעהר מיט'ן הוט איידער מיט די ליפען.

שפעטער האט ר' נחום אליין געררעדט צו זיך:

— נייע בעלי־בתים, נייע הייזער.

דערווייל איז עפעס געשעהן. די ארבייטער, אב'פטר'ענדיג זיך מיט'ן דאך, האבען זיך גענומען צום בוידעם, זיי האבען אראבגע־נומען די פיער באלקענס, אויף וועלכער דער דאך רוהט. פון די באלקענס האבען זיך אנגעהויבען צו שיטען פערפוילטע ברעטער, שמאטעס און לאטעס. די ארבייטער האבען מיט די פיס אויף דער גאס אראבגעשארט אלטע שמאטעס, וואס האבען זיך אויפ'ן בוידעם.

מאכטע לאַדען און מיט זיין פערפוילטען דאַך האָט אויסגעזעהן צווישען די קליינע פרעהליכע הייזלאַך אין געסעל, וואָס זייערע פענסטערלאַך האָבען זיך געבאַדען אין די גליהענדע זונען־שטראַהלען, ווי אַנ'אַלטער זיידע מיט אַ פּאָר שוואַרצע ברילען אויף דער נאָז. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די פאַרצייטיגע דורות האָבען איבערגעלאָזט אַנ'אַנדענקען נאָך זיך די היינטיגע קינדער דאָס „הויז". אַז עס זאָל זיי זיין צו אַ „מעטע", ווען זיי וועלען זיך אין געסעל אין בעהעלטעניש שפּיעלען.

וואָרום דאָס „הויז" איז געשטאַנען אין געסעל נור פאַר די חדר־קינדער וועגען. אַ שבת נאָכ'ן עסען, אַ שטיינער, דער טאַטע איז נאָך גישט אויפגעשטאַנען צום פּרק, די מאַמע שמועסט מיט אַ שכנה פאַר דער טהיר, און די חדר־אינגלאַך, אנגעטהאַן אין די שבת'דיגע קאַפּאָט־קעלאַך, פערפלאַכטען אין די זונען־שטראַהלען האָבען ארומגערינגעלט דאָס „הויז" ווי די ווערעמלאַך. ווער עס האָט זיך ארויפגעכאַפּט אויפ'ן דאַך און לאַכט אריבער צו די „פּלשתים", וואָס מען זעהט זיי פון יענער זייט טייך; ווער עס שטעהט אויפ'ן פּליט און קוקט אין „שפּאַקטיוו". און דאָס „הויז", דער זקן האָט אראָבגעוואָרפען פון זיך די חרפּה, שפּיעלט זיך מיט די אינגלאַך, שטיפט מיט. אַט איז עס זיך נוקם אַן אַ קונדס און גיט איהם אַ שטעק אריין אַ נאָגעל אין די נייע, שבת'דיגע קאַפּאָטע; אַט רייסט עס איינעם די קלאַפּע אראָב. די אינגלאַך געהען צוריק צו דער מאַמען מיט די פּאָלעס אין דער האַנד, נור דענסטמאָל זייט זיי ניט מקנא, חברים...

ביי נאַכט איז דאָס גאַנצע געסעל איינגעטוקט פון קאָפּ ביז צו די פיס אין שלאָף, די הייזלאַך שטעהן איינגעטוליעט איינס ביים צווייטען און זעהן אויס ווי שלאָפענדיגע היהנער, וואָס זיצען אויף די אייער. נור דאָס „הויז" שטאַרט ארויס ווי אַן אומגעלומפּערטער גולם מיט זיין הויכען קאָפּ צווישען די אַנדערע הייזלאַך און שאַקעלט זיך איבער זיי, ווי עס וואָלט זיי דערצעהלט, אַנגעזאָגט אין גאָט ווייס וואָס, און זיין לאַנגער אונפּאַ־מדיגער שטן שפּרייט זיך אויס איבער דער גאַס, קריכט אריבער אויף די געגענאיבערדיגע הייזלאַך. און זיי ביידע, דאָס „הויז" מיט'ן שאָטען, זעהן אויס ווי צוויי פרעמדע אורחים פון אַ פרעמדער וועלט, וואָס קומען פון ערגעץ גאַנץ ווייט און וואַנדערען ערגעץ גאַנץ ווייט און האָבען זיך אָבגעשטעלט אין געסעל נאַכט האַלטען...

דערנאך אין די פרעמדע לענדער, נאך א לאנגער צייט געקומען צוריק און זיך בעזעצט אונטער דער שטאדט און געלעבט זיך אליין. ער זאל האבען מיטגעבראכט מיט זיך, זאגט מען, פון די ווייטע לענדער פופ־צעהן האאר און פינף נעגעל פון זעהר א בעריהמטער זינגערין, וואס דאס זאל האבען פאר אמאטארען זעהר א גרויסען ווערט. אידען אבער אלס א פראקטיש פאלק האבען זיך אויף קיין האאר און נעגעל נישט פער־שטאנען און געלד אויף דעם וואלטען זיי נישט געבארגט...

די דריי בעלי־בתים, יעדער מיט זיין בעזונדער גאוה, האבען שפא־צירט יעדער פאר זיך אין געסיל.

אנקומענדיג צום „הויז" צו האבען זיי דערהערט א קלאפעריי פון העק אין אלטע פערפוילטע באלקעס. זיי האבען זיך אבגעשטעלט, ארומגעקוקט און האבען דערזעהן, ארבייטער שטעהען אויף דעם אלטען דאך פון „הויז" און זייערע שארפע העק טיקען זיך אין די אלטע, פער־פוילטע שינדלען, וועלכע זיינען אזוי צוזאמענגעוואקסען ווי א שארבען פון א זקן. די בעלי בתים, וואס האבען ביז איצט מתרעם געווען אויף די פאליציי, וואס זי לאזט איבער אין געסעל אלטע הייזער, וועלכע קאנען ברענגען אן אומגליק, האבען זיך צוגעקוקט, ווי זייער פערלאנג ווערט אויסגעפיהרט. און האבען שטיל־געשוויגען. אין זייער בליק איז מעהר געווען שרעק און טרויעריגע ערהווארטונג איידער נייגעריגקייט.

וואס איז דאס אזעלכעס דאס „הויז"?

פון דורות־לאנג איז געשטאנען א „הויז" אין געסעל. אן אלטע האלב פערפוילטע הויז פון איין שטאק, וואס בשעת א ווינד, האט זיך געדאכט, אז דאס דאך פון הויז שאקעלט זיך אויך איינאיינעם מיט די צווייגען און בלעטער פון די בוימער, וועלכע זיינען געשטאנען פאר די הייזלאך. גערופען האט מען עס, דאס „הויז" סתם. צו קיינעם האט עס ניט געהערט: די בעלי־בתים האבען נישט געוואלט, ווייזט אויס, בעצאהלען פאדאטקעס פאר א הויז, וואס ברענגט נישט איין, האבען זיי זיך דערפאר אבגעזאגט פון זייער אייגענטהום. און דאס „הויז" איז געווארען א „הכנסת אורחים" שטיבעל פאר די נאקעטע יונגען. וואס וואלגערען זיך אין געסעל ארום, און א בעהעלטעניש פאר גע'גנב'־בעטע זאכען. דער „ציווילנער געשטארבענער" מיט די שטענדיג־פער־

יעדען טאג אין איין צייט איז דורגעגאנגען דורך דאס געסעל דער אלטער פריץ מיט זיין הונד.

דעם אלטען פריץ, וואס וואהנט איינער אליין אין דעם געל־געפארבטען הייזעל מיט די שטענדיג־פערמאכטע לאדען, אויפ'ן וועג קיין קראשענוויץ, האט דאס געסעל נישט געקענט. דער פריץ האט זיך געהאלטען פאר זיך, מיט קיינעם האט ער נישט געלעבט און איז תמיד געווען בעהאלטען אין זיך, קיינער האט נישט געוואוסט פון וואנען ער איז געקומען, און וואס פאר א מענש איז ער. נאר קודם כל איז עס א פריץ, האבען איהם דערפאר אלע א לאנגע צייט געגריסט. ער אבער האט אויף די גריסען נישט אבגעענטפערט. האט מען איהם דערנאך אויפגעהערט צו גריסען. צום סוף האט זיך דאס שטעדטעל צו איהם צוגעוועהנט: עפעס דארט אנ'אבגעקומענער פריץ! און מען האט איהם אנגעהויבען צו בענוצען אנשטאט א זייגער, ווארום ער האט זיך אזוי פינקטליך, צו דער מינוט, יעדען טאג געוויזען אין געסעל, אז דאס שטעטעל האט אנגעהויבען צו צעהלען די שעה'ן לויט זיין ווייזען זיך: „און האלב שעה ארום פאר'ן פריין'ס אנקומען"... הינטער די אויגען האט מען געלאכט פון איהם. א נאמען האט מען איהם געגעבען: „דער מלך אביון" און זיין הייזעל: „דעם מלך אביון'ס גיטער". נאר טרעפענדיג זיך מיט איהם „סאם נאסאם", האט דער א איד (חאטש ער האט גאנץ גוט געוואוסט, אז דער פריץ איז ארים) נישט געקאנט זיך איינהאלטען, אז ער זאל נישט פאר איהם דאס היטעל ארונטערנעהמען און בויגען זיך: פארט דאך עפעס א פריץ. זיין האלז און געמבע. וואס די ווארצלען פון די האאר זיינען פון פיעל גאלען זיך אזוי פערהארטעוועט געווארען אין זיי, אז זיי האבען דעם איינדרוק געמאכט פון אבגעברענטע פעדער־ווארצלען אויף א פעטער גאנז, האבען זיך תמיד געריבען אין א שטייפען ווייס געפרעסטען קאלנער, אז עס איז געווען א גרויס רחמנות צו צוקוקען. דאס נישט צוטרעטענקייט צו איהם האט בעשאפען וועגען איהם פערשיעדענע לעגענדען: מען האט געזאגט, אז ער האט צו טהאן מיט די נישט־גוטע, וועלכע בעזוכען איהם יעדע נאכט צוועלף א זייגער. די אלטע בעלי־בתים האבען אבער איהם גאנץ גוט געקענט און געוואוסט, אז דאס איז דער אלטער פריץ פון „דאבראוועק", וואס האט זי פערקויפט דעם היינטיגען פריץ, איז אוועק

פאר ווען. די געוואלדען זיינען דאן ביז אונטער'ן הימעל. נאר עס ווייזט אויס אז זי האט עס געראפט. ווארום וואס מעהר גאספאדין איוואן איוואנאוויטש האט זי געשלאגען, איז יאדוויגע געווארען אלץ דיקער. דאס פנים איהר'ס איז געווארען גלייך, ווי א געשוואלענער. אנגעבלאזענער פענכער, אין וועלכען עס האבען געטיקט צוויי אויגען, ווי צוויי פערלאך... קיין קינדער האבען זיי נישט געהאט, אבער דער־פאר האבען זיי געהאדעוועט א שעהן רעשטעל קעין, הינד, פויגעל און אזא מין ווייסע מייז, וועלכע זיי האבען געהאלטען אין א שטייג. די ווייסע מייז האבען שטארק דערעסען ר' נחומ'ן. זומער פאר נאכט, ווען ר' נחום וויל זיך אנטהאן תענוג, זעצט ער זיך אנידער פאר דער טהיר און הייסט זיך ארויסגעבען דאס „קליין מיטאג", וואס טהוט דער גוי? נעהמט זיך דער גוי די ווייסע מייז אויף די קניע און זעצט זיך אויך פאר דער טהיר, פונקט געגענאיבער ר' נחום'ן (להכעיס אודאי) און ר' נחום מוז אויפהערען צו עסען. ער שפייט אויס און קרעכצט אב: וואס זאל מען טהאן, אז מען איז אין גלות!...

איוואן איוואנאוויטש האט געוואלט ווערען אויס סטראזשניק און זיין גלייך מיט אלע „ציווילנע", און ער איז שוין טאקע געווארען אזא „ציווילנער", אז דערזעהענדיג פון דער־ווייטען דעם שטאדט־סטראזש־ניק, האט ער זיך אויך געכאפט פאר'ן בעזעם און אנגעהויבען אויסצו־קעהרען דעם רינשטאק מיט אנדערע בעלי־בתים צוגלייך. ער האט זיך אבער קיינמאל ניט געקאנט בעפרייען פון די בלויהע הויזען מיט די רויטע ברעגען. צי ער האט זיי געהאט נאך פון גוטע צייטען, צו א גע־שמאק שוין איז געווען ביי איהם אזעלכער. — איין גאט ווייס איהם. אויך די רעקלאך מיט די היטלאך זיינע זיינען געווען געשניטען אויף אזא מין שניט, אז חאטש זיי האבען אויף זיך נישט געהאט קיין שום בלעכעל, פונדענסטוועגען פלעגט יעדער „ארענטליכער" מענש, וואס פלעגט וועלען זיין אין „ארדנונג" פיהלען צו זיי אזא שוואכקייט, אז דערזעהענדיג זיי, פלעגט ער נישט קאנען איינהאלטען דעם יצר הרע, ער זאל נישט פריהער דאס היטעל אראבנעהמען און גריסען: „גוט מארגען, פאניע נאטשאלניק"!

וועבט זיך נישט איבער זיינע אויגען. דענסטמאל רוהט דאס היילינער סופר אויף זיין ברוסט, און ר' נחום שלאפט שוין רוהיג איין. בשעת ער שלאפט טאר זיך קיינער פון די קינדער נישט ווייזען אויף דעם שוועל פון דער שטוב: דער טאטע שלאפט.

ער לעבט פון זיין ווייב'ס געוועלבעל. נעחע די שווארצע (זיין ווייב) איז א גאנצען טאג אין געוועלב. ווינטער פריהרט זי און ווארימט איהרע פערשטיינערטע פינגער, פון וועלכע די הויט איז אבגעקראכען פון הערינג און זאלץ, ארום א טאפ גליהענדע קויהלען. ר' נחום געהט אריין נאכ'ן שלאף פאר מיטאג אין געוועלב עצות געבען. און אז ער איז אין גוטען הומאר, טהוט ער דער ווייב א חסד, שפרייט אויס די הענד און גענעצט הויך אויפ'ן קול. נעכע די שווארצע פרעהט זיך אין הארצען, וואס זי האט אזא איידעלען מאן. ווארום נאר איידעלע מענשען שלאפען פאר מיטאג און גענעצען נאכ'ן שלאף...

שפאצירענדיג בנעימות'דיג איבער'ן געסעל, נעהמט נחום זיך דאס שנופטיכעל ארויס און וויקעלט זיך דעם האלז ארום, אז ער זאל זיך חלילה נישט פערקיהלען. פלוצים דערהערט זיך א געשריי אין געסעל. ר' נחום דערשרעקט זיך, נאר באלד דערמאהנט ער זיך, אז דאס שרייט „אויף די צייהן" יאדוויגע דעם „ציווילנעם סטראזשניק'ס" ווייב. וואס דער מאן שלאגט זי אויס יעדען פריהמארגען. דאן שפייט ער אויס דריי מאל, אז דער שרעק זאל איהם נישט שאדען און געהט זיך ווייטער, צעהלענדיג די טרעט.

---

אין געסיל האט זיך געוויזען דער צווייטער בעל־הבית פון שטעדטעל, גאספאדין איוואן איוואנאוויטש. אמאל איז ער געוועזן א סטראזשניק אין ווארשוי. אויף דער עלטער, איז ער געקומען צו געלד, האט ער די שטעל אוועקגעווארפען, האט חתונה געהאט מיט א דיקער פוילישער יאדוויגע און איז ארויסגעפאהרען אויף דער פראווינץ, געקויפט זיך א הייזעל און לעבט זיך בשלום ושלוה. מיט די בעלי בתים לעבט ער גוט, א פאן בראט מיט יעדען. האט ער עפעס צו זאגען, גיט ער באלד אין טאטען אריין. נאר די בעלי־בתים האבען זיך צוגעוואהנט דערצו — עס איז ביי איהם אזא מין לשון. ווייטער האט ער א טבע יעדען אין דער פריה איינגעשלאגנע זיין ווייב, איין גאט אליין ווייס פאר וואס און

מחיה צו דער ברוסט, טהוט זיך א איד ווי ר׳ נחום אן דאס פערגעניגען: אביסעל דורכשפאצירען זיך אין געסעל אין דער־פריה, נאכ׳ן טהיי, צווישען ,,מה טובו" און ,,קרבנות". פאר וואס דען נישט? א גאנץ געזונטע זאך, און עס קאסט קיין געלד נישט.

און נישט אזוי מחמת דער ברוסט אליין נעהמט זיך א איד צייט צום שפאצירען אין געסעל (שוואך איז ר׳ נחום פונקט אזוי אויפ׳ן הארץ, ווי אויף די ברוסט, און די ,,לעבער" איז אויך נישט אינגאנצען אין ארדנונג), נאר דערהויפט דערפאר, וואס ר׳ נחום האט בטבע ליעב ,,וויגאדעס". א אידעל איז עס א רונדיגס, א פולס, מיט א רויטען קארק און א פול בייכעל, וואס די קאפאטע דאכט זיך, וואקסט ביי איהם מיט, ווי ביי אונזערע עלטערן פערצייטען אין דעם מדבר. א איד, וואס ווייסט זיין ווערט און וויל זיך אליין נישט ,,דוצען". האט ער צו זאגען, למשל, אז מען זאל איהם דערלאנגען א גלאז טהיי, וועט ער נישט זאגען פשוט ,,מיר" נאר מען זאל ,,איהם" דער־לאנגען, בלשון נסתר. נחום איז זעהר ריהרעוודיג. האט זיך הנאה פון אלין וויסען, א סך הערען, נאר ריידען — א מכה! רעדט ער שוין אמאל מיט זיין חסד, איז יעדעס ווארט אבגעוואויגען, אבגעמאסטען און געצעהלט: א ווארט — א רענדעל. צום אנבייסען גיט ער זיך א זעץ אנידער ביים טיש און שניידט זיך די שטיקלאך ברויט פון לעבעל, בעשמירט מיט פוטער, דין גאר דיניטשקע, אז עס זאל נאר האבען א טעם פון פוטער. אזוי פיינינגט עס דאס פינגערהוט פוטער, צוציהט עס אויף פופציג דינע פערעמלעך, אז עס זאל איהם גענוגען פאר דאס גאנצע ברויט. דערנאך שניידט ער זיך די שטיקלאך כסדר אין מויל אריין, רוהיג, נישט געאיילט, און טרינקט זיך צו צום עסען א גאנצען טשייניק טהיי, דערווייזענדיג דערביי דעם קונץ אויסצו־קומען נאר מיט איין שטיקעל צוקער. ער כאפט ארונטער דאס שטי־קעל צוקער הינטער די צונג, אז עס זאל איהם נישט צוגעהן בשעת׳ן עסען, און גיט דערמיט אנצוהערען מיט יעדען זופ, אז צוקער, ברידער, איז דא... אזוי עסט ער זיך רוהיג, א ביסען ברויט, א זופ טהיי, נישט צולאזענדיג זיך ביים עסען קיין שום עגמת־נפש, אז ער זאל נישט האבען חלילה בחנם ארויסגעווארפען. נאכ׳ן אנבייסען לעגט זיך ר׳ נחום צו אויף דער קאנאפע אין עס־שטוב, נעהמט זיך צום שלאף דעם ,,קו הישר" און לייענט זיך די מעשיות צום שלאף, ביז דער שלאף

די שטראהלען זיינען אריינגעדרונגען אין בעהאלטענע, פערשפארטע לעבער און רינשטאקען, צולאזען דעם רעשט פערשווארצטען אייז; עס האבען זיך אויפגעעפענט די פערבארגענע מיסט־קאסטענס, וואס דער פראסט האט זייער חרפה צוגעדעקט, און דאס שטעדטעל האט זיך געבאדען אין זון און אין בלאטע...

איבער דער געסעל האט זיך איבערגעצויגען א יונגער הימעל, ווייט, רייך, העכער און ברייטער פון תמיד: אבגעריסענע, פליסענדיגע וואלקענדלעך האבען זיך געבאדען אין זיין טיפעניש, געוועבט זיך פון איהם און פערלארען זיך אין איהם, און אזוי זיך אינאיינעם צוזאמענגעגאסען, אז עס האט זיך געדאכט, אז די הימלען זיינען צוזאמענגעוועבט פון צי־טערדיגע, צערטליכע מוזיק־טענער, וואס זיינען פערגליווערט געווארען אין דורכזיכטיגע רויך־וואלקענדלעך. די לופט, ווי זי וואלט זיך בע־פרייט פון שווערען בליי, איז געווארען אזוי קלאהר און דורכזיכטיג, אז מען האט געהערט און געזעהן די לייכטסטע, דינסטע וואלקענדלאך רויך, וואס זיינען ארויסגעגאנגען פון די בוימער־ווארצלען, שטעהענדיג אין געסיל פאר די הייזלעך. די שווארצע צווייגען פון די בוימער, וואס האבען דא און דארט אין געסעל אריינגעקוקט פון איבער די ווייס־אב־געקאלכטע פלויטען, האבען געציטערט אין אויר פאר פרישקייט. די ערד ארום דעם שטעדטעל האט אראבגעווארפען פון זיך דעם ווייסען, ווינטערדיקען דעק, און אזוי שווארץ און אזוי יונג, האט זי געווארט אויף עפעס, ווי א חתן, וואסווארט אויף דער כלה... דאס אלץ האט אויסגעזעהן ווי א גרויסער פרייטאג פון א גרויסען, גרויסען שבת, א שבת פון פריהלינג. די וועלט איז געוועזן אזוי פריש און אזוי יונג, דאס עס האט זיך געדאכט, אז דער אונבעוואוסטען „מע" פון דעם אונשולדיגען קאלב, וואס מרדכי קצב האט געפיהרט אין שחט־הויז (דער איינציגער מעגליכער שטעדטילשער קרבן), איז א ברכה אויף דעם יונגען געבארענעם טאג, וואס קומט אויף דער וועלט...

---

דער ערשטער פון די בעלי־בתים, וואס האבען זיך אין געסעל גע־וויזען, איז געוועזן ר' נחום רויטהאלץ.

עס איז קיין וואונדער נישט: ר' נחום רויטהאלץ איז א איד, וואס ליעבט שעפען „פרישע לופט", און וויל מאיאווע לופט איז א

# דריי בעלי בתים.

פריה־מארגען. דאס געסעל האט זיך געבאָדען אין רער זון.

די לאדען פון די הייזער האבען זיך איינציגווייז אנגעהויבען אויפ־צועפענען. דא און דארט האט אבגעקלונגען אין געסיל דאס עכא פון זייערע אויפגעפראלטע זייטלאך, וואס האבען זיך הויך אן די ווענד אנ־געשלאגען. זיי האט אבגעענטפערט דאס גערויש פון דעם מילכיקער'ס וועגעלע, וואס איז ארויסגעפאהרען פון זאמדיגע וועג אויף דעם פריש־געברוקעוועטען געסעל. דער מילכיגער, דאס פערדעל און דער וואגען מיט די קאנען זיינען געווען פערהויכט אין א בלאהען טוי, ווי פריה־מארגענדיגע פלוימען, און עס האט זיך געדאכט, אז זיי פיהרען מיט זיך אין שטעדטעל אריין דעם סוד פון די פעלדער און פון דער ערשט־אוועקגעגאנגענער נאכט, וואס זיי האבען זי נאך געמוזט אויפ'ן וועג בעגעגענען...

די ארויסגעבויגענע קעפ, בערד און פאות פון די אויפגעעפענטע לופטשיקעס, האבען קוקענדיג אויפ'ן שטאדט־זייגער — ווי שפעט עס איז — בעגעגענט די זון, און א פרעהליכער שטראהל פון האפנונג האט די ארימע, ווינטערדיגע בריסט ערפילט. דארט, וואו מען האט זיך פערשפעטיגט מיט די לאדען אויפעפענען, איז זי אליין אריינגעדרונגען דורך די לעכער, וואס זיינען געווען אויסגעשניטען אין די לאדען אין די געשטאלטען פון הערצלאך, קעזלעך און האלבע לבנות, און זי האט געזוכט די שלאפעדיגע אונטער די ווינטער־דעקען, אין וועלכע עס זיינען געווען אנגעפיהלט פערער'ן פאר קינדער און קינר'ס־קינדער'ם אויסשטייער...

אומגעריכט און אָהן א חשבון, ווי א קינד, האט די זון איהרע שטראהלען פערשפרייט, נישט קוקענדיג אויף וואס און ווען זיי פאלען.

און דער זונטאַגדיגער גאָטעס־דיענסט?

ניין, פון דענסטמאָל אָן, צייט מען האָט דעם אידען פון דאָרף אַרויסגעטריבען, זיינען די פויערים אַנשטענדיגע מענשען געוואָרען, זיי טהוען קיין פערברעכען געגען דער רעגיערונג נישט. און זונטאָג בעטען זיי שוין נישט מעהר צו זייער קאַטוילישען גאָט, נור שיכור'; אַ גאַנצען טאָג.

און די צוויי שטונדען האָבען זיך שוין לאנג געענדיגט. האָבען זיי דעם קינד געגעבען א צווייגעל אין האנד אריין, אז זי זאָל נעהן אויס דעם דאָרף און ארויסטרייבען די ציעג.

די גוים זיינען ארויס פון די הייזער מיט די ווייבער און קינדער, געקוקט אויף דאָס בילד, ווי א פריסטאַוו מיט פיער סטראַזשניקעס טרייבען א קינד מיט א ציעג אויס דעם דאָרף, געבראָכען זיך די הענד און נישט פערשטאַנען פאַר וואָס. צי זיינען דאָס כשוף־מאכערס, מכשפים? — האָט איין פרוי געפרעגט די צווייטע.

און די זון האָט זיך געזעצט רויט הינטער דעם טונקעלען וואלד. און דער איספּראַווניק, וואָס איז געווען א געזונטער מענש, איז נאָכ־געגאַנגען די ארויסגעטריבענע און אליין געוועדט צו זיך:

— קאַקאַיאַ עטאַ טשעפּוכאַ!

---

דער איד האָט אָבער אין דעם דאָרף אָהן זיין „האָב און גוטס" נישט געקענט בלייבען. וואָס קומט איהם ארויס פון שטיק לאַנקע הינ־טער דער קראָם, פון דעם ליכטיגען הימעל, אז זיין רחל'ע שפּיעלט זיך נישט, און זיין ציעג פּאַשעט זיך נישט. דער גאַרטען פאַר דער טהיר איז איהם אויך שוין מעהר נישט געפעלען, און עס איז איהם שוין נישט געווען קיין אונטערשיעד: א רעטעך וואָס מען שניידט זיך אליין אָב פון גאָרטען, אָדער וואָס מען קויפט אין מארק, פון הויפען... ער האָט באַלד דאָס קרעמעל פערמאַכט און איז אין שטאָדט אריין.

אין שטאָדט האָט ער אָבער זומער שוין נישט געקענט זיין. דאָס שטיק פעלד הינטער דער קראָם און דאָס גערטענדעל פאַר דער טהיר האָט איהם פער'סם'ט. און זעהענדיג ווי זיין רחל'ע שפּיעלט זיך צוויי־שען די קינדער אין דעם שמוציגען הויף, ביים מיסט־קאַסטען, איז איהם דאָס האַרץ צוגאַסען געוואָרען. ער איז באַלד פון שטאָדט פערשוואונ־דען מיט דער מיידעלע, וואוהין — ווייס איך נישט.

די ציעג האָט זיך נאָך א שטיק צייט אין דער שטאָדט ארומגע־דרעהט, צום שפּאָס פון די גאַסען־יונגען, און ניט געוואוסט פאַר וואָס מען האָט זי פון דער לאַנקע פערטריבען.

---

געארבייט אין מיניסטעריום, וואו דעם איד'ס פאפירען האבען זיך געפונען.

און דאס אידעל האט אלעס דורכגעזעצט. ער האט געבעטען דעם רעצענזוענט, זיין קרוב, דער רעצענזוענט האט געבעטען די שויש־פיעלערין, די שוישפיעלערין — איהר געליעבטען, דער געליעבטער — זיין פריינד, און דער פריינד — זיין נאטשאלסטווא, — און דאס אידעל האט ארויסגעקראגען א גוטען אנטווארט און געקענט רוהיג אהיים פאהרען און דערצעהלט די גוים מיט דעם פריסטאוו פון פעטערבורג.

און פון פעטערבורג איז טאקע אנגעקומען אן ענטפער, אז דעם אידען ערלויבט מען צו בלייבען אין דארף, נור זיין „האב און גוטס" טאר ער נישט האבען אויפ'ן דארף.

מען האט אנגעהויבען חוקר ודורש צו זיין, וואס איז דעם איד'ס "האב און גוטס". דאס געוועלב מיט די סחורה זיינען געוועזן פער־שריבען אויף א גוי'ס נאמען; עס איז נור איבערגעבליבען דאס קינד און די ציעג, וואס מוזען דעם דארף פערלאזען.

דער איד איז ערשטוינט געבליבען: ווי הייסט, וואו וועלען זיי זיך אהינטהאן?

א געוויסע צייט האבען נאך די גוים זיי בעהאלטען צווישען זיך. אמאל, אין א זומער פאר־נאכט, איז אנגעקומען דער פריסטאוו מיט סטראזשניקעס רייניגען דעם דארף. די פאפירען זיינען אנגעקומען פון פעטערבורג, און דער גובערנאטאר האט צוגעשיקט דורכאויס אויס־צופיהרען דעם אוקאז. דאס קינד מיט דער ציעג זיינען פונקט נים געוועזן אין דער היים — דעם איד'ס קינד האט זיך געשפיעלט מיט אנדערע קינדער פון דארף, און דעם איד'ס ציעג האט זיך געפאשעט מיט אנדערע ציעגען אין דארף. די סטראזשניקעס האבען אויסגעזוכט צווישען די קינדער דעם איד'ס קינד, זיי האבען עס באלד דערקענט אן די שווארצע הערעלאך מיט די שווארצע אויגען צווישען די בלאנדע קינדער, און די ציעג האבען זיי דערקענט, ווארים זי איז אליין נאכגע־לאפען דעם אידישען קינד.

עס איז שוין געווען שפעטליך, פארנאכט, די זון האט זיך שוין געזעצט רויט הינטער דעם גרינעם טונקעלען וואלד — אבער לאזען איבערנעכטיגען דאס „האב און גוטס" פון אידען אין דארף האבען זיי נישט געקענט, ווייל אין דעם פריקאז איז געווען „דורך צוויי שטונדען".

און אלע מאָל, אז ער האָט זיך דערמאָנט זומער די שטאָדט, וואו אידען וואהנען אין די הויפען צו א פּאָר משפּחות אין א קעלער און אלע קינדערלאך פון אלע משפחות אין איין לאָך, — און זיין רחל'ע איז דאָ מיט דער ציעג אויפ'ן פעלד, האָט ער גאָט געדאנקט פון גאנצען הארצען פאר דעם חסד, וואָס ער האָט געטהאָן מיט איהם.

---

דעם איד'ס פּאַפּירען האָבען ווייט אנגערייכט, אזש קיין פּעטער־בורג, נור דער איד האָט נישט געשווינען. אין פּעטערבורג האָט ער אויך זיין צר געהאַט.

עס האָט זיך געדאכט, ווי דער איד וואָלט זיך אנגעכאַפּט מיט די פויסטען אָן דעם גערטענדעל, אָן דער שטיק לאנקע און וויל בשום אופן דערפון נים אראָב.

אז ער האָט געהערט: פּעטערבורג — פויל'ט זיך נישט דער איד, לאָזט איבער די קראָם ביי א בעקאנטען גוי, קינד און ציעג ביי א בע־קאנטע גוי'ע, און דער איד „האָט זיין לעבען איינגעשטעלט", געלאָזט זיך נאָך פּעטערבורג.

צום ערשט איז ער אין דער גרויסער שטאָדט אריין. פון דאָרט האָט מען איהם געוויזען דעם וועג, דערצעהלט וועגען אונזערע דעפּו־טאַטען וואָס מיר האָבען אין פּעטערבורג, נור עס האָט זיך ארויסגעווי־זען, אז דער איד האָט גאָר א משפחה אין פּעטערבורג, עפּעס א איד וואָס איז גאָר א גאנצער „קרוב למלכות" — ביים טהעאַטער דאָרט.

דער איד „האָט זיך דאָס לעבען איינגעשטעלט". דאָס גער־טענדעל און דאָס קינד מיט דער ציעג אויף דעם שטיק לאנקע איז איהם פאר די אויגען געשטאַנען, און דאָס האָט איהם געגעבען מוטה צו גע־פינען דעם וועג קיין פּעטערבורג. אין א שעהנעם פריה־מאָרגען האָט איהם זיין קרוב, וואָס איז געווען א טהעאַטער רעצענזענט אין א רו־סישער צייטונג, געפונען פאר זיין טהיר האַמפּערען זיך מיט'ן שוויי־צאַר, וואָס האָט איהם נישט געוואָלט אריינלאָזען.

דער טהעאַטער־רעצענזענט האָט געהאַט א בעקאַנטע שוישפּיעלע־רין, די שוישפּיעלערין האָט געהאַט א געליבטען, דער געליעבטער פון דער שוישפּיעלערין האָט געהאַט א פריינד, א טשינאָווניק, וואָס האָט

ער נעוואָהנט מיט זיינס אַ קליין קינד, אַ מיידעל פון אַ יאָהר דריי, רחל'ע, מיט איהר ציעג, וואָס איז געווען די גאַנצע שפּייזערין פון דעם אידען מיט זיין קינד. קיין פליישׁ האָט ער ניט געגעסען וואָכען לאַנג, אַ חוץ אַמאָל, וואָס ער איז געווען אין שטאָדט און געבראַכט זיך כשר פליישׁ אויף אַ שבת. האָט די ציעג נעמוזט איהם בעזאָרגען מיט מילך און דאָס גערטענדעל פאַר דער טהיר — מיט קאַרטאָפּעל און רעטעכער.

און איז ער ארויס פאַר דער טהיר און דערזעהן זיין רחל'ען, ווי זי שפּיעלט זיך מיט דער ציעג אויף דעם גרויסען שטיק לאַנקע הינטער קרעמעל, האָט איהם דאָס האַרץ געקוואַלען פאַר נחת: זיינע, זיין קינד און זיין ציעג האָבען אַזאַ שטיק פעלד און קענען זיך וואַלגערען און שפּיעלען זיך אויפ'ן פרייען פעלד וויפיעל זייער האַרץ געלוסט.

פריהלינג האָט ער געלאָזט זיין שטיקעל גאָרטען בעארבייטען מיט אַלע פּויערים צוגלייך. געגאַנגען יעדען פריה־מאָרגען זעהן אויב עס וואַקסט שוין, און אַז אין די ערשטע פאַר וואָכען האָט זיך נישט ארויסגעוויזען פון דער ערד קיין גרינס, האָט ער געפרעגט יעדען פּויער, וואָס איז אריינגעקומען צו איהם:

— פאַר וואָס וואַקסט נאָך נישט מיין גאָרטען?

— נאָך נישט צייט — ענטפערט דער פּויער.

— מען זעהט דאָך נאָך גאָר נישט אַן — וואונדערט זיך דער איד.

— אַז עס וועט קומען די צייט, וועסטו אָנזעהן.

און אַז עס איז טאַקע געקומען די צייט, און דער גאָרטען האָט ארויס־געגעבען זיינע רעטעכער און דער איד איז יעדען טאָג מיט אַ מעסער געגאַנגען שניידען אין גאָרטען דאָס גרינס, האָט איהם טאַקע דאָס האַרץ געוואַקסען פאַר נחת. „טאַקע אַ גאַנץ אַנדערע זאַך — טענה'ט ער אַמאָל אין שטאָדט — ווען דו זעהסט די רעטעכער ליגען אין אַ הויפען אין מאַרק און דו קויפסט דיר פון דער קופּע, אָדער דו געהסט אַליין אין דיין גאָרטען אריין מיט אַ מעסער אין דער האַנד און שניידסט דיך דיין רעטעך אָב. היינט שניידסטו, מאָרגען וואַקסט דיר אַ פריי־שער". אַ, האָט ער געפיהלט דעם טעם פון די ווערטער: איש תחת גפנו ותחת תאנתו — אונטער זיין וויינשטאָק און אונטער זיין פייי־גענבוים...

עס איז געווען בעהאלטען דאס הייליגע בילד, און האט זיך דער־מאנט, אז ביי איהם אין דער קראם געפינט זיך דאס בילד, האט עס איהם געקרענקט, איז ער געווען אונרוהיג, געפיהלט זיך זינדיג און ניט געלאזט זיין קינד אין דער קראם קיין ברכה מאכען.

אזוי האט די קראם א גאנצע וואך געהאנדעלט און גע'שיכור'ט. אז עס איז געקומען זונטאג אין דער פריה, זייגען די גוים זיך צוזאמענגע־קומען אין דער קראם „שיכור'ן". די פאדלאגע האט מען אויסגעקעהרט, די פלעשלאך מיט בראנפען האט מען פערשטעלט, בעהאלטען אין שענ־קעל אריין, און אויף דעם ארט, וואו עס איז א גאנצע וואך די „קווארט" געהאנגען, האט מען דאס הייליגע בילד אויפגעהאנגען, א ליכטעל אנגעצונדען, און אן אלטער, פרומער גוי האט פאר גאט זייער געבעט אבגעריכט.

דער אידעל האט זיך פאר דער טהיר געשטעלט אבווארטען דעם איספראווניק. האט ער איהם פון דערווייטענס פאהרען געזעהן (ער איז תמיד געקומען אין דארף אריין זונטאג), איז ער אין דער קראם אריין און אנגזעאגט אז מען פאהרט, האט מען באלד דאס הייליגע בילד בעהאלטען אין שענקעל אריין, די פלעשער מיט די גלעזער ארויסגע־נומען און זיך אוועקגעזעצט, נאך מיט דעם ערנסט פון דאווגען, — „שיכור'ן".

פאר דעם, אז דער איספראווניק איז געקומען מאכען א רעוויזיע ביים אידעל, האבען די גוים בעהאלטען זיין „האב און גוטס" צווישען זיך און עס פערהוילען פון דעם איספראווניק'ס אויגען. זיין „האב און גוטס" איז בעשטאנען פון זיין קינד, א מיידעלע פון דריי יאהר, מיט א ציעג.

---

דער אידישער קרעמער, — איך וויים נישט אויב עס איז וואהר, וואס ער זאגט אז זיינע אבות־אבות האבען געלעבט אויפ'ן דארף, איידער דאס דארף איז נאך געווען דארף — נור דער אידישער קרע־מער האט דאך זעהר ליעב געהאט דאס שטיק פעלד, וואס איז געווען הינטער זיין קראם, און האט זיך זעהר צוגעבונדען צו דער ערד.

קיין ווייב האט ער נישט געהאט. אפשר האט ער געהאט אין דער שטאדט ערגעץ וואו — מיט קינדער, נור דא, אויפ'ן דארף, האט

— און פון וואנען האסטו געלעבט?

— דער רבונו של עולם פערלאזט נישט — ענטפערט דער אידעל.

קיין ריכטיגער תירוץ איז עס נישט געווען, נור מיט א דריי־ רו־ בעלדיגען איז עס געווען א תירוץ אבצושלעפען זיך א שטיקעל צייט ביז די פאפירען וועלען צוריקקומען פון דער גובערניע.

דערווייל איז אוים דעם טישעל סחורה געווארען א קרעמעל סחורה. די גוים האבען בעדארפט דאס קרעמעל, האט זיך שוין געפונען איינער, וועמען דער אידעל האט איבערגעגעבען צו האלטען דאס קרעמעל אויף זיין נאמען, און שוין נישט קיין קרעמעל אליין, נור אויך א שענקעל, וואו מען האט זונטאג געקראגען א פלאש ביער צו קויפען. ווארים צווי־ שען די גוים מיט דעם אידען האט זיך פערבונדרען אן ענגע בעציהונג, ווי צווישען א קונה מיט א סוחר — זיי האט פערבונדרען איין געהיים „פערברעכען" בעגען דער רעגיערונג.

די ארבייטער, וועלכע זיינען מעהרסטענס געווען פוילישע קאטאלי־ קעס, האט מען נישט ערלויבט אויף ליטווישע ערד אבצוריכטען גאטעס־ דיענסט לויט זייער נוסח, און אויף אן אנדערען נוסח האבען זיי נישט געוואלט. און וויפיעל זיי האבען זיך נישט געסטארעט צו בעקומען ערלויבניש צו האבען אן אייגענע „קאפליצע", איז דערפון גאר נישט ארויסגעקומען. זיי האבען זיך שוין געהאט מיאש געווען פון בעטען. נור איין מאל אין א זונטאג, ווען דער קאטוילישער גלח איז ארויבגעקו־ מען פון דער נאהנטער שטאדט און אין געהיים, ביי א פויער, זיי גע־ האלטען א מוסר־דרשה, האבען זיך די פויערים צואוויינט און געזוכט מיטלען, ווי איינצוארדנען זייער זונטאג־געבעט. א טיכטיגען, ערנ־ סטען פויער, וועלכער האט גוט געלעבט מיט שמואל'ן, איז געקומען אויפ'ן זינען איינצוארדנען זייער געבעט־הויז גאר אין איד'ס קראם. ערשטענס, וועט מען דעם איד נישט חושד זיין אין אזעלכע זאכען און עס וועט קיינעם נישט איינפאלען ביי דעם אידען אין קראם צו זוכען די קאטוילישע „מאטקא באזקא".

דער איד האט לכתחילה דערויף נישט געוואלט בעשטעהן, אבער וואס טהוט מען נים צוליעב קונים — האט ער זיך געדונגען א בעזונ־ דערע שטוב צום וואהנען. פאר זיין גאט איז ער געווען אין ארדנונג — די קראם איז דאך אויף א גוי'ס נאמען. און ווען דער איד איז דורכ־ געגאנגען אין א וואכען־טאג אין זיין קראם פאר דעם קעסטעל, וואס

טערען געוואָהנט, אַז אַזוי געקלעפּיעט בידיי. אַז עס איז ניט געווען פאַר וועמען האָט מען זיך ניט געוויזען. היינט, אַז מענשען זיינען דאָ, ווייזט מען זיך אויך אויף דער ליכטיגער שיין. „לעבען און לעבען לאָזען" — ווי דער דייטש זאָגט — לאַכט דער אידעל פריינדליך צו די קונים.

די גוים האָבען זיך אפילו אַביסעל געוואונדערט — איידער די פאַבריק אַז דאָ געעפענט געוואָרען איז דאָ געווען א מדבר. וואָס האָט דער איד געטהאָן אליין? נור עס איז זיי אַלץ איינס געווען. זיי האָבען זיך זעהר דערפרעהט אי מיט דעם אידען, אי מיט זיין קרעמעל, וואָס האָט פרעהליכער געמאַכט זייער אומעטיג דאָרפיש לעבען, האָבען אויסגעקויפט דאָס קרעמעל און געוואָרען בעשטענדיגע אָבנעהמער פון דעם אידעל.

אוןביידע צדדים זיינען צופריעדען געווען.

נור מיט דעם טאָג וואָס דער אידעל האָט זיך בעוויזען אויף דער ליכטיגער שיין פון דאָרף, האָט זיך אין די פּאָליציייאישע קאַנצעלאַריעס וואָס זיינען געווען פערשפּרייט אין די שטעדט ארום דעם דאָרף ביז צו דער גובערניע, אָנגעהויבען א גרויסע בעוועגונג. עס זיינען געפלויגען פּאַפּירען פון איין קאַנצעלאַריע צו דער צווייטער, אַז אין דעם און אין דעם דאָרף האָט זיך א איד בעוויזען. און עס זיינען ווידער געגאַנגען פּאַפּירען פון גובערנאַטאָר צום אויעזדנעם נאַטשאַלניק, פון נאַטשאַלניק צום נאַדזיראַטעל, פון נאַדזיראַטעל צום סטראַזשניק, אַז מען זאָל געהן אין דאָרף אריין און חוקר ודורש זיין אויב עס געפינט זיך טאַקע דאָרט דער איד, און מיט וואָס פאַר א רעכט געפינט ער זיך דאָרט.

עס האָט זיך אָבער ארויסגעוויזען, אַז דער אידעל האָט זיך גוט צוגעגרייט צו די אַלע חקירות ודרישות. ער האָט געוויזען פּאַפּירען פון אַלטע קיסרים'ס צייטען, אַז זיינע אָבות האָבען געוואָהנט דאָ אין דעם דאָרף, און ער זיצט שוין דאָ אין די מקומות צייט ער איז געבאָרען געוואָרען.

— אַז עס איז דאָך גאָר צום ערשט קיין דאָרף ניט געווען, דאָס האָט דאָך ערשט דער פאַבריקאַנט געלאָזט אויסטריקענען א שטיק נאַס פעלד אין וואַלד און אויפגעשטעלט די הוטע — וואָס האָסטו געטהאָן אין א וויסטען וואַלד אריין? — פרעגט מען איהם.

— „באָגו מאָלילסיא" — ענטפערט דער אידעל.

# זיין האָב און גוטס*

## א צייט בילד

אז עס האָט זיך אויפגעעפענט די פאַבריק אין דעם דאָרף, האָט זיך דאָרט פלוצלונג דער איד בעוויזען.

ווען די ארבייטער, וואָס זיינען מעהרסטענס געווען אויס דער פּרעמה, פון פּוילען, זיינען אהיים געגאנגען פאַרנאַכט פון דער ארבייט, האָבען זיי אומגעריכט בעגעגענט אויפ'ן וועג א אידיש קרעמעל — אויסגעלעגט אויף אַ טישעל פערשיעדענע צוקער־וואַרג, אַ באַלאָן סאָדאַ־וואַסער און שטיקלאַך שניט־קראַם סחורה. דערביי איז געשטאַנען א אידעל, א הויכער און א מאַגערער, מיט א שיטער בערדעל, געהאַלטען אויף דער האַנד אַ קינד און פריינדליך אנטקעגען געשמייכעלט די פּוילישע ארבייטער אויף אַ צובראָכענעם פּוילישען שפּראַך, אויסגעמישט מיט רוסישע ווערטער:

— פּראָשע, פּאַניע, רוזשנע טאָוואַר!

אז די גוים האָבען דערזעהן דאָס קרעמעל און דערהערט זייער שפּראַך, האָבען זיי זיך גאָר דערפרעהט און ארומגערינגעלט דאָס טישעל.

— פון וואַנען האָסטו זיך גענומען? ווי קומסטו אהער? אפשר פון אונזערע געגענדען?

— איך וואָהן דאָ אין דאָרף פון אויביג אָן, — האָט דער אידעל גענעבען אָנצוהערען אויף זיין רעכט — נאָך בעפאָר די פאַבריק האָט זיך געעפענט. דאָרט זעהסטו די „כאַלופּע" — דאָרט האָבען מיינע על־

ער שוין אלעס און פערשטעהט דעם שבת — דעם כח הכל — דעם תכלית — פלוצלונג שרייט ווער אויס:

— עוכר ישראל, מחלל שבת בפרהסיה!

חסידים קוקען זיך ארום — א טונקעלער וואלד, שבת, שטערן שיינען, און דער רבי פייפט אויף א פייפעל, און דער קליינער שוסטערל שטעהט נעגען דעם רבי'ן און שרייט: „מחלל שבת'ניק — שטערי שיינען!“

אין בעזונדערע וועגען, איינציגווייז, איז דער עולם צוריקגע־גאנגען פון וואלד, א פערשעהמטער, געהיט זיך צו מאכען א פסי[illegible] גסה. אן רבי'ן האט מען פערגעסען. ער איז ערגעץ וואו אין וואל[illegible] פערשוואונדען. א לאנגע צייט האט מען גאר ניט גערענקט וועג[illegible] איהם. גערארוועגט בעזונדער, ביי זיך אויף די קווארטירען. שב[illegible] צו־נאכטס זיינען זיי זיך צופאהרען, ווי נאכ'ן עגל — און דער ר[illegible] איז אליץ ניט געווען.

נאך הבדלה האט די ווייב און דער שוועהר גערונגען פוהרען [illegible] געשיקט אין וואלד אריין זוכען דעם רבי'ן — מען האט איהם ניט גע פונען. צושיקט פוהרען איבער די וועגען און ערגעץ ניט געווען צו גע־ פינען. אין א יאהר צייט ארום האט מען דערצעהלט, אז עס געהט איבער די וועגען א דארער חסיה, נע ונד. ער מיידט אויס שטערט און מענשען, און האלט זיך אויף די פעלדער און וועלדער, ביים וואסער, עסט ווילדע גראזען און איז ווילד בעוואקסען. פויערים האבען איהם געזאלט האבען בעגעגענט אין די בעהעלטנישע פון די וועלדער — האט בען זיי געמאכט א געיעג אויף איהם — אבער קיינער האט איהם ניט געקענט כאפען. טייל זאגען, אז דאס איז דער בחור הקדוש, וועלכער האט אויף זיך גענומען די תשובה, איבער א גרויסער עברה.

אירען, קופיען זיך איין און צולאזען זיך. און אומעטום שלאגט אב דאס שווארץ זיידענע און אטלאסענע מיט פעריל־גלאנץ. אין אן אנדער ווינקעל שטעהען די פרויען מיט זיידענע געהאפטענע טיכער ארומגע־ הילט, פעריל און בריליאנטען שפריצען מיט שטראהלען, דער שטאר־ בענדער זון אנטקעגען, ווי זיי וואלטען איהר געוואלט אוועקגעבען זייער ביסעל ליכט, זי זאל ניט אויסגעהן... אידישע, ווייבערשע שטערן גלאנצען און א פרומקייט ווערט געמורמעלט. דאן ווערט אלעס שטיל, מיט איינגעהאלטענעם אטהעם — און ניט נאר די חסידים, נור די גאנצע וועלט. מיט רוהיגע טריט קומט אן דער רבי פון זיין הויף. ער געהט מיט שטאלץ און די אונטערגעהענדע זון בעגיסט איהם אין גאנצען מיט א געל ליכט. און ער געהט נאך דער זון, און די חסידים נאך איהם, מיט שטילע, קליינע טריט. אלעס איז שא, שטיל. מיט איינגעהאלטענעם אטהעם, ווי מען וואלט געווארט אויף א נס, אויף א קץ. און דער רבי געהט אלין ווייטער, פאמעליך — נאך דער זון נאך, ביז ער קומט צום ראנד פון וואלד. עס ווערט טונקעל און שטיל וואס אמאל טונקעלער און שטילער. פלוצלונג הערט זיך א פייפעל פייפען. קיינער הערט ניט ווען עס האט אנגעהויבען צו פייפען מיט א לייכטען טאן, און וואס אמאל שטארקט זיך דאס פייפען. באלד וועהט אדורך א שטיקעל געמורמעל: דער רבי פייפט אויף א פייפעל — ער איז מקדש שבת מיט דער פייפעל. ער זאגט קיין ווערטער ניט, ער וויל מיט'ן נגון — מיט'ן פייפען. דער וואלד איז שוין דא און דער וואלד פייפט מיט. די פויגלען פייפען מיט, און די בוימער שארכען מיט, און די גראזען בעוועגען זיך און באלד דאכט זיך, אט, אט הויבט עס אן ווידער צו זינגען, עס הויבט אן ווידער צו פיהלען אין זיך דעם כח — עס ווערט בעלעבט. די בוימער הויבען זיך אן צו וועקען פון א שווערען, לאנגען שלאף — זיי דערפיהלען עפעס, שאקלען זיך וואס אמאל מעהר, שטארקער. די פויגלען שרייען שוין — און אפילו די גראזען הויבען שוין אן צו רערען. אט דערפיהלען זיי שוין דעם כח אין זיך — זיי פערשטעהען וואס מען מיינט — און אט וועט ער באלד מיט זיין פייפעל אויפוועקען דאס געפיהל פון דער וועלט, און זי וועט פערשטעהן דעם כח מיט וואס זי קומט און דעם חלק וואס זי האט אין בורא עולם, און אויפוועקען זיך פון חומר, און אנבינדען זיך אין אייבינקייט, דער גרויסער יצירה. און אט פיהלט

גלאט אזוי א פרומען נגון. אינגלאך רייסען די איבערגעבליבענע עפעל פון די בוימער און טהיילען אויף א ברכה. אין הויף און פון הויף גע־הען אריין און קומען ארויס מקורבים, סאמע קארפען קעפ, אידען מיט ברייטע פלייצעס, לייכטענדע פנים'ער און שווארץ בעוואקסענע בערד. די זיידענע קאפאטעס אריבערגעהאנגען איבער די אקסלען און די הויכע, פוטערנע שטריימלאך פעררוקט אין א זייט. יעדען פון זיי קען מען. רופט מען אן א נאמען — קוקט מען זיך אום: דאס איז ר' בעריל זאמאשטער, אליין א האלבער רבי. און דער, דער גרויסער רב, דער עלוי פון פלאצק. און אן אנדערער, דער גרויסער ווארשאווער נגיד, וואס איז געקומען מיט זיין בריטשקע און דריי פערד געשפאנט נאך־שפיטץ. אנדערע זיינען גאר ארימע, אין אבגעריסענע קאפאטעס, אויסגעפליקטע שטריימלאך. נור מען האט מעהר דרך־ארץ פאר זיי ווי פאר די נגידים. זיי אלע קומען אריין אין הויף, ווילען אריין צום רבי'ן פאר קדוש השבת. נור קיינעם לאזט דער רבי ניט צו צו זיך. ר' איציקעל קומט ארויס, נעהמט ארום די מקורבים און סוד'עט זיך עפעס. באלד ווערען עס געוואהר די יונגע חסידים און א ברומען און סוד'ען געהט איבער פון איין אויער צום אנדערען: דער רבי לאזט קיינעם ניט צו צו זיך, ער איז זיך מכין.

באלד ווערט מען געוואהר נאך א וואונדערליכע זאך: דער רבי וועט אליין מקדש זיין דעם שבת — און אויף דער פרייער וועלט. ער וויל די חסידים ארויספיהרען פון די ענגע ד' אמות, און דארט, פאר דער וועלט — פאר הימעל און ערד, מקדש זיין דעם שבת. די פרומקייט און די צניעות שטארקט זיך ביי יעדען. א ציטערדיגע, ערהויבענדע פרייד געהט אדורך אלע און אן ערהויבענקייט פיהלט זיך נאך איידער דער שבת קומט אן.

הינטער'ן רבי'ס הויף זיינען די ברייטע פעלדער ביים ראנד פון וואלד, פאשען זיך דארט די שטאדטישע בהמות, און ווען די זון געהט אוועק אין וואלד אריין, ווערט ניט בלויז דער הימעל איבער'ן פעלד בעלויכטען מיט א אויסטערליש ליכט, נור דאס פעלד און אלץ וואס אויפ'ן פעלד, ווערט בעלויכטען מיט א הערליך ליכט. און יעצט זיי־נען אויפ'ן פעלד פערשפרייט גרופלאך חסידים. דאס שווארצע זיידענס שלאגט צוריק פון זיך א ליכט פון פעריל און עס הערט זיך א שטיל ברומען, ווי א געזאנג, וואס א מאל מעהר ווערט דאס פעלד פול מיט

נור עפעס א בענקשאפט האט איהם ארומגענומען. ער האט געהאט דאס געפיהל, אז ער האט עפעס פערלארען און ניט געוואוסט וואס. ער האט זיך אויפגעהויבען, ארויסגעקראכען פון די געדיכטע בלעטער. דער היטעל־מאכער איז שוין געשטאנען פון דערווייטענס, געהאלטען א ווארימע קאפאטע און איהם איינגעהילט. דער צווייטער שמש האט איהם א ווארימע שאל ארום האלז ארומגעוויקעלט. זיי זיינען איהם נאכגעגאנגען אין שטעדטעל אריין, מיט מורא, מיט אימה.

אויפ'ן וועג איז זיי אנטקעגען געקומען פון שטעדטעל דער קליי־נער שוסטערל. ער האט געהאלטען אויפ'ן פלייצע א זעקעל מיט כלים, געגאנגען אין א דארף ארבייטען, געגאנגען און געזונגען קאפיטלאך תהלים מיט א שבת'דיגען נגון.

אז דער רבי האט דאס דערהערט, האט ער זיך אבגעשטעלט, אב־געווארט ביז דער שוסטערל איז אנגעקומען. נור דער שוסטערל האט דעם רבי'ן ווי גאר ניט בעמערקט, איז פארביינעגאנגען מיט'ן זעקעל אויף די פלייצעס מיט א פרעהליכען תהלים־נגון.

לאנג האט זיך דער רבי צוגעהערט צום שוסטערל'ס נגון, און זיך עפעס דערמאנט...

ווידער איז זיך די גאנצע וועלט חסידים צונויפגעפאהרען אויף שבת חול המועד. דער רבי איז געווארען א בעל־שמחה, ער מאכט א ברית. די מקורבים נגידים האבען געבראכט מתנות צו דער יולדת און צו דעם בכור. ר' חיימ'לען דעם גאסטיניצער האט מען געבראכט מוהל צו זיין. פיש איז געשיקט געווארען פון דער גאנצער וועלט. א סעודה איז אנגעגרייט געווארען ווי צו א חתונה, און שבת נאכ'ן ברית — טאקע שבת חול המועד סוכות, האט זיך דאס שטעדטעל געבראכען פון חסידים. די געסלאך האבען זיך געשווארצט פון די זיידענע און אטלאסנע קאפאטעס.

פרייטאג נאך מיטאג — א זומערדיגער נאך מיטאג נאך, כאטש ווינטיג. חסידים האבען זיך אין מקוה געפארעט. נאסע פאות און ווייסע קעלנער פון העמדער, שווארצע אטלאסנע קאפאטעס, ווייסע זאקען — אלע איילען זיך צום רבי'ן. דאס שטיבעל איז שוין פול א שטיק פאר ליכט בענשען. דער גאנצער בית־המדרש ברעכט זיך, דער הויף אנגעפראפט. אין רבי'ס גארטען, אונטער די עפעל־בוימער, זיצען גרופען יונגע חסידים און זינגען שיר השירים. אנדערע —

— מיש זיך ניט אין אזעלכע זאכען — עס הארץ.

האט דער קליינער שוסטערל צוגענומען די צוויי פעטש, אוועק־געשטעלט זיך אין א ווינקעל ביים אויווען און געזאגט זיין וואכענדיגען תהלים מיט א שבת'דיגען נגון.

---

דער וואלד האט געשוויגען — און אנגעוואקסענער חומר, גראבע בוימער מיט א סך צווייגען, צווייגען ארום צווייגען, בלעטער גרינע, — אלעס קומט ארויס פון דער ערד — צו וואס? אזוי ווי קראנקע שוואמען, וואס דער רעגען ברענגט ארויס, פערברענט צו ווערען — און ער אין מיטען — א קראנקער, אנגעשוואלענער שוואם — ארויס פון דער ערד, רייסט זיך אב, קריכט ארום איבערן גראז ווי יעדעס חי, פערפוילט צו ווערען, אבשטארבען און ווידער אויס! לאזען זיך אין דער ערד און ווידער וועט עפעס ארויסוואקסען, אן אנדער קראנקער שוואם. — אזוי דור איין, דור אויס — ביז דער גרויסער סוף וועט קומען און די גאנצע וועלט וועט ערגעץ וואו אוועקגעהן, אויסלאזען זיך, א פארע ווערען, אוועקטראגען זיך — און ווידער אן אנדער קראפט ווערען. אומזיסט האט ער געפרואווט אויפהויבען זיך, געדענקען דעם ווילען, דעם כח פון דעם וואס האט דאס געשאפען. א מינוט האט עס איהם, חלילה, אויסגעוויזען, אז דער וואס האט דאס געשאפען, איז אויך אזא כח, וואס איז דורכדרינגליך, און בייט איבער יעדעס מאל זיין לבוש — ער האט זיך געשראקען פאר'ן געדאנק.

עס איז געווען פארטאג. די גראזען זיינען געווען נאס און די בוימער האבען זיך נעוועקט פון שלאף. די אלול־זון, מיט ליכט אבער אהן היץ, ווי א צום טויט־פעראורטיילטער וואס ווארט אויפ'ן יום הדין — איז ארויס איבער'ן הימעל. פון דערווייטענס האט א פויגעל אין א בוים געקלאפט, ווערים האבען געסוויסטשעט, וידוי אבגעזאגט. פון דערווייטענס האבען זיך נעהערט קולות: רבי! רבי! יואל האט זיך אויפגעהויבען פון דער פייכטער ערד, די פיס האבען איהם גע־בראכען פון דער פייכטקייט, און א מיעדקייט און א ניט־אויסגעשלא־פענקייט האט איהם ארומגענומען. ער האט ניט פערשטאנען פאר וואס ער האט געטהאן די נארישקייט — צו וואס איז ער געגאנגען ביי־נאכט אין וואלד אריין — ער האט פערגעסען דעם טעם דערפון...

— און וואס וויל ער? איהם האט מען געזאלבט פאר דעם מלך פון שנארערס, אז ער זאל פאר זיי אויסבעטלען שטיקלאך הנאות־הגוף. קען ער דאס? ניין, ער נארט זיי אב.

מיט די געדאנקען האט ער זיך אויסגעדרעהט צום עולם. דאס קליינע שוסטער׳ל איז געשטאנען הינטער איהם. ער האט זיך יעדען שבת געשטופט אין שטיבעל אריין צום רבי׳ן. און ווי נאר דער קליינער שוסטער׳ל האט אין זיין פנים אריינגעקוקט, האט ער אלעס געוואוסט.

— דו האסט געזעהן? דו האסט געזעהן? — האט ער געפרעגט די חסידים ארום.

— וואס? וואס?

— דעם רבי׳ס פנים, ער איז דאך טרויעריג!

חסידים האבען איהם געוואלט שלאגען, צוטרעטען מיט די פיס, ער האט זיך פון זיי ארויסגעדרעהט.

ביים טיש האט דער רבי א לאנגע צייט געשוויגען. די מקורבים, וואס זיינען געזעסען ארום טיש, האבען געווארט — מען האט געווארט מיט די מאכלים אויפ׳ן רבי׳ס תורה, האט ער אנגעהויבען עפעס צו זאגען, ווידער וועגען התפשטות הגוף, און וועגען אנבינדען זיך מיט׳ן נצוץ און וועגען ערהויבען זיך. נור פלוצלונג האט דער רבי דערזעהן דעם קליינעם שוסטערל שטעהענדיג הינטער א חסיד׳ס רוקען און קוקט איהם גלייך אין פנים אריין. האט דער רבי זיך דערמאהנט, אז ער האט ערגעץ וואו געזעהן דעם קליינעם שוסטערל. ער האט זיך דערמאנט אן יענעם דאווגען אין בית־המדרש און ער האט פלוצלונג אויפגעהערט זאגען תורה, איבערגעהאקט.

חסידים און מקורבים האבען זיך פערוואונדערט. נור שבת נאך טיש איז דער קליינער שוסטערל ארומגעגאנגען צווישען די חסידים און געברומט עפעס אונטערן נאז און געצויגען מיט די קליינע קרומע אקסלען:

— עס איז עפעס וואס קאליע געווארען. איך וויים ניט וואס איז קאליע, נור עס איז קאליע.

פאר די רייד האט ער געכאפט צוויי פלאמעדיגע פעטש פון א חסיד, א בעלי־הבית פון שטאדט:

דער קליינער שוסטער׳ל וועלכער האט דער ערשטער נביאות גע־זאגט אויף דעם בחור אז ער איז א קדוש, איז געווען דער, וואס האט געוואגט צו זאגען, אז דער רבי איז טרויעריג און זיין ראווגען איז ניט דאס

געווען איז עס א פרייטאג־צו־נאכטס וואס איז אויסגעפאלען שבועות. צום רבי ז׳ינען זיך צוזאמענגעקליבען חסידים פון דער גאנ־צער וועלט, געקומען זיך משמח זיין מיט קבלת־התורה. דאס נייע בית־המדרש וואס מען האט אויסגעבויט פאר׳ן רבי, האט זיך געברא־כען פון חסידים. א גרויסער עולם אין הויף — אלע אין אטלעס, אלע אין פוטערנע שטריימלען. פון דער טונקעלהייט בלישצען ארוים די צניעות׳דיגע פרומע שבת־ליכט — שבת איז איבער דער וועלט, און זומער. די נאכט רוקט זיך ערשט צו — ניט מיט טרויעריגקייט, נור מיט א שטילקייט און מיט פרומקייט. די אונטערגעגאנגענע זון בע־הערשט נאך דעם הימעל, בעלייכט די שטיקער לויפענדע וואלקען, כאטש מען זעהט זי שוין לאנג ניט. פון אלע הייזער שיינען ארוים שבת־ליכט. דער חזן זינגט דעם פרעהליכען לכה דודי, און דער רבי שטעהט אין ווינקעל, דאכט זיך ווי תמיד. מען זעהט גאר ניט אז ער איז דא, ער בעוועגט זיך, נור מיט דעם קאפּ אנגעלעהנט אויף איין האנד, פער־טראכט. וואו איז דאס ליכט וואס ציהט זיך פון זיי צו איהם? וואו איז דער נצוץ, וואס ער האט תמיד געפיהלט אין זיך בשעת׳ן דאווגען? ארום איהם גראבע חומרס, וואס שוויצען — און מען פיהלט דעם שוויים און ער שטעהט אין מיטען, צווישען זיי, און זאגט טרוקענע ווערטער. ער פערשטעהט דעם פירוש המילות, נור די ווערטער זיינען אלט, אלע זאגען זיי, יעדען שבת זאגט מען זיי — „לכו נרננה“, א געזאנג מיינען זיי צו גאָט? פון איינעם׳ס „לכו נרננה“ הערט זיך א געשריי נאך א שטיקעל ברויט, פרנסה; פון אן אנדערען׳ס — א גוט גע־שעפטעל, דער מסחר פון וואלד זאל זיך איהם איינגעבען; פון א דריטענ׳ס — א מצוה׳לע, א קליינס, א שטיקעלע חלק לעולם הבא. יעדער וויל עפּעס אנדערש — נישט פאר זיין נשמה, נור א שטיקעלע, אביסעלע פאר זיין ארימען שטארבענדען חומר. בעטלערס שטעהען ארום און שנארען ביי גאט: דער א שטיקעל ברויט, דער אביסעל גדולה, אנ׳אנדערער א מצוה׳לע, און פון אלע פיהלט זיך דער שלעכטער ריח — דער ריח פון דעם פוילענדען חומר — און ער שטעהט צווישען זיי

זייט די פרוי זיינע איז טראגעדיג געווארען האט ער איהר גארנישט געקענט אבזאגען.

א שולדיגע, א שווייגענדע האט דאס ווייבעל זיך געשטעלט אין דער טהיר, האט געקוקט אויף איהם מיט בקשה אין איהרע יונגע אויגען.

— וואס וויל זי? — דער טאטע האט זי געשיקט? — האט יואל געזאגט, ניט קוקענדיג אויף איהר.

— יואל, איך בין אריינגעקומען, אז דו זאלסט עסען. שלמה׳ טראגט דיר אריין דאס עסען. איך וועל ניט אבטרעטען פון דער טהיר ביז דו וועסט ניט האבען אויפגעגעסען. ס׳איז שוין שפעט נאך מערב און דו האסט נאך גאר ניט גענומען אין מויל אריין.

און טאקי באלד האט דער היטעל־מאכער אריינגעטראגען א טאץ מיט עסען און אוועקגעשטעלט אויפ׳ן טיש, און אן אנדער שמיש מיט א שעפ וואסער און א ריין האנטוך, האט זיך אוועקגעשטעלט ביים כיור, גרייט דעם רבי׳ן צו בעדיענען.

יואל האט דערזעהן איהר טראגעדיגע פיגור, כאטש ער האט ניט געקוקט אויף איהר פנים. איהר טראגעדיגקייט האט איהם געמאכט שולדיג. ער האט געהאט דאס געפיהל יעדעס מאל ווען ער האט זי געזעהן, אז זי איז די נשמה, וואס ער האט געהאט בחור־וויייז, נור די נשמה איז פערזינדיגט געווארען דורך זיין שולד... און די שולדיגקייט האט איהם פערפליכטעט צו דער זינד אין וועלכע זייביידע שטעקען. ער האט גאר ניט מעהר גערעדט. איז צוגעגאנגען צום כיור, געוואשען זיך, אין אוועקגעזעצט זיך ביים טיש עסען. און זי איז נאך אלץ געשטאנען ביי דער טהיר, האט ניט גערעדט, נור געווארט. און איהר שטעהן פאר איהם איז געוועזן ווי זי דערמאנט איהם, אז ער האט מעהר קיין רעכט ניט צו יענער וועלט.

— נו, גוט, נו, גוט — זאג דעם טאטען, זאל ער איהם אריינפיהרען. איך וועל איהם מקבל זיין — בסבר פנים יפות וועל איך איהם מקבל זיין.

---

דער רבי איז אריינגעפאלען אין עצבות. ער איז געזעסען גאנצע שעה׳ן, ארום איהם די חסידים און מקורבים ביים טיש, און ער האט געשוויגען. נור דאס שווייגען איז ניט געוועזן א טיעפעס, פון שמחה — נור פון עצבות. דער ערשטער וואס האט דאס בעמערקט, איז געוועזן דוקא א פשוט׳ער איד — דאס קלייגער שוסטער׳ל.

ווען דער רבי האט זיך נאך געהאט אבגעגעבן מיט'ן פראסטען פאלק, האט ער זיך נאך האלב געפיהלט בערוהיגט, ווייל זיי גלויבען בתמימות. מיט אזעלכע געסט אבער, וואס מען האט אריינגעפיהרט צו איהם, ניט ווייל זיי דארפען עפעס, נור ווייל מען וויל זיי געווינען, האט ער געפיהלט זיך זעהר שלעכט און זינדיג. ער איז שטום געווען און טרויעריג און ניט אבגעענטפערט. טייל אזעלכע וואזשנע מקורבים האבען זיך געפיהלט בעליידיגט און זיינען מעהר ניט געקומען. נור אנדערע איז זיין שטום האלטען זיך דוקא געפעלען געווען און זיי האבען זיך אנגעקלעבט אין איהם. דער גגיד, וועלכען מען האט געוואלט היינט אריינפיהרען צו איהם, איז געווען צו וויכטיג אז מען זאל רי־זיקירען. עס האט זיך געהאנדעלט אום אבצונעהמען „א פעסטונג" פון אן אנדער רבי — איז צוערשט אריינגעגאנגען דער שווער, רב עוזר'ל, מיט'ן גבאי, איבערצורעדען מיט איהם.

נור דער רבי איז היינט געווען שלעכט אויפגעלעגט. דאס דאווענען האט זיך איהם ניט איינגעגעבען. ער איז מטושטש געווען אין עולם הזה און ער האט בפירש געזעהן, אז מען לאזט איהם מעהר ניט אויפ'ן הימעל ארויף, אז מען לאזט איהם ניט מעהר זיך בעהעפטען ניט'ן נצוין. שוין זייט א האלב יאהר זינט ער האט חתונה געהאט, איז ווי ער זינקט אין גשמיות, און קיין מאל לאזט מען איהם ניט מעהר זיך אויפהויבען און קיין מאל איז נאך ביי איהם די תשוקה און דאס בענקעניש ניט געווען אזוי שטארק צום מקור ווי אין דעם היינטיגען אבענד. איז ער אריינגעפאלען אין צער. און ווען ער איז אריינגעקומען אין צער איז עס געווען ביי איהם א סימן, אז ער ליגט צוגעבונדען צו דער ערד, ווארום דער צער איז געווען די מוטער פון דער ערד, און די שמחה — די מוטער פון הימעל.

ווי דער רבי האט דערהערט, וואס זיי פערלאנגען פון איהם האט ער אנגעהויבען צו שרייען:

— וואס מיינט איהר, איהר האט מיר געדונגען, איך זאל א וואגען אנגעלאדען מיט שטיינער שלעפען אין הימעל אריין, ווייל איהר פי־טערט מיין גוף? גיט מיר שפייז פאר דער נשמה, וועל איך אייך שלע־פען אין הימעל אריין. איהר בינדט מיך צו צו דער ערד, און איהר ווילט, אז איך זאל אייך שלעפען צום הימעל?

זיינען זיי ארויס פון איהם און אריינגעשיקט דאס ווייבעל. ווארים

אנדערע, וועלכע זיינען נעקומען דאנקען פאר די ישועות וואס ער האט זיי געגעבען. א טהייל פון זיי האבען זיך ניט געוואלט פערלאזען אויף דעם טרוקענעם, סקארבאווען לשון פון דעם קוויטעל און האבען אנגע־הויבען פאר'ן רבי'ן צו פערטרויען זייער אינטימסטע, פערבארגענע ודויים, טהייל האבען געבעטען א רפואה פאר'ן קערפער, אנדערע — פאר דער נשמה. מאמעס האבען געבראכט זייערע קינדער, דער רבי זאל זיי בענשען. אנדערע האבען מתורה געווען פאר איהם זייערע זינד און געבעטען א תשובה. א סך, געטריבען פון חרטה, זיינען ארויסגעגאנגען פון זיין שטוב בעפרייטע, ווי ער וואלט צוברא־כען די קייטען פון דער משא וואס האט זיי געדריקט.. טהייל האט ער געטרייסט מיט א בליק, אנדערע מיט א ווארט — אלעמען האט ער געזאגט, אז ער אליין קען גאר נים טהאן — ער איז גאר ניט ביכולת, אלעס קען טהאן דער רבונו של עולם און צו איהם דארף מען בעטען און וויינען. און וואס קלענער ער האט זיך געמאכט, וואס וויי־ציגער ער האט זיך צוגעשריבען מאכט, אלץ מעהר גלויבען האט ער ער־וועקט אין זיך. פערלאזענע און אונגליקליכע זיינען זיי אריינגעקו־מען, — פול מיט האפנונג און ריינערע זיינען זיי ארויסגעגאנגען. דער זכרון אז איהם האט ערוועקט פרומקייט, צניעות, ריינע געדאנקען ביי די טויזענדער וואס זיינען געקומען זוכען הילף אויף דער שוועל פון זיין טהיר.

יעדעס מאל נאך דעם עמפפאנג האט ער זיך געפיהלט אונגליקליך און זינדיג. דאס בענקעניש צו זיינע פריהערדיגע טעג, צו דער ריינער נשמה, האט איהם ארומגענומען און געפייניגט. ער האט זיך פאר־שלאסען אין צימער און קיינעם ניט אריינגעלאזט צו זיך. מנחה און מערב האט ער געדאווענט ביחידות, אבגעשלאסען. א צובראכען הארץ האט ער געהאט, יעדעס מאל נאכ'ן עמפפאנג, האט ער געדאווענט מערב מיט א צובראכען געמיטה. דאס האט איהם אביסעל בערוהיגט און די הויז מענשען האבען געוואגט אריינצוגעהן צו איהם נאך מערב — אז ער זאל עפעס נעהמען אין מויל אריין. נור דעם אבענד האט דער שווער זיינער — ר' עוזר'ל ווייץ־סוחר, מיט ר' איציקעל גבאי, געוואלט אריינפיהרען צו איהם זעהר אן אנגעזעהנעם נגיד, א וואזש־נעם חסיד פון אן אנדער רבי'ן, וועלכען זיי האבען געוואלט געווינען באר יואל'ן.

— יואל דו האסט דאך מיר צוגעזאגט, אז דו וועסט דיר ניט מעהר לאזען דאס הארץ פערגעהן —

— וואס ווילט איהר פון מיר? **איך פאשע מיר שוין מיין גוף**, איך פיטער מיר שוין מיין חומר, איך דיען שוין צו איהם — איך דיען שוין! — האט ער געזאגט, ברוגז'דיג, מיט טרויער.

דאס יונגע ווייבעל האט זיך דערשראקען און געוואלט אבטרעטען. זי האט זיך אומגעקוקט אויף איציק'לען, וועלכער איז געשטאנען אין דער טיהר און געוויזען איהר מיט די אויגען, אז זי זאל ניט אבטרעטען.

— יואל, איך ווייס ניט אויב איך טהו גוט — האט זי געזאגט — דער דאקטאר האט געהייסען דיך דערמאנען, דו פערגעסט דאך צו עסען! און דיין געזונד איז דאך אזוי טהייער פאר אלע.

יואל האט געשוויגען, איינבויגענדיג דעם קאפ. דענסטמאל האט דער היטעל־מאכער געוואגט געהנטער צו צורוקען צום רבי'ן די טעצלאך. און דאס ווייבעל האט זיך אבגערופען:

— טהו עס פאר מיר, יואל!

יואל האט עס ניט געטהאן פאר דער ווייבעל. ער האט געטראכט וועגען דער מצוה, פון דער ברכה, און ער האט צוגערוקט צו זיך די טעצלער, הויך און פרום א ברכה געמאכט. און דאס ווייבעל האט אבגעענטפערט א פרומען „אמן“.

נור באלד האט זיך אין דער טהיר בעוויזען די מאמע. א פרעמדע ארימע פרוי, וועלכע האט מיט ציטערניש און פחד זיך געהאלטען ביי דער טהיר, האט זיך מיטגעשלעפט מיט דער מאמע. ביים פארטוך פון דער פרעמדער פרוי האט זיך געהאלטען א אינגעל, וואס האט מורא געהאט אריינצוגעהן, נור די מאמע האט איהם געשטופט. דאס אינגעל איז געוועזן יום־טוב'דיג אנגעטהאן, נור זיינע שקאצישע אויגען האבען פרעך ארויסגעקוקט פון אונטער זיין שבת'דיג זיידען היטעלע. דעם רבינ'ס מאמע, וועלכע איז יעצט געוועזן אנגעטהאן ווי א נגיד'יסטע, א רבי'צען, מיט א רייכער טיעפער הויב, מיט בענדער בעפוצט, מיט אוירינגלאך אין די אויערען — האט זי געוואגט נעהנטער צו צוטרעטען צום זוהן, האט זיך אבער דאך אבגעשטעלט א טריט פון דערווייטענס און געזאגט, אויסשטרעקענדיג די הענד:

— רבי, העלף דער פרוי, ס'איז א גרויס רחמנות.

און שטיינער, וועלכע האבען זיך געפינקעלט אויפ'ן זיידענעם פרוכת'ל, האבען זיינע אויגען בעלעבט... א בוים ליכט, געוועבט פון שטויב־שטראהלען, וואס איז געפאלען פון דעם זיידענעם פארהאנג ביים פענ־סטער האט איהם ארומגענומען און בעלויכטען. פון דעם אפענעם פענסטער האבען זיך געטראגען די ריחות פון די לאנקעס און דער בשמים־געשמאק פון שטעהענדע עפעל, דער פעפערדיגער ריח פון פער־בארגענעם יאשמין, קאפפער און טוי־בלומען, וועלכע האבען זיך בע־האלטען אין די גראזען. פון דער צווייטער שטוב האט זיך דערהערט זיין יונג ווייבעל'ס הילכיג קול'כעל, וואס האט געפישטשעט ווי א פידעלע און האט ערוועקט אין איהם אנגענעהמע געפיהלען... ביי דער צווייטער טהיר איז געשטאנען ר' איציק חסיד, זיין פנים איז יעצט ברייט און פעט געווען, און די שטיקלאך בארד וואס האבען ארויס־געוואקסען, האבען זיך פערלוירען אין זיין ברייט פנים. ער האט זיך געדרעהט אין הויז ווי א בן־בית און ארייגערופען אין שטוב אריין מיט ברייטקייט:

— לאמיר דערלאנגען דעם רבי'ן עפעס דאס הארץ צו דערכאפען.

באלד איז אריינגעקומען דער היטעל־מאכער, אנגעטהאן אין רבי'ס א קאפאטע, און האט געהאלטען אין האנד א טעצעל איינגעמאכטס און אין אן אנדער טעצעל — קיכעלעך, האט עס אוועקגעשטעלט מיט א גע־וויסען חן'דעל, וואס איז נעקומען פון ליעבע צום רבי'ן — פאר יואל'ן. יואל האט עס ניט בעמערקט, האט געלאזט שטעהן די איינגעמאכטס און די קיכלאך, און איז ווייטער געזעסען פערטראכט.

— רבי'צען, רבי'צען — דער רבי עסט ווידער ניט! און דער דאק־טאר האט איהם געהייסען דאס הארץ דערכאפען יעדער שעה — האט דער גבאי געזאגט צו דער יונגער רבי'צען.

די יונגע רבי'צען איז אין שטוב אריינגעקומען. זי האט אויסגע־זעהן ווי מען וואלט גענומען א מיידעל און פערשטעלט פאר א ווייבעל. איהרע בעקלעך זיינען געווען רויט, פריש, און איהרע יונגע אויגען — שעהן און קינדיש; דאס מויל — א קליינס, צוויי צוזאמענגעצויגענע ליפלעך, ווי א בלום וואס האט זיך נאך ניט אין גאנצען אויפגעפעגט; און איבער'ן קאפ — ביז טיעף אין די אויגען אריין — א טיעפער טשעפטשיק פון ווייסע זיידענע בענדער, מיט פעריל בעפוצט. זי האט זיך אוועקגעשטעלט פאר איהם פון דער ווייטענס:

יואל האט עס דערפיהלט און איז ארומגעגאנגען דעם צווייטען טאג שרוי בצער. קיינער האט ניט פערשטאנען דעם טעם דערפון. יואל האט זיך ניט בלויז געשראקען פאר דער ממשלה פון זיין גוף איבער דער נשמה, נור אויך פאר דעם, וואס אין דעם גרעסטען ערדישען גליק וואס ער האט געגאסען דעם ערשטען מאל, האט ער דערפיהלט אזא אונ־בעגרענעצטען רייכטהום פון געפיהלען — יענער רייכטהום פון דעם גוף וואס קען פערמעסטען מיט יעדעם רייכטהום פון דער נשמה... און ער האט אויף א מינוט געצווייפעלט, וואו די וועגען ליגען...

און פון דער נאכט אן, ווען יואל האט דערפיהלט דאס העכסטע ערדישע גליק, וואס דער קערפער האט צו פערטהיילען — איז ער געווען ביים גוף אין די הענד...

---

אין דעם טיעפען פאטער־שטוהל איז געזעסען דער יונגער רבי, און אויס אן איידעלען, לאנגען באמבעס ציבעק — א מתנה פון א רייכען חסיד — האט ער גערויכערט דעם האוואנישען טאבאק, און דינע וואל־קענדליך רויך האבען זיך געהויבען ווי זיידענע, דינע געוועב איבער זיין קאפ. ער האט זיך מיט דער האנד געקרייזעלט די פאות, געקריי־זעלט זיין שיטער בערדעל. פון דער צווייטער שטוב, הינטער דער טהיר, האבען זיך געשטופט מענער, ווייבער און קינדער, טהייל קראנקע אין קערפער, טהייל אין דער נשמה. און עס האבען זיך אריינגעריסען בענ־קענדע בליקען און פערשטיקטע קרעכצען פון דער זייט טהיר. נאר אויף דער וואך ביי דער טהיר איז געשטאנען א שמש און קיינעם ניט אריינ־געלאזט. דער רבי איז נאך אליין, ער נעהמט נאך ניט אן. דער גוף זיינער וועלכען מען האט אזוי לאנג אויסגעמוטשעט און האט יעצט מיט אמאל געקראגען אזוי פיעל אנגענעהמעס איז שטארק געווארען, קנאכיג. ארום איהם האט זיך יעצט געקנייטשט זיידענס און אטלעס און אנגענעהם איהם בעריהרט, און בעקוועם איז ער געזעסען אין דער ווייכער, טיעפער לעדערנער שטוהל, וועלכע האט זיך אויסגעבעט ארום זיין גוף און איהם פעסט געהאלטען... די בליקען פון זיינע אויגען האבען געגלעט דעם אנגענעהמען, רויט־בלוט קאליר פון די מעכאנישע ספרים־שראנק פול מיט ספרים געבונדען אין ווייסען פארמעט און רויטען לע־דער, וואס זיינען געשטאנען ארום דער שטוב. דער שטראהל פון פעריל

זיך אנגעכאפּט אין שפרונג. געזוכט מצוות צו טהאָן. צדקה צו פער־טהיילען, א סך מתפלל צו זיין. און די תפלה איז שוין ניט געווען א מיטעל צו בעהעפטען זיך דורך איהר אין די עולמות, נור א תכלית — א סך צו עסען, כדי ברכות צו מאכען; א סך צו לערנען, כדי חלק לעולם הבא צו האבען.

לכתחילה, אז דער נגיד האט גערעדט וועגען חתונה האבען מיט זיין טאכטער, און דער פאטער איז אריינגעגאנגען צו איהם איבעררעדען, האט ער ניט געוואלט הערען און דענקען דערפון. און אז דער פאטער האט געפאדערט בשם התורה, ובשם המצוה, האט ער אבגעשטופט, אבגעשלעפט. חסידים זיינען בייז געווען: „שרוי בלא אשה". איצי־קעל האט זיך געקאכט, דער נגיד האט געסטראשעט און די מקורבים האבען גערעדט — ער האט אלעס דוחה געווען. און מען האט גאר ניט געקענט מאכען מיט איהם. „ער האט זיין דרך — מן הסתם ווייסט ער וואס ער וויל". איצט האט ער זיך אנגעכאפט אן דער מצוה מיטביידע הענד. אלע זיינען געווען גליקליך. די מאמע האט געשטראהלט פאר גליק, חסידים — מלא שמחה, און פון נגיד רעדט מען דאך ניט. א חתונה האט מען אנגעגרייט וואס אזוינס איז נאך ניט געווען. די גרעסטע רבנים אלם אונטערפיהרער, כלי זמר געבראכט פון עק וועלט, הונדערטער עופות געשאכטען, אכט טעג פריהער — חתונה פאר ארימע לייט; פון דער גאנצער וועלט זיינען זיך צוזאמענגעפאהרען ארימע לייט, פון דער גאנצער וועלט חסידים — מען האט געהוליעט אכט טעג פריהער און אכט טעג שפּעטער — דער בחור הקדוש האט חתונה — חסידים האבען אין דעם געזעהן א געוויסען רמז, אז א ישועה וועט איבער דער וועלט קומען. משיח וועט קומען, — אז דער בחור הקדוש האט פון זיך די גזרה אראבגענומען.

ער האט זיך מכוון געווען קיין הנאות הגוף ניט צו האבען פון דער מצוה, און אנגעשטרענגט זיין גאנצע גייסטיגע קראפט, נור עס האט זיך איהם ניט איינגעגעבען... עס איז געווען ווי דער אויסגעמוטשעטער גוף, וועלכער איז אזוי לאנג געווען אין געפענגענשאפט ביי דער נשמה, וואלט געזוכט א געלעגענהייט די נשמה בייצוקומען. דער קערפער וועלכער האט יעצט נעקראגען זיין שפּייז און געפאדערט זיין שפּייז מיט חוצפה, איז שטארק געווארען, קאכעדיג — און ביי דעם גרעסטען אירדישען גליק האט ער ביינעקומען די נשמה...

אנדערע עולמות — דאָס איז געווען אזא הנאה, געגען וועלכער ער האָט ניט געקענט קעמפּפען. אין דער הנאה איז געווען אויסגעמישט אי הימלישעס, אי ערדישעס, און ער האָט שוין ניט געוואוסט די גרענעצען פון איהר...

און אפילו דאס בעהעפטען זיך אין נצוח, דאס איבערגעהן אין אַן אנדער וועלט, איז יעצט, ווען די חסידים זיינען געווען ארום איהם, און ער האט דאס בעדארפט — אפילו די הנאה פון התפשטות הגוף, איז עפּעס געווארען ביי איהם א הנאה פון ד ע ר וועלט: אפילו דאס פייניגען זיך און פאסטען און לייטערן זיך, כדי צו קענען אריינגעהן אין די עולמות — דאס זיינען איצט אלע געווארען הנאות פון ד ע ר וועלט. ער האט געהאט כבוד דערפאר, הונדערטער חסידים זיינען גע־פאהרען צו איהם, — ווייבער און אידען, לומדים און פראסטע בעלי־מלאכות האבען געלויערט אויף זיינע טיהרען, געשארט זיך צו איהם, געבראכט זייערע צרות פאר איהם, און פאר זיי האט ער בעדארפט דעם מתדבק זיין זיך, אין כח, כדי ער זאל גלויבען אין זיך און ער זאל קענען זיי מאכען גלויבען אין איהם. אבער די הנאה, די ריינע הנאה איז פערשוואונדען פון איהם.

ער פלעגט זיך נאך איצט פון צייט צו צייט אין די פארנאכטען ארוים׳גנב׳ענען אין די פעלדער אין וואלד, און דארטען פּרובירען זיך מתדבק צו זיין אין כח — נור פון דערוויטענס האט איהם דער שמיש געהיט, און טיילמאל אויך די מקורבים, און אז ער איז צוריקגעקומען האבען אלע גערעדט דערפון און אלע האבען געקוקט אויף איהם מיט דאנקבארקייט, און די הנאה פון יענער וועלט איז פערשוואונדען, און עס איז נור געבליעבען א הנאה פון דער וועלט.

און וואס מעהר ער איז געווארען איינגעטונקט אין עולם הזה, אלץ שווערער איז פאר איהם געווארען מתדבק צו זיין זיך אין יענער וועלט. עס איז געווען, ווי די הנאות פון עולם הזה האבען פערטריבען די הנאות פון עולם הבא. דער קערפּער — די נשמה, דער חומר — די רוחניות, און נאך מעהר — ער האט מיט דער צייט אפילו אויפגעהערט צו בענ־קען נאך זיי...

ער האט אנגעהויבען צו זוכען די רוחניות אין ד ע ר וועלט. די תורה איז ניט געגעבען געווארען פאר י ע נ ע ר וועלט, נאר פאר דער. און די מצוות — דאס זיינען די הנאות רוחניות פאר דער וועלט — האט ער

די פערשטענדיגע האָבען פערשטאַנען; די וואָס האָבען ניט פער־שטאַנען, האָבען געזעהן און געגלויבט — די חסידים זיינען זיך צופּאָה־רען און פערשפּרייט זיין נאָמען איבער דער וועלט.

---

וואָס מעהר יואל האָט געהערט וועגען התפשטות הגוף פאַר די חסידים, אַלץ מעהר איז ער אַליין געפאַנגען געוואָרען אין הבלי עולם הזה. ער האָט אַליין ניט געזעהן ווי אַזוי עס איז געקומען און אַליין גאָר ניט געפיהלט, נור עס איז געווען, ווי די הנאות פון דער וועלט האָבען געמאַכט אַ שטילען בונד, און געוועבט אַ געשפּין־וועבעכס ארום יואל'ן און איהם דערינען אריינגענומען. שוין דאָס צימער אַליין, וואו ער האָט זיך געפונען, מיט די שראַנק ספרים, מיט די שעהנע טישען און דער שעהנער געהאפטענער טיש־טוך, איז געוואָרען אַ שייכות צו איהם. אַ זאַך וואָס איז איהם זעהר געפעלען. ארום זיין קערפּער איז אוועק־געשטעלט געוואָרען אַ גאַנצע וואַך. די מענשען ארום איהם האָבען געהאַלטען אין איין קלעהרען ווי אַזוי צו שטאַרקען זיין אויסגעמאַ־טערטען, אויסגעמוטשעטען קערפּער. מען האָט אויסגעזוכט פאַר איהם דאָס טהייערסטע און דאָס בעסטע און געמאַכט פאַר איהם פערשיע־דענע געריכטען, און האָט ער געקעמפּפט געגען דעם, און ניט געוואָלט עסען — איז די מאַמע געקומען, איז די מחותנת'טע, דעם נגיד'ס ווייב, ר' איציקעל גבאי און גלאַט מקורבים, און אַנגעהויבען זיך בעטען ביי איהם, אַז ער זאָל רחמנות האָבען אויף די חסידים זיינע, אויף דע־ערה וואָס גלויבט אין איהם, ער זאָל זיך ניט פערהונגערען און, חלילה, אוועקגענומען ווערען פון זיי. און זיינען עס דען בלויז געווען די גראָבע הנאות פון זינדיגען עסען, וואָס די וועלט האָט פאַר איהם אָנגעגרייט? געגען די גראָבע הנאות האָט ער זיך נאָך געקענט וועהרען. נור די וועלט האָט אויך געהאַט פאַר איהם אזעלכע גייסטיגע הנאות, אזא רוחניות, וואָס האָט געקענט ביישטעהן געגען די הנאות פון יענער וועלט. שוין דער שבת אַליין, די הנאה פון שבת, די הונדערטער חסידים וואָס זיינען זיך צוזאַמענגעפאָהרען אויף אַ שבת, די זיידענע קאַפּאָטעס, די שטריימלען, די בעלייכטונג, דאָס דאַווגען, און דאָס וואָס ער, דער רבי. הויבט זיי אויף און נעהמט זיי מיט זיך מיט אין

עס ווערט איין שנור, דערנאך ווערט עס איין ליכטיגע כאַסע. ער האָט געפּיהלט, ווי ער טוקט זיך איין אַ ליכטיגען ים, און זיין נשמה ווערט דורך דעם לייכטער און פלינקער — אַלעס ווערט איינס, עס זייַנען שוין ניט קיין איינצעלנע חסידים, איינצעלנע נשמות — פון אַלע נשמות איז געוואָרען איין נשמה, אַ גרויס, גרויס ליכט — און דאָס ליכט שווימט אריין אין גרויסען וועלט־ליכט און עס זינגט שוין מיט, און אויס אַלעס ווערט איין ליכטיגע שטיק וואָלקען וואָס קאָלירט זיך, כוּנקט זיך און באדט זיך אין אַ ליכטיגען ים, און געהט וואָס אַמאָל טיעפער, טיעפער...

ביים קדיש איז ער שוין געווען מיט'ן עולם ווייט, ווייט אין הימעל, און ער איז מיט זיי אריינגעשוואומען אין אַ טיעפען בלאָהען שבת אריין...

דער טיש איז געווען בעדעקט מיט דער שעהנסטער טיש־טוך, בעלויכטען מיט צעהנדליגע ליכט, וועלכע האָבען געשימערט אין די זילבערנע לייכטערס. זילבער און רויט־בלוטיגע וויינען האָבען געפינקעלט. אַ טיש בעשטעלט מיט די בע'טעמ'סטע מאכלים, וואָס האָבען פערשפּרייט זייער געשמאַק איבער דער שטוב. בייביידע זייטען טיש האָבען זיך געשאָקעלט ווי בוימער אויף ביידע זייטען וועג, חסידים אין זיידענס און סאַמעט, אין שווארצע פוטערנע היטלען. די מאַמע און דער טאַטע, ביידע אין בגדי שבת, זיינען געזעסען נעבען איהם. די מאַמע אויך — (אַזוי האָט ר' איציקעל גבאי איינגעריכט). און יואל איז געזעסען מיט פערמאַכטע אויגען, קוים בעריהרט מיט זיינע הענד די מאכלים, וועלכע זיינען באַלד געוואָרען צוכאַפּט אין שטיקלעך פון די חסידים — שיריים. דאָס ליכט האָט איהם אריינגעשיינט אין די אויגען דורך די פערמאַכטע הייטלאַך, און ער האָט גערעדט, ווי צו זיך, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט פערשטעהן, גערעדט מיט אַ ניעדריגער שטימע, אָבגעהאַקטע ווערטער.

— זייט ווי דומם'ס — תמימים, געפאַנגען נור אין דער וועלט, אָבער ניט מיט'ן גוטען ווילען און געדענקט שטענדיג אַז דער נשמה — וואָרים דורך איהר בינדט איהר זיך אַן צום מקור, און אַזוי אַרום ברענגט איהר אריין די וועלט אויך בחשבון, וואָרים עס ווערט איין אחד — פערבונדען מיט דעם זעלבען תכלית...

א חרפה ניט נור פאר איהם, נור פאר די אלע וואס האבען געגלויבט אין איהם — און דער עולם וויל שוין ניט לענגער ווארטען — עס ווערט שפעט, און ער מוז געדענקען, אז ער איז שוין נים אליין. און געהט ער נים ארויס באלד — געהט ער אריין צום עולם און הייסט דאווגען...

און יואל שטעהט ווי א דומם און שווייגט, און קוקט אין פענסטער ארויס צו די בוימער מיט בענקשאפט.

האבען פון דער מאמע'ס אויגען טרעהרען ארויסגעשפריצט, אזוי גרויס ווי פעריל, און זי האט געזאגט:

— קינד, דער צער פון דער מאמען וועט זיין גרויס. ווי אזוי וועט זי קענען אריבערטראגען די חרפה!

האט ער רחמנות געהאט — די ערשטע פרייד פון דער מאמען צו־שטערט; און ער האט געזעהן ווי די גרויסע שבת־אויגען ווערען ווידער פערטרונקען אין די וואכענדיגע קנייטשען — די קנייטשען און די אב־אבגעשיילטע הויט פון אבגעברענטקייט אויפ'ן פנים זיינען גובר איבער די אויגען — פון דער מאמען ווערט צוריק די אידענע וואס האנדעלט אין גאס מיט די פויערים.

האט ער ניט געקענט מעהר — זיך אויפגעכאפט און אריין אין דער צווייטער שטוב צום עולם.

די שטוב איז פול, עס גלאנצען די זיידענע קאפאטעס און עס שימערען שווארצע פוטערנע שטריימלען. ליכט ברענען, אין אלע ווינקלען אנגעפראפט מיט אידען. ער געהט צו צו דער וואנט, גראבט איין זיין פנים און די הענד, דער חזן זינגט לכו נרננה מיט א פרעה־ליכען נגון. צוזאמען מיט'ן קול הויבט ער זיך אן מכין זיין, אויסצו־טהאן פון זיך יערע גשמיות, צו פיהלען די נשמה אין זיך, דורך איהר הויבט ער זיך אן אנצובינדען צום מקור פון וואנען זי קומט — עס איז איהם לייכט, ער פיהלט דעם נצוץ, ער איז שוין ניט אויף דער וועלט, ער ווייסט שוין ניט וואס עס טהוט זיך ארום איהם, ער זעהט שוין גאר ניט — נור ליכט, ליכט און ליכט, וואס אמאל טיעפער געהט דאס ליכט, און וואס טיעפער, אלץ הערליכער, אלץ ליכטיגער — און פון דארט, פון אינווענינ, געהט דאס געזאנג — דאס ליכט זינגט. באלד ווערט ער אליין א שטיק ליכט, און א געזאנג, און שווימט מיט. ער האט געפיהלט ווי צו זיין נשמה ציהען זיך פיעל, פיעל שנירלעך ליכט און בעהעפטען זיך אין איהם — באלד ווערען די שנירלעך גרעבער —

דער סוף איז געווען, דאָס מען האָט אריינגעשיקט צו איהם דעם פאָטער מיט דער מוטער. דער פאָטער האָט פון אָנהויב גאָר ניט געגלויבט און ניט פערשטאנען וואס דא טהוט זיך. נור ער האט אנגעהויבען יעצט שוין מבטל צו מאכען זיין דעה — פאר דעת הרבים — ווי זיין געוועהנהייט איז געווען. יעצט איז ער געגאנגען צום ערשטען מאל רעדען מיט׳ן זוהן. די מאמע האט געגלויבט פון דער ערשטער מינוט אז און איהר פנים האט געשטראהלט פאר נחת און גדולה, אָנגעטהאָן איז זי געווען איצט אין שעהנע קליידער, דער נגידות׳־טעם שעהנסטע הויב אויפ׳ן קאפ, און א שנור קרעלען אויפ׳ן האלז, און די גרויסע מאמע אויגען האָבען בעלויכטען איהר פנים. און זי איז אריינגעגאנגען בדחילא ורחימא, מיט פריידענס־טרעהרען, און געבעטען זיך:

— קינד, פערשעהם מיך ניט פאר מענשען!

און אז יואל האָט איינגעקנייטשט זיין הויכען, גרויסען שטערן און פערביסען די ליפען פאר צער, און געזאָגט ממש מיט געוויין:

— מאמע איך ווייס ניט אויב איך וועל קענען. — זיינען בשר ודם׳ס פערזונקען אין אייגענעם רצון.

האָט דער פאָטער זיך אָנגערופען:

— אז דו האסט אנגעהויבען, מן הסתם האסטו דאך א דרך.

האָט ער געענטפערט:

— מיין דרך איז נור פאר תמימים, פאר דומם׳ס און צומח׳ס.

האָט דער פאטער שוין ניט פערשטאַנען:

— מה־דאך, איז דאך די ברואה וואָס קדוש־ברוך הוא האָט איהר אָבגעטהיילט פון זיין חלק — אודאי און אודאי, — און מען מוז דאך עפּעס האבען אמונה אויך.

האָט ער דעם פּאָטער ניט געקענט געבען צו פערשטעהן. און דערווייל ווארט דער עולם הינטער דער טהיר. פון דער צווייטער שטוב הערט זיך דער רעש פון פאָלק, ווי דאָס גערויש פון ים. זיי זיינען אונגעדולדיג און ווילען אנהויבען דעם קדוש־השבת אהן דעם רבי׳ן. עס ווערט שפעט, און לענגער ווארטען ווילען זיי שוין ניט. ר׳ איציקעל קומט אריין א צושוויצטער, דאָס שטריימעל ארויפגערוקט, די קאפּעטע אויפגעשפיעלט און פאָדערט: דער עולם ווארט, עס וועט זיין

דאָס גאַנצע שטעדטעל מיט ווייבער און קינדער זיינען דעם היי־ליגען צדיק אנטקעגען געגאַנגען. ליכט אין די פענסטער האָט מען אָנ־געצונדען פאַר זיינענטוועגען, און וואָלט עס ניט געווען אין די דריי וואָכען, וואָלטען די כלי־זמר געשפּיעלט. פערפאַהרען איז מען צום נגיד אין הויז, אָבגעגעבען דאָס גאַנצע הויז פאַר'ן רבי'ן, אויס דעם זאָל דעם רבי'ס שטוב געמאַכט, גרויסע ספרים־שענק אריינגעשטעלט, ספרי־תורות, שעהנע טישען מיט טהייערע טישטיכער, אַ גרויסע טיעפע פאָטער־שטוהל. אין דער הויז האָט מען אויך טאַטע־מאַמע אריינגע־בראַכט. עס האָט דאָך שוין ניט געפּאַסט, אז דעם צדיק'ס מאַמע זאָל אין גאַס האַנדלען. אַלע, דאָס גאַנצע שטעדטעל האָט געגלויבט אין צדיק, און די וועלכע האָבען נאָך ספקות געהאַט, האָבען מורא געהאַט דאָס מויל אויפצועפענען. עס האָט זיך געהאַנדעלט אום פּרנסה פאַר'ן שטעדטעל, און אין פּרנסה זיינען אַלע פעראינטערעסירט געווען. דער מקוה־איד און די בחורים, וואָס האָבען איהם געשלאָגען, זיינען אריינגעגאַנגען צום צדיק אין די זאָקען, און אָוועקגעשטעלט זיך ביי דער טהיר, און געבעטען מיט טרעהרען אין די אויגען „מחילה". זיי האָבען מורא פאַר זייערע יונגע יאָהרען.

ר' איציקעל חסיד אין געוואָרען גבאי, דער היטעל־מאַכער — שמש, דער נגיד — דער ערשטע מקורב, און דאָס גאַנצע שטעדטעל — חסידים.

די ערשטע פּאָר נעכט האָט מען אָוועקגעשטעלט אַ וואַך איבער'ן רבי'ס שטוב און געהיט דעם רבי'ן. און אויף שבת נחמו איז זיך צו־זאַמענגעפאָהרען אַן עולם פון די ארומיגע שטעדטלאַך. טהייל אויס נייגעריגקייט, האָבען געוואָלט זעהן וואָס דאָס איז אַזוינס; אַנדערע זיינען געקומען, ווייל דער נגיד און איציקעל חסיד האָבען געשיקט נאָך זיי. מען איז געקומען האַלב אין ספק — און אַנדערע אפילו מיט ליצנות. פרייטאָג אין אָבענד, צו קבלת שבת, ווען דער עולם איז שוין געווען אין די שטריימלעך און די אַטלאַסנע קאַפּאָטעס, פערזאַמעלט צו דאַווענען, האָט זיך דער רבי פערשלאָסען ביי זיך אין חדר און ניט געוואָלט ארויסגעהן מיט'ן עולם דאַווענען. דער נגיד און איציקעל חסיד האָבען אַנגעקלאַפּט אין טהיר, געשריען, געבייזערט זיך — עס האָט ניט געהאָלפען, יואל האָט ניט געוואָלט עפענען. און דאָ וואַרט דער עולם מיט'ן קבלת שבת.

מיט הכנעה. באלד איז געוואָרען אַ געשטופעריי; אלע האָבען גע־וואָלט זעהן דעם פערבאָרגענעם צדיק, וואָס טהוט וואונדער, אלע האָ־בען געוואָלט האָבען די זכיה צו בעריהרען זיין האנד, און באלד האָט זיך אויך אין דער שטעדטעל געפונען אַ נגיד, וואָס האָט איהם אהיים גענומען צו זיך (דער נגיד האט אויך געהאט אַ טאכטער). און עס האָט זיך געפונען אַן אנדער היטעל־מאַכער, וואָס האָט זיך אוועקגע־שטעלט אויף דער וואך ביים רבי'ן און ניט צוגעלאזט קיינעם, אַ חוץ די אויסדערוועהלטע. דאָס שטעדטעל איז געשטאַנען ארום די פענ־סטער.

אין דער פרעמדער שטעדטעל, וואו קיינער האָט יואל'ן ניט גע־קענט, קיינער האָט איהם ניט געדענקט אלס אינגעל, און קיינער האָט זיין פאָטער און מוטער ניט געקענט נור געהערט פון זיין נאָמען, איז זיין שם געוועזן נאָך פיעל גרעסער. נור באלד זיינען אַנגעקומען די פוהרען פון יואל'ס שטעדטעל, מיט'ן נגיד, דעם ווייץ־סוחר, מיט אי־ציקעל חסיד, מיט דעם היטעל־מאַכער און דעם קליינעם שוסטער, מיט די קצבים און בעלי־מלאכות. דערהערט, אַז דאָס צווייטע שטעד־טעל וויל ביי זיי אויסכאַפּען דעם צדיק און בעהאַלטען איהם פאַר זיך, זיינען זיי גרייט געווען זיך צו שלאָגען, דאָס לעבען איינצושטעלען, אבי נור ארויסצוקריגען דעם צדיק. דאָ האָט זיך שוין געהאַנדעלט אום פרנסה, אין וועלכער שטעדטעל דער צדיק זאָל וואהנען, אין וועלכער שטעדטעל זאָלען די הונדערטער, און אפשר טויזענדער חסידים — מענער און ווייבער, קראַנקע און געזונדע, וועלכע וועלען קומען צום צדיק עצות פרעגען, אין וועלכער שטעדטעל זאָלען זיי זייער געלד אי־בערלאָזען. דאָס שטעדטעל אין וועלכער יואל איז געבאָרען געוואָרען, האָט געפיהרט די גערעכטע טענה: דער צדיק איז זייערער. דאָס צווייטע שטעדטעל האָט אָבער אָבגעענטפערט, אַז ביי זיי האָט מען דעם צדיק געשלאָגען, און ארויסגעטריבען פון שטאָדט.

דערווייל זיינען אלץ מעהר פוהרען אַנגעקומען פון יואל'ס שטעד־טעל דעם צדיק אהיים צו נעהמען. אלע האָבען זיך יעצט געוואָלט אַנ־כאַפּען אַן צדיק. עס האָט געהאַלטען ביי אַ געשלעג צווישען די צוויי שטעדטלאך. דער סוף איז געווען, דאָס מען האָט זיך אויסגעגלייכט, געגעבען אָבטרעט געלד און מען האָט יואל'ן אהיים געפיהרט אין זיין געבורטס־שטעדטעל, מיטבעגלייט מיט בעלייכטונג, בהדרת מלך.

ער איציק'לען געפעלען געווארען. און אז יואל האט איהם כוף כל סוף געזאגט דאס, וואס ער האט פריהער אבגעענטפערט די בעלי־בתים, אז ער ווייסט ניט אויב ער איז ביכולת בשר ודם'ס אויפצוהויבען, ווייל זיי זיינען ניט מבטל זייערע רצונות. דומם און צומח'כ קען ער יא אויפהויבען ווייל זיי זיינען תמימים, האט איציקעל אבגעענטפערט:

— פרובירט מען.

און אז דער נגיד האט געפרעגט וואס ער מיינט, האט איציקעל אבגעענטפערט:

— א הויכער ענין.

און די בעלי־מלאכות האבען זיך שוין גערוימט אין די אויערען: איציקעל חסיד זאגט אליין, אז עס איז גרוים!

זיי זיינען געווען גליקליך. דער ארענדאר האט זיך אנגעטהאן די שבת'דיגע קאפאטע לכבוד דעם רבי'ן, און די ארענדארקע — די שבת'דיגע הויב. מען האט אנגעגרייט עסען פאר דער גאנצער ערה, און אנגעצונדען ליכט אין אלע שטיבער — אלעס אויפ'ן חשבון הנגיד. און אז עס איז געקומען צו מנחה־מעריב, האט מען גערעכענט מיט מנין, געווארט אויפ'ן רבין'ס אויסגעהן שמונה־עשרה, און אז עס איז געקומען צום עסען — האט דער רבי ניט אנגעריהרט, ניט געוואלט עסען בצבור, האט מען אויסגעטייטשט, אז ער ברוגז'ט זיך נאך...

האט דער נגיד זיך גע'סוד'עט מיט איציקלען אין א ווינקעל וועגען פערשיעדענע זאכען, און צווישען אנדערע אויך וועגען זיין טאכטער, די יפת־תואר, און וועגען איציקעל'ס גבאות...

און יואל איז אלין געשטאנען אין פענסטער און ארויסגעקוקט אין דרויסען, און געזעהן די נאכט, ווי זי דעקט צו דאס פעלד און דעם וואלד — האט ער געבענקט נאכ'ן געזאנג, נאך דעם דרויסען...

---

ביי־נאכט איז ער ווידער פערשוואונדען. ער איז געגאנגען אין נאהנטסטען שטעדטעל אריין, נור זיין שם איז שוין פאראויסגעגאנגען פאר איהם. קוים האט ער זיך בעוויזען אין בית־המדרש פון דער פרעמ־דער שטעדטעל, איז באלד געווארען א גע'סוד'עריי אין די אויערען. מען איז צוגעקומען צו איהם, מען האט איהם אבגעגעבען שלום־עליכם

זיי האָבען ניט פערשטאַנען די ווערטער, נאָר טאַקע דערפאַר זיי־נען זיי דערשראָקען געוואָרען און ווען ער האָט זיי פערלאָזט, זיינען זיי איהם פון דערווייטענס נאָכגעגאַנגען.

— וואָס האָט ער געזאָגט? וואָס? — האָט געפרעגט דער קליינער שוסטער דעם היטעל־מאַכער.

— פרעגט ניט, קדוש, הייליגקייטען! אַלעס וואָס ער רעדט איז קדוש — האָט איהם דער היטעל־מאַכער אָבגעענטפערט.

דער עולם איז איהם פון דערווייטענס נאָכגעגאַנגען. יואל איז צוריק אַהיים געקומען צום קרעטשמער און באַלד איז שוין געמאַכט געוואָרען אַ מחיצה צווישען איהם און דעם פאָלק. אין איין שטיבעל איז געווען יואל, אין אַן אנדער שטיבעל די עדה, און דער היטעל־מאַ־כער האָט זיך אוועקגעשטעלט ביי דער טהיר אויפ׳ן שוועל און קיי־נעם ניט אריינגעלאָזט צום „רבי׳ן". דער „רבי" איז געווען אַליין, געשטאַנען ביים פענסטער און ארויסגעקוקט אין דרויסען, און געבענקט נאָכ׳ן וואַלד מיט די לאַנקעס.

צום „רבי׳ן" האָט מען נאָר אריינגעלאָזט דעם נגיד, דעם ווייצען־סוחר, און ער איז טאַקע געזעסען נעבען איהם און געהיט, ער זאָל ניט אנטלויפען דורכ׳ן פענסטער. דער נגיד האָט געהאַט אַן איין איינציגע טאָכטער, אַ יפת־תואר, און געלד אויך — דער רבי איז אַ בחור...

דער נגיד האָט געשיקט די פוהר אין שטאָדט אריין צו ברייגגען דעם פאָטער זיינעם, און אויך ר׳ איציקעל חסיד. פאַרנאַכט איז די פוהר צוריקגעקומען. דער פאַטער האָט ניט געוואָלט קומען. ר׳ אי־ציקעל איז יאָ געקומען. ר׳ איציקעל איז געווען דעם נגיד׳ס אַ מעקלער, אַ יודע ספר און אַ חסיד אהן אַ רבי. זייט דער אַלטער ראַזאַמינער איז נפטר געוואָרען — פאָהרט ער ניט —ניטאָ צו וועמען. פון יונ־גען רבי האַלט ער ניט, איז ער דורך דעם צוקריגט מיט די חסידים און חבר׳ט זיך מיט די בעלי־בתים, און אַם מעהרסטען מיט דעם נגיד, וואָס גיט איהם צו פערדיענען אַ קערבעל ביי מעקלעריי. איציקעל איז צוערשט געקומען מיט שפאָט און חוזק, — ווי דער שטייגער איז פון חסידים — נאָר אַז ער האָט געזעהן, אַז דער נגיד האַלט פון יואל׳ן, האָט ער גע־טראַכט אפשר איז עס אַ ענין. איציקעל איז אריין שמועסען מיט׳ן רבי׳ן. נור וואָס ווייניגער יואל האָט איהם געענטפערט, אַלץ מעהר איז

אויך אָנגעהויבען דערצעהלען פון בחור גבורות ונפלאות. אלע צו־זאמען זיינען זיי אריין אין וואלד, איהם אויפגעזוכט, און געבליבען שטעהן פון דערוויטענס. זיי האָבען איהם געטראָפען אין דעם זעלבען עקסטאז ווי אין בית־המדרש, נאָר דאָ, אין פרייען וואלד, צווישען די בוימער, אין דער איינזאמקייט, האט זיין דאוונען, זיין ווארפען זיך און זיין עקסטאז געמאכט אויף זיי נאך א פיעל שטארקערע איינדרוק. זיי האָבען אָבגעווארט ביז ער איז ווידער אומגעפאלען, זיינען זיי צוגעקומען און איהם אויפגעהויבען.

אז ער האָט געעפענט די אויגען און דערזעהן ארום זיך די עדה אידען, איז ער דערשראָקען געוואָרען און געוואָלט אוועקגעהן.

— רבי, מיר זיינען געקומען צו אייך איהר זאָלט אונזער רבי זיין. מיר ווייסען, אז איהר זייט א פערבאָרגענער צדיק.

יואל האָט שטום געקוקט מיט זיינע אויגען, האָט ניט געענטפערט און געוואָלט געהן ווייטער.

— רבי, קומט מיט אונז אין שטאָדט אריין, מיר ווילען אייך מאכען א שעהן הויז און איהר וועט אונזער רבי זיין — רופט זיך אב דער נגיד פון שטאָדט.

יואל האָט אראָבגעבויגען דעם קאָפּ צו דער ערד, ערגעץ וואו איינגעגעבערט זיין בליק און אזוי געזאָגט:

— דער מענש, גאָט'ס אויסדערוועהלטע בריאה, איז ווייניגער פון אלע געטליכע בעשעפעניישען מסוגל אויפצונעהמען אין זיך דאָס בע־וואוסטזיין פון דער אמת'ער סיבה פון וואנען עס קומט, צו פיהלען דעם נצוץ און אָנצובינדען זיך אין נצחיות, ווייל ער האָט א פרייען ווילען. דער פרייער ווילען פערשטעלט פון מענשען דעם ריכטיגען כח און ער מיינט, אז אלעס קומט פון איהם, מידיו, און אזוי ארום זינקען זיי און פערלירען זיך אין טויט אין דער וועלט. דער דומם, דער צמח, און אפילו דער חי ביי וועלכע דער איינציגער ווילען איז ניט אזוי שטארק, זיי זיינען תמימים. און אויב זיי קענען ניט מיט אייגענעם כח אָנ־קומען צום מקור, ווייל די נשמה־ניצוץ איז ביי זיי זעהר קליין, זיי־נען זיי אָבער מסוגל דורך אן אנדערען אויפגעהויבען צו ווערען. דורך דעם בעדארף ער זיך געפינען נור בלויז צווישען די דומם'ס, צומח'ס און חי'ס. דענסטמאָל וועט ער שטענדיג קענען פיהלען דעם נצוץ און תמיד אָנהעפטען זיי אין די נצחיות...

דער היטעל־מאכער האט אין שטאָדט איבערדערצעהלט דאָס וואונ־דער און דאָס, וואָס די גוים גלויבען אין איהם, האָט נאָך מעהר פער־שטארקט אין זייערע אויגען יואל'ס הייליגקייט. נאָר איהם אליין האט מען אין ערגעץ נים געקאנט געפינען. די מאמע האט געוויינט — פאר צער, אָדער פאר נחת? — און איז ארומגעלאָפען מיט'ן היטעל־מאכער און מיט'ן שוסטער זוכען יואל'ן. דער פאָטער איז געזעסען אין דער קאלטער חברה־תהילים שטיבעל אויף דער ערד און אבגעריכט חצות יעדען טאָג — נאָר דער צדיק איז אלץ ניטאָ.

דערווייל איז יואל געזעסען אין דאָרף ביים איד, דעם קרעטשמער, א צעהן־צוועלף ווייארסט פון שטעדטעל. דער ישובניק האָט צו איהם אזוי געזאָגט: „הער נור, בחור, וועסטו לערנען מיט מיינע קינדער,— וועל איך דיר געבען עסען און טרינקען; וועסטו נים לערנען מיט מיינע קינדער — טאָ נעהם דאָס פעקעל, און היידא!

יואל איז איבערגעבליבען אין דאָרף ביים קרעטשמער. די קינ־דער זיינען געווען קליינע, אונוויסענדע, און ער האָט געארבייט אריינ־צוברענגען אין זיי דעם אלף־בית. זיינע תפלות האָט ער אָבגעריכט אין וואלד. קיין ספרים האט ער נים געהאט, אבער ער האט יעצט נים געדארפט קיין ספרים. ער איז יעדען טאָג ארוים אין וואלד, אויסגע־זוכט דאָס פערבאָרגענסטע אָרט און אוועקגעשטעלט זיך מכוון צו זיין צו בעהעפטען די וועלט מיט די נצחיות.

אזוי האָט ער פערבראכט גאנצע טעג.

איינמאָל, אין א שעהנעם נאָכמיטאָג, זיינען פערפאָהרען צום קרעטשמער עטליכע פוהרען מיט אידען פון שטאָדט. צווישען זיי איז אויך געווען דער היטעל־מאָכער, דער קליינער שוסטער, קצבים יונגען, גלאָט אזוי בעלי־בתים און אויך א נגיד פון שטאָדט, א ווייץ־סוחר. די אידען האבען זיך געפרענט אויפ'ן בחור, דעם מלמד פון די קינדער. דער קרעטשמער האָט זיך דערשראָקען, האָט זיי אָנגעוויזען אויפ'ן וואלד, וואו ער פערברענגט גאנצע טעג. די אידען האָבען זיך ביים קרעטשמער נאָכגעפרעגט אויפ'ן בחור, צי האָט ער נים בעמערקט אין איהם עפּעס אויסערגעוועהנליכעס, און האָבען איהם דערצעהלט וואס פאר א פערבאָרגענער צדיק דער בחור איז.

ווען דער קרעטשמער האָט דערהערט אז דער בחור איז א פער־באָרגענער צדיק, איז ער נאָך מעהר דערשראָקען געוואָרען און פלוצלונג

רערט פון דעם וואונדער ביי זיין נעכטיגען דאוונען, וואס די תפילין זיי נען ביי איהם פון קאפ נים אראבגעפאלען, בשעת ער איז געפאלען, און ער איז מיט זיי אהיים געגאנגען איבער דער גאס, האבען זיך מענ־ שען אנגעהויבען דערמאנען זאכען, וואס זיי האבען שוין פון לאנג בעמערקט אין איהם און קיינעם ביז איצט ניט געוואלט דערצעהלען. אפילו זיינע חברים, די בית־המדרש בחורים, וואס האבען איהם ערשט נעכטען געשלאגען, האבען זיך דערמאנט פון איהם א סך זאכען. איי־ נער האט דערצעהלט, אז ווען ער איז אמאל אין מיטען דער נאכט אריין־ געקומען אין בית־המדרש אריין, האט ער געזעהן ווי יואל זיצט ביי א גמרא און נעבען איהם זיצט אן אלטער פרעמדער מאן, מיט א לאנגער, ווייסער באָרד, און לערנט עפעס מיט יואל'ן און גיט איהם עפעס צו פערשטעהן. אבער ווי נור ער איז צוגעקומען נעהנטער צום טיש, וואו יואל מיט'ן אלטען פרעמדען זיינען געזעסען, איז דער פרעמדער פער־ שוואונדען געווארען און געבליבען איז נאר יואל אליין.

אנדערע בחורים האבען דערצעהלט, אז זיי האבען געטראפען יואל'ן מיט דעם אלטען פרעמדען שפאצירענדיג אין די פאר־נאכטען צום בית־עולם צו. דער פרעמדער אלטער האט קיין אנדערער ניט גע־ זאלט זיין ווי אליהו הנביא, אדער דער רא"י הקדוש, וואס איז אראב־ געקומען צו לערנען מיט יואל'ן די סתרי תורה. אנדערע האבען ווידער דערצעהלט ווי יואל איז געשטאנען און געדאווענט און פלוצלונג האט זיך דאס ליכט פאר'ן עמוד, וואו יואל איז געשטאנען, אליין אנגעצונדען.

נאכ'ן אנבייסען האט זיך דער היטעל־מאכער און דער קליינער שוסטער ארויפגעכאפט אויף א קצב'ישע פוהר און זיינען ארויסגעפאה־ רען אין וואלד זוכען דעם צדיק. זיי זיינען פערפאהרען צו דעם גוי, וואס האט יואל'ן געטראפען אין וואלד דאוונען, און זיינען פלוצלונג געוואָהר געווארען, אז ווען יואל האט געדאווענט אין וואלד, האט א ליכט געברענט פאר איהם און פייערדיגע שטראהלען האבען בעלויכטען זיין קאפ. אויף דעם אָרט וואו ער איז געשטאנען איז פלוצלונג, אי־ בער נאכט, אויסגעוואקסען א הויכער, געזונטער יונגער דעמב, אויף וועלכען דער פויער האט זיי אנגעוויזען אין וואלד.

— הונדערט יאהר האט עס געדארפט נעהמען אזא דעמב זאל אויסוואקסען — און דא איז ביז יעצט קיין דעמב ניט געווען. איך קען דעם וואלד ווי מיין האנד — דערצעהלט דער גוי.

בערנע וואלקען — פון איין זילבערנעם וואלקען ארויס, אין צווייטען אריין. און ווען ער איז געווען אין די זילבערנע וואלקענס האט ער געהערט מוזיק שפּיעלען און אַ שטיל, שטיל געזאַנג, און דאָס געזאַנג האָט איהם געזעטיגט; דאָס געזאַנג האָט אָנגעפילט זיינע ביינער מיט אַ זעטיגקייט. און באַלד איז ער אַליין געוואָרען אַ געזאַנג... ניין, אַ זילבערנער וואָלקען און אַ געזאַנג, און ער וויקעלט זיך און וויקעלט זיך מיט די אַנדערע וואָלקענס. דאָ דערהויבט ער זיך מיט זיי. און דאָ רייסט ער זיך אָב פון זיי און שווימט און זינקט אין ווייטען, ווייטען, אין קין אריין...

אַזוי איז ער געלעגען אַ גאַנצע צייט און געהאַלטען אַלץ אין איין שווימען, אין איין זינגען, ביז מענשען האָבען איהם אויפגעוועקט. ער האָט געזעהן פאַר זיך פויערים אין העמדער, מיט העק אין די הענד. ער האָט געקוקט אויף די פויערים און האָט זיי ניט דערקענט. ער האָט געדענקט, אַז ערגעץ האָט ער געזעהן אַזעלכע ברואים, אָבער ער האָט ניט געוואוסט וואו ער האָט זיי געזעהן און ווי מען רופט זיי. זיי האָבען גערעדט צו איהם, ער האָט זיי פערשטאַנען און געוואָלט ענטפערען, האָט אָבער ניט געקאָנט, ער האָט פערגעסען די מענשליכע שפּראַך. זיי האָבען איהם גענומען אונטער'ן אָרעם און געפיהרט איהם, און איהם האָט זיך נאָך אַלץ געדאַכט, אַז ער פליהט און זינגט אין די וואָלקענס. זיי האָבען איהם אַריינגעבראַכט צום אידישען קרעטשמער. ער האָט דערפיהלט זוייער־מילך, דעם ריח פון עפּעל און האָט דערקענט אידען. דאָרט האָט מען איהם אָנגעטרונקען מיט מילך, געגעבען איהם ברויט צו עסען. די אויגען זיינען איהם ליכטיגער געוואָרען, ער האָט דער־זעהן אויף וואַסער וועלט ער געפינט זיך — און אַ בענקעניש האָט איהם אַרומגענומען.

---

דערווייל האָט זיך די שטאָדט אויפגעכאַפּט מיט דער נייעס, אַז דער פערבאָרגענער צדיק איז פערשוואונדען. אין בית־המדרש, צום דאַווענען איז געווען אַ געקאָך, אַ גערודער און אַ געשריי, ווי אין אַז אויפגערעגטען ביהן־שטאָק. מיט אַמאָל האָבען אַלע דערזעהן אין יואל'ס טהאָן, ריידען און דרכים — עפּעס אויסערגעוועהנליכעס. שוין אָבגע־

טייטשט פאר אַ נס. און דאָס וואָס די תפילין זיינען איהם פון קאָפּ ניט אראָבגעפאלען, האָט זיך מיט דער שנעלקייט פון אַ בליץ פער־שפרייט איבער'ן שטעדטעל און האָט געוואונען הערצער פאר איהם.
נאָר נאָך דעמזעלבען אבענד איז יואל ערגעץ וואו פערשוואונדען...

---

יואל איז אוועק פון דער היים, ביי נאַכט איז ער געגאנגען אויפ'ן וועג צום נאָהנטסטען דאָרף. ער איז מיעד געוואָרען און אוועקגעזעצט זיך אויף אַ שטיין. האָבען שקצים'לאך דערזעהן ווי אַ איד זיצט אויף אַ שטיין פערטראכט, האָבען זיי אין איהם געוואָרפען שטיינדלאך און גערופען איהם: „זשיד, זשיד!"
יואל האָט זיי בעטראכט מיט די זעלבע בליקען וואָס נעכטען די בחורים. ער האָט אָבגעקעהרט פון וועג און איז ווידער אריין צווישען פעלדער און סעדער, אין אַ וואלד אריין, ווידער אויפגעזוכט אַ וואסער, און פאר מיעדקייט און הונגער איז ער אנידערגעפאלען און איז איינ־געשלאָפען. ער איז געלעגען אַ פּאָר שטונדען אונטער דער זון און האָט גאָר ניט געפיהלט. אז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט האָט ער דער־פיהלט אַ שוואכקייט און אַ פערלאנג נאָך עסען. דער הונגער, וועלכער האָט שוין אנגעהאלטען פון נעכטען אָן, האָט איהם געפייניגט. ער האָט זיך געפּרואווט פערגעסען דעם הונגער מיט זיינע געוועהנליכע מיטלען וואָס ער האָט זיך מכוון געווען צו געדענקען עס בלויז אין דער נשמה, ניט אין קערפּער, נור פון הונגער זיינען זיינע געדאנקען אָבגע־שוואכט געוואָרען און ער האָט קיין כח ניט געהאט זיך צוזאמענצו־נעהמען. האָט ער אנגעהויבען צו וויינען און צו בעטען גאָט: „טאטע, טאטע, בעפריי מיך פון די מענשליכע הצטרכות".
ער האָט אזוי לאנג, הילפלאָז, קינדיש און שוואך געוויינט, ביז ער איז ווידער אומגעפאלען און פערזונקען געוואָרען אין אַ חלום. עס האָט זיך איהם געדאכט, אַז אימיצער גלעט איהם איבער'ן קאָפּ, און ער ווערט פון עפּעס פריי, אַ שווערע לאסט פאלט פון די פלייצעס אראָב און ער ווערט לייכט, די הענד און פיס זיינען גרינג, זיי הויבען זיך, הויבען זיך, און מיט אמאָל האָט ער זיך געפונען אין דער לופטען, צווישען הימעל און ערד, און באלד האָט ער זיך געבאָרען אין זיל־

וואו ער איז געווען — זאָגט ווידער דער קליינער שוסטער׳ל מיט זיין געהיימניספולען טאָן און מינע.

אז יואל איז געקומען צו זיך, האָט ער זיך אויפגעהויבען און וואַק־לענדיג זיך אויף די פיס, האָט ער אַנגעהויבען ארויסצוגעהן.

דער היטעל־מאכער פון איין זייט און דער קליינער שוסטער׳ל פון דער צווייטער, האָבען איהם אַנגענומען ביי די הענד און געפיהרט אי־בער׳ן געסעל. יואל האָט זיך געלאָזט.

— האָסט געזעהן? האָסט געזעהן? ער איז דאָך מיט די תפילין אויפ׳ן קאָפּ ארויסגעגאַנגען.?

— די תפילין אויפ׳ן קאָפּ — יא, נא, זעה, אָט געהט ער דאָך מיט די תפילין אויפ׳ן קאָפּ!

— און וואו האָט ער געהאַט די תפילין, ווען ער איז געפאַלען?

— זיי זיינען איהם פון קאָפּ ניט אראָבגעפאלען.

— דו הערסט, די תפילין זיינען איהם פון קאָפּ ניט ארונטערגע־פאלען.

און דאס וואס די תפילין זיינען פון זיין קאָפּ ניט ארונטערגעפא־לען ווען ער איז געפאלען, איז געווען דאס וואונדער, וואס האט מיט איין מאָל אלעמענס הערצער געוואונען פאר דעם בעהאלטענעם היי־ליגען.

די בעלי־מלאכות האָבען איהם מיט די תפילין אויפ׳ן קאָפּ אין שטיבעל אריינגעפיהרט. אין א ווינקעל איז די מאמע געזעסען, ווי אַן עלובה, מיט אויסגעוויינטע אויגען. זי האָט שוין אין גאס געהערט פון איהר זוהן׳ס שאנד.

יואל האָט גאָר ניט גערעדט, האָט זיך אוועקגעזעצט אין א ווינקעל, שטום, מיט גלאנצענדע, פערטראכטע אויגען. די מאמע האָט וויינענדיג פאַר איהם אַנידערגעשטעלט אויפ׳ן טישעל אַ טעצעל קאווע מיט אַ זעמעל. דאָס זעמעל האָט ער ניט געגעסען און די קאווע האָט ער גע־טרונקען.

אלעס וואָס יואל האָט יעצט געטהאָן איז שוין בעטראכט און בע־מערקט געוואָרען פון מענשען, וואָס האָבען געקוקט דורך די פענסטער, דורך אַ שפּארע אין דער טהיר און יעדע זאַך איז געוואָרען אויסגע־

אז דאָס קליינער דאַרף־געהער שוסטער'ל, וואָס זאָגט תהלים אַ גאַנצען שבת, זאָל וויסען פון אזעלכע זאכען און זיך אריינמישען.

די פראָסטע ווערטער „ער איז יעצט נישטאָ", האָבען אלעמען דערציטערט. מען האָט דערזעהן אין זיין אונבעוועגליכען שטעהן און צוקען מיט'ן קערפּער וואונדערליכע זאכען.

נאר פלוצלינג האָט זיך יואל'ס קערפּער אנגעהויבען צו וואקלען ווי שכור. די פיס האָבען זיך אָנגעהויבען טרייסלען און ער האָט זיך איינגעבויגען, ווי אַ ווינד לייגט אוועק אן אליין־שטעהענדע בוים: צו ערשט אויף איין זייט, דערנאָך האָט ער זיך געגעבען אַ וואקעל אויף דער צווייטער זייט און ער איז אומגעפאלען. די אויגען און די ליפּען זיינען געווען פערשלאָסען און פערהאקט ווי פריהער. נאר דאָס פּנים איז געווען פינסטער און אַ רויטער בלוט־פלעק, וואָס איז איהם איבערגעבליבען אַ ניט־אבגעוואשענער אונטער אן אויער פון שלאָגען, האָט יעצט, ביים פאלען, זיך צובלוטיגט, און דאָס רויטע בלוט אויף דעם שווארצען, אויסגעמאַטערטען פּנים, האָט ארויסגערופען אַ ציטערניש ביי די ארומשטעהענדע. מען איז צוגעלאָפען צו איהם, אויפגעהויבען, און דער היטעל־מאַכער האָט אָנגעהויבען שרייען:

— וואסער, וואסער, דערלאַנג וואסער!

מען האָט דערלאַנגט וואסער. יואל האָט ניט געוואלט עפענען די ליפּען. אַ קליינער ווייסער שוים האָט געשלאָגען פון מויל און געבלעזעלט זיך צווישען די צייהן. דער היטעל־מאַכער האָט איהם אויפגעריסען דאָס מויל, אריינגעגאָסען וואסער. יואל האָט אַ צוק געטהאָן מיט'ן קערפּער און אַ שוידער האָט אויפגעציטערט די מוסקלען פון זיין פּנים. ער האָט אויפגעעפענט די אויגען און פרעמד זיך ארומגעקוקט, ווי ער וואָלט ניט געוואוסט אויף וואָס פאר אַ וועלט ער געפינט זיך, און איינקאַרטשענדיג זיך ווי אַ וואָרעם, איז ער ווידער געלעגען, הויך און שווער אָבגעהעשעט, פערשליסענדיג די אויגען.

— זיי האָבען איהם פערמוטשעט — האָט דער היטעל־מאַכער געזאָגט.

— געה שוין, נעה, דו מיינסט, אז דאָס איז פון שלאָגען. פון דאַווענען, נאר — האָט געזאָגט אַ צווייטער.

— וואָס פון דאַווענען! ער קומט יעצט פון ערגעץ אנדערש וואו. ער איז ערגעץ וואו געווען און יעצט קומט ער צוריק. איך ווייס ניט,

ארײַן אין אַ װינקעל, פֿערשטעלט דאָס פּנים אין דער װאַנד, אָנגעטהאָן זיך די תּפֿילין און געשטאַנען און געדאַװענט.

לאַנג און שטיל האָט געדױערט זײַן דאַװנען. מען האָט גאָר ניט אָנגעזעהן, נאָר אויף די קצבֿים יונגען און אויף דעם היטעל־מאַכער, און אַפֿילו אויף די אַנדערע בעלי־הבתּים װאָס האָבען זיך געפֿונען אין בית־המדרש, אָבער װעלכע האָבען ביז איצט גאָר ניט בעמערקט יואל'ן און ניט אינטערעסירט זיך מיט דעם װאָס עס איז פֿאָרגעקומען — אויף זײ האָט זײַן דאַװנען געמאַכט אַ שטאַרקען און ריהרענדען אײַנ־דרוק. װאָס לענגער עס האָט געדױערט און װאָס שטילער עס איז געװען און װאָס װײניגער זײ האָבען געזעהן זײַן פּנים — אַלץ מעהר זײַנען זײ געריהרט געװאָרען. זײ האָבען נאָר געזעהן, װי ער האָט אײַנגעגראָבען זײַן פּנים אין די הענד און איז געשטאַנען אומבעװעגליך אַ לאַנגע, לאַנגע צײַט., אַזױ װי ער װאָלט געשלאָפֿען שטעהענדיגער־הייט. פֿון צײַט צו צײַט האָט זײַן דינער קערפּער געגעבען אַ צוק. זיך אַ ריהר געטהאָן און זײַן גרױסע קאָפּ האָט זיך אַ שאָקעל געטהאָן, און עס האָט זיך געװיזען זײַן פּנים — װי מיט אַ מאַסקע איבערגע־צױגען, בלײַך װי דער טױט, און דאָך לעבעדיג און ציטערנדיג; די אויגען פֿעסט פֿערשלאָסען און דאָס מױל מיט די ליפּען קראַמפּהאַפֿט פֿערביסען. דאָס האָט נאָר געדױערט אַ מינוט. באַלד האָט ער װידער צוריקגעװאָרפֿען דאָס פּנים צו דער װאַנט און זײַן גאַנצער גוף איז װי אײַנגעשלאָפֿען.

די אידען, װעלכע האָבען שוין אין יואל'ס בעװעגונגען ענטפּלעקט אויסערגעװעהנליכעס, זײַנען דערציטערט געװאָרען פֿון זײַן דאַװנען. אַ סך פֿון זײ האָבען זיך דערמאָנט אָן מעשיות פֿון הײליגע צדיקים, ל"ו'ניקעס.

— האָסט געזעהן? האָסט געזעהן? — האָט דער היטעל־מאַכער אין דער שטיל, מיט אימה געזאָגט צו די אַרומשטעהענדע.

— זעה װי ער צוקט, זעה, דאָס רעדט ער מיט די מלאכים.

— נאָר אײנער, איז ער דען יעצט דאָ? ער איז יעצט ניטאָ. ער איז ערגעץ אַנדערש װאו, איך װײס ניט װאו ער איז, ער איז יעצט נישטאָ, — האָט זיך אָנגערופֿען אַ קלײן אידעל, אַ שוסטער'ל, װעלכען קײנער האָט ניט ביז איצט בעמערקט און קײנער האָט נישט געװאוסט

— ווער האָט איהם געשלאָגען, ווער? — האָט זיך צושריען חיים קצב — איך וועל אייך די קעפּ שפּאַלטען, פּרעסערס!

— זיי זיינען בייז אויף איהם, וואָס ער קען יא און זיי ניט, שלאָגען זיי איהם, איך וועל אייך דאָ ווייזען שלאָגען.—

די בחורים האָבען געציטערט פאַר מורא. די הויפּט שלעגערס, מיט ליבעל בער׳ן, האָבען זיך איינציגווייז ארויסגערוקט און אנטלאָפען.

— רב יואל, ווער האָט אייך געשלאָגען? עס טהוט אייך וועה? אפשר אַ גלאָז וואַסער?

— גיב איהם אַ גלאָז וואַסער, זעהסט דאָך, וואָס די עכברושים, גנבים, האָבען געמאַכט אויס איהם — רופט זיך אָן דער היטעל־מאַכער.

יואל האָט זיך ניט אבגערופען, ניט געענטפערט, געקוקט אויף דעם היטעל־מאַכער מיט זיינע גליהענדע אויגען ווי אויף די בחורים וואָס האָבען איהם געשלאָגען. און ווען דער היטעל־מאַכער האָט איהם אנגענומען ביי דער האַנד, אזוי ווייך און מיט ליעבע ווי ער האָט נאָר געקענט, האָט ער איהם אוועקגעמאַכט די האַנד און ווייטער געשוויגען.

— איך וועל זיי דאָ דעם טויט מאַכען, די גנבים. ווער האָט עס געטהאָן? ווער? — האָט דער היטעל־מאַכער פּלוצלינג זיך צוהיצט און אָנגעהויבען צו פּאַטשען אַן אונשולדיגען בחור, וואָס איז געשטאַנען דערביי. — ער איז אַ הייליגער, אַ רבי; די גוים, להבדיל, האָבען איהם אפילו דערקענט אַז ער איז אַ הייליגער — האָט דער היטעל־מאַכער אויסגערופען, קוקענדיג מיט שרעק אויף יואל׳ס גלעזערנע אויגען.

און ווי דער היטעל־מאַכער האָט ארויסגעזאָגט די ווערטער, אזוי האָט ער מיט זיי אַן אימה ערוועקט ביי די אנדערע מענשען. די קצבים יונגען האָבען זיך געשראָקען נעהנטער צוצוגעהן צו איהם און בעטראַכט איהם פון דערווייטענס. עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי דערזעהען אין איהם עפּעס אונגעוועהנליכעס, אַז אויף זיין פּנים רוהט אַ הייליגער גלאַנץ, וואָס מען טאָר עס ניט זעהן, און באַלד וועט זיך זיין מויל עפענען און זיי וועלען דערהערען פון איהם עפּעס אזעלכעס, וואָס זיי ווייסען אליין ניט.

נאָר יואל האָט זיך פּלוצלונג אויפגעהויבען פון זיין אָרט, איז צוגעגאַנגען וואַהלענדיג זיך צום כיור, אבגעוואַשען זיך די הענד און איז

חבר׳ט ער זיך אַלײן מיט די בחורים. ער האָט איהם דערלאַנגט דעם ערשטען פּאַטש און די בחורים נאָך איהם.

אַז זײ האָבען איהם אָבגעלאָזט איז יואל געבליבען ליגען נאָך אַ לאַנגע צײט אויפ׳ן טיש, דאַן האָט איהם װער געהאָלפען אויפשטעהן. זײן פּנים האָט זיך גאָר ניט געהאט געענדערט. דערזעלבער גלײכגילטיגער בליק פון די גראָהע אויגען, דאָסזעלבע גאָר ניט זאָגענדע, פאַר זיך אַלײן שמײכעלע אויף די געשפּאָלטענע גראָבע ליפּען. ער האָט זיך ניט געשעהמט, עס איז געװען װי ער װאָלט געזאָגט: איך װעל דוקא אַזוי טהאָן, און אַלע האָבען עס געזעהן.

אַ לענגערע צײט איז ער געזעסען אויף דער באַנק. אַרום איהם — אַ גרופּע בחורים. זײ האָבען איהם שוין ניט געשלאָגען. אין אַ טהײל בליקען אין געלעגען רחמנות. נאָר יואל האָט קײנעם ניט געזעהן — ניט די בחורים אַרום און ניט זײערע בליקען. זײנע אויגען האָבען ערגעץ װאו װײט, װײט געקוקט...

דערװײל האָט זיך דערהערט אין געסעל, אַז די בחורים שלאָגען דעם „הײליגען" אין בית־המדרש. די קצבים, װעלכע זײנען געװען אין מאַרק, בײ די יאַטקעס, זײנען אויפגעקאָכט געװאָרען.

— פאַר װאָס האָבען זײ איהם צו שלאָגען? איז ער ניט קײן הײליגער — קומט איהם צו שלאָגען? — האָט זיך אָנגערופען אײנער פון זײ.

— נאָר אײנער, עס קרענקט זײ, פאַר װאָס זײ זײנען ניט קײן הײליגע — שלאָגען זײ איהם.

— בעריל, דו געהסט מיט אַרונטער? זײ װעלען איהם דערפּײניגען — האָט געזאָגט קומענדיג צו לויפען אהרן היטעל־מאַכער, װעלכער איז שטענדיג געװען גרײט צו גלויבען אין אַן אַנדערען, און פון יואל׳ן האט ער שוין לאַנג געהערט און לאַנג איהם געהאַלטען פאַר אַ הײליגען.

אין בית־המדרש זײנען אַרײנגעקומען אַ צװײ יונגע קצבים, מיט אהרן היטעל־מאַכער. עס האָט זיך מיט זײ מיטגעשלעפּט נאָטע פישער, אַ איד, װאָס גלויבט זעהר אין כישוף. אַרומקוקענדיג זיך און דערזעהענדיג יואל׳ן זיצען אויף דער באַנק, אַן אָבגעריסענעם, אַן אויסגעקנײטשטען, מיט רוהיגע, קלאָהרע אויגען, װאָס האָבען געקוקט פאַר זיך, זײנען די אַרײנקומענדע אויפגעציטערט געװאָרען פאַר כעס:

שען אין דעם גרויסען געשפרעך. און די שאטענס פון אלע דריי ציהען זיך אויס איבער דער וואנד, קריכען אויף'ן באלקען, און שפיעלען נאך דארטען דאס שטילע שווייגען, וואס די לעבעדיגע ביים טיש.

---

צו מארגענס אין דער פריה, ווען יואל איז אריינגעקומען אין בית־המדרש מיט'ן תפילין־זעקעל און געוואלט צוגעהן צו די ספרים־שאנק ארויסנעהמען א ספר צו לערנען, האט ער דעם ערשטען פאטש געקרא־גען פון לייבעל בער ,דעם מקוה איד, דעם גבאי פון בית־המדרש. ביי לייבעל בערן האבען זיך אנגעצונדען די אויגען מיט קנאה'שען פייער, און דאס שווארצע, שפיציגע בערדעל האט זיך ביי איהם אויפגעשטעלט:

— שיגץ, ארויס פון דאנען.

יואל האט איהם אנגעקוקט מיט די גרויסע, גרויע אויגען, מיט זיין גלייכגילטיגען, אהן אויסדרוק בליק, און די ליפען האבען געשמיי־כעלט, געשוויגען. ער האט געוואלט ווידער צוגעהן צו די ספרים־שאנק, נאר הענד האבען איהם געכאפט פון הינטען און געטראגען איהם מיט אימפעט צו א טיש.

— מאכט פלאץ, מאכט א ווארע, דער נסתר געהט, דער קדוש וטהור.

— וואו וועט ער אבריכטען טיש? — האבען אנדערע געפרעגט.

— אט א דא! אט א דא!

עס זיינען געווען בחורים מיט בלאסע פנים'ער ווי יואל, דאו"ע און אויסגעהונגערטע, מיט גליהענדע אויגען, מיט ארויסשטארענדע קראקס פון די העלזער, טהייל מיט פאות, טהייל אהן פאות; אלע האבען זיך צונויפגעפלאכטען אין איינעם און יואל איז געווען אריינ־געקנאטען אין זיי. זיי האבען איהם ארויפגעלעגט אויף א טיש, פער־דרעהט איהם אויף דער צווייטער זייט, און זיין ארימער, דינער קער־פער איז איבערגעגעבען געווארען אין זייערע הענד.

— שטעהט, ווארט, אט אזוי פראוועט מען טיש ביים נסתר — האט אויסגערופען דער זעלבער לייבעל, וואס איז געווען אליין א לאנגע צייט א בית־המדרש בחור, און כאטש שוין חתונה געהאט.

— אם כן, וואָס דען איז עס? וואָס איז ווידער דער וואלד? וואָס איז דאָס נסתרות? דאַוונען און לערנען קען מען דאָך אין בית־המדרש אויך?

יואל האָט געשוויגען. ער האָט ניט געקענט דעם פאָטער דערצעהלען, וואָס ער דענקט אין וואלד און פאר וואָס ער געהט צווישען חי און דומם ארום — זיי אויפצוהויבען, כדי צו פערשטעהן דעם כח פון וואנען זיי ווערען, אז אזוי ארום זאָלען זיי זיך פיהלען אנגעבונדען אין נצחיות. ערשטענס איז עס געווען זיין סוד, וואָס ער האָט פאר קיינעם ניט געקענט דערצעהלען. און וויפיעל ער האָט ניט געוואלט איצט מקיים זיין די מצוה פון כבוד אָב און שטעהן פאר'ן טאַטען ווי אן עבד מפני רבו — (ווייל ער האָט זיך ווירקליך געשראָקען פאר מצוות כבוד אָב ואם), האָט ער דאָך דעם פאָטער ניט געקענט דערצעהלען פון גאר ניט. יואל האָט געקענט דעם פאטער און געוואוסט זיין דרך. עס איז געווען דער דרך פון א סוחר, וואָס בעטראַכט די וועלט פאר אַ יאָהר־מארק, אויף וועלכען מען איז אראָבגעקומען איינהאנדלען זיך מצוות און מעשים טובים פאר דער צווייטער וועלט... און אויף דעם דרך האט ער איהם אויך געפיהרט, ווען ער איז געווען א אינגעל. לערן א סך, דאַוונען א סך — קויף איין א סך, און דאָרט וועט מען דיר דערפאר בעצאָהלען. ער האָט שוין געוואוסט, אז די מדרגה על מנת לקבל פרס, איז די מדרגה פון קנעכט. ער איז אבער שוין צוגעקומען צו דער מדרגה פון בן — פון יורש. ער איז דא אויף דער וועלט, די יצירה, וואָס פיהרט אין זיך אָם מעהרסטען דעם נצוץ פון גאָט, פון אחד און פון אייביג — און זיין אויפגאבע איז דא ניט צו האנדלען, נור צו טהאָן אויף דער וועלט, אין אַ קליינער מאָס, דאָס וואָס דער בכביכול טהוט אויף יענער וועלט — בעוואוסטזיניג צו מאַכען דעם כח פון יעדען, זיי זאָלען פיהלען אין זיך דעם ניצוץ פון גאָט'ס ווילען, כדי זיי אַנצובינדען אין נצחיות — איז ווי אזוי קען ער דאָס זאָגען דעם פאָטער, פערשעהמען איהם, חלילה?

אין שטיבעל איז געווען שטיל. דאָס לעמפעל האָט געברענט. פאָטער און זוהן זיינען געזעסען ביים טיש שווייגענדיג, דאָס עסען אויפ'ן טיש נישט אָנגעריהרט, און די מאַמע אין ווינקעל, אויפ'ן קעסטעל, מיט'ן טעלערעל אין האנד, און האָט מורא זיך אריינצומי־

ברייטער שטערן, און א שטארקער און א גלאנצענדינער. פֿוןביידע זייטען שלייפען האט זיך ארויסגעשניטען דער שארפער ביין פון שטערן —ווי א שטיק שטאהלענע בלעך, און א געוועב פון בלויע אדערען האט אנגעפילט דעם הויל פֿון די שלייפען־ווינקלען. שטרענגע אויגען, גראהע, וואס האבען געקוקט בייז, ניט פריינדליך, פון זיינע שיטערע, גרוי־בעוואקסענע ברעמען; די נאז איז ביי איהם געווען א הויקערדיגע, מיט א ביין אין מיטען, ווי זי וואלט נעווען דורכגעהאקט. נאר ארום די ברייטע ליפען, אין די קיהן־גריבלאך, האט זיך בעהאלטען א קינדיש־ווייכער שמייכעל. ער איז געזעסען ביים טיש מיט׳ן פאטער. א פערכמארעטער, א פערטראכטער און א שוויינענדיגער. דער פאטער האט שוין איינינע מאל געברומט אונטער דער נאז, א ווארט אין דער וועלט אריין:

— בעל־חשק, דאס קומט פון איינריידעניש... מיט דעם זעלבען כח וואס דער בעל־עברה... דעם יצר־הרע׳ס א מעשה, — רחמנא לבא בעה און ווייטער גאר ניט.

יואל האט געשוויגען אויף דעם פאטער׳ס פארוואורף. אויף זיינע ליפען האט זיך נאר געוויזען א ביטערער שמייכעל און די אויגען זיינען איהם גרויס געווען.

די מאמע איז געזעסען אין א ווינקעל, געהאלטען דאס טעלערעל אין האנד און געקוקט אויפ׳ן מאן מיט׳ן זוהן. זי האט אויך אין גאס געהערט דערצעהלען אויפ׳ן זוהן. אינוועניג, אין הארצען, האט עס איהר געפרעהט, א פערבארגענע האפנונג און ליעבע האבען אנגעהויבען צו וועקען איהר פאנטאזיע. דאך האט זי געשוויגען און מורא געהאט מיט א ווארט זיך אריינמישען אין די גרויסע, פערבארגענע זאכען וואס קומען פאר צווישען איהר מאן און קינד.

— הייסט עס, אז כבוד איז ביי דיר אויך שוין גאר נים, אז דו שוויינסט. — און אפשר ביזטו שוין מבטל די עשות פון דער תורה — א קשיא אויף נסתרות?

— טאטע, — האט זיך יואל אבגערופען מיט גרויס שרעק איבער דעם ווארט וואס דער פאטער האט געזאגט — איך לערן נים קיין קבלה.

די חסידים פון זייער שטיבעל, וואו יואל מיט'ן פאטער האבען געדאווענט, זיינען געוועזן אויפגעבראכט אויף איהם פאר דעם גאות־הלב און אויך געוואלט זיך מיט איהם אברעכענען. נאר א פאר ווייבער און גראבע יונגע אידען, בעלי־מלאכות, האבען יא געגלויבט, נישט גע־גלויבט: אפשר א ל'ו'ניק, א פערבארגענער, און עס האט זיך אנגעהויבען צו וועקען ביי זיי די פאלקס־פאנטאזיע, אין נעהיים געהאפט, אבער זיי האבען דרך ארץ געהאט פאר דעם וואס אידען, חסידים, למדנים זא־גען.

דער פאטער איז אויך געוואהר געווארען דערפון און געהאט גרוים שברות הלב איבער דעם, וואס דער זוהן געהט ארום מיט אזעלכע גרוי־סע אויגען און וויל אזעלכע זאכען. און ער האט, ווי אלע אנדערע, געמיינט, אז די געדאנקען זיינען געקומען צו יואל'ן מפני גאות הלב און גרויסע אויגען, און ער האט געהאט עגמת נפש.

---

עס איז געווען א זומער פאר־נאכט, אין די טעג פאר תשעה באב. א טרויעריגקייט האט ארומגעהילט דאס שטעדטעל, גלייך ווי א מת וואלט געלעגען אין שטוב.

ר' אהרן מאיר, יואל'ס פאטער, וואס האט זיך איינגעשלאסען די גאנצע דריי וואכען פאר תשעה באב אין דער קאלטער שוהל א גאנצען טאג און אבגעזעסען שבעה, קלאגענדיג אויף חורבן בית המקדש, איז ערשט אהיים געקומען פון פאסטען און פייניגען זיך א גאנצען טאג. היה לאה, די מאמע, האט ביים אויווען אבגעקאכט די קליסקעס אין מילך. דאס טישעל איז געווען האלב בערעקט מיט א טישטוך — כאטש אין טרויער, דאך דעם טיש, וואס איז געגליכען צום מזבח, ניט צו פערשעהמען. יואל איז אהיים געקומען פון וואלד, וואו ער האט זיך בעהאלטען א גאנצען טאג. זיין דינער גוף איז געווען לייכט ווי אן אויס־געצויגענער צווייג פון א צוקער־וואוקס, און הויל ווי א שטאנג. אז עס איז געווען אן אימה אז ער זאל זיך נישט איבערברעכען. אויף דעם דארען, הויכען קערפער האט זיך געוואקעלט זיין גרויסע און שווערע קאפ, וואס האט געמאכט דעם איינדרוק ווי ער וואלט זיך גע־האלטען אויף דעם דינעם, קינדערשען האלז, ווי דורך א נס. א הויכער

ער רעדט מיט זיין זיין — דאס העכסטע ווארט איז דאס גרעסטע געזאנג. און ווען ער איז אנגעקומען צו דער מדרגה פון שווייגען, האט ער דער־פיהלט דעם אין־סוף...

---

אמאל, אויף א יאהר־מארק, ווען יואל׳ס מוטער איז געשטאנען אין גאס ביי איהר שטעל און פערקויפט שניט־סחורה, איז אנגעקומען א פויער פון א נאהנטען דארף, וועמען זי האט געקענט, און געזאגט פאר מענשען:

— דיין זוהן, זשידאוקע, איז א בעהאלטענער רבי, ער איז זעהר א הייליגער מענש.

די אידענע האט זיך ניט געמאכט דערפון וואס דער פויער האט געזאגט. נאר די מענשען, בעלי־מלאכות, קרעמער, וואס זיינען געשטא־נען ארום דער קראם און דאס געהערט, האבען זיך אויסגעפרעגט:

— פון וואנען ווייסט דו, אז ער איז א הייליגער?

— פון וואנען איך ווייס? פרעגט די פויגעלאך אין וואלד וועלען זיי דיר זאגען. ער שטעהט גאנצע טעג אין וואלד און מאליעט זיך צו גאט, און אז ער דאווענט, קומט א פייערעל און שטעלט זיך פאר איהם — ווי א ליכטעל וואלט געברענט.

דעם גוי׳ס ווערטער זיינען באלד פערשפרייט געווארען אין שטעד־טעל. מען האט אנגעהויבען דערפון צו רעדען אין בית־המדרש, ביי די בעלי־מלאכות. די בית־המדרש בחורים האבען דאס געהערט — איז זיי די מעשה ניט געפעלען. מען האט געוואוסט אז ער פיהרט זיך אויף מאדנע, פאסט תעניתים, רעדט נישט. דאס איז שוין ניט געפעלען פיעלע, נאר זיי האבען ניט געהאט קיין געניגענדען טעם אויף איהם אנצופאלען. דאס וואס דער גוי האט דערצעהלט וועגען גרויסען רבי׳ן, וואס מאליעט זיך אין וואלד, הייסט עס, אז דער בחור רעדט זיך איין אז ער איז א רבי, א הייליגער, בעדארף האבען נסתריות און יחידות. איז מען ארומגענאנגען מיט׳ן געדאנק פון איהם דאס נארישקייט ארויס־צושלאגען. די בית־המדרש בחורים האבען זיך פארגעברייט איהם אריינצונארען אין בית־המדרש און דארט איהם ארויפנעהמען אויף א טיש און מאכען די ריכטיגע „משקנתא״.

פון איין חלול אין צווייטען, ווען די לבנה שיינט ביי־נאכט. דורך דעם ווערט דער מענש אזוי איידעל און אויסגעטהאָן פון שלעכטס ווען ער קוקט איז די שטערען ביי־נאכט. און אפשר איז עס גאָר אין גאנצען נשמות אָהן לבישות, און דאָס וואָס מיר זעהען זיי, איז ניט מיט אונ־זערע אויגען, נור אונזערע נשמות זעהען זייערע נשמות... דאן האָט ער דערהערט די שטימע פון יעדען חי. יעדעס גרעזעל האָט זיין געזאנג, און אפילו די שטיינער פון דער וועלט האָבען זייער קול און דאָס געזאנג פון דער וועלט איז דאָס קול פון יעדען חי צומח און דומם — די שירות ותשבחות צו גאָט. און ער האט געוואלט אין דעם נאר אנטהייל נעהמען, ניט מיט קיין ווערטער, וואס זיינען תפילות. יעדער געדאנק קומט דאָך פון גאָט — גיב איך צוריק גאָט פון דאָס זייניגע. די ווערטער זיינען זיינע; די קולות זיינען מיינע. איז ער ארויסגעגאנגען אין וואלד און האָט געשריען צוזאמען מיט די בוימער, מיט'ן רוישען פון וואסער, מיט'ן צוויטשערען פון בוים־פויגעל, מיט'ן שארען פון קריכענדען ווערעם אויף די פערטריקענטע בלע־טער, — געשריען אין איינעם מיט'ן חלול, מיט'ן הימעל און מיט דער ערד.

דערנאָך האָט ער געלערנט, אז געזאנג און געשריי זיינען אויך נאָך צופיעל געדאנק. — דער גרעסטער לויב פאָר גאָט איז שווייגען... און געלערענט האָט ער דאָס פון דער נאכט. פון אלע בעשעפעגישען וועלכע גאָט האָט בעשאַפען אויף דער וועלט האָט ער זיך אם מעהו־סטען ענטפלעקט אין דער נאכט. די נאכט איז אהן א קין, און מען זעהט זי נישט, נאָר מען פיהלט זי; און זי איז ניט פון דרויסען, ווי די זון, זי איז אינווענינ, אין דיר. ביי־נאכט קריגט יעדעס בעשעפעניש צוריק זיין ריכטיגע, אינערליכע געשטאלט, עס ווארפט אראב פון זיך דעם אויסערליכען גלאנץ, דאָס ביסעלע גרינס פון בוים, און דאָס בי־סעלע גרינס פון דער ערד, און דעם קאָליר פון וואסער, און די גע־שטאלט פון אַ מענש — עס ווערט וואָס עס איז, מיט דער הוילער נשמה, און אלעס ווערט צוזאמענגעגאָסען, בעהעפט אין איינעם. עס זיינען ניטא אין דער נאכט קיין הימעל און קיין ערד — א חלול און א ממשות; אַ געשטאלט פון אַ מענש, און א געשטאלט פון אַ חי; אלעס ווערט איינס, און דאָס איינע שווייגט. עס גיסט זיך אויס פון איין עק ביז צום אנדערען, עס פילט אָן דעם אין־סוף, און עס שווייגט. און

שותפות פון מענש — מיט דעם זעלבען כח וואס ער. און זיי ווערען שטאַלץ און גרויס, בעוואוסט אז זיי זיינען גאָט'ס בעשעפענישען. די גאנצע וועלט דערפיהלט דעם נצוין, דעם כח פון וואנען זי קומט. אין דער מיטען פון דער וועלט, אינוועניג אין איהר, ברענט דער גרויסער ווילען פון גאָט, און אלעס אין דער ערד איז אָנגעהעפט אָן דעם ווילען און ווערט שטאָלץ און גרויס. די גרענעצען ווערען אויסגעמישט, עס עפענען זיך אויף די הימלען, עס דערהויבט זיך די ערד און ווערט אָנגעהעפט אָן די הימלען, און עס איז ניט מעהר דאָ קיין טויט, ניט מעהר קיין דערוויל, קיין הפסקה — ניט קיין צוויי וועלטען — איין וועלט, איין ווילען, פון ערשטען ביז צום לעצטען, — איין אחד!

---

ער איז דעמאָלט געווארען זיעבצעהן יאהר, ווען ער האט דערהערט דעם געזאנג פון דער וועלט. דאָס געזאנג פון די חי און דומם, און ער האָט אָנגעהויבען צו פיהלען, אז די וועלט איז נישט בלויז חומר, און איז נישט בלויז א לבוש, און צייטליך. ער האָט געהערט דאָס געזאנג ביי־נאכט אויף זיין געלעגער. אין שטיבעל איז פינסטער געוועזען, נאָר די פינסטערניש האָט ניט געהאט קיין גרענעץ, און האָט זיך ניט גע־פונען אין שטיבעל אליין. עס איז געוועזען א טראָפּען פון דעם גרויסען ים פינסטערניש, אין וועלכען אלעס איז צוגעדעקט. אין דער פינ־סטערניש האָט ער דערהערט דאָס בענקענדע געזאנג פון דער וועלט.

ער האָט אמאָל געקוקט אויף א זונען־אונטערגאנג, ווי די זילבערנע וואלקען שווימען אריין אין א פלאמענדען הייל, האט ער דערהערט א געשריי — דאָס געשריי פון טאָג, ווען ער פערגעהט, און דערפיהלט אין דעם געשריי די לעבעדיגע נשמה פון דער וועלט, ווייל איהר לבוש איז ניט אזוי אייביג ווי זי. און ער האָט פערשטאַנען וואס מען מיינט, ווען מען זאָגט, בשעת עס קומט די צייט, אז די נשמה זאָל זיך טהיילען פון קערפער — וויינט זי, די בת השמים, זי געהט צוריק צו איהר פאָ־טער אין הימעל מיט געוויין, ווייל זי האט ליעב געקראָגען דעם לבוש, די כלי אין וועלכער זי איז געזעסען אויף דער וועלט...

האָט ער אמאָל אין דער לבנה אריינגעקוקט, ביי חודש לבנה, האָט ער געהערט ווי זי זינגט. א זילבערנער קלאנג קלינגט אָב אין דער וועלט

טעג אין וועלדער, הינטערן שטעדטעל, און א בעהעלטעניש האָט ער געהאט ביי א טייכעל, וואָס איז געווען מיט ריטער בעוואקסען. אויף וויאָרסטען ווייט האָט זיך קיין מענש ניט געפונען, איז ער אהין ארויס פארטאָג, בעפאָר די זון קומט אָן, און געבאָדען זיין לייב אין קאלטען וואסער מיט דעם זונען־אויפגאנג. דאָרט האָט ער אָבגעריכט זיין דאווגען און דאָרט האָט ער געקענט זיך אין גאנצען אָבגעבען אין זיין מחשבה — צו דעם גרויסען תכלית, צו דער צווייטער וועלט. און קוים האָט ער געפּרואווט אריינקומען אין דער אנדערער וועלט, איז דער קערפּער אזוי לייכט געוואָרען, אז ער איז מיטגעגאנגען, און אלע זיינע חושים — זיין געהער, זיינע אויגען, זיין מויל, און זיין געפיהל — האָבען נאָכגעפאָלגט דער נשמה. באלד איז דער וואלד אויס וואלד געוואָרען. עס זיינען ניט געווען די טויטע בוימער, וואָס שטעהען שטום און וואקסען נאָר מען זאָל זיי אויסהאקען און פערברענען. יעדער בוים האָט געקראָגען א נשמה, און עס איז ענטפּלעקט געוואָרען דער תכלית פון איהם — וואָס ער וויל מיט זיין וואקסען. דאָס רוישען פון די בלעטער איז ניט געווען מעהר קיין צופעליגעס שארכען פון ווינד. דאָס איז געוואָרען א געוויין איבער דעם אָהן־תכלית פון דער וועלט, אויף וועלכער זיי געפינען זיך, א בענקעניש און א געבעט זיי אנצור־עפּטען אָן דעם נצוץ פון דער גרויסער וועלט.

און יואל שטעהט צווישען זיי, און איז זייער שליח־צבור און דאַ־ווענט פאר זיי און בעט ביים רבונו של עולם רחמנות, און זיי דאווגען שטום מיט. און באלד ווערט דאָס רוישען פון וואלד א געזאנג און א לויב. דאָס שאלען די בוימער פאר שמחה, זיי דערפיהלען דעם נצוץ פון דעם אייביגען תכלית, זיי פיהלען שטום דאָס גרויסע, אייביגע לעבען פון דער צווייטער וועלט. דאָס לויפען פון וואסער האָט געקראָגען א טעם, עס איז מקיים שטום און עהרליך גאָט'ס א שליחות, אָהן קשיות, מיט די תמימות פון א דומם, און גאָט האָט דעריבער רחמנות און דער־הויבט עס פון דומם און עס דערפיהלט דעם כח פון וואנען עס קומט. און אלע בעשעפעגישען פון וואלד, פון דעם גרינגסטען ווערימעל ביז צו דער ברומענדער חיה, און אלע געוויקסען פון וואלד, פון דעם מינדסטען גרעזעל ביז צום בוים, און אלע דומם'ס פון וואלד, פון דעם גרינגסטען זאמדעל ביז צום שטיין — דערפיהלען דעם כח פון וואנען עס קומט דער געבאָט פון גאָט, זיין וואָרט און זיין רצון. זיי דערפיהלען דעם

געזעהן מיט זיינע אויגען דאס אינערליכע ליכט פון דער נשמה, וואס בעזעעלט יעדען מענשען, יעדע בוים און יעדע זאך...

צוערשט האט דער קערפער פראטעסטירט, ער האט ניט געוואלט ווערען אונטערטעניג דער נשמה און געפאדערט דאס זייניגע, און האט מען איהם ניט געהערט — האט ער דערמאנט אן זיך. ער איז קראנק געווארען, אנגעטהאן יסורים, מכות, שוואכקייטען. נאר יואל האט מיט פערראכטונג בעטראכט די יסורים און די מניעות פון קערפער, ער האט איהם בעדויערט, ווי מען בעדויערט אן ארימאן, וואס ער איז גע־מאכט אויס אזא ניעדריגען און שלעכטען שטאף. און וואס ארימער און שוואכער דער קערפער איז געווארען, אלץ מעהר האט ער איהם פעראכטעט און אלץ מעהר איינזעהן האט ער געהאט, אז עס האט זיך טאקע ניט געלוינט זיך מיט איהם אבצוגעבען און פאר איהם צו לעבען — א חומר, וואס האלט אין פוילען און צופאלען און געהט אונטער — און דאס זאל זיין דאס לעבען? — און אלץ מעהר האט עס איהם צו דעם צווייטען, צו דעם אייביגען לעבען, געצויגען.

די מאמע האט געזעהן ווי ער פערגעהט, און האט געוויינט; ס'איז געווען א צער: און דער פאטער האט מוסר געזאגט: „דער חומר איז אויך א טהייל פון גאט, און איז ער ניט קיין תכלית פאר זיך. אבער א סיבה פאר דער נשמה איז ער — דורך איהם האלט זיך די נשמה אויף אויף דער ערד, און ווען דער קרוג ווערט צובראכען, גיסט זיך דער וויין אויס".

נאר קיין מוסר און קיין טרעהרען האבען ניט געהאלפען, און ער האט עס געבראכט, אז דער קערפער האט זיך אויסגעלערענט דיענען דער נשמה. ער האט זיך איינגעוואהנט צו ערהאלטען איהם מיט דעם ווייניגסטען, צו פערטראגען דאס קאלטסטע וואסער אין די ווינטער טעג, און די אויגען האבען זיך אויסגעלערנט צו קוקען אינוועניג, צו זעהן דעם תוך פון זאכען, און ניט דעם אויסערליכען לייב, און דאס מויל האט זיך אויסגעלערנט צו רעדען דברי תורה און הייליגקייטען. און אזוי איז ער ביסלעכווייז איבערגעגאנגען פון ד ע ר וועלט און איז אריינגעקומען אין זיך, אין דער צווייטער וועלט.

מענשען האבען איהם מבטל געמאכט פון זיינע געדאנקען. זיי האבען איהם מיט זייערע רייד אראבגעשלעפט אויף ד ע ר וועלט — האט ער זיי אויסגעמידען. ער איז פערפאלען געווארען אויף גאנצע

מיט דעם, וואָס ער האָט איהם אויסגעהונגערט. ער האָט איהם קיין שפּייז ניט געגעבען, האָט אַלץ מעהר אויפגעהערט צו עסען, פאַסט שוין יעדען מאָנטאג און דאָנערשטאג, און קומט ער אַהיים אין אַ געוועהנליכען טאָג, עסט ער נאָר צוליעב דער ברכה, צוליעב דער מצוה, און ניט צוליעב דעם הנאה פון עסען. זיין קערפּער איז שוין געוואָרען אַזוי לייכט און מאָגער, דאָס יעדעס מאָל ווען ער האָט נור געוואָלט—ווען די נשמה האָט זיך אין איהם געשטאַרקט און די געדאַנקען האָבען איהם פערטראָגען אין דער אַנדערער וועלט, איז דער קערפּער מיטגעגאַנגען— ער האָט איהם שוין ניט געצויגען צוריק צו דער ערד, ער איז געוואָרען אַ קנעכט ביי דער נשמה, אַ כלי, אין וועלכער זי האַלט זיך אויף...

דערנאָך האָט ער געפּרואווט אַלע זיינע אברים אונטערטעניג מאַכען פאַר דער נשמה, זיי זאָלען נור איהר אַליין דיענען. דער לשון, דער איינציגער יתרון וואָס גאָט האָט געגעבען דעם מענשען מעהר פון אַלע בעשעפּעניששען, איז בעשאַפען צו דיענען דער נשמה. ער האָט נאָר בענוצט זיין לשון פאַר לערנען און דאַווענען, פאַר וועלטליכע זאַכען איז ער שטום געווען, געהיט זיך אַן איבריג וואָרט אויסצורייידען. ווי ער וואָלט נאָר אַ בעגרענעצטע צאָהל ווערטער פערמאָגט און וויל זיי בעהאַלטען פאַר עפּעס וויכטיגעס, ערנסטעס. דערנאָך האָט ער די אויגען אונטערטעניג געמאַכט. זיי האָבען נור געדיענט אין ספרים, אין סדורים און גמרות איינצוגראָבען זיך, זיי האָבען נור בעלויכטען די וועגען פון די געדרוקטע עמודים, און ענטפּלעקט אין די קליינע פיערקיילעכדיגע אותיות — דאָס ליכט פון דער זון און דעם שאָטען פון דער ערד, די פאַרבען פון רעגענבויגען און די בעלייכטונגען פון די שטערען מיט דער לבנה. פאַר ד ע ר וועלט מיט איהרע הנאות, זיינען זיי געווען פערשלאָסען. און אַז ער איז געגאַנגען איבער'ן געסעל פון בית־המדרש אַהיים, זיינען די אויגען געווען איינגעגראָבען אין דער ערד, צו בעלייכטען זיין גאַנג אויף וויפיעל מען דאַרף. און מיט דער צייט האָט ער זיינע אויגען אויסגעלערענט זעהן — ניט פון דרויסען, נאָר האָט זייער בליק אַנגעצויגען אויף אינווענינג, און אינווענינג האָבען זיי געזעהן די אייביגע הערליכקייטען און די גרויסע ליכטער פון דער איינציגער וועלט. די זונן האָבען זיי געזעהן זיעבען מאָל אַזוי שטאַרק אין איהר ליכט, און עס זיינען אוועק די פּלעקען פון חומר; ער האָט

וואס עלטער ער איז געווארען, אלץ מעהר איז ער אריינגעוואקסען — ניט אין דער וועלט אין וועלכער ער האט זיך געפונען, נור אין דער צווייטער וועלט: וואס בעקאנטער ער איז געווארען מיט די רייד און די קלוגשאפטען פון די חכמים וועלכע ער האט געלערענט, אלץ מעהר האט ער געבענקט נאך זיי — צו זיין מיט זיי, צו זעהן משה רבונו, ווי ער לערנט מיט די אידען די סתרי תורה, צו הערען דוד המלך'ס אויסטייטשען זיינע קאפיטלאך תהלים אויף דער הארפע, בעגלייט מיט דעם געזאנג פון די מלאכים, צו געפינען זיך אין די ישיבות פון יבנה און פומפדיתא, צו הערען די רייד פון די חכמים און אמוראים, צו פיהלען און פערשטעהן די סודות פון זהר, צו זיצען פון דערווייטענס און צו צוהערען זיך צו די רייד פון שמעון בן יוחאי; פון א רבי, פון א ר' מאיר, צו געפינען זיך אין א קהל חסידים פון א בעש"ט און צו זעהן זיין ליכטיג פנים. און דאס אלעס, האט ער געוואוסט, קען ער ניט געפינען אויף דער וועלט, נאר אויף דער צווייטער, אין דער ליכטיגער, דער אויביגער, וואו דער גאנצער תוך איז דא און דער אויביגער תכלית, — און ער האט זיך פארגעברייט אהין צו געהן, און עס איז איהם געווען דערווידער דאס ווארטען דא, אויף דער קליינער וועלט. צו וואס? נור גאט האט געשיקט, און געשטעלט א געזעץ, און — בעל קרחך! — אזוי מוז עס זיין.

און האט ער זיך געמוזט געפינען דא — געגען זיין ווילען — האט ער געזועהן אונטערטעניג צו מאכען אלעס וואס בינדט איהם אן צו ד ע ר וועלט — פאר יענער. דאס ערשטע האט ער געזועהן אונטערטעניג צו מאכען זיין קערפער צו דער נשמה. ער האט געוואוסט פון זיך און האט געלערנט אין היילינע מוסר ספרים, אז עס פיהרען אן אייביגען קאמפף צווישען זיך דער קערפער מיט דער נשמה. דער קערפער ציהט אראב, צו דער ערד, פון וואנען עס קומט, און די נשמה בענקט אין דער הויך, צום רבונו של עולם, צום מקור פון וואנען זי קומט. אלע תאוות פון עולם הזה קומען פון קערפער, און יעדע בענקשאפט נאך העכערעס — קומט פון דער נשמה. די נשמה איז געפאנגען אין קערפער און דער קערפער וויל זי אונטערטעניג מאכען כדי זי, די נשמה, דער נצוץ פון רבונו של עולם, די טאכטער, דער איינציגער גדראנק פון דער אייביגקייט וועלכער זיצט אין בשר ודם, זאל, חלילה, דיענען צום גראָבען חומר. ער האט דעם חומר אונטערטעניג געמאכט צו דער נשמה

שווערט זיך און האָט קיין זאַך ניט אין זינען — די מאַמע איז אויפ־געגאַנגען אין זיינע אויגען אַלס אַ הייליגע געשטאַלט. איהר האַנדלען — אַ מאַטערניש, וואָס זי האָט אויף זיך גענומען פרייוויליג, פאַר איהר מאַן'ס און איהר זוהן'ס תורה, און די קנייטשען אויף איהר פּנים און דער אָבגעברענטער שטערען און נאָז — צייכענס פון מאַרטירער־טהום, און זיי האָבען בע'חן'ט איהר פּנים מיט אַ הייליגען חן. איהרע גרויסע אויגען האָבען נאָך געשיינט מיט דער הייליגער צניעות'דיגקייט, די אונשולד און די ווייכקייט פון איהר ווייבליכקייט, און די אויגען האָ־בען יעצט געקראָגען די הערשאַפט איבער איהר וואָכעדיג פּנים — אַזוי האָט ער זי געזעהן אין דעם ליכט פון שבת, אַזוי איז די מאַמע דער־הויבען געוואָרען ביי איהם, און דער דרך־ארץ און כבוד פאַר איהר איז געוואָרען ביי איהם אין לשער.

אַ גאַנצע וואָך איז מען אָבגעקומען מיט גאָרניט. די מאַמע איז אַהיים געקומען פאַרנאַכט און עפּעס דאָרט געמאַכט ביים אויווען עסען. אויף פרייטאָג צו־נאַכט איז געווען פיש, פלייש, חלות און וויין, און דאָס טישעל איז געווען געגרייט מיט אַ טישטוך און די ליכטלאַך האָבען געברענט אין די לייכטערלאַך, און בעטען זיינען געווען אויפ־געבעט, דאָס שטיבעל צוגעראַמט, די מאכלים האָבען געקראָגען אַ טעם ניט נאָר פון שפּייז פאַר'ן זינדיגען קערפּער, נאָר בעהערליכט מיט דעם גלאַנץ פון שבת, האָבען זיי געהאַט אויך דעם העכערען טעם פון שפּייז פאַר דער נשמה. עס איז געווען, ווי עס וואָלטען זיך אויסגעמישט אין שבת די הנאות פון קערפּער מיט די הנאות פון דער נשמה. עס איז געווען פערווישט דער גרענעץ פון די וועלטען, דער קערפּער איז גע־געוואָרען אַ טהייל פון דער נשמה. און ער האָט געפיהלט דעם טעם פון דער צווייטער וועלט...

אָבער דאָס איז נאָר געווען איין טאָג אין דער וואָך, און מיט דעם אויסגאַנג פון שבת איז ווייטער אָנגעקומען דאָס נישטיגע, קליינע, וואָכעדיגער לעבען פון דער וועלט. און מיט מעהר חשק און מיט מעהר שטאַרקייט האָט ער געבענקט נאָך דער אויביגער גרויסער וועלט, נאָך דעם גרויסען אויביגען תכלית, און נאָך דעם טעם פון דער גרויסער אויביגער הנאה...

ניט איין מאל, אין די הייסע זומערדיגע טעג, ווען יואל איז נעווען פערטהאָן אין לערנען, האָט דער פאָטער געהייסען פערמאכען דעם ספר און געהן צו דער מאמען אין מארק אריין.

— אפשר בעדארפֿ זי דיך, א שעפ וואסער איהר ברענגען, עס איז א חמימה.

אין די פארנאכטען, ווען ער איז אהיים געגאנגען מיט'ן פאטער נאָך מעריב, האָט דער פאָטער, וועלכער איז נעווען א וויינינ־ריידער, אריינגעמורמעלט א וואָרט אין זיין שיטערע, שפיציגע באָרד, וועלכע איז געווען אזוי מאגער ווי זיין פּנים:

— איהר האנדלען און ארומוואלגערען זיך איז ביי גאָט אָנגעלעגט ווי אונזער תורה — זי איז א צדקית.

יואל האָט נעוואוסט אז דער טאטע מיינט דער מאמען. און אמאל האָט ער געזעהן, ווי די מאמע האָט זיך געריסען מיט א שיכור'ן גוי אין מארק. גויים זיינען געשטאנען און געזידעלט איהר, געוואלט צו־ריקקריגען געלד פאר אָבגעשניטענע סחורה, און די מאמע האָט זיך ניט געלאָזט, אויסגעהערט די חרפות און בזיונות און געשוויגען — דאן האָט ער פערשטאנען דעם טאטען'ס ווערטער...

נור איין מאל אין דער וואך האט יואל דערפיהלט די שייכות פון דער וועלט מיט יענער וועלט. און די מאמע איז דענסטמאָל דער־הויבען געוואָרען אין זיינע אויגען צו דער זעלבער מדרגה וואס דער טאטע... דאס איז געווען פרייטאג צו־נאכטס, ווען די מאמע האט די שבת־ליכטלאך אנגעצונדען, און די זונן איז אונטערגעגאנגען מיט א בענקעניש; די נאכט איז אָנגעקומען א שטילע און א צניעות'דיגע, און האָט איבערגעהילט די וועלט מיט א הימלישע גנעדיגקייט; דע־מאָלט האָט ער דערפיהלט, אז די וועלט איז א טהייל פון דער גרויסער און אייביגער יענער וועלט, אז זי איז גאָט'ס בעשעפעניש. זי איז שוין ניט געווען פאר איהם א דורכגעהענדע, וואס וועט אונטערגעהן: ער האָט דערפיהלט די נשמה אין איהר, וואס איז אייביג: **דער** שבת וועט אויביג בלייבען, און די וועלט וועט צוריקקומען צו גאָט. די מאמע ווען זי איז געשטאנען ביים ליכט־בענטשען אין דער שבת'דיגער הויב, איז ניט געווען די אירענע, וואס זיצט אין מארק, אין קעלט און היץ, און דינגט זיך מיט די פויערטעס און קריגט זיך מיט די פויערים און שלאָגט זיך ארום איבער א קונה — פערקויפט לייוונגד, זאָגט ליגען,

וועלט. און די פרנסה קומט ניט אַן גרינג. ער האָט געהערט אין די ווינטער נעכט דער מאמע׳ס קרעכצען. און זומער איז דער מאמע׳ס פנים געווען אָבגעברענט און עס האָט זיך געשיילט, און די מאמע האָט עס געשמירט מיט אַ זאַלב און האָט געשריען פון יסורים. און האָט ער וואָס געבעטען ביי גאָט פאר זיך אויף דער וועלט — זיינען עס געווען כחות, אז ער זאָל קענען העלפען דער מאמען טראָגען די פעקלעך שניט־סחורה אין גאס אריין. ער האָט זיך געדונגען יעדען פריה־מאָרגען און אבענד מיט דער מאמען איבער׳ן וועג פון שטוב אין מארק אריין; די מאמע האָט גע׳טענה׳ט, אז ער האָט קיין כח ניט צו טראָגען די פעקלעך און יואל האָט געוואָלט דער מאמען איבערצייגען, אז ער קען שלעפען אפילו די ברעטער אויך. דער רבונו של עולם האָט איהם טאָקע די כחות צוגעשטעלט יעדען פריה־מאָרגען און יעדען אבענד וואָס ער האָט געדארפט פאר דער מאמע׳ס פעקלעך. און יואל האט ניט בעדויערט דער מאמען, וואָס זי גרייט זיך גאר ניט אַן פאר יענער וועלט. ער האָט געוואוסט — און די מאמע האָט עס אויך געוואוסט — אז איהר טהייל אין טאטען׳ס לערנען און אין זוהן׳ס לערנען איז געזיכערט, אז זי האט שוין דורך זיי איהר חלק אויף יענער וועלט. כאָטש זי בעשעפטיגט זיך ניט זאכען פון דער וועלט. בעדויערט דער מאמען האט ער אבער, יוייל זי האט ניט די הנאה פון דעם פרומען דאוונען, פון וועלכען ער האט הנאה, וואס זי פערברענגט ניט אין דער וועלט פון רוחניות אין וועלכער ער פערברענגט א גאנצען טאג לערנענדיג די הייליגע ספרים, וואס זי מוז זיך אָבגעבען מיט פויערים און ארומוואלגערן זיך א גאנצען טאָג אויפ׳ן יריד. און ווען ער איז נאָך געווען אַ איינגעל אין די יאָהרען, ווען מען שעהמט זיך ניט צו פערברענגען מיט א מאמען, פלעגט ער איהר אין די זומערדיגע אבענדען, ביים לבנה־שיין, איבערדערצעהלען פון דעם וואָס ער האָט געלערנט, און די מאמע האט אָנגעקוואָלען פאר נחת. זי האָט זיך גאָר ניט געשעהמט דערמיט, וואָס איהר איז בעשערט צו האָבען צו טהאָן נור מיט די וועלטיגע זאכען, זי איז נאָר ניט געווען געפאלען ביי זיך. פערקעהרט, זי האָט זיך געהאלטען מיט איהר האנדלען און איינשאפען פרנסה אזוי גרויס, ווי דער טאַטע מיט׳ן לערנען, און ער האָט געזעהן, אז דער פאָטער האלט עס אויך אזוי.

מאָל אין טאָג מאָהלצייט האָט די פאמיליע זיך ערנעהרט דעם גאנצען טאָג. דער פאטער איז געזעסען אין שטיבעל און האט געהאלטען אין איין אַנגרייטען עשירות — פאר יענער וועלט.

ווען יואל איז נאך געווען א קינד, פלעגט ער זיצען ביי דער מאמען אויפ'ן שויס אין מארק, און געזעהן און מיטגעלעבט דער מאמעס וואַ־בעדיג, צי־וועלטיג לעבען. נור זיגט דער טאטע האָט איהם מיטגענומען מיט זיך אין שטיבעל אריין און האט אנגעהויבען צו לערנען מיט איהם די הייליגע ספרים, האט יואל געקראגען יענע וועלט.

און ווי רייכער און הערליכער איז געווען יענע וועלט גענגען דער וועלט! דער הימעל האט זיך אויפגעעפענט פאר איהם, און ער האט געזעהן די שכינה אין איהר גלאנץ. די מלאכים און שרפים, די היי־ליגע נשמות אין אייביגען גן־עדן. אויף גאלדענע שטוהלען זיצען אין ווייס־בלאָהען בעוועבטען וואָלקען־חלול די צדיקים, בעגאָסען אין הערליכען ליכט, און דער רבונו של עולם לערנט מיט זיי תורה. ער האָט דערהערט דאָס געזאנג פון די הימלען, ער האָט געזעהן דאָס איי־ביגע שבת־ליכט, וואָס איז אויסגעגאָסען איבער דער צווייטער וועלט, דאָס שטילקייט און די שלמות פון מענשען, וואָס איז אויסגעטהאָן פון יעדער שוואכקייט, וואָס בעדארף גאָר ניט, נאָר דאָס שטילע גע־זאנג און די מנוחה פון שבת... וואו ער האָט זיך אומגעקוקט האָט ער געטראָפען א הייליגען. אָט זעהט ער די אבות, ווי זיי לעבען דאָס לעבען פון חומיש; אָט איז משה רבינו, ווי ער פיהרט די אידען און לערנט מיט זיי פון די לוחות די סודות פון דער תורה, און אין אַן אנדער ווינ־קעל זעהט ער דוד המלך, מיט דער פייערדיגע הארפע אין דער האנד, און ארום איהם די לוים, וועלכע זינגען אויס די קאפיטלאך פון תהלים. אָט זעהט ער ווי רבי פיהרט זיין ישיבה פון תנאים און אמוראים, אלע הייליגע, פון וועלכע ער האָט נאָר געהערט, און פערבאָרגענע צדיקים, וואס זיינען אוועק פון דער וועלט פערהילט אין זייער צניעות. אלע האָבען זיך געפונען אויף יענער וועלט. און ווי האָט זיך געקענט פערגלייכען געגען די אלע הערליכקייטען דער מאמע'ס ארים שטיבעל, מיט די קליסקעס אין אבענד, אפילו שוין דער יריד מיט די שיכור'ע גוים?

אודאי האָט ער אויף דער מאמען רחמנות געהאט, וואָס איהר איז געווען בעשעהרט דער ביטערער מזל צו טראגען די זארגען פון דער־

# דער פערבארגענער בחור

(א מעשה פון פוילישע רביים)

(געווידמעט דעם אנדענקען פון י. ל. פרץ).

שוין פון קינדהייט אן איז דער קליינער יואל אויסגעוואקסען גאר ניט צו דענקען וועגען דער וועלט, אין וועלכער ער איז ארייגעפאלען, — נור פארצובערייטען זיך פאר דעם אייביגען לעבען פון יענער וועלט צו וועלכער ער וועט געהן. דער פאטער האט איהם געלערענט, אז די וועלט איז נאר א „פאדער־הויז" צום פאלאץ און האט נאר אויף אזוי פיעל א בעדייטונג אויף וויפיעל מען גרייט זיך דא אן פאר דער צווייטער וועלט. און יואל האט פון קינדהייט אן בעטראכט זיין געבארען ווערען אלס א שטארבען פאר דער אייביגקייט, און זיין אבשטארבען — אלס צוריק געבארען ווערען.

און ווירקליך האט ער ווייניג וואס געקענט געפינען אויף דער וועלט עפעס אזעלכעס, צוליעב וואס עס האט זיך געלוינט געבארען צו ווערען. ביים פאטער זיינעם האט דאס אנהאלטען דאס לעבען אויף דער וועלט אויסגעזעהן אזוי ניט וויכטיג, אז ער האט עס איבערגעגעבען צו רער מוטער. די מוטער האט געצויגען פרנסה פון אן ארימען שניט־שטענדער, וואס זי האט געהאלטען אויפ'ן מארק. זומער, אין די היצען, ווינטער אין די קעלטען, איז די מאמע געשטאנען ביים שטענדער און פערקויפט די ארימע פויערטעס לייוונט אויף א העמד, ציץ אויף א קליידעל. אז זי איז אהיים געקומען אויף דער נאכט, האט זי אבגעקאכט א פאר קארטאפעלס, אדער קליסקעלאך. און פון דעם איין

דער גרויער באָרד און ברילען זיצט ביי א גרויסען פאַרמעט פֿאַר צוויי זילבערנע בעלייכטענדע לייכטער און שרייבט די תנאים צווישען דעם נאַסטינינער רבי און רב שלמה נגיד.

דערנאָך, אז דער רבי און רב שלמה האָבען אונטערגעשריבען די תנאים, איז רב שלמה פערשוואונדען געוואָרען אין זיין חדר מיוחד, זיך אוועקגעשטעלט אין א ווינקעל און מיט טרערען אין די אויגען דעם רבונו של עולם געדאַנקט פאַר דעם גרויסען חסד, וואָס ער טהוט מיט איהם, וואָס ער האָט צוריקגעגעבען זיין מישפחה דעם אור התורה. און געדאַנקט האָט ער דעם רבונו של עולם פאַר אלץ, פאַר אלץ, און ער האָט געזאָגט זיין קאַפּיטעל תהלים, — יעדער איד האָט זיין קאַפּיטאַל תהלים, וועלכעס ער זאָגט, ווען ער איז אין דער גרעסטער שמחה און אין דער גרעסטער נויטה. נאָר וועלכען קאַפּיטאַל רב שלמה האָט געזאָגט, וועל איך אייך נישט דערצעהלען, ווייל דאָס איז רב שלמה׳ס סוד.

דעם פּיטט נישט, נאר זיין קינד, זיין חיימ'ל... ער זעהט, ווי דער רבונו של עולם שענקט איהם ווידער צוריק דעם „אור תורה״; גאט צינדט ווידער אן זיין היילינ ליכט אין זיין משפחה. מיט זיין זוהן, מיט חיימ'לען, וועט זיך אנהויבען א נייער דור. און עס שטעהען אויף פאר זיינע אויגען די גרויסע זיידעס זיינע, די גרויסע אידען די רבנים — דער „אור החיים״, דער „נודע ביהודה״ און די גרויסע רבנים פון דער שטאדט שערעין. און חיימ'ל וועט ווידער ציהען דעם שנור, וואס איז געווארען אבגעריסען. און פארוואס קומט דאס איהם? פארוואס האט דאס איהם דער רבונו של עולם אויסגעקליבען, אז ער זאל די זכיה האבען צו דערלעבען „תורה וגדולה במקום אחד״ — און פארוואס נים קיין אנדער איד? און ער דערמאנט זיך אן דוד המלך, וואס ער האט געזונגען פאר רבונו של עולם, ווען גאט האט איהם אויסגעקליבען פאר א מלמד איבער זיין פאלק, און הייסע טרערען פאלען איהם פון די אויגען אין זיין שווארצער בארד אריין.

---

אין דער צווייטער שטוב, ביי חנה'לען, זיינען די ווייבער פערזאמעלט. די אלטע רבי'צין האט שוין נישט געלעבט. זיצט דער כלה'ס מוטער מיט דער כלה פון אויבען אן, און רעכטס נעבען זיי די מחותנת'טע, חנה'לע. זי האט זיך „איינגעשטעלט דעם לעבען״ און איז ארויסגע־גאנגען פון בעט. זי האט געזאגט, אז די שמחה פון דעם פרעמדען קינד איז ביי איהר טייערער פון איהר אייגען קינד, האט זיך אנגעטהאן און זיך אוועקגעזעצט מיט דער כלה און די כלה זעהר מקרב געווען און גערעדט מיט איהר. ארום זיי זיינען געזעסען די שעהנסטע בעל־הבית'טעס פון דער שטאדט — די אידישע מאמעס. די בריליאנטען האבען געבלישטשעט אין דער שיין פונ'ם ליכט. עס האבען גע־ווארפען זייער איידעלען גלאנץ די פּעריל אויף די ווייסע העלזער פון די אידישע טעכטער, און דער זייד און סאמעט האט געבלישטשעט. געאיידעלט זיינען אידישע טעכטער און געוועהנט זיינען זיי פון דער היים צו טראגען דעם איידעלען שטאלץ פון זייד. אזוי זיצען די ווייבער ארום דער שעהנער כלה. און פון דעם צווייטען שטוב הערט זיך דעם התנ'ס קול, חיימ'לס קול התורה, ווי ער זאגט די דרשה פאר די תנאים פאר די אלטע אידען מיט די ווייסע בערד, און דער אלטער סופר מיט

אויף דער נאכט האט מען ווידער די טישען געגרייט צו די תנאים פון חיימ׳ל מיט׳ן רבינ׳ס איניקעל. דער רבי זיצט אויבען, און ארום איהם די רבנים פון דער געגענד ארום, — וואס זיינען געקומען צו רב שלמה׳ן אויפ׳ן ברית און דעם רבי׳ן זעהן, די פני פון שטאדט — די שעהנסטע אידען. און חיימ׳ל אין שטריימעלע מיט דער אטלאסנער קאפאטע זיצט מיט זיין רבי׳ן — מיט רב שמואל דיין. צום ערשטען מאל זינגט דער „מעשה״ ווי מען האט איהם געכאפט... שבת אין שוהל, ווייזט זיך דער איד צווישען אידען. נישט געוואלט האט ער קומען צום טיש, נאר דער רבי אליין האט איהם געשיקט רופען, מקרב געווען איהם און גערעדט מיט איהם ביחידות. און צו רב שלמה׳ן האט דער רבי געזאגט בפני קהל ועדה: „דערפאר, וואס דו האסט אויף דעם אידען רחמנות געהאט און איהם אריינגענומען צו דיר אין שטוב אריין און נישט דוחה געווען א אידישע נשמה — האט דער רבונו של עולם געהאלפען, און דו האסט א קינד א בן תורה״. געמיינט האט ער חיימ׳לען.

זיצט דער חתן געבען רב און הינטער איהם זיין רבי, און דער עולם ארום, און חיימ׳ל מאכט זיך גרייט זאגען א דרשה פאר די תנאים.

עס זיצען די שטריימלאך ארום טיש און הארכען אויס דאס פשט׳ל וואס חיימ׳ל זאגט פאר זיי. ער ציהט אן גמרות, רמב״ם, ראשונים און אחרונים, ווארפט אן „קשיות״ א גאנצען בארג און מיט איין מאך, מיט איין תירוץ פערענטפערט ער אלין, ווארפט אראב דעם גאנצען טורעם, וואס ער האט אויפגעבויט. עס פרובט איהם צו כאפען א „שטריימעל״, א רב׳ל, און ווארפט איהם אונטער א קשיא, אבער דאס אינגעל לאזט זיך נישט, שפארט זיך מיט די אידען מיט די גרויע בערד, ברענגט ראיות פון רש״י, פון תוספות און ווייזט זיינע בקיאות. די אידען קוקען דעם אינגעל אין מויל אריין און האבען הנאה פון איהם. דער רבי אליין האט איהם שוין איינינגע מאל אין בעקעל געקנייפט און גע־זאגט „אווא״. און עס זיצט רב שלמה אין א ווינקעל און קוקט זיך צו. פערגעסען האט ער איצט אן אלע געשעפטען. ער זעהט נאר דאס אינגעל, און דעם רבונו של עולמ׳ס האנד — ווי דער רבונו של עולם פיהרט עס זיין וועלט. איהם האט גאט נישט מזכה געווען מיט דעם. ער קאן זיך נישט אריינמישען דא און אריינרעדען צווישען די אידען מיט די גרויע בערד — א סך ענינים פערשטעהט ער נישט און ווייס

איך דאנק דיר פאר אלעס". און א נייער שטראם טרערען גיסט זיך איהר פון די אויגען, אבער דאס זיינען שוין נישט טרערען פון צער, נאר פון גרויסער, גרויסער פרייד...

נעהמט שוין די „קוואטער" דאס קינד. מיט קוואטערשאפט האט מען מכבד געווען די נייע חתן־כלה־פאר, חיימ'ל מיט דעם רבי'נס אייניקעל. גיט זי ארויס דאס קינד פון די הענד, ווערט איהר ווידער באנג. נאר דערינגען זיצט שוין דער רבי אין טלית אויף דעם גרויסען פאטער־שטוהל. און עס שטעהען ארום רבנים און „גוטע אידען", און א רב איז דער מוהל, און איהר שלמה איז דערביי. דערמאנט זי זיך, אין וועמעס הענד איהר קינד איז, ווערט זי רוהיגער, נאר איהר הארץ שלאגט. באלד הערט זיך פון דארט דעם קינדס שרייען, רייסט איהר מוטער־הארץ אויף. זי וויל אראב פון בעט — דערמאנט זי זיך, אז איהר קינד ווערט א איד יעצט, געהט אריין אין בונד אידישקייט, און אזוי וועט זיין קול זיין, אז ער וועט די הייליגע תורה לערנען — שלינגט זי די טרערען...

ברענגט מען איהר באלד דאס קינד אריין, וויל עס אז אנדער אידענע איינשטילען, לאזט זי נים, רינען איהר די טרעהרען פון די שעהנע אויגען אויף די ברוסטען ארויף, זויגט איהר קינד די מילך מיט טרעהרען. ווייזט זיך דער רב און זאגט איהר „מזל טוב". קומט רב שלמה אריין און קוקט איהר מיט ליעבע אין די אויגען אריין און זאגט איהר: „חנה'לע, מיר זאלען דערלעבען נחת פון אונזער קינד". איז עס איהר א בעצאהלונגג פאר אלע טרערען, וואס זי האט פארגאסען.

הערט זיך אין מיטען דערינגען א שעהן געזאנג. דאס זינגט דער חזן מיט די משוררים — און א פולע הויז מיט אידען. די טעלער קלאפען דער וויין גיסט זיך אין בעכער, און עס הערט זיך אין מיטען דערינגען דער קול התורה. אידען שפארען זיך און לערנען, און ווייבער זיצען ארום חנה'לען און האבען דרך ארץ. נאר יעדעס מאל קומט אריין צו איהר רב שלמה, דאס שטריימעל פעררוקט אן א זייט, און די אויגען גלאנצען איהם פאר נחת און פון דעם ביסעל וויין, וואס ער האט געטרונקען. און ער בערוהיגט איהר און טרייסט איהר, זי זאל נישט וויינען. און די ווייבער זעהן, ווי רב שלמה האט ליעב זיין ווייבעל, זיינען זיי איהר מקנא...

איהר שעהן פנים אויפ'ן קינד'ס קישען ארויף. די ערשטע מצוה ביי אידען אין צער, און זי ווײנט אויף איהר קינד'ס ליידען. נאר א אידיש ווייבעל איז זי דאך און זי ווייסט, אז דער רבונו של עולם גיט כח די קליינע אידישע קינדער אריבערצוטראגען דעם צער, אז ניט, וואלטען זיי עס דאך נישט אויסגעהאלטען... נאר עס איז דאך איהר ערשט קינד — עס ווייס נאך גארנישט, און עס זאל שוין אזוי ליידען... וויינט זי, און די טרערען זיינען ווארימע, נאר דאס הארץ איז איהר פול מיט פרייד, וואס זי האט די זכיה געהאט צו דערלעבען איבערצוגעבען איהר קינד צו דער ערשטער אידישער מצוה. און זי ווייס, אז זי טהוט א גרויס אומרעכט, וואס זי וויינט. פרעהען, פרעהען דארף זי זיך, און זי פרעהט זיך טאקע, און דאס גאנצע פנים איהרס לייכט פון פרייד. נאר די טרערען רינען דאך פון די אויגען איבער'ן פנים אויפ'ן קינד'ס קישעלע.

קומט אריין רב שלמה, און זיין גאנץ פנים שמייכעלט פאר גדולה: און אנגעטהאן איז ער צום ערשטען מאל אין דער אטלאסענער קאר־פאטע און א גרויס שטריימעל — דעם רבי'נס מחותן... און זיין שעהן פנים מיט זיין שווארצע בארד לייכטען ארויס פון שטריימעל. זאגט ער צו איהר: „חנה'לע, דו וויינסט? פרעהען דארפסטו זיך, וואס דער רבונו של עולם האט דיך צו דעם מזכה געווען". זאגט זי: „איך ווייס, שלמה, איך בין א נארישע אידענע און איך קאן זיך נאך חלילה, פערזינדיגען פאר'ן רבונו של עולם. וואס זאל איך טהאן? איך קאן זיך דאך ניט איינהאלטען — אזא שוואלב, אזא טייבעלע, און שוין אזוי פיעל צער". ענטפערט רב שלמה: „פאר דעם זיינען מיר אידען. עס שטעהט „בדמיך חיי", דאס איז טייטש — אין דיין בלוט זאלסטו לעבען. און פרעהסטו זיך ניט, וואס דיין קינד איז א איד?" און זי שמייכעלט מיט חן פון אונטער איהרע טרערען ארויס.

נעהמט רב שלמה ארויס א שנור פעריל און גיט איהר א מתנה. „נא, — זאגט ער. — איך האב עס בעהאלטען פאר דיר, אז דו וועסט די זכיה האבען דיין קינד צו דער ערשטער מצוה איבערצוגעבען, טו עס אן און טראג עס געזונטערהייד".

נעהמט זי די שנור פעריל און טוט עס אן אויף איהר שעהנעם אלבאסטער־האלז, פאסט עס איהר, ווי א מלכה א קרוין, שמייכעלט זי ווייטער. און טרערען גיסען זיך, און זי זאגט: „איך דאנק דיר, שלמה,

זכרונו לברכה, האָט אַמאָל דעם שטן גוט דורכגעשלאָגן. עס איז אַזוי געשעהן:

„אַ איד האָט געוואָהנט ביי אַ פּריץ אויפ'ן דאָרף, האָבען זיך ביי איהם נעבאַך קיין קינדער ניט געהאַלטען. ווי עס איז איהם געבוירען געוואָרען אַ קינד, איז עס אין דער נאַכט פאַר'ן ברית געשטאָרבען. איז דער איד צום רבי'ן געקומען וויינען. איז דער רבי אַליין צום איד געפאָהרען פאַר אַ ברית — סנדק זיין. ער איז אויף אַ גאַנצע נאַכט און זאָגט אָן, אז מען זאָל שטעקענס אַנגרייטען. אין דעם קומט אַריין אַ שוואַרצע קאַץ און לאָזט זיך צו דער קינדפּעטאָרין אין בעט אַריין. דער רבי האָט זי אָבער אָבגעוואַרט, האָט ער געהייסען כאַפּען די קאַץ. איז זי אין די דעקע אַריין, האָט מען די דעקע אויף דער ערד אַוועקגע־לייגט און גוט דורכגעקלאַפּט מיט שטעקענס, ביז די קאַץ איז אַ צו־הרג'עטע אַרויס דורך אַ שפּאַרע פון שטוב. צו מאָרגענס האָט מען געהערט, אַז דער פּריץ פון דאָרף ליגט אַ צוקלאַפּטער אין בעט. וואָ־רים דאָס איז טאַקע געווען די שוואַרצע קאַץ, ווייל דער פּריץ איז גע־ווען אַ כישוף־מאַכער, אַ שליח פון שטן, האָט ער די קינדער פון אידישען אַרענדאַר מזיק געווען"...

אין דער קיך שטעהן די מומעס מיט די קעבינס און קאָכען דער־ווייל די פיש, פּרעגלען די גענז פאַר'ן מאָרגעדיגען ברית, און דער געשמאַק לויפט פון קיך אַריין אין דער שטוב, וואו רב שמעיה דער־צעהלט די מעשיות. דער סאַרוועור מאַכט די טישען גרייט, שטעלט דעם בראַנפען און גיסט דעם וויין. אַזוי היט מען אָב אַ גאַנצע נאַכט הינטער דעם צימער פון דער קינפּעטאָרין די נאַכט, איידער דאָס קינד ווערט אַ איד. און היטען זאָל זיך דער שטן, ער זאָל זיך איצט דאָ ניט בעווייזען אין רב שלמה'ס שטוב אין געשטאַלט פון אַ הונט אָדער אַ קאַץ. ער וואָלט קיין לעבעדיגער נישט אַרויס פון דאַנען...

שוין איז דאָס ווייבעל אויף. אנגעטהאָן אין איהר שעהנסטען שפּיצען־קאַפּטען, מיט דעם הייבעל אויפ'ן קאָפּ — האַלט זי איהר ערשט־געבוירען קינד אויף דער האַנד. דער עולם הויבט זיך שוין אָן צוזאַמענקומען. דאָס הויז ווערט באַלעבט, און די יונגע מאַמע הויבט אָן דאָס קינד אנצוטהאָן צו דער מצוה. אַ קליידעל האָט זי פאַר איהר קינד אַליין אויסגעהעפּט דורך דער צייט, ווען זי האָט עס געטראָגען, אנצוטהאָן צו דער ערשטער מצוה — און הייסע טרערען רינען איבער

ווייבעל׳ס מורינו׳דיגע משפחה פון גרויס־פוילען: דער פּאַטער איהַ־רער, רב שלמה גראַסגליק, מיט׳ן שטייפען געוואשענעם קעלנערל און מיט דעם אויסגעריבענעם פאלטא פון פיינעם קאלישער קארט; איהר מוטער מיט די שוועסטער — פעסטער שוי אין דער שטוב, זייער טאָכטער האַט שוין אַ קינד געהאַט. נעהמען זיי זיך צו דער סעודה, באקען אזעלכע גרויס־פוילישע קיכעלאך און פוטער־קוכענס אַ פולע שטוב. טענה׳ן די היימישע, אז „פוטער־קוכענס איז גוט פאר גרויס־פוילישע, וואס דער גרעסטער יום־טוב איז, ווען מען עסט פוטער־קוכען און מען טרינקט קאווע. מיר דארפען דאַס גוטע שטיקעל פיש און דאַס גוטע ביסעל ציבעלעס״. בעליידיגט זיך באַלד דער ווייבעל׳ס מישפחה (די גרויס־פוילישע — אַ ליאדע וואַס, ווערען זיי באַלד ברוגז) און ענטפערען, אז „ציבעלעס איז גוט פאר די קליין־פוילישע „ליטוואַ־קעס״, וואַס עסען נאָר ציבעלעס מיט קנאָבעל״. און ה׳ גראַסגליק, חנה׳לעס פאַטער, געהט עפּעס ארויס אַ ברוגז׳דיגער (שטענדיג איז דער „אריסטאָקראַטישער״ איד ברוגז, ווייל ברוגז׳קייט געהערט צו אריסטאָקראַטיע). ווייל איהם רב שלמה איבערבעטען און מאכט איהם אַ שעהנע מתנה, אַ זילבערן טאבאק־שקעטעלע מיט שטיינער אויסגע־זעצט, און בעט איהם איבער, ער זאָל נישט ברוגז זיין. ווארים מע האָט נישט קיין צייט צו איהם. אלע זיינען פערטאָהן ביים רבי׳ן, וואַס איז שוין אָנגעקומען מיט זיין זוהן און כלה און שטעהט איין ביים שותף, ביי רב יוסף׳ן, אין דער גרעסטער שטוב פון שטאדט.

די נאכט פאר׳ן ברית איז מען אויף — אַ געפעהרליכע נאַכט, און נישט ביי איין קינד איז שוין דער שטן מזיק געווען אין דער נאכט, איי־דער דאַס קינד ווערט אַ „איד״. און ווי עס איז בעוואוסט, פערשטעלט זיך דער שטן אין דער נאכט אין אַ קאַץ אדער אין אַ הונט צו שעדיגען דאַס קינד. זיצען אלע אויף דער נאכט הינטער דער קינדפּעטאָרינס צימער. די זילבערנע לייכטער ברענען זיך אויפ׳ן טיש, און דאָס גוטע ביסעל משקה מיט דעם גוטען שטיקעל לעקעך איז אויך אַנגעגרייט. דאַס האָרץ צו דערכאַפּען. זיצט מען און מען לערנט משניות.

ר׳ שמעיה, דעם רבי׳ס אלטער שמש, וועלכער איז נאָך געווען אַ שמש ביים אלטען, זכרונו לברכה, זיצט ביים איינגעהייצטען אויוועז, רויכערט די לולקע און דערצעהלט דעם ארומיגען עולם ווי דער אלטער,

זאָלען, חלילה, נישט פערשעהמט ווערען". ענטפערט ער איהר: „דער רבונו של עולם האָט מיר שטענדיג געהאָלפען. איך וויים נישט, פארוואס ער טהוט מיר דעם חסד, וואס בין איך מעהר ווערטה פאר אז אנדער אידען. נאָר איך האָב בטחון אין איהם און דאנק איהם און לויב איהם פאר אלץ, וואס ער טהוט מיט מיר. האב נישט קיין מורא, חנה'לע, ווערסט נישט פערשעהמט ווערען, ווארים דיין שאנד איז מיין שאנד". זאָגט זי: „דו ביזט עס ווערט, שלמה, אז גאָט זאָל דיר העלפען. ווארים דו האָסט א ווייך הארץ און דו לעבסט נישט פאר דיר, נאָר פאר אנדערע. און איך וועל דיר פאָלגען, שלמה, און וועל מיך אזוי פיהרען, ווי דו הייסט מיר". זאָגט ער צו איהר: „אזוי טהוסטו גוט, חנה'לע, ווארים וואָס מעהר דו ווערסט אויסגעבען פאר'ן רבונו של עולם, אלץ מעהר וועט ער דיר בעצאָהלען. האָב נישט קיין מורא, ער איז א גוטער בטוח, און מען קאָן איהם געטרויען".

מאָכט זי אָב ביי זיך אין הארצען, אז זי זאָל ליכט שיקען אין בית־המדרש אריין, אז זי זאָל אָרימע קינדפעטאָרינס בעזאָרגען מיט לייליכער און יאיכלעך, אז זי זאָל פאר די תלמוד־תורה־קינדער א מו־טער זיין, און אורחים ליעב האָבען, ווי איהר מאַן האָט זיי ליעב.

האָט מען נאָך מורא פֿאר'ן שטן, און נאָך דערצו ביי א בכור, קלעפּט מען אויס די ווענט מיט קוויטלאָך. קומען צו געהן די חדר־אינגלאך יעדען פאר־נאָכט אין דער קינדפעטאָרינס שטוב אריין און לייענען קריאת־שמע פאר דעם קליינעם קינד, וואס קאָן נאָך אליין נים קריאת־שמע לייענען. טהיילט מען זיי לעקעלאך, פרעהען זיך די קינדער און בעטען זיך, אז מען זאָל זיי דאָס נייע קינד ווייזען, וואָס איז נעקומען פון הימעל אראָב. דערצעהלט זיי די באָבע, אז דאָס קינד איז נישטא. עס האָט זיך אין דעם גרויסען פעלץ אנגעטהאָן און איז געפאָהרען איבער דער מדינה א שידוך טהאָן.

שיקט דער רבי א רייטער אָנזאָגען, אז ער וועט אויפ'ן ברית קו־מען צו פֿאָהרען מיט זיין אייגענעם מוהל. וויים רב שלמה, אז דער רבי וויל תנאים אָבשרייבען מיט חיים'לען אין דעם טאָג פון ברית, וואָס עס איז א מזל'דיגער טאָג. שיקט מען אין דער גרויסער שטאָדט נאָך א סאָרוועך און א מענשען צו ברוך פישער נאָך לעבערינע פיש אויפ'ן ברית. קומען משפחות צו פאָהרען פון דער פרעמד. דער

גרויסע אויגען, און שעהן איז זי,, ווי א מלכה, און איהר יעדער בליק ציהט פון איהם דאס חיות ארויס.

וועקט מען איהם אויף, און די באבע זאגט איהם מזל־טוב, און ווייזט איהם א שרייענדיג קינד, א בן־זכר. ווייסט ער שוין נישט, וואס עס טהוט זיך מיט איהם: צי זאל ער טאנצען אין מיטען דער שטוב פאר פרייד, צי זאל ער וויינען. קוקט ער אויף חנה'לען — שמייכעלט זי מיט אזא זיס־צער'דיג שמייכעל, און די שכינה שיינט אויף איהר, און די אויגען זיינען פול מיט פרייד און דאנק, און שטעקט די הענד און נלעט רב שלמה'ס קאפ. נעהמט מען און מען שיקט א צווייטען רייטער אנזאגען דעם רבי'ן, אז די גאולה איז שוין געקומען. שיקט מען א צעהן פונט ליכט אין בית־המדרש אויפ'ן ווינטער, שיקט מען א צעהן קערץ קוילען אין הקדש ארונטער.

צומארגענס אין דער פריה, אז מען האט זיך בערוהיגט, חנה'לע האט שוין ניט געשלאפען, דאס קינד ביי איהר, געהט רב שלמה אריין. ווייזט איהם די באבע דאס קינד, זי בארט עס. אהן עין־הרע א גרויס קינד, א שטארקעס, און האט דער מוטער גרוים צער אנגעטהאן, ווייל עס איז, אהן עין־הרע, אזוי שטארק. נעהט רב שלמה צו צו חנה'לען, נעהמט ער זי אן ביי דער האנד און פרעגט זי, וואס זי מאכט. קוקט זי איהם אין די אויגען אריין, און איצט — שוין נישט מיט שעמעוודיגקייט און נישט מיט מורא, נאר מיט ליעבע און זיכערקייט. זי איז די מוטער פון זיין קינד און זאגט צו איהם אזוי: „איך האב נור מורא געהאט, שלמה, אז איך זאל ניט פערשעהמט ווערען". פרעגט ער זיי: „פארוואס זאלסטו פערשעהמט ווערען?" — ענטפירט זי איהם: „אז איך זאל ניט פערשעהמט ווערען" פאר גאט און פאר לייט, אז איך בין ניט ווערטה צו זיין די מאמע פון דיין קינד". גלעט ער זי איבער'ן שטערן און זאגט: „דער רבונו של עולם וועט דיר, חלילה, נישט פערשעהמען, וועסט נאך די זכיה האבען צו זיין א מוטער פון א סך קינדער אין וועסט נאך די זכיה האבען צו הערען זייער קול התורה, און מיר וועלען נאך דערלעבען מגדל צו זיין זיי לתורה, לחופה ולמעשים טובים".

קוקט זי איהם אין די אויגען אריין מיט דאנקבארקייט און זאגט: „אמן. און ער זאל דיר העלפען, אז די פרנסה זאל דיר אנקומען גרינג, און מיר זאלען זיי דערלעבען אויפצוציהען און נחת האבען פון זיי" — און ער פיהלט, אז איהרע טרערען פאלען אויף זיין האנד: „מיר

וויב, אריינגעמישט, וועלכע האָט געקאָנט ,חלילה, ווערען בעליידיגט...
שיקט רב שלמה באלד א שליח מיוחד אויף א פערד קיין גאסטינין צום
רבי'ן. מען לאָזט דעם בית־עולם אויסמעסטען און מען שיקט צו נעכען
אויפ'ן קבר בעטען מחילה אין נאָמען פון דער יונגער ווייבעל, אז זי
זאָל רחמנות האָבען אויף א יונג לעבען און מוחל זיין... און עס בעט
די טאכטער אליין ביי דער מוטער'ס קבר: „זי איז א גוטע מוטער צו
די שטיף־קינדער", — דאָס זאָל איהר ביישטעהן. און די שטיף־קינדער
אליין זאָגען תהלים פאר דער שטיף־מאמע.

זעהט רב שלמה דער ווייבעל'ס צער, קאָן ער עס שוין ניט מעהר
אויסהאלטען. געהט ער אריין צו זיך אין שטוב און שליסט זיך איין
און שטעלט זיך אוועק אין א ווינקעל און הויבט אָן צו וויינען מיט
גרויסע טרעהרען און זאָגט צום רבונו של עולם אזוי: „טאטע אין
הימעל, שטעה מיר ביי. אז איך האָב געזינדיגט, לאָז עס אויס צו
מיין קאָפּ, אָבער אויף דער ווייבעל האָב רחמנות. זי איז דאך אן אומ־
שולדיג קינד, א צדיקת איז זי דאָך. איך וויס, איך בין נישט ווערטה
דיין חסד, און אלץ, וואָס דו טהוסט מיר, איז געגונג. גענוג האָסטו מיר
געטהאָן, נעהם מיר אלץ אוועק, און ווען עס איז בעוויליגט ביי דיר,
לאָז מיך אין די הייזער ארומגעהן, מאך מיך מביש פאר מענשען, נאר
שטעה מיר ביי, האָב רחמנות אויף דער ווייבעל!"

און פון דער צווייטער שטוב רייסען זיך אריין די קרעכצען און
די געשרייען, און יעדער קרעכץ איז נעבעך אזוי, ווי מען וואָלט אָן
אומשולדיג טויב געמוטשעט. קען עס שוין נישט רב שלמה אויסהאל־
טען, און א גרויסער שטראָם טרעהרען גיט איהם א גאָס פון די אויגען,
און ער שרייט אויס: „רבונו של עולם, איך קאָן איהר צער נישט
הערען, גיס אויס דיין כעס אויף מיר, אויף מיין הויז. האָב רחמנות
אויף איהר". און ער לויפט אריין צו דער ווייבעל און כאפּט אָן
איהר בלייכע האנד און וויינט אויף איהר, און וויינט אויף איהר גאנץ
לאנג, און וויל נישט אוועק פון בעט, און האלט זי ביים קאָפּ אן, און
קושט איהר אין איהר שעהנעם שטערען און טרייסט זי און זאָגט איהר
מיט גרויסע טרעהרען: „וויין נישט, חנה'לע, מיר האָבען א גרויסען
גאָט! וויין נישט, וויין נישט". און זי ענטפערט איהם גאָרנישט, קאָן
נישט רעדען. אויגען האָט זי גרויסע, און קוקט אויף איהם, מיט איהרע

זעהר גוט אויפגעלעגט און צוגעלאזט, איז געזעסען מיט זיין לאנגער לולקע און גרויסער בארד אין מיטען שטוב אויפ'ן פאטער־שטוהל און געהייסען אלעמען אריינלאזען. דער עולם האט זיך געשטופט ביי דער טהיר, אוועקגעשטופט די שמשים מיט די גבאים און אריין אין שטוב. דער רבי האט געשמייכעלט און זיך מיט אלעמען געזעגענט און אנגע־וואונשען אידען אל דאס גוטס — האט מען נאך אויף דעמזעלבען אויף־דער־נאכט די וועגען געשפאנט און מיט דער ליכטיגער לבנה איבער די וועגען אין די שטעדטלאך אהיים געפאהרען, די סוכה מאכען. און אידען האבען אונטערגעכאפט זמר'לעך אויפ'ן וועג און דערצעהלט זיך פון דעם רבי'ס מעשים, פון יאהר־מערק, פון סעדער און פעלצען — אין דער ליכטיגער לבנה אריין.

אז רב שלמה איז צו־מארגענס פארנאכט אהיים געקומען (נאך אבגעמאכט אויפ'ן וועג אייניגע געשעפטען), האט ער שוין געטראפען ביי זיך א פולע שטוב מיט ווייבער. אין דער קיך האט געברענט א גרויס פייער, און גרויסע טעפ מיט ווארים וואסער האבען געקאכט. די ווייבער זיינען געגאנגען אויף די שפיץ נעגעל און געבראכען זיך די הענד. און פון דער צווייטער שטוב האבען זיך געהערט חנה'לעס מורא'דיגע קרעכצען, וואס יעדער קרעכץ און געשריי איז אזוי שרעקליך געווען, אז דאס הארץ איז צוריסען געווארען. ער איז אריין צו דער ווייבעל א בלאסער און א דערשראקענער, האט ער זי געבעך געטראָ־פען ליגען אין בעט, און גרויסע טראפענס שוויים האבען אויסגעשלאָ־גען אויף איהר צוהיצט געזיכט. און שעהן איז זי געווען אין דער היץ, ווי א מלכה. אז זי האט דערזעהן רב שלמה'ן, האט זי איהם אנגעכאפט ביי דער האנד: „שלמה, העלף מיר, איך גנה אויס", און גרויסע טרעהרען שלאגען איהר פון די שעהנע אויגען ארויס. ווערט רב שלמה'ס הארץ צושניטען אויף שטיקלאך פון איהרע רייד, זאגט ער: „וואס קאן איך העלפען? דא קאן נאר איין רבונו של עולם העלפען. נאָה שווייג, חנה'לע. וועסט זעהן, גאט וועט אונז העלפען. ער העלפט מיר אין אלע מיינע וועגען — וועט ער אויך איצט מיך נישט פערלאזען אין מיין גרעסטער אנגסט און נויטה". און הויבט אן די הענד צו ברעכען: „אוי, טאטע אין הימעל!" דערצעהלט מען איהם, אז דאס האלט שוין אן פון נעכטען, פון נעילה אן, און מען האט מורא, אז דא זאל זיך נישט האבען נעבע, עליה השלום, זיין געשטארבענע

דער משפט האט זיך נאר נעענדינגט, האט זיך אנגעהויבען באלד א צווייטער משפט — דער משפט מיט'ן רבונו של עולם. עס האט זיך גענעבען א רוק צו דעם „יום כיפור". נאר פאר דעם יום הדין מיט'ן רבונו של עולם האבען אידען א גרויסען „שרייבער" — דעם גאסטי־נינער רבי'ן. זיי פערלאזען זיך אויף איהם יעדעם יאהר, און אודאי נאך דעם יום כיפור, ווי ער האט זיי ערשט אזא נס געוויזען. געזעהן האבען זיי, אז דער רבונו של עולם וויל זיי העלפען אין דעם. וואס ער האט זיי פון „גוי'אישע הענד" ארויסגענומען. געבליבען איז מען איבער יום כיפור אין גאסטינין ביים רבי'ן. דער רבי האט אליין גע־זאגט „כל נדרי", איז מען דאך געווען אביסעל רוהיג. נאר ביי „נעילה" איז אויף אידען א גרויסע שרעק בעפאלען: ווער ווייסט, אפשר איז דער זכות פון רבי'ן היי־יאהר אויסגעלאזט געווארען ביים דין פון בשר ודם, און דער רבונו של עולם האט זיי ארויסגענומען פון מענשענס הענד, כדי ער אליין זאל זיי משפט'ן, און דער רבי קאן זיי גאר נישט העלפען, נאר זיי מוזען אליין זייערע הערצער צוברעכען פאר'ן רבש"ע. דאס האט זיי דער רבי געזאגט פאר נעילה, כדי זיי זאלען זיך נישט צו פיעל פערלאזען אויפ'ן רבי'ן, נור זיי זאלען אליין תשובה טהאן.

ביים בעטען צום רבונו של עולם איז ביי נעילה טאקע געווען א גרויס געוויין אין רבי'ס בית־המדרש. און אז דער רבי האט געזאגט מיט זיין צובראכען הארץ און צובראכען שטים „פתח לנו שערי שמים" — איז אידען בעפאלען א גרויס שרעק, און זיי האבען זעהר גרויס מורא געקראגען. די שרעק האט אנגעהאלטען ביז צום לעצטען שופר בלאזען. נאר אז דער רבי האט געזעהן, אז אידען וויינען און האבען מורא, איז ער ווידער בטוח געווען, ווארים זיין כלל איז דאך געווען — „דארט, וואו עס איז דא אמונה, דארט איז דא גאולה". — האט ער אידען נאך נעילה געטרייסט מיט זיין פרעהליכען „גוט־וואך, אידען", „גוט־יאהר, א גוט־יאהר", און איז דעם מוצאי יום כפור געווען זעהר אויפגעלעגט און צוגעלאזט צו אידען. ביי קדוש לבנה, ווען מען איז שוין פון שוהל ארויס, האט זיך דער רבי געווענדעט צום עולם מיט א פרעהליכען „שלום־עליכם", און זיין פנים האט געלויכטען. דאס האט אידען זעהר דערפרעהט, און די סעודה נאך יום־כפור האט מען געגעסען מיט אפעטיט און פרייד: שוין געפיהלט א יום־טוב'דיגע שטימונג. נאך דער סעודה איז מען ארונטער צום רבי'ן זיך זעגענען. דער רבי איז געווען

## VIII

# די מצוה.

מיר האָבען א גרויסען גאָט. דריי טעג האָט זיך אוועקגעצויגען דער משפּט. זייער „שרייבער“ האָט וועלטען איינגעלעגט, געשאָטען אויף אידען פּעך און שוועבעל, אָבער ער האָט גאָר נישט געקאָנט מאַכען געגען דעם רבונו של עולם׳ס ווילען, געגען אידענ׳ס תהלים זאגען, די גוי׳ע, וואָס מען האָט איהר פערקויפט די קראנקע קוה, האָט זיך מודה געווען, אז דאָס האָט איהר דער גוי פערקויפט, און דער אלטער פויער פון דאָרף, וואָס האָט געמאַכט מיט רב שלמה׳ן דעם „סאַמע־סאַנד“ (זעלבסט געריכט), האָט געזאגט בפירוש, בפני קהל עם ועדה,אז דאָס האָט ער אליין מיט רב שלמה׳ן געמאַכט דעם „סאַמאַ־סאַנד“. וואָרים פון פערצייטענס אָן פיהרט מען זיך, אז מען כאַפּט א גנב אויפ׳ן יריד, געהערט ער צום יריד; און א גנב׳ס א פעל, איז ווי א תונד׳ס א פעל, און ווער עס וויל מעג שלאָגען. האָבען די „סענדזישעס“ (ריכטער) איינגעזעהן, אז דער גוי האָט רעכט, האָבען זיי געמאַכט א בעראַטהונג און בעשטימט, אז מען זאָל צעהן גוים און צעהן אידען איינזעצען אין „קאָזע“ אויף אכט טעג, און רב שלמה מיט דעם אלטען פויער זאָלען בעצאָהלען צו פינף און צוואנציג רובל קנס דער אלמנה פון דעם „קאָני־קראַד“.

נאָך דעם משפּט האָבען די אידען מיט די גוים געמאַכט א גרויסע „זגאָדע“. מען איז געגאַנגען אין שענקעל אריין און אינאיינעם געטרונקען און געפּאַטשט זיך אין די הענד אריין, און די גוים האָבען געשריען ביים גלעזעל בראַנפען: „נאַש אי וואַש באָג זגאָרזשיליזשע“ — אז זייער גאָט מיט אונזער גאָט האָבען דאָס געמאַכט דעם שלום, זיינען זיך דורכגעקומען. נאָר די אידען האָבען בשום אופן ניט געוואָלט דערויף בעשטעהן און ניט געוואָלט נאָכגעבען, אז דאָס האָט אויך זייער גאָט געמאַכט, נאָר מחמת שלום וועגען האָבען זיי געשוויגען און שלום געשלאָסען מיט די גוים, וואָס מען דאַרף דאָך פון זיי צו לעבען.

אין אַ גרויס הויז, קאָנסט מיינען, אַז עס קומט דיר, און נישט פאַר־ליעב נעהמען גאָט'ס שטראָף. איך מוז עס דיר זאָגען.

— צי בין איך דען ניט דיין ווייב? — וויינט דאָס ווייבעל — פאַר וואָס רעדסט דו צו מיר, ווי איך וואָלט, חלילה, אַ פרעמדע געווען? איז דען נישט דיין גורל מיין גורל? און אפשר איז עס שוין צוליעב מיר, אפשר איז עס שוין מיין מזל. פאַר וואָס רעדסט דו צו מיר אַזעלכע רייד?

— אבער וועסטו עס פאַר ליעב נעהמען און קיין תרעומות נישט האָבען אויפ'ן רבונו של עולם, נישט, חלילה, בפה, נאָר אויך במחשבה, אפילו ניט טראַכטען אַזוי?

— שלמה, וואָס קאָן מיר בעסער זיין, ווי צו טהיילען מיט דיר דיין גורל? דאָס איז דאָך געווען מיין געבעט צום רבונו של עולם ביי־טאָג און ביי־נאַכט! און זאָל דער רבונו של עולם אונז שטראָפען, מיט וואָס זיין ליעבען נאָמען וועט געפעלען — ווען דיין האַרץ איז נאָר מיט מיר, קאָן מיר גאָר נישט געשעהן, האָב איך פאַר גאָר נישט קיין מורא, וועל איך פאַר ליעב נעהמען, אפילו, חלילה, אין די הייזער צו געהן.

— אויב אַזוי, האָב איך טאַקע פון דיר שלעכט געקלעהרט, זיי מיר מוחל, חנה'לע. איך וויים, אַז דיין האַרץ איז מיט מיר, און דער רבונו של עולם וועט אונז העלפען. — און רב שלמה האָט זיך אוועקגעשטעלט אין איין ווינקעל שטוב מיט'ן תהלים אין דער האַנד און האָט געזאָגט זיין קאַפּיטעל תהלים, וואָס ער זאָגט, ווען ער איז אין אַ גרויסער סכנה. און חנה'לע האָט זיך אוועקגעשטעלט אין אַ צווייטען ווינקעל שטוב מיט'ן תהילים אין דער האַנד, נאָר זי האָט נישט געזאָגט פון דעם תהלים, זי האָט געזאָגט איהרע איינענע ווערטער.

מיט אַזאַ האַרץ איז רב שלמה געפאָהרען צום יום־הדין.

— וואס קאן איך פערשטעהן, ווען דיין הארץ איז נישט מיט מיר? וואס קאן מיר נאך ערגערס געשעהן, שלמה?

— חנה׳לע, איך האב נישט אזוי געמיינט.

— יא, שלמה, איך ווייס דיינע געדאנקען. אז מען איז א אידיש ווייבעל, פיהלט מען די געדאנקען פון מאן. איך ווייס, אז דו קלעהרסט וועגען מיר זעהר ניט גוט. האב איך דאס פערדיענט? וואס זאל איך טהאן, שלמה, אז איך זאל דיין הארץ געווינען? דיין קינד טראג איך שוין אונטער מיין הארץ און דיך האב איך נישט.

— ווייסט, חנה׳לע, אז מיט׳ן רבונו של עולם האט קיינער קיין קאנטראקט ניט געמאכט? — זאגט רב שלמה, נעהנטער צוגעהענדיג צו איהר, — און וואס וועסטו טהאן, אז עס וועט, חלילה, אונז אויס־קומען צו ליידען, זעהר צו ליידען; אז עס וועט איהם געפעלען, אז פון היינט אן זאל אן אנדערער טראגען דעם קאפעל פון „שלמה נגיד"? מיר האבען נישט געמאכט מיט איהם קיין קאנטראקט, און פאר וואס קומט דען גראד אונז דאס רייכקייט, און ניט קיין אנדערען?

דאס ווייבעל האט איהם נאר געקוקט אין די אויגען אריין:

— אלץ זאל ער ביי מיר אוועקנעהמען, נאר מיט איין זאך זאל ער מיר ניט שטראפען — דיין הארץ זאל ער ביי מיר ניט אוועק־נעהמען. דו ווייסט נישט די ליידען. וואס קאן זיין נאך ערגער פון די ווערטער, וואס דו זאגסט מיר איצט?

— איך מוז דיר זאגען, חנה׳לע, דו האסט אנגעהויבען רעדען מיט מיר. איך מוז דיר זאגען. איך בין דיר מחויב. איך האב דיר גענומען א מיידעל, ווען איך בין שוין אן אלמן געוועזן מיט קינדער, ביזט אין עשירות אריינגעקומען, קאנסטו מיינען, עס מוז אזוי זיין. און דא ווייסט מען ניט, ווי דאס רעדעל קאן זיך געבען א דרעה, און נישט דאס געלד בלויז אוועקנעהמען און ארימע־לייט צו זיין, נאר נאך ער־גער. דער רבונו של עולם וועט וועלען אונז שטראפען מיט ענוי הגוף, פערשיקען אין די ווייטע מקומות, מיט בזיון און בושה. מיר שטעהען פאר א משפט פון בשר ודם, אהן רחמנות. מילא, איך בין גרייט פאר־ליעב נעהמען אלץ, וואס ער וועט מיר שיקען. ער האט מיר געגעבען גוטע יאהרען, ער קען מיר געבען שלעכטע יאהרען. אבער דו ביזט נאך א יונג ווייבעל, דו הויבסט ערשט אן צו לעבען. ביזט אריינגעקומען

רעדען האָט ער ניט געהאַט. די קינדער? די עלטערע טאָכטער? געוואוסט האָט ער, אז אַ טאָכטער'ס אַ האַרץ העננט שטענדיג אָן דער מוטער, וועט זי זיך נאָך פרעהען. און וואָס פאַר אַ רעכט האָט ער צו רעדען אויף דער ווייבעל? אין חנה'לעס אויגען זעהט ער, ליגט עפּעס אַ בקשה צו איהם שוין זינט אייניגע טעג. אפשר וואָלט גוט געווען מיט דער ווייבעל אליין איבערצורעדען? איז זי אָבער אין די הויכע חדשים, שוין פערטהאָן מיט איהר איינען גליק. און געטראַכט האָט ער פון נעבען, האָט ער פערמיעדען מיט איהר צו רעדען.

נאָר לאַנג, שוין לאַנג האָט חנה'לע נעוואַרט אויף דער מינוט. פון יענעם פרייטאָג צרנאַכט, ווען זי האָט איהם ליעב געקראָגען, האָט זי אָנגעהערט צו איהם, געזוכט אַ געלעגענהייט, אַז זי זאָל זיך איהם אוועקגעבען אינגאַנצען, און געפרעהט זיך אין האַרצען אויף דעם נסיון, וואָס גאָט האָט זיי צוגעשיקט, אַז זיי זאָלען איהם ביידע קענען ביישטעהן.

און אַמאָל אויף דער נאַכט, ווען זיי זיינען אליין געבליבען, האָט זי רב שלמה געטראָפען וויינענדיג. ווען זי האָט זיך אויסגעווישט איהרע שעהנע שווארצע אויגען מיט איהר געהאָפטען טיכעל, פרעגט ער זי:

— וואָס וויינסטו, חנה'לע? — האָט דיר ווער שלעכטעס געטהאָן? פעהלט דיר עטוואָס? — ענטפערט זי איהם:

— קיינער האָט מיר קיין שלעכטעס ניט געטהאָן, נאָר דו, שלמה, דו מיינסט, אַז איך פערשטעה נישט, וואָס דו קלעהרסט, אַז איך פיהל נישט דיין האַרץ, שלמה?

— איך קלעהר ניט קיין שלעכטעס אויף דיר, חנה'לע — זאָגט רב שלמה.

— אַ, יאָ, שלמה, דו קלעהרסט ווענען מיר זעהר פיעל שלעכטעס. הלואי זאָל דיר דער רבונו של עולם מוחל זיין מיין צער. וואָס, בין איך נישט דיין ווייב? וואָס טויג מיר דיינע הייזער מיט דיינע פעלדער, ווען דיין האַרץ איז ניט מיט מיר? דאָס האָב איך געבעטען דעם רבונו של עולם טאָג און נאַכט, אַז ער זאָל אונז אַ נסיון צושיקען, אַז איך זאָל גאַרנישט האָבען, גאַרנישט האָבען, נאָר דיר, שלמה.

— ווייסטו, וואָס עס שטעהט אונז פאַר, חנה'לע?

װעלען, אזוי װעט זיין. ביז איצט האט איהם טאקע גאָט געפיהרט אין זיין װעג, איהם בײנעשטאַנען און איהם ארויסגענומען פון אלעס שלעכ־טעס. פארוואס, ווייס ער נישט. אפשר צוליעב זכות אבות (ווארים אין זכות עצמו האט רב שלמה נים נעגלויבט, ער האט זיך געהאלטען פאר נישט זעהר א גרויסען צדיק, און עפּעס וואס שוועבט שוין דארט אויף זיין נשמה...) נאָר אפשר האט זיך שוין דער זכות אבות אויסגע־לאָזט. און דערצו דארף א איד תמיד זיין גרייט, און דערצו איז אויך רב שלמה גרייט געווען. ווי נאָר עס איז איהם עטוואס געקומען אין װעג, האט זיך איהם געדאכט, אז ביז איצט זיינען געװען די זיעבען פעטע יאָהר, און פון איצט אָן הויבען זיך שוין אָן די זיעבען מאגערע יאָהר... און ער איז שטענדיג געווען גרייט אָנצונעהמען גאָט'ס רצון, נעהמען דעם שטעקען אין האנד און צו געהן און אָנצוהויבען אויף'ס ניי, ווי ער האט אָנגעהויבען, ווען ער איז געווען א יונגער מאַן. און וואלט נעכע געלעבט, וואלט עס איהם גארנישט אזוי שרעקליך געווען. זי איז געווען מיט איהם איין דעה, זיי האָבען ביידע אָנגעהויבען פון ארימקייט, ביידע האט דער רבונו של עולם אויפגעהויבען אין דער הויך — וואלט זי פערשטאַנען, אז נישט שטענדיג מוז גאָט העלפען, און וואל־טען ביידע צוזאמען ווידער אינאיינעם אראָבגענידערט... אָבער חנה'־לע איז אריינגעקומען אין רייכקייט, און א יונג מיידעל איז עס געווען, און חתונה האָט זי געהאט מיט אָן אלמן מיט קינדער, און איצט פיהרט זי שוין אזא הויז, און איז שוין אין די הויכע חדשים... פאר איהר און פאר איהרע קינדער האָט ער זיך געפיהלט ווי א מחויב, אז עס מוז איהם שטענדיג גוט געהן — רייך זיין און גיטער האָבען און א גרויס הויז פיהרען. ווארים אז נישט, מים וואָס פאר א רעכט האָט ער דען גע־נומען א יונג מיידעל — ער, דער אלמן, א פאָטער פון אזוי פיעל קינ־דער?

איצט ערשט האָט ער איינגעזעהן זיין פעהלער. וואָס ער איז נאָכ־געגאנגען זיין הארץ און גענומען אויף זיך אזא התחיבות, וואָס ליגט נישט אין זיין האנד צו בעצאָהלען, נאָר אין גאָט'ס האנד. און וואָס פאר א רעכט האט ער געהאט אויף דעם רבונו של עולם „וועקסלען אויסצושטעלען?" צי איז דען גאָט מחויב איהם צו העלפען?

אָט די געדאנקען האָבען רב שלמה'ן געדריקט גאנצע טעג און איהם נישט געלאָזט שלאָפען ביי־נאכט. און פאר וועמען דאס הארץ אויסצו־

אויף זיין פאלק קומען, און דערויף א קאפיטאל תהלים פערפאסט. וואס דו ווילסט בעטען צו גאט, וואס נאר דיין הארץ בעגעהרט — געפינסטו שוין אין תהלים.

דערפאר איז דער נאסטינינער רבי אזא גרויסער אנהענגער פון דוד המלך׳ס תהלים. באלד נאכ׳ן מיטאג, אידען האבען זיך נור אויפ־געהויבען פון די טישען, האבען זיי זיך געאיילט אין רבי׳ס בית־המדרש אריין. זעקס גרויסע ליכט האבען פאר׳ן עמוד געברענט, זעקס יאהר־צייטען געווען. דער רבי אליין איז געשטאנען פאר׳ן עמוד, און פול איז דער בית־המדרש, אנגעשטאפט מיט אידען און אידישע קינדער, אלע בית־המדרש־בחורים און תלמוד־תורה־קינדער, און אפילו די ווייבער־שוהל איז פול. און דער רבי זאגט תהלים פאר׳ן עמוד — דער רבי א פסוק און דער עולם א פסוק. דער רבי און די עדה אידען דער־צעהלען דעם רבונו של עולם, וואס פאר א צרות עס שטעהען פאר. און עס דוכט זיך, אז דער רבונו של עולם זיצט דא און הערט אוים אלץ, וואס אידען דערצעהלען.

פרעגט דער רבי: „אשא עיני אל ההרים, מאין יבוא עזרי?״ ענטפערען איהם אידען אב: „עזרי מעם ד׳ עושה שמים וארץ״. זאגט דער רבי: וגם כי אלך בגיא צלמות, לא אירא רע, כי אתה עמדי״ — ווערט א גרויס געוויין אין בית־המדרש, און אידען שרייען נאך דעם רבי׳ן און זאגען מיט: „וגם כי אלך בגיא צלמות״ — ווארים א גרוי־סע שרעק האט אנגענומען אידען פאר דעם יום־הדין, וואס שטעהט זיי פאר.

---

נאר רב שלמה האט אויך נישט געשוויגען און געגרייט זיך צו דער מלחמה. קודם כל איז ער אריבערגעפאהרען איבער די הויפען, צו די שררות, וועלכע האבען געזאלט זיין די שופטים, — רחמים געבעטען, מתנות געטהיילט און איינגעשטעלט זיך, דערצעהלט, ווי די מעשה איז געווען, און געבעטען, אז מען זאל רחמנות האבען, נישט אונטערברייני־גען א וועלט מיט אידען. נאר קיין הבטחות האט ער פון זיי ניט געקרא־גען. מען איז געווען פערביטערט אויף אידען. רב שלמה האט פאר זיך נישט מורא געהאט. ער האט געגלויבט באמונה שלמה, אז דא קען העלפען נאר דער רבונו של עולם, און אזוי ווי דער בורא עולם וועט

באלד האָט דער עולם אַ וועג צווישען זיך געמאַכט. עס האָבען זיך געוויזען דעם רבי'ס הויף־מענשען, די אַלטע רבי'צין מיט די שניהר און טעכטער, די גרויסע פעריל זיינען אַראָבגעהאַנגען פון זיי, ווי כשר'ע שבת־טראָפּען... און אַז דער רבי האָט דעם כוס גענומען אין האַנד אריין און קידוש געמאַכט, איז די קדושה אַראָבגעקומען איבער דער וועלט, האָט זיך אַלץ בערוהיגט און אַלץ האָט זיך געהייליגט, און אידען האָבען זיך ווידער דערמאָנט, ווער זיי זיינען, ווער עס איז זייער גאָט, און אַ רוהיגקייט איז געקומען איבער זיי אין דער גרויסער שבת'דיגער הייליגקייט...

---

צו מאָרגענס אין דער פֿריה, פון בעגינען אַן, האָט זיך געהערט פון דער קירכע אַ מורא'דיג קלינגען, אַ געזאַנג און אַ ברומען איבער'ן שטאָדט, וואָס האָט אידען בעאומרוהיגט. עס איז געוועזן דאָס ארויס־געהן איבער דער שטאָדט מיט זייערע פאָנעס און בילדער, מיט זייערע גלחים און גלחים'לאַך אין ווייסען אַנגעטהאַן. זיי האָבען געהאַלטען די געבעט־ביכער אין דער האַנד און אַלע האָבען געזונגען און צונג־קלימפּערט מיט גלעקלאַך און אַרומגערינגעלט דריי מאָל זייער קירך. די גאַס איז פול געוועזן מיט זייער געזאַנג און געשריי, און די קולות האָבען זיך אריינגעריסען אין רבי'ס בית־המדרש אריין. מען איז פּונקט געשטאַנען שמונה עשרה. אידען האָבען געהערט דאָס געזאַנג — דאָס דאַוונען די גוים צו זייערען. און פּונקט, ווען מיר שטעהען שמונה־עשרה, וויל דער שטן שטערען אונזערע תפילות... זיינען זיי געוואָרען צושראָקען און ניט געקאָנט מכון זיין די נויטיגע כונות. דאָס קירכען־געקלאַנג האָט אריינגעדרונגען אין שוהל אריין, מבולבל געמאַכט די מחות, און דאָס דאַוונען איז אַרויס אַ טרויעריגס, אַ צוריסענס. „דער שטן האָט, חלילה, מנצח געוועזן!" — איז אַ גרויסע שרעק די אידען בעפאַלען.

דערפאַר אָבער האָבען מיר געהאַט אַ דוד המלך, און ביי דוד המלך אויף דער וואַנט איז אַ פידעלע געהאַנגען. האָט דוד המלך אויסגע־שפּיעלט אויף זיין פידעלע די קאַפּיטלאַך תהלים, איז נישטאָ קיין איין צרה וואָס דוד המלך האָט ניט פריהער איינגעזעהן, אַז עס וועט

און דעם בעסטען, וואָס זיי האָבען נור אין זייער קאסטען בעהאַלטען געהאַט. עס וואַרפען זיך די רויט־קאַלירטע טיכער איבער די רוקענס, און עס פאַרבען זיך די רייך געפאַרבטע בענדער, און דאָס גאַנצע שטעטעל איז פֿול פון די קאָלירען, און וואו מען קוקט, רייסט עס אויף — מיט קרעלען־בעפּוצטע קעפּ פון די פּויערטעס, פון דער ווייסקייט פון פּויערשע מאַנטלען מיט די רויטע הויזען... און די קירכען־גלאָק קלינגט, קלינגט פון פריה־מאָרגען אָן, און יעדער קלאַנג גיט אַ ריס אין אידישען האַרץ...

נור אידען האָבען אויך נישט געשוויגען. עס לויפען אָן פוהרען מיט אידען איבער אַלע וועגען, שאַסייען אין שטעטעל אַריין. פֿלינק געכאַפּט אַן אכסניה, מען וואָהנט מניגים־ווייז אין איין שטוב. און געלאָפען אין מקוה אַריין זיך טובל זיין און אַרויף צום רבי'ן „שלום־עליכם'' אָבגעבען. עס זיצט דער רבי אין זיין ווייסען כאַלאַט אין „שלום־שטיבעל'', האַלט די האַנד אויסגעשטרעקט צום עולם. אַ תפילה ליגט אויסגעגאָסען איבער זיינע געשלאָסענע אויגען און אָפענע ליפּען. ער וויים, דער רבי, יעדען אידען'ס צרות; טרויעריג זיינען אידען און האָבען מורא. דער רבי זעהט די טרויעריגקייט און די אימה, וואָס קוקט אַרויס פון אידישע אויגען, ווען זיי גיבען איהם אָב „שלום־עליכם''. אַ יום־הדין שטעהט פאַר, אַ יום הדין פאַר גאָט און אַ יום־הדין פאַר בשר ודם. גאָט איז אָן אל רחום וחנון, אָבער דער בשר ודם... מיר זיינען אין גלות, אין גוי'אישע הענד. און דער רבי קרעכצט — טיעפע אידישע קרעכצען אויף אידישע צרות.

נור קוים רוקט דער שבת צו, געהט אַוועק דער אידישער טרויער מיט די אידישע צרות. מען לאָזט די רשעים אַרויס פון גיהנום, און מיט דער נשמה יתירה קומט דער בטחון און די אמונה אין דעם רבונו של עולם. פול אַנגעשטאָפּט מיט אידען איז דעם רבי'ס בית־המדרש, פערנומען דער הויף ביז אין דער געסעל אַריין, און פון אינווייניג שימערען אַרויס די ליכט, דעם רבי'ס ווייסער אַטלאַסענער כאַלאַט און יואל חזן'ס זיסע שטים. „רב לך שבת בעמק הבכא'', „קומי צאי מתוך ההפכה'' — האָט אין גאַס אַרום געקלונגען. אידען האָבען אונטערגעכאַפּט דאָס געזאַנג און האָבען געגלויבט אין די ווערטער און דערנאָך, אַז יואל האָט אויסגעלאָזט „כי בך יחסו עניי עמי'' — זיינען זיי שוין גאַנץ רוהיג געוואָרען.

ווערט די תורה פערשפרייט פון גאסטינין איבער דער גאנצער סביבה ארום...

און אזוי ווי ביי אידען, אזוי איז, להבדיל, אויך ביי גוים. אויף דער גאסטינינער ערד שטעהט די בעריהמטע דאמבראווער קירכע, וואס איהרע הייליגע בילדער טהוען וואונדער, און די גויים פון דער גאנצער מאזאוויצער ערד זיינען עולה־רגל אהין און שלאגען דעם שטערען אן איהר הייליגער שוועל. פרום איז דער גוי פון דער גאסטינינער ערד, און נישט צו איינעם ווייזען זיך הייליגע געשטאלטען אין די נעכט פון מאי־געבעט, ווען דער גוי זיצט אויס די גאנצע נאכט ביי די צלמים. דערפאר, אז עס קומט אן אן עת צרה אויף אידען, אדער אויף גויים — איילעןביידע פעלקער פון לאנד פוילען קיין גאסטינין.

פערשטאנען האט דער ביסקאפ פון דער דאמבראווער קירכע, אז אידען ווערען פאר'ן פראצעס קומען צום רבי'ן — האט ער אויסגערור־פען אן „אטפוסט" צום דאמבראווער הייליגער בילד, וואס איז הינטער גאסטינין, און, אויף להכעיס, אויף דעמזעלבען שבת, וואס אידען קומען צום רבי'ן.

בעלעבט איז היינט, פרייטאג, דער וועג קיין גאסטינין. עס פאה־רען אידען צום רבי'ן, די ארימע געהען צום פוס. עס געהען די גוים צום „אטפוסט" אין דער קירך אריין, וואס דער גלח האט אויסגערופען דוקא אויף דעם הייליגען שבת, כדי צו שטערען דאס געבעט, אז די תפילות זאלען אויפ'ן וועג צום שער־הרחמים פערבלאנדזשען אין שטן'ס האנד... נאר מיר האבען א גרויסען חזוק — דעם גאסטינינער רבי'ן... „אז איהר צו אייערס — געהען מיר צו אונזערס" — טראכט זיך נים איין איד, דערזעהענדיג די גוים. און נישט איין אידען פיהרט טאקע דער שטן אליין, דער גוי אויף זיין אייגענער פוהר. אויפגענומען אויף זיין וואגען דעם איד, אז ער זאל איהם שמערען אין זיין דאווגען... און נישט איין איד האט אויך די נארישקייט נעטהאן — אויפגענומען אויף זיין פוהר א גוי'ע, צו פיהרען זי אויפ'ן „אטפוסט" אין דער קירך אריין.

די שטאדט איז שוין פול. די גוים אין די נייע זונטאגדיגע רעק, וואס אידען האבען דורך די לאנגע ווינטער־נעכט אויפגענייהט. אויס־נעפוצט האבען זיך די פויערטעס פאר זייער גאט אין דעם שעהנסטען

כאַטש איין איד זיצט, ביי־טאָג און ביי־נאַכט, און זאָל דאָרט תורה לערנען; און דער קול התורה, וואָס האָט זיך געלאָזט הערען אין איהר אין דעם ערשטען טאָג, וואָס מען האָט די שוהל אויפגעעפענט, איז נאָך ניט פערשוויגען געוואָרען ביז היינטיגען טאָג. אידען גלויבען, אז ווען, חלילה, דער קול התורה אָדער דער נר תמיד וועט אין דער שוהל אויף איין מינוט איבערגעריסען ווערען, געהט די וועלט, חלילה, אונטער...

ווארים די גאנצע וועלט בעשטעהט נאָר אויף דער תורה, וואָס ווערט געלערענט אין דער שוהל... מתמידים זיצען דאָרט און לערנען יומם ולילה. ארום דער שוהל געפינען זיך די גרויסע ישיבות, בעקאַנט אין פוילען. ליעב האָבען די גאַסטינינער בעלי־בתים די בית־מדרש־בחורים און בעזאָרגען זיי מיט טעג — א חזקה שוין פון יאָהרען, — ציהט אַז די יוגענד פון די מקומות ארום אין די גרויסע גאַסטינינער ישיבות תורה צו לערנען. די ראשי־ישיבות מיט די משגיחים מיט די קאַפּלען אויף די קעפּ דרעהען זיך ארויף און אראָב אין די ישיבות, און דעם קול התורה פון אינגלאך און בחורים הערט מען פון גאַסטינין אויף וויאַר־סטען ווייט. הײמיש זיינען די בחורים ביי די שטאָדט־בעלי־בתים. די טאַטעס גיבען זיי עסען, און די טעכטער וואַשען פאַר זיי וועש... און האָט א איד אין די מקומות ארום א טאָכטער אויסצוגעבען, שפּאַנט ער דעם וואָגען איין און פאָהרט קיין גאַסטינין, קומט אין דער ישיבה צום רבי'ן אריין: „רבי, גיט מיר א חתן פאַר מיין טאָכטער". פיהרט דער רבי אַ בחור ארויס פון דער ישיבה: „נאַ, דאָ האָסטו א חתן פאַר דיין טאָכטער". נעהמט זיך דער איד זיין איידים אהיים: „דאָ האָסטו דיר דיין ברויט, דיין קלייד, דיין ווייב מיט דיין שטוב, און זיץ מיר און לערן".

אין יעדער אידישע שטוב איז דאָ אַן איידעם א לערן־קינד, וואָס זיצט א גאַנצען טאָג איבער די גרויסע גמרות. עס ארבייט דער שוועהר, די שוויגער, די זיהן, די טעכטער; די ווייבער פאָהרען אויף די יאָהר־מערק און שלאָגען זיך מיט גוים, און אין דער היים זיצט דער איידים און לערנט. מען קאָכט פאַר איהם יויכלעך, און מען האָט דרך־ארץ פאַר איהם. און פאָהרט דער שוועהר אין די גרויסע שטעדט אריין, ברענגט ער מיט אין אַ עק פון זיין וואָגען די ספרים פון יאָהר־מאַרק פאַר זיין איידים. אין יעדע אידישע שטוב איז דאָ א שאַנק מיט ספרים, ש"ס, רמב"ם, שאלות תשובות, ראשונים און אחרונים... אזוי

VI

# די מלחמה צווישען די געטער

עס זיינען אנגעקומען שווערע צייטען אויף אידען. דער נוי, דער „קאני־קראד", וואס מען האט געשלאגען אויפ'ן מארק, איז געשטארבען פון די קלעפ. דער איד, אייזיקל גנב, איז א געזונטער ארויסגעקומען. האבען די גוים נעזאגט, אז „זייערען" האבען די אידען לעבען געלאזט און „אונזערען" האבען זיי גע'הרג'עט. א לויה האט מען געמאכט דעם גנב, גלייך ווי ניט א קאני־קראד וואלט געשטארבען, נור א היילינגער. די קירך האט א גאנצען טאג געקלונגען, און דער קלאנג האט אויף אידען א שרעק אנגעווארפען. זיי האבען פערפיהרט א פראצעס, א „שרייבער" האבען זיי זיך פון דער גרויסער שטאדט געלאזט ברענגען, אז ער זאל זיין זייער מליץ יושר, און ארויפגעלעגט דאס גאנצע פעקעל אויף אידען. געהערט האט מען שוין, אז מען האט א פאר אידען, שניידער, די ריכטיגע אנפיהרער פון געשלעג, אין וואך ארייננגעזעצט און רב שלמה'ן האט מען גערופען אין „ראטהויז" אויפ'ן פערהער. געוואלט האט מען איהם פערהאלטען, איז אבער געווארען א געוויין אין שטאדט, האט מען איינגעלעגט א הויז אין ערבות און איהם ארויס־געלאזט. איז די שרעק בעפאלען אלעמען פון קליין ביז גרויס, און מען איז געלאפען קיין גאסטינין, צום רבי'ן.

די גאסטינינער ערד איז געווען פרומע ערד. פון יאהרען־לאנג איז דארט געשטאנען די אלטע גאסטינינערשוהל, וועגען וועלכער מען דערצעהלט זיך אב ביי אידען וואונדער־מעשיות, וואס אין איהר איז געשעהן. וויפיעל תפילות, וויפיעל אידישע טרעהרען האבען איהרע אלטע הונדערט־יעהריגע ווענט שוין אין זיך איינגעזאפט! קליין איז די שוהל פון דרויסען, כדי זי זאל זיך ניט ווארפען די גוים אין די אויגען. און זינט אידען זיינען אין גלות, מוז די אידישע שוהל זיין ניע־דעריגער פאר זייער קירך... נאר דער נר תמיד, וואס מען האט אין איהר אנגעצונדען פאר הונדערטער יאהרען, ברענט נאך דארט ביז אויפ'ן היינטיגען טאג. און א חזקה איז עס, אז אין שוהל זאל תמיד

א מינוט האט זיך רב שלמה אבגעשטעלט, בלייך געווארען, גע־קוקט אויף איהר. די מויד האט איהם ווידער געשיקט איהרע בליקען פון איהרע גלענצענדע אויגען און טיעף אריינגערדרונגען אין זיינע אויגען, ווי זי וואלט געוואלט דורך איהר בליק איהר גאנצע זעהנזוכט און וואונש פון איהר ווארים בלוט אויסדריקען. איהר פולע ברוסט האט הויך געקלאפט און זיך געהויבען און געשלאגען פון איהר לייכטען ווייסען קאפטעל. זי איז געזעסען אויף איין ארט און הינטיש בעטענ־דיג געקוקט אויף איהם... דער איד האט געפיהלט איהר ווארימען בליק און א ציטער איז איהם אדורך דורך דער לייב. ער איז פלינק אריין אין זיין קאמער, זיך פערמאכט און הויך, פרום און מיט'ן גאנצען הארצען קריאת־שמע געלייענט.

צו מארגענס בעגינען, ווען רב שלמה איז געזעסען אויף זיין וואגען, און די פאר שטארקע האבען איהם געטראגען איבער דעם פייכטען וועג, וואו ארום און ארום זיינען געשטאנען די פארטיג־געוואקסענע תבואות אויף די פעלדער, די פרוכטען אין די סעדער, אלץ בעהויכט און דורכגעטונקט מיט דער פייכטקייט פון מארגען — האט א גרויסע פרייד און א גרויסער שטאלץ אנגעפילט זיין הארץ איבער דעם, וואס דער רבונו של עולם איז איהם בייגעשטאנען, און ער האט גובר געווען זיין יצר הרע... און עס האט זיך איהם געדאכט, אז די אלטע פעל־דער און סעדער וואקסען דאס פאר איהם, פאר איהם ווערען זיי רייף — אז ער זאל זייערע תבואות קויפען. און מיט דעם גרויסען בטחון אין רבונו של עולם איז ער זיין וועג נעפאהרען — גרויסע געשעפטען מיט דעם גרויסען לוצקער שררה צו מאכען.

זיינען זיי אהער געקומען. אין טייך טובל זיין זייערע נשמות, איידער זיי זיינען אין הימעל ארויף צום בית־דין של מעלה. א חברה זינדיגע נשמות געווען וואָס מען האָט נישט געלאָזט אין הימעל אריין, און מיט דעם, וואָס דער רבי האָט זיי געזאָגט „שלום עליכם", האָט ער זיי ארויפגעבראכט אין הימעל אריין.

— אזא איד איז געווען דער אלטער נאסטיניגער — ווענדט זיך דער אלטער פישער צו די יונגע — דאס וואס איהר כאפט איצט פיש אין טייך, האט אלץ דער רבי געמאכט; אז נישט וואלט פון טייך א זומפ געווארען.

דער איד האָט געענדיגט זיין ערצעהלונג. עס זיינען נאָך געזעסען די פישערס פערטראכט און געקוקט טיעף אין טונקעלען וואסער אריין און צוגעהערט זיך צום קלאַפּען פון די שיפלאך אין די וועלען פון וואַסער פון דערווייטענס. עס האָט זיך געדאַכט אז זיי פערנעהמען דעם רבי'ס „שלום עליכם", וואָס האָט געשוועבט איבער'ן וואסער. באלד זיינען די שיפלאך צוגעשוואומען צום ברעג און געשלעפּט א שווער־אנגעפילטע נעץ מיט א גוט געווינס; די יונגען האָבען זיך אנגעהויבען צו רודערען, אויפגעשטעלט די טונען מיט וואסער, אנגעצונדען די שטורקאצען, און ביי דעם ליכט האָבען ברוך לענסקער'ס זיהן אנגע־הויבען ארויסצוואַווארפען פון די שיפלאך אויפ'ן ברעג גרויסע העכט, לעשטשעס, קארפּען, וואָס זייערע נאַסע טונקעלע שופּען האָבען גע־בלישטשעט אין פלאַם פון די שטורקאצען. די יונגען האָבען די גרויסע פעטע פיש אריינגעלאָזט אין די גרויסע טונען וואסער, און עס האָט זיך געדאכט, אז די פיש, וועלכע קומען ארויס פון דער טיעפעניש פון דער טייך, זיינען דאס די פערוואַנדעלטע פרויען, וואס זיינען אויף שטענדיג אין וואסער פערטריבען געוואָרען און זיינען מגולגל געוואָרען אין די טונקעלע לעבעדיגע פיש...

אז רב שלמה איז דערנאָך אריין צום פישער נעכטיגען, האָט ער נאָך געטראַפען די מויד זיצענדיג אין קיך און ווארטענדיג... איהר קאָפּ האָט זי געהאט געוואַשען, די שווארצע צעפּ פערפלאכטען אין רויטע בענדלאך און האָט זיי פערבונדען ארום איהר קאָפּ. זי האָט געהאלטען א שפּיעגעלע אין האַנד און זיך בעטראכט דערינען.

פון, עס איז אַ גרויסער סוד, און וואָס דו וועסט זעהן, זאָלסטו שווייגען, זאָל גאָט אָבהיטען".

פאַרנאַכט האָב איך איינגעשפּאַנט מיין וואָגען און געוואַרט היג־טערן שטאָדט, ווי עס איז געווען אָבגערעדט מיט'ן שמש. איך גיב אַ קוק — דער רבי מיט'ן שמש געהען אין פראָסטע קליידער, כדי מען זאָל זיי ניט דערקענען. פלינק ארויף אויף דער פוהר, און מיר פאָהרען. דער טייך איז נישט ווייט, אַ וויאָרסט צעהן. און אַ נאַכט אין דענסט־מאָל געווען — אַ מחיה. די לבנה איז ערשט ארויס אויפ'ן הימעל, זו־מער־לעב. גיך זיינען מיר אָנגעקומען צום לענסקער וועלדעל ביים טייך. דער רבי איז אראָב פון וואָגען, אריין אביסעל טיעפער אין וואלד געשטעלט זיך אונטער אַ בוים און מעריב געדאַוונט. געקרעכצט, גע־בער, אוי, געקרעכצט! איך מיט'ן שמש — הינטער איהם. נאָך מעריב זאָגט ער צו מיר: — „בלייב דו ביים וואָגען, און איך וועל מחדש זיין די לבנה".

וואַרט איך און זעה, ווי אָט הויבען זיך שוין אָן די פרויען צו בע־ווייזען. דאָס האַרץ קלאַפּט מיר. דער רבי קוקט נישט אויף זיי, נאָר נעהמט ארויס דאָס סדור'ל און הויבט אָן מחדש צו זיין די לבנה. איך קוק הינטער מיר — די פרויען האָבען זיך אַלע אויסגעזעצט אין וואַסער און הערען זיך איין, ווערען נישט פערשוואונדען. פלוצים, ווי דער רבי זאָגט אַזוי צו אונז „שלום עליכם", און מיר ענטפערען איהם „עליכם שלום", — גיט ער זיך אַ דרעה אוים צו די פרויען און זאָגט צו זיי: „שלום עליכם!" ווי זיי האָבען נור דערהערט דאָס וואָרט, איז, ווי דו וואָלסט זיי פון וואַסער אָבגעווישט — אונטערגעטונקט און ניטאָ מעהר.

נאָך דעם מחדש זיין די לבנה האָט זיך דער רבי געשטעלט ביים ברעג און גערעדט אין וואַסער אריין: „איך בין גוזר אויף אייך, איהר זאָלט מעהר דאָ נישט אהער קומען אייערע נשמות טובל זיין; אידען דאַרפען פיש אויף שבת".

און פון דענסטמאָל אָן — שאַ! מען הערט נישט און מען זעהט נישט, ווי מען וואָלט דאָס וואַסער מיט אַ האַנטוך אָבגעווישט.

דער שמש האָט אָבער דאָך דערנאָך דערצעהלט. עס זיינען געווען די מתים פון דעם דערבייאיגען בית־עולם, וואָס ליגט אויפ'ן באַרג...

ביטער געוויין, אז דאס הארץ ווערט צושניטען... קוים מיט צרות זיך צום ברעג צוגעשיפט. דאס לעבען איז טהייערער ווי אלץ.

די נאכט איז געלעגען שווארץ־טיעף פערזונקען אין די גרעזער. טיעף פערזונקען אין וואסער. פון דערווייטענס האט זיך געהערט, ווי די פישערס קלאפען לייכט מיט זייערע רודערס איבער דעם אויבער־פלאך פון וואסער, און יעדע מינוט גיט עס אין וואסער א צוג. פאלט א שטערן איבער דער טונקעלער נאכט אין וואסער אריין, און עס דוכט זיך, אז אט באלד וועלען ארויסטויכען פון טייך די וואסער־פרויען, וועגען וועלכע לייזער פישער דערצעהלט.

— און וואס איז געווארען דער סוף ? — פרעגען די יונגע פישערס מיט אומגעדולד.

— דערווייל ווערען פיש טהייערער אין די ארומיגע מקומות. א קלייניגקייט, לענסק גיט קיין פיש נישט ! די פיש שווימען דיר איבער דעם ברעג — נו, געה כאפ זיי ! אפילו ווען דו וועסט זיי כאפען, ווילען אויך די ווייבער קיין לענסקער פיש ניט קויפען. איך לויף צום שררה : „געוואלד, פאני לעבען ! אן ארימאן א איד, דריי הונדערט גילדען !” דער שררה, א רשע, זאגט : „וואס זאל איך דיר טהאן ? פאהר צו דיין רבי'ן, זאל ער דיר העלפען”. איך גיב מיר א טראכט : אין א גוטער שעה אפשר האסטו רעכט. וואו איז טאקע געוועזן מיין שכל ביז איצט ? — איך פאהר קיין גאסטינין, רייס מיך אריין צום רבי'ן — א פראסטער איז ער דאך געוועזן און א צוגעלאזענער ; ווער עס האט געוואלט — קוט אריין און זאג : רבי, אזוי און אזוי ! און איך וויל שוין גאר נישט פאר מיר, אפשר בין איך נישט ווערטה, נאר פאר'ן כלל — ארימע־לייט, נעבעך, קענען אויף שבת קיין פיש ניט קויפען. אין די אלע מקומות זיינען פיש טהייער געווארען. דער רבי רופט אריין דעם שמש, און דער שמש זאגט אויך דאסזעלבע : „א גילדען א פונט פיש. א האלבע שטאדט שוין די דריטע וואך אהן פיש. און נישט בלויז ביי אונז”. דער רבי דרעהט זיך ארויף און אראב איבער דער שטוב. מיט אמאל מאכט ער צו מיר : — „האסטו שוין דעם חודש מחדש לבנה געווען ?” — „ניין”, — זאג איך. — „האסטו דא דעם וואגען ?” — „יא”, — זאג איך. — „מיר פאהרען היינט אויף דער נאכט צום טייך. נאר געדענק, זאלסט קיינעם נישט זאגען דער־

קיין מיליאָן אויך נישט. מיין לעבען און מיין אמונה איז מיר טהייי־ערער".

גנעה איך צו אַן אנדער פישער: „פּערוואַרף מיר די נעץ אין טייך" — „מיין לעבען און מיין אמונה איז מיר טהייערער". ניט גוט, טראַכט איך מיר. לויף איך צו אַנטאַניעז. אַ גוי געוועזן דרעמאַלט אַ וואַיאַק, בעקאַנט געוועזן אין די מקומות פאַר „אַ לעבען איינשטעלער": „גנעה, פּערוואַרף מיר די נעץ אין טייך". — „אַז דו וועסט מיטגעהן. אין צווייען גנעה איך, איינער נישט".

קלער אַהין, קלער אַהער דריי הונדערט גילדען איז דאָך עפּעס געלד, און אַ ווייב מיט קינדער זיינען ניט קיין שטיינער אויף דער גאַס. גוט, זאָג איך. איך שטעל איין דאָס לעבען. מיר נעהמען אַ פוהר, פּערפאַהרען צו ברוך'ן. זאָגט ער צו מיר: „לייזער, לאָז אָב, זעהסט, די פענסטער, וואָס געהען ארויס פון מיין שטיבעל צום טייך, האָב איך פערהאַקט — איך וויל ניט זעהן, וואָס דאָרט טהוט זיך ביי־נאַכט. אַ גאַנצע נאַכט האַלט איך דעם סדור אויפגעמישט ביי „שמע ישראל" און דאַפּעלטע מזוזות אנגעשלאָגען.

איך קוק אויף גאָר נישט. קום, זאָג איך, צום גוי. מיר וואַרטען ביז עס ווערט טונקעל. זומער, עס ווערט שפּעט פינסטער. די נאַכט וואַרפט זיך שוין צווישען די קשאַקעס אין טייך אריין. לאָזען מיר זיך מיט'ן שיפעל, פּערוואַרפען די נעץ. צוערשט גאָרנישט. עס פאַלט די נאַכט ביסלעכווייז, ביז עס ווערט גאַנץ טונקעל. פּלוצים זאָגט צו מיר דער גוי: „לייזער, גיב נור אַ קוק!" איך גיב אַ קוק. איהר זעהט דאָרט אין טייך, וואו דאָס שיפעל פּערפאַהרט איצט, דאָרט פון יענעם עק ביי די קשאַקעס, גיט זיך אַ טיוך אַ פרוי, אַבער אַ פרוי, ווי אַ פּריצ־טע, מיט נאַסע האָהר, גיט זיך אַ קוק ארום איבער'ן וואַסער מיט אַ פּאָר גרינע אויגען, ווי אַ לעמפּעל וואַלט דיר ארומגעלאָפען איבער'ן וואַסער און אַ ברום כאַ־כאַ־כאַ און טיוך אונטער'ן וואַסער. אין אַ מינוט ארום אַ גאַנצע סטאַרע דאַמען, אַ צוואַנציג שטיק. אַלע האָבען זיי אויסגעזעהן גלייך, אַלע מיט גרינע אויגען און לאַנגע נאַסע האָהר. אַ זעץ־אויף זיך אין וואַסער ביז'ן האַלבען לייב — כאַ־כאַ־כאַ! איך גיב אַ געשריי: „שמע ישראל", דער גוי, להבדיל: „אוי, יעזוס". דו זעהסט שוין ניט, נאָר דו פיהלסט פון וואַסער אַזאַ ברומען, אַזאַ

— אז אלע אידען פאהרען, וועל איך אויך אויף שבת זיין.

— מען מעג פאהרען צו איהם, רב שלמה. אוי, מעג מען. — דער־צעהלט ווידער דער אלטער פישער דער בעל־תפלה. — איך האב נאך זיין פאטער, דעם אלטען גאסטינינער, געקענט. איז דאס געווען א איד, ווען ער האט אונז דעם לענסקער טייך אבגערייניגט! איהר געדענקט נישט, פישערס, ווען די טייך איז געשטאנען א „טמא", די פיש זיי־נען איבער די ברעגעס געשוואומען, און קיינער האט זיך צו זיי ניט צוגעריהרט; די טייך איז געווען פערשאלטען. שנעקעס זייט איהר נאך דעמאלט געווען. מיר, אלטע פישערס, געדענקען עס, ווען עס האט פון טייך „געסטראשעט" מיט ניט גוטע. אך, ווען ניט דער אלטער גאסטינינער, זכרונו לברכה, וואלט איהר ניט היינט אויף די זאמדען פיש געכאפט.

— דערצעהלט, רב לייזער, דערצעהלט. רב שלמה וויל אויך הערען.

— ווערען אידען נייגעריג.

דער איד רוקט זיך נעהנטער צו צו רב שלמה'ן און הויבט אן דער־צעהלען, און זיינע ווערטער ווערען פערשוואונדען אין דער שווארצער נאכט אריין.

— פארצייטענס, רב שלמה, ווען עס איז נאך ניט געווען דער נייער גאסטינינער וועג, איז מען געפאהרען צום טייך מיט'ן אלטען פויילישען וועג. ברוך לענסקער האט דארט דעמאלט געוואהנט אויף יע־נער זייט טייך. איך האב גענומען דאס טייך, בעצאהלט דעם שררה דריי הונדערט גילדען, און דא הויבט מען אן צו רעדען, אז פישערס ווי־לען ניט די נעץ פערווארפען אין וואסער — עס „סטראשעט" מיט שדים. אידען — סוחרים, שניידערס, שוסטערס פאהרען אויף די יאהר־מערק, קומען אהיים, דערצעהלען מיאוס'ע זאכען. איינער האט געזעהן פון טייך ווייסע גענז ארויסגעהן, זיינען זיי נאכגעפאהרען די גענז, געוואלט זיי כאפען. מיט אמאל ווערען די גענז ניט, און די פוהר ליגט אין א בלאטע, ניט ארויסצוקריכען. אנדערע דערצעהלען, אז זיי האבען ביי־נאכט געזעהן פרויען זיך באדען אין טייך, געפאטשט אין וואסער און הויך געלאכט. עס דערצעהלט איינער, א צווייטער, און מען הויבט אן צו ווייכען דעם וועג ביים טייך. עס רוקט זיך אן מיין טערמין, איך געה צו א פישער א גוי: „פערווארף מיר די נעץ אין טייך", — „פאה,

װעלכע האָבען אָבגעװאָרט די נעץ מיט די פיש, װאָס די יונגע פישערס װעלען צופיהרען אויף די שיפלאך צום ברעג, דערװייל געשמועסט אין װאַסער אריין, דערצעהלט מעשיות פון שדים, פון ל״ו־ניקעס, און זייער געשפרעך איז, װי בליי, אריינגעפאַלען און פערטרונקען געװאָרען אין דעם שװאַרצען טייך. אז זיי האָבען דערזעהן רב שלמה׳ן (זיי האָבען געװאוסט, אז רב שלמה נעכטיגט אין דאָרף), האָבען זיי זיך אויפגעשטעלט, אָבגערוקט זיך און געמאַכט איהם אַן אָרט צװישען זיך.

— איהר שלאָפט נישט, רב שלמה?

— נאָך פריה. װעגען װאָס רעדט איהר, אידען?

— אָט זיצען מיר און דערצעהלען זיך מעשיות פון אַלטען גאַסטינינער רבי׳ן, — זאָגט לייזער פישער, װעלכער האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ למדן, װאָרים ער איז געװען דער בעל־תפלה אין דער פישער־חברה, — מיר װילען דאָס פאָהרען אויף שבת־תשובה פאַר׳ן משפט. רב שלמה װייס דאָך, אז דער גוי איז געשטאָרבען.

— װעלכער גוי? — דער גנב פון יאָהר־מאַרק?

— יאָ, דעם גוי האָבען זיי גע׳הרג׳עט. איצט װאַרפען זיי אַלץ ארויף אויף די אידען — אז מיר האָבען גע׳הרג׳עט דעם גוי. און דער גאַנצער פּראָצעס פאַלט אויף אונז. זיי האָבען זיך גענומען אַ „שרייבער“, ער זאָל פיהרען דעם פּראָצעס.

— אונזער פּראָצעס װעט פיהרען דער רבונו של עולם! — האָט זיך אָבגערופען אַן אַלטער איד, װאָס זיין װייסער באָרד האָט געלויכטען אין דער טונקעלער נאַכט אריין — מיר װעלען פאָהרען קיין גאַסטינין, דער רבי זאָל פאַר אונז מתפלל זיין.

— זיי פאָהרען אויפ׳ן „אָטפּוסט“ צו זייער „הייליגען“. אז איהר פאָהרט זיך צו אייער גאָט, פאָהרען מיר צו אונזערען, און מיר װעלען זעהן װעלכער איז שטאַרקער, — רופט זיך אָב אַ יונגער פישער, אַ גראָבער יונג.

— װען פאָהרט איהר? — פרעגט רב שלמה.

— אויף שבת תשובה. דער משפט װעט זיין אַ טאָג פאַר ערב יום־כפור, װילען מיר שבת־תשובה ביים רבי׳ן זיין. קראָשענװיץ פאָהרט, זשאַכלין פאָהרט — אַלע פון די מקומות פאָהרען, װאָס זיי האָבען „אויפגעשריבען“, אז דער רבי זאָל מיט אונז תהילים זאָגען. רב שלמה װעט דאָך אויך זיין?

— דו דארפסט אַ כלה ווערען, רחל׳ע, — האָט איהר רב שלמה געזאָגט אַ בלייבער, — נאַ, בעהאַלט דיר דאָס, ווערסטו האָבען צו שטייער אויף נדן. דו דארפסט אַ כלה ווערען, רחל׳ע!

דאָס מיידעל האָט געלאָזט פאַלען דאָס הונדערטער אויף דער ערד און האט איהם געקוקט מיט צער אין פנים אריין, און פון איהרע אויגען האָבען ארויסגעשפּראָצט די טרעהרען אזוי גרויס און פול, ווי די פּעריל.

דאָס האט איהם געריהרט, און ער האט זיך פאַרוואורפען געמאַכט פאַר דער שטאָלצקייט. „האָסט צוגעוועהנט דאָס מיידעל צו דיר" — האָט ער זיך געזאָגט, און ער איז שוין גרייט געווען אַ טריט נעהנטער צו טהאָן צו איהר און אויסגעשטרעקט די האַנד נאָך איהר, ווי דאָס מיידעל מיט פערמאַכטע אויגען האָט זיך אין זיין האַנד ווי אַ קרבן איבערגעגעבען... נאָר באַלד האָט ער געקלעהרט: יעדע אידישע טאָכטער איז ווי אַ מלך׳ס אַ טאָכטער, און זי ווערט אַמאָל ווערמעס ווייב זיין. דאָס האָט איהם צוריקגעשטעלט. ער האָט צו איהר געזאָגט מיט אַ ווייכער, ווארימער שטימע:

— ניין, רחל׳ע, דו דארפסט אַ כלה ווערען, רחל׳ע, און גאָט זאָל דיר געבען, דו זאָלסט דיין בעשערטען געפינען, — און ער איז פלינק פון שטוב ארויס.

---

די נאַכט איז געווען אַ טונקעלע און אַ ווארימע, כאָטש שוין אַן אלול־נאַכט. אַלע פרוכטען און געוויקסען זיינען שוין רייף געווען, און ביי־נאַכט האט דאָס די מיילער געעפענט און ארויסגעהויכט פון זיך דעם פעטען פריכטען־געשמאַק. פּעט איז די ערד ארום די לענסקער טייכען, רייך מיט סעדער, און דער עפּעל און די בארן, אז זיי ווערען רייף, צושיקען זיי זייער ריח און פילען אָן די לופט. ליכטלאַך האָבען זיך געלויכטען פון די גערטנער ארויס, וואו אידען זיינען געזעסען אין די סעדער צווישען גרינס. ליכטלאַך האָבען נעבלאָנדזשעט איבער די טונקעלע טייכען פון די פישער, וועלכע האָבען פערשפּרייט די נעצען, די פיש צו כאַפּען איבער נאַכט. אַלץ האָט זיך גע׳טובל׳ט אין געדיכטען, פעטען טונקעלען גראָז, וואָס איז פול געווען מיט נאַכט־טוי. רב שלמה איז ווייט געגאַנגען אין דער נאַכט ביז ער איז אָנגעקומען צו די ברעגעס פון טייך. דאָרט זיינען געזעסען די אידען די פישערס.

ער האט איצט פארגעסען פון אלין און הנאה געהאט פון עסען און פון דעם וואס זי שטעהט הינטער איהם, ביי דער טיר, שטעהט און קוקט ווי ער עסט, ווארט, ווי א געטרייער הונט, און הערט איהר הארץ קלאפען פון דערווייטענס

לאנג און הויך האט ער געצויגען דעם בענשען און פרום און ערנסט געבענשט. און זי איז נאך אלין געשטאנען אויף איין ארט ביי דער טיר און האט נישט אראבגענומען די אויגען פון איהם. בעטראכט איהם, בעטראכט און געווארט, און דאס הארץ האט איהר געקלאפט ווי מיט האמערס.

אין שטיבעל איז קיינער ניט געוועזן. די מוטער איז שוין געשלאפען, און די שוועסטער איז אוועק צו א שוועגערין, עס האט זיך נאר געהערט דאס שנארכען פון ברוך לענסקער. רב שלמה האט נאכ'ן בענשען ארויסגענומען זיין רעכען־ביכעל און דערינען אריינגעקוקט. די מויד האט אלין געווארט, געשטאנען אויף איין ארט און נישט ארבגענומען איהרע אויגען פון איהם. אז ער האט זיין רעכען־ביכעל צוגעמאכט, האט די מויד געפרעגט פערשעהמט, מיט אראבגעהאלטענע אויגען צו דער ערד:

— וואו וועט רב שלמה שלאפען? וואו שטענדיג?

רב שלמה האט געשאקעלט מיט'ן קאפ אויף יא און ווייטער געוועז פערנומען מיט זיינע זאכען. די מויד איז פלינק אריין אין קאמער, אין דער צווייטער שטוב. רב שלמה איז איצט אומרוהיג געווארען. דאס הארץ האט איהם געקלאפט, און זיינע נאזלעכער האבען געציטערט. ער האט אנגעהויבען שפרייזען איבער דער שטוב מיט פלינקע טריט. ער האט געוואלט ארויס פון שטוב, און האט נישט געקענט. ער איז אריין אין קאמער. רחל'ע איז געשטאנען ביי דעם בעט, וואו ער האט געזאלט שלאפען, און אויסגעשפרייט א פרישע ליילעך. אז זי האט איהם דערזעהן שטעהענדיג פאר איהר, האט זי אויפגעעפענט די אויגען מיט די ליפען און געקוקט איהם אין פנים אריין. איהרע אויגען האבען א גלאנץ געווארפען, און איהרע צייהן האבען זיך ארויסגעביסען אויף איהרע ליפען, און זי האט געקוקט אויף איהם האלב אין חלשות און געווארט, און געווארט ווי א געטרייער הונד... און דאס הארץ האט איהר הויך געקלאפט.

— רב שלמה לאנג שוין נישט געווען ביי אונז. מיר האבען אזוי געווארט! — דערביי איז זי רויט געווארען און אין פערלעגענהייט שטעהן געבליבען אין א ווינקעל.

רב שלמה ענטפערט נישט.

— רב שלמה איז אודאי הונגעריג; דאס עסען וועט באלד פארטיג זיין.

און זי קוקט איהם מיט שרעק אין די אויגען אריין — מסתמא איז דער סוחר ביית. זי בעטראכט איהם. נאר אז זי זעהט אז רב שלמה ענטפערט נישט, שווייגט זי און ווארט א מינוט אין שטוב. איהר הארץ קלאפט אין דער הויך אזוי, אז רב שלמה הערט עס, הערט, ווי זי ווארט און קוקט איהם מיט געטריישאפט, ווי א הונט אין פנים אריין, און ווארט אויף עפעס, כאטש אויף א גוט-ווארט, און ער קאן עס נישט איבערטראגען, — רופט ער זיך אן צו איהר מיט א שמייכעל אין בארד אריין.

— און וואס מאכט עטץ? נישט אויסגעקומען, רחל׳ע, דא צו זיין. אפשר איצט אפטער. וואס, אפשר שוין א כלה געווארען?

די מויד ווערט רויט פאר פרייד, ענטפערט מיט האלב-פערשטענד־ליכע ווערטער און ברעכט אב אין מיטען. נאר זי קוקט, קוקט אויף רב שלמה׳ן מיט פרייד און דאנקבארקייט פאר זיינע ווארימע רייד,' וואס ער האט גערעדט צו איהר, און וויל שוין מעהר גארנישט. זי געהט גליקליך פון שטיבעל ארויס און הויבט אן צו דערלאנגען אויפ׳ן טיש. ביים וואשען האט זיך רב שלמה אומגליקליך געפיהלט. אט האט ער שוין געגעבען די האנד דעם יוצר הרע, נאר אינערליך האט ער זיך נישט געפיהלט שולדיג און זיך געפיהלט גענוג שטארק. איבריי־גענס, האט ער זיך פערלאזט אויפ׳ן רבונו של עולם, אז דער רבונו של עולם וועט איהם נישט לאזען קומען צו קיין עבירה.

רחל׳ע האט דערלאנגט דאס עסען פאר רב שלמה׳ן און האט קיין איינציג ווארט נישט גערעדט. דאס פנים האט איהר נאך געפלאמט, ווי פייער, און דאס הארץ האט הויך געקלאפט פון אונטער דעם לייכטען ווייסען קאפטעל. די האאר האבען זיך איהר נישט געהאלטען און ארויסגעפלאכטען זיך פון די צעפ. אז זי האט דערלאנגט דעם טעלער צום טיש, האבען איהר די הענד געציטערט. רב שלמה האט דאס אלץ באמערקט, און איהר אומרוהיגקייט האט איהם הנאה געטהאן.

רב שלמה האט געפרואווט צו קלעהרען וועגען לוצק, וועגען די צוויי טויזענד זעקלאך ווייץ, וואס עס שטעהט איהם פאר מארגען צו קויפען, וועגען דעם וואס לייבוש קראַשענוויצער האט נישט אויסגעקויפט די שעפסען, און וועגען דעם משפט, וואס שטעהט פאר איבער די צוויי גנבים, וואס אידען און גויים האבען בשותפות געשלאגען אויפ'ן יאהר־מארק. אבער פון דעם אלעס שווימט איהם אויפ'ן געדאנק ארויס „דוד המלך מיט בת־שבע"... „זי האט זיך געוואשען אויפ'ן דאך, און דער קעניג האט זי געזעהן"...

און ווידער טראכט ער:

— שלעכט געטהאן, דא פערפאהרען. מיט'ן יוצר הרע טאר מען זיך נישט שפילען.

נאר באלד איז זי, רחל'ע, אריין אויף דער שוועל פון דער טיר. ער האט געקוקט אויף איהר... געוועזן איז זי איצט אנגעטהאן אין א ריין געוואשען ווייס קאפטעל, און די שענסטע שירין פון קאסטען ארויס־גענומען. און די שווארצע געדיכטע האאר, ווי א ים וואסער, בעלעגען איהר קאפ, און גרויסע אויגען האט זי, און א שטארקען ווייסען האלז, וואס קוקט ארויס פון אויסגעשניטענעם קאפטעל, און רויטע ליפען, און שטארקע ווייסע ציינער, און אז זי לאכט, לאכט אלץ מיט איהר. זי שטעהט און קוקט איהם אין די אויגען אריין, און א גרויסער פרייד שפראצט פון איהר פנים ארויס, אז זי בעדינט דעם סוחר. זי וויל איהם זיין וואונש פון די ליפען אראבשארען... יא, ער האט מורא פאר איהר... ער ווייס אז זיין הארץ איז שטענדיג געווען גענויגט צו איהר. און נאך דער ווייבס טויט, ווען ער האט געקלערט וועגען א שידוך, האט ער געקלערט וועגען איהר, — פון דער עבירה מאכען א מצוה... פון א שטארקער משפחה קומט זי ארויס: צעהן ברידער, ווי די ריזען. א שטארקער דור וואלט ארויסגעקומען פון איהר. נור ער האט עס ניט געוואלט טהאן פאר די קינדער. די קינדער וועלען זיך שעמען. און צוליעב נעכע'ן, עליה השלום, און צוליעב דער וועלט, האט ער גענומען א בת נדיבים.

אין שטיבעל איז קיינער נישט געווען. רחל'ע איז געבליבען מיט רב שלמה'ן אליין. א מינוט האט זי געווארט. צום סוף זאגט זי:

של עולם !" ווארום א גרויסער נסיון איז איהם פארגעקומען בייצר־שטעהן — רחל'ע, ברוך לענסקער'ס אינגערע טאכטער.

שוין לאנג, ווי ער פיהלט, דער יצא הרע שטופט איהם צו איהר... נאך דענסטמאל, בשעת נעבע האט נאך געלעבט. אבער זינט ער האט חתונה געהאט מיט דער יונגער ווייבעל, האט ער ביי זיך דעם יצר הרע אראבגעווארפען. און א פאר מאל איז ער איהם שוין ביר־געשטאנען... נור היינט, איצט, און ביי רחל'ען... גאר צו פיעל געוועהנט איז ער געוועזן צו איהר, דערפאר בעט ער איצט מיט א צובראכען הארץ און שטעהט לעננער שמונה עשרה.

און אזוי ווי ער שטעהט איצט, און דאס הארץ און מחשבה איז זיך מתכון צום רבונו של עולם, הערט ער איהרע טריט. מיט גרוים פאראד גרייט זי צום טיש פאר'ן סוחר, און ער הערט ווי איהר פרייד אויף זיין קומען שפראצט ארוים פון איהר גאנג. ער הערט עס אין די בעוועגונגען איהרע, אין די טריט איהרע, אין דעם קלאנג פון די טעלער, וואס זי גרייט צום טיש — און עס נעהמט איהם ארום א ווייך גע־פיהל צו איהר... א רחמנות און א צערטליכקייט... מען טאר נישט פערשעמען קיין געפיהל, פון וועמען עס קומט אויך — טראכט ער זיך, — זי איז דאך אויך א בעשעפעניש ! און ער הויבט אן מורא צו קריגען פאר זיך... און האט פערדראס, פארוואס ער איז אהער פערפאהרען, פארוואס ער האט זיך איינגעשטעלט. אבער באלד גע־פינט ער דעם בטחון אין רבונו של עולם. דער רבונו של עולם וועט איהם ניט פערלאזען, ווארום וואס וואלט דען פון דעם מענשען גע־ווארען, ווען ניט דער רבונו של עולם ? — ער פיהרט דאך אלע אונ־זערע מעשים.

אז ער האט צוריק געפונען זיין בטחון, איז ער רוהיגער געווארען. אויסגעגאנגען שמונה עשרה, האט ער זיך ארום געקוקט אין שטיבעל. דער יצר־הרע האט שוין אלין אנגעגרייט פאר איהם... דער אלטער איז פעסט געשלאפען, אויפ'ן טיש איז געוועזן אויסגעשפרייט א ריינער טישטוך, געוועזן געגרייט צום טיש בעל־הבית'ייש... די שטיב איסגע־קעהרט, מיט זאמד אויכגעשאטען, דער לאמפ ברענט פרעהליך, און פון דער צווייטער שטוב, פון דער קיך, הערט זיך, ווי זי וואשט זיך... רחל'ע וואשט זיך ! דאס קאלטע וואסער גיסט זיך איבער איהר נאקעט לייב, איבער איהרע נאקעטע הענד און האלז...

ראביעז, אי טען באגאטע קופעץ", זאגט זי. וואס וועט דיר דא העלפען שמירען, אז א כשוף שטעקט דיר אין די זייטען?

דער איד האט אבגעקרעכצעט, אויסגעטרונקען דעם טהעע און אונטערגעשטעקט צום שמירען די זייט, וועלכע איז שוין געווען קאלירט פערשיידען־פארביג פון אלערליי שמירערייען, וואס זיינען אויף איהר אויסגעגאסען געווארען. דאס ווייב איז געזעסען אויפ'ן ראנד פון בעט, די קינדער ארום, און קיינס האט נישט דערוועגט זיך קיין ווארט אויסצורעדען אין רב שלמה'ס נעגענווארט. דער עלטסטער זוהן לייזערל, א ישטארקער קצב, איז צוגעגאנגען און ארויפגעגאסען זיך אויף די הענד עפּים א זאלב, וואס די גאנצע שטוב איז געווארען פערכאפּט פון זיין ריח, וואס מען שמירט דערמיט פערד, און האט אי־געהויבען דעם פאטערס זייט אזוי צו רייבען מיט זיינע אייזערנע הענד, אז דער אלטער האט געקרעכצט אונטער זיי, און אויך הנאה געהאט דערפון: „א, א". דערנאך, אז זיי האבען איהם אין בעט אריינגעלעגט, א האלבען עמער געקאכט וואסער אנגעגאסען אין פלא־יטען, ארום איהם געלעגט, האבען זיי איהם ווידער צוגעדעקט מיט די אלע קישענס און דעקעס. דער אלטער האט געשוויצט, ווי אין א באד. מיד איז ער געווען פון דעם רייבען. איז ער באלד איינגעשלאפען, ארויס־געשטעקט זיין צוקאכט פּנים פון דעם ווייסען בעטגעוואנד און פער־נומען דאס שטיבעל מיט זיין מורא'דיג שנארכען.

דערווייל האבען די מוידען צוגעראמט א שטיבעל פאר רב שלמה'ן. די זיהן מיט די איידעמס זיינען אהיים צו די ווייבער אויף נאכט־עסען געגאנגען און צום טייך אראב, אויף א גאנצע נאכט די פיש כאפּען (עס איז געווען דאנערשטאג אויף דער נאכט, ווען מען כאפּט די פיש אויף שבת). אין קיך האט שוין געקנאקט איבער'ן פייער א פריש יאיכעל פאר רב שלמה'ן. און רב שלמה האט זיך אוועקגעשטעלט אין א ווינקעל ביים שויבען־שענקעל, פון וועלכען עס האבען ארויס־געשמעקט די פרישע עפּעל, מעריב דאווגען.

לאנג איז געשטאנען רב שלמה ביי דער שמונה עשרה און געבעטען צום רבונו של עולם מיט א צובראכען הארץ, אבער נישט די תפלה פון סדור האט ער געבעטען, אן אנדער תפלה: „רבונו של עולם, שטעה מיר ביי, לאז מיך נישט אריינפאלען אין שטן'ס האנד, רבונו

רב שלמה, איך האב עס אליין געזעהן, דורכגעהענדיג דעם דארף — זי האט דאך געוויזען מיין קאפּ אין שפּיגעלע יאסעלען דעם דארפס־געהער, ער האט דאך דערצעהלט אין דער חברה.

אלט איז געווען ברוך לענסקער, פון די אמאליגע פישערס. קיינער, אפילו נישט ער אליין האבען געוואוסט, ווי אלט דער איד איז. אז מען האט איהם געפרעגט: „ווי אלט?" — האט ער געענטפערט: „צעהל דיינע צייהן". אזוי האט ער געלעבט אהן רעכענונג ווייט אין די יאהרען אריין. געזעהן האט ער א שטיק וועלט, נאפּאלעאנ'ען נאך, ווען ער איז מיט זיין מיליטער אין גרויס־פּוילען געווען. צוגעשטעלט בישתיקה האט דער איד די פּאלאקען אקסען אין די וועלדער אריין, ווען זיי האבען די „פּאוסטאניע" געמאכט, — און נישט איין מאל שוין געשטאנען „אונטער'ן מעסער". קיינמאל נישט קראנק געווען, קינדער געהאט יעדעס יאהר, ביז טיף אין דער עלטער אריין, און אויפגעשטעלט א דור מיט פישערס און קצבים, וועלכע בעזארגען א האלבע מדינה מיט פיש און פלייש אויף שבת. יעדער שעהנער פישער, אלטער קצב איז זיין „מחותן" און פאר זיינס א פּאטש ציטערט נאך היינט א גאמבינער יונג.

— וואס איז אייך דען? — פרעגט רב שלמה — געווען דער פעלדשער?

— וואס פעלדשער, אז זי האט כישוף געטהאן, די גוי'ע. כ'געה דורך איהר הויז, האט זי מיר אונטערגעווארפען א בערדיישע פּאדקאווע, אז איך זאל אויפהויבען. דאס הארץ האט מיר באלד אנגעזאגט נישט גוטעס, נאר געה הויב נישט אויף קיין פּאדקאווע. אויפגעהויבען די פּאדקאווע, און איך הער הינטער מיר א בייז געלעכטער. איך קוק זיך אום, די גוי'ע שטעהט אויף דער שוועל פון דער טיר. „מיין שווארץ יאהר אויף דיין קאפּ". איך האב באלד געפיהלט אז עס איז נישט גוט. אזדי ווי איך בין נאר אהיים געקומען, האט מיר אנגעהויבען צו פלאמען די לינקע זייט און פלאמט, ווי א פייער וואלט געברענט. זיי שמירען מיך מיט זאלבען, וואס מען שמירט פערד. שמיר היינט, שמיר מארגען, אז יאסעלע דארפס־געהער האט מיין פנים אין שפּיגעלע געזעהן. נא קוק אריין — זאגט זי — און טראגט איהם אונטער א שפּיגעלע. מיין פנים האט ער דאך געזעהן און נישט בלויז מיך האט זי איהם געוויזען, נאר אלע אידען און „וואס

דער יונג איז פערפאהרען אין הויף אריין. אויף דער שוועל פון הייזעל האט זיך געוויזען רחל, רב ברוך'ס טאכטער. איהרע שווארצע האאר זיינען געווען צולאזט, די ארבעל פון די הענד ארויפגעשארצט ביי דער ארבייט. דערזעהן פון דערווייטענס רב שלמה'ס פוהר, האט די מויד מיט פרייד אויפגעלאכט און איז אריין אנזאגען די גדולה. רב שלמה'ן האט עס געגעבען א קלאפ אין הארצען... ער האט געוואלט הייסען דעם יונג אומדרעהען, נאר פערשעהמט זיך פאר זיך אליין און פארוואורפען געמאכט זיך און געזאגט: א דארן דעם יצר הרע אין די אויגען אריין.

עס זיינען געשטאנען רב ברוך'ס צוויי מוידען, שטארק, ווי די גויים, ביי א גרויסער באליע וועש און געוואשען. א וועש איז אהן עין הרע געווען ביי ברוך לענסקער א גרויסע. געהאט האט ער צעהן מוידען און זעקס יונגען, אלע שוין אויסגעגעבען, אחוץ די צוויי איינגסטע די ארומיגע קצבים. פישער זיינען זיינע איידעמס אדער זיהן, און אלע וואוינען און האלטען בשותפות דעם סטאוו. און די מוידען וואשען די וועש פאר דער גאנצער הויזגעזינד. געטראפען האט רב שלמה ברוך'ן קראנק. ארויסגעקוקט האט דער אלטער איד פון דעם ים קישענס און דעקעס ארויס א צוהיצטער, א צואווארימטער, מיט א רויט פנים, ווי פון א ווארימער באד ארויס. ווארום היים איז געווען אין שטיבעל נישט אויסצוהאלטען, און ארויפגעלעגט האבען זיי אויף דעם אידען אלע קישענס און דעקעס וואס האבען זיך געפונען אין דער משפחה. דערגרייכט האט דער טורעם פון די קישענס ביז'ן האלבען באלקען אריין. פערזאמעלט זיינען געווען ארום דעם בעט פון דעם אלטען פישער־איד אלע זיינע זיהן און איידעמס, אייניקלאך און אור־אייניקלאך; ערשט געקומען אהיים פון וועג נאך אין די קליידער, טהעע געטרונקען מיט צופלאמטע שטארקע פנימ'ער און אויסגעהערט דעם פאטער'ס קרעכצען.

— אוי, שלעכט, רב שלמה, — ברומט דער איד פון בעט ארויס, דערזעהענדיג אריינקומען רב שלמה'ן, פאר וועלכען אלע האבען זיך אויפגעהויבען. מיט איין שאר מיט דער האנד האט דער אלטער אראבגעווארפען פון זיך דעם טורעם מיט די קישענס און דעקעס און אויפגעזעצט זיך אויפ'ן בעט — כשוף מיר אנגעטהאן. די גוי'ע, וואס דער גנב האט איהר די קראנקע קוה איינגעהאנדעלט. כשוף געטהאן,

און אז מען איז דערנאך ביים שטאדט־פלומפעל געשטאנען, און די אידען מיט די גויים האבען איינע די אנדערע וואסער געפלומפעט און איבער'ן קאפ געגאסען, דאס בלוט פון קאפ און פרצוף אבגעוואשען, האט נישט איין גוי אויסגעשריען, טאפענדיג זיך ביי זיין לאך אין קאפ: „טא גאמבינסקי זשידי וצאלע ניע זשידי! ניע דאיאן זשי יוכא!“ (די גאמבינער אידען זיינען גאר קיין אידען נשט, זיי לאזען זיך נישט, די הינטישע בלוט).

אבער פארנאכט, אז דער עלטסטער כמראזשניק מיט'ן וואיט זיינען אנגעקומען אין שטעדטעל אריין, האט מען א „פאפיר“ געמאכט, רב שלמה'ן אליין אויפגעשריבען און א סך גאמבינער אידען מיט פויערים, ווייל זיי האבען אליין א „סאנד“ געמאכט. ווארום מען האט אייזיקל גנב און דעם „קאני־קראד“ פון גאס געמוזט אויפהויבען און אין שפיטאל זיי נעהמען; אזוי צושלאגען זיינען זיי געוועזן.

---

V

# די פישערס.

רב שלמה איז געפאהרען אין דארף אריין.

פארנאכט צו איז ער אנגעקומען צו די לענסקער טייכען. ער האט געדארפט זיין ביים שררה אין לוצק, האט ער נישט געוואלט ביי־נאכט דורכפאהרען דעם לוצקער וואלד. און א חזקה האט ער צו נעכטיגען דארט, וואו א איד וואוינט. האט ער דעם יונג געהייסען פאהרען צו ברוך לענסקער אויף נאכט לעגער.

די נעכט העבען שוין אנגעהויבען צו ווערען קאלטע. עס איז שוין געווען א שטיק אין אלול אריין, און די סעדער און די נאסע לאנקעס, וועלכע האבען זיך געלעגט ארום די גרויסע לענסקער טייכען, זיינען שווארץ גרין געווען און פייכט; פון דערוויטענס האט שוין ארויסגעשימערט דאס ליכטעל פון ברוך'ס פענסטער ארויס און אריינגעדרונגען ווייט אין די נאכטליכע סעדער אריין און אבגעשלאגען א ווידער־שיין אין די שווארצע סטאווען.

שוין ווילען זיך אויף דער פאר וואָרפען די אידען מיט די גויים און אויסגיסען אויף זיי דעם רעשט כעס, וואָס שטעקט נאָך אין זייער בלוט, נאָר רב שלמה האט זיי איינגעהאַלטען: צום ערשט די גוי'ע דאָס געלד אָבגעבען. די אידען האָבען בעזוכט אייזיקלען. אין ציצה־כנפות האט ער געהאט איינגעבונדען די איין און צוואַנציג רובעל. ביי דעם גוי האט שוין געפעהלט א פאר קערבלעך — פערשיכורט אין שענק — האט רב שלמה צוגעלעגט פון זייניגע און אָבגעגעבען דער גוי'ע צוריק דאָס געלד. די גוי'ע האט מיט טרערען אין די אויגען געדאַנקט רב שלמה'ן און געקושט איהם די קאַפּאַטע: „קופעץ ספראַוועדליווי כא ליטאַשטש נא וודאָוויע אי סראָטע" (אַן עהרליכער סוחר, האט רחמנות אויף אַן אַלמנה מיט יתומים). די ווערטער האָבען ווייך געמאַכט די אידען אויף דער גוי'ע, און זיי האָבען רחמנות געקראָגען אויף איהר: „טאַקע, אַן אָרימע גוי'ע! וואָס, א גוי'ע איז דען נישט קיין מענש?" — האָבען די ווייבער געשריען, — „מען נאַרט אויס ביי אַן אָרימער אַלמנה צוויי און פערציג קערבלעך!"..

האָבען זיך די אידען געגעבען א נעהם צום „סאַמאַ־סאַנד" (זעלבסט־געריכט). די גויים האָבען זייער כעס אויסגעגאָסען אויף „דעם קאַני־קראַד" מיט געשרייען: „א קריסט ביזטו? — א טאַטער ביזטו"! און די אידען מיט די שטעקעלעך אויף אייזיקלען: „א איד ביזטו? א טאַטעריש האַרץ האָסטו! פון אַן אָרימער גוי'ע געלד אויסנאַרען און איבער דיר א שטאָדט אומגליקליך מאַכען! א מאַרק צופיהרען!"

אין א שעה אַרום זיינען שוין געשטאַנען די כמעלער גויים מיט די גאַמבינער אידען ביי דבורה'ן אין שענקעל. בראַנפען און געלד האט זיך געגאָסען ווי וואַסער, איבערגעבעטען זיך און אַרומגעהאַלטען זיך איינע די אַנדערע ביי די אָרעמס. דאָס בלוט פון זייער גוט־פריינדשאַפט איז נאָך ניט פערטריקענט געוואָרען אויף זייערע געזיכטער און קליידער און די גויים האָבען געשריען: „מיר האָבען צו די אידען גאָרנישט: דער וואָס איז א גנב, איז א גנב, און א קופעץ איז א קופעץ". און די אידען האָבען געשריען: „וואָס, א פויער איז נישט קיין מענש? א פויער איז אויך א מענש. איין גאָט איז נאָר אויף דער וועלט!" און פאַטשען זיך איינע די אַנדערע אין די הענד אַריין אויף „זגאָרע" (שלום), אַז די הענד ווערען געשוואָלען.

— „קופצא פשעפראש!“ (בעט איבער דעם סוחר). עס האבען זיך אריינגעמישט די עלטערע פויערים, א פאר בעלי בתים, וועלכע האבען געקענט רב שלמה'ן און אויך געשלאגען דעם שגץ: „קופצא פשעפראש!“ דער שגץ, א צובלוטיגטער, מיט אויסגעבראכענע פינגער איז געלעגען אויף דער ערד און געזוכט רב שלמה'ס פאלע פון ראק, און געקושט רב שלמה'ן די שטיוועל, די פאלעס, געציטערט פאר שרעק און געשטאמעלט „א, יעזוס, א, באזשע“.

— לאזט איהם אב! האט רב שלמה געשריען און קוים א לעבע־דיגען איהם ארויסגענומען פון די יונגענס הענד. אייזיקל זעלנער האט איהם נאך געגעבען א פלעם מיט'ן שטעקען איבער'ן קאפ, און דער שגץ איז א האלב הרוג ארויס פון אידישע הענד.

נאר באלד האט מען געבראכט צו פיהרען די צוויי גנבים, אייזיק־לען און דעם „קאני־קראד“. די גאמבינער סעדער־אידען האבען גע־פיהרט אייזיקלען. געפונען האבען זיי איהם אין שטאל בעהאלטען. די הענד אהינטער געבונדען און א בלייכער אהן א היטעל, איז אייזיקל נעגאנגען. און די גויים פון דעם דארף כמעל האבען געפיהרט דעם שכור'ן גוי, דעם „קאני־קראד“. די שטאדט האט זיי געקענט. א בשותפישע גנבים־פאר זיינען דאס געווען, און ווי עס זיינען אין שטעדטיל א פאר זילבערנע לייכטער פערפאלען געווארען אדער קאלב־לעבער צוגע'גנב'עט געווארען, איז מען געגאנגען צו אייזיקלען אויס־קויפען.

שטיל איז געווארען צווישען עולם. די פויערים מיט די אידען האבען זיך שוין אויסגעמישט אין איין רעדעל, שלום געמאכט צווישען זיך — דא א צובלוטיגטער קאפ און דארט א צובלוטינגטער קאפ, און האבען ביידע געשריען: „סאנד, סאנד נא זלאדזשע“ — א משפט איבער די גנבים. רב שלמה האט אייזיקלען געגעבען דעם ערשטען פאטש און נעשריען: „דאס געלד גיב אב! איבער דיר וועט א מארק צופיהרט ווערען! פון אן ארימער גוי'ע נארסטו געלד אויס“.

א בלייכער איז געשטאנען אייזיקל, און עס האט זיך ביי איהם געטרייסעלט הענד און פיס. אן אלטער פויער פון כמעל האט דעם „קאני־קראד“ דעם ערשטען פאטש געגעבען מיט א געשריי: „א קריסט ביזטו? — א טאטער ביזטו“

— נעהט'ס, פויערים! דער רב הייסט, דער „קופיען" הייסט — האבען די גויים געשריען.

און עס האבען זיך באלד אוועקגעלאזט א פאר שטארקע קצבים־יונגען נאך אייזיקלען, און א פאר גויים — נאך דעם „קאנאקראד", ברעננגען־זיי אויפ'ן מארק.

דערווייל ווי רב שלמה איז אזוי געשטאנען און גערעדט מיט די פויערים און די אידען, כאפט זיך אונטער א יונגער שגץ און גיט רב שלמה'ן א פאטש און ווערט פערשוואונדען צווישען די פויערים.

מעהר האט מען נישט בעדארפט. עס האט זיך געגעבען א קאך אין די אידען דאס בלוט: רב שלמה'ן האט מען געשלאגען! — און אריין אין דער מחנה פויערים. — בחנם האט זיי רב שלמה אוועק־געטריבען מיט דעם שטעקען, אז זיי זאלען זיך נישט שלאגען; זיי האבען צופראסקעט די פיסקעס פון יעדען גוי...

— דעם שגץ גיט ארויס!

דער שגץ איז אריין צווישען די פויערים, און זיי האבען געפרובט איהם צו בעהאלטען, נאר נאטע פוהרמאן האט איהם גענומען אויפ'ן אויג. ער איז באלד נאך דעם שגץ אין די פויערים אריין.

לאנגע האר האט דער שגץ געהאט — האט ער זיך געגעבען א לאז אריין מיט דער האנד אין דעם שגצ'ס לאקען און ער האלט איהם! בחנם בייסען איהם די פויערטעס דורך די שטיוועל, רייסען איהם שטיקער פלייש פון די פיס, פון די הענד ארויס. נאטע לאזט שוין דעם שגץ נישט אב, שלעפט איהם נאך נאך זיך, ווי א שטיק אייזען, און ציהט איהם פון צווישען די גויים ארויס. די גויים טרעטען אויף איהם מיט די אייזערנע פאדקאוועס — א צובלוטיגטער האט זיך נאטע אין דעם שגץ'ס האאר איינגעפלאכטען, אזוי ווי ער וואלט אין איהם איינגוואקסען. לאזט איהם נישט נאך, שלעפט איהם פון די פויערים ארויס.

עס רינט דאס בלוט פון זיי ביידען — פון נאטע'ן און פון שגץ און מישט זיך אויס אינאיינעם — און צוגעקלעפט איז ער צו איהם און קייקעלט זיך מיט'ן שגץ אויף דער ערד און שרייט צו די אידען: „דא איז ער"!

אז די אידען האבען דערזעהן דעם שגץ, זיינען זיי צו מיט די שטע־קענס, מיט די נעוויכטער:

פאר'ן הויז שלאגען זיך אידען מיט גויים, האט ער געכאפט דעם שטעקען אין האנד און איז ארויס אין גאס אריין. חנה'לע האט זיך אפילו אין דער טיר געשטעלט און בעשווארען איהם, ער זאל נישט ארויס — נאר ער האט זי זאנפט אוועקגענומען און איז ארויס אין געסיל אריין. עס זיינען באלד נאך איהם ארויסגעגאנגען די סוחרים, די שטאל־יונגען לייזער און בער. און אז די אידען אין געסיל האבען דערזעהן רב שלמה'ן געהן, האבען זיך באלד אלע ארומגעקליבען ארום איהם.

אנגעקומען צום ארט פון געשלעג, האט רב שלמה אויפגעהויבען דעם שטעקען און געשלאגען איבער די קעפּ, וואס האבען זיך געהרג'עט: „לאזט אב, לאזט אב!“

מען האט זיך באלד אריינגעריסען צווישען די שלאגענדיגע, זיי פאנאנדערגעריסען, אבגעווארפען. די אידען מיט די צובלוטיגטע קעפּ האבען דערזעהן רב שלמה'ן — האבען זיי אבגעלאזט. — „שקצים, האט רב שלמה געשריען, דעם גאנצען מארק ווילט איהר צושלאגען! וואס איז געשעהן?“

— אייזיקל גנב האט א גוי'ע א קראנקע קוה פערקויפט, שלאגען זיי אידען.

א סך פון די פויערים האבען געקענט רב שלמה'ן פון די הייף, דער „קופּיעץ“. א סך האבען געמיינט, אז עס איז דער רב. האבען זיי זיך אוועקגעשטעלט און געשריען: „דאס געלד גיט'ס אב! דעם אידען גיט ארויס, קופּיעץ!“

און די אידען האבען צוריקגעשריען צו די פויערים:

— דעם גוי גיט ארויס, דעם, גוי! א גוי איז אויך געווען דערביי.

אז רב שלמה האט געהערט, וואס עס איז געשעהן, האט ער געזאגט:

— א רחמנות, אן ארימע גוי'ע, געהט און ברענגט אייזיק'ן.

— די גויים וועלען איהם הרג'ענען, רב שלמה.

— לאז איהם א שווארץ יאהר! דאס געלד זאל ער אבגעבען. איבער איהם וועלען מיר דעם מארק פערלירען. נעהט, לייזער, בער — יונגען, ברענגט איהם אהער!

— אי פּא זשידא, אי פּא כלאפּא — האבען די אידען געשריען צו די גויים —ביידע זאלען זיי קומען!

באלד האט זיך צופלאקערט צווישען די אידען און די גויים א מלחמה. די גויים האבען ארויסגעכאפט די דישלען פון די וועגעז און געשלאגען די קצבים־יונגען. איינעם האבען זיי אוועקגעלעגט מיט א צושפאלטענעם קאפ, דאס בלוט איז געדונען איהם איבער׳ן פנים. איז דאס ווייב ארויס מיט א געוואלד אין גאס אריין: „געוואלד, מען שלאגט אידען! אויפ׳ן אקסען־מארק שלאגט מען אידען!“

האבען די גאמבינער פעלצען־סוחרים דערהערט, אז זייערען א גאמבינער האבען די גויים גע׳הרג׳עט אויפ׳ן אקסען מארק — האבען זיי געלאזט די קראמען און זיינען ארויס אין אקסען־מארק מיט די געוויכטען אין די הענד. די גאמבינער ווייבער האבען זיי נאך אונטער־געגעבען פייער: „מאנספערשוינען זייט איהר! זעהט, ווי מען שלאגט א אידען, און איהר שווייגט“ — נאר די גאמבינער האט מען נים געדארפט אונטערצוהיצען. גאמבינער בלוט איז קיין וואסער נישט. אז זיי האבען דערהערט, אז מען שלאגט א גאמבינער, האבען זיי זיך דאס לעבען איינגעשטעלט. א קליינער יונג, חיים׳ל מאלאדזש, האט זיך געגעבען א לאז אריין מיט דער שער אין דער האנד צווישען א פאק גויים, און שוין האט ער איינעם דאס פרצוף אויפגעריסען מיט דער שער. טאקע די גויים האבען איהם אויף דער ערד אוועקגעלעגט און איהם גענומען טרעטען — האבען עס די גאמבינער דערזעהן, זיינען זיי אריין צווישען די גויים דעם יונג ארויסנעהמען און אנגעהויבען צו האקען איבער די קעפ. שוין לויפען די פויערטעס איבער די גאסען מיט א געשריי: „העי, כלאפי, נאשיך ביאן!“ און פון דער צווייטער זייט די ווייבער: „מען שלאגט אידען אויפ׳ן אקסען־מארק!“ און פון אלע זייטען געסלעך קומען גויים צו לויפען, אידען צו לויפען, קראשענוויצער פערד־סוחרים, זשאכלינער קצבים.

גאסטינינער ווייבער זיינען אויך דא. איבערגעלאזט האבען זיי די מענער ביי די קראמען און מיט די נעגעל די גויים די אויגען אויס־געדראפטשעט. שוין האלטען זיך איינס די אנדערע ביי די האאר, ביי די קעפ, און בלוט רינט צווישען פנים׳ער, אויף קאפאטעס, אויף ווייבער־טיכער, צווישען רעדער, חזירים און שרייענדיגע קאטשקעס, און פערפעט די שטיינער.

רב שלמה איז געווען אין דער שטוב און געהאנדעלט מיט א סוחר ווייצען, ווען דאס געשלעג איז אויסגעבראכען. געהערט אז איז גאס

געשטארבען, די חזירים האב איך פערקויפט, דאס געלד האבען זיי ביי מיר אויסגענארט, א יעזוס!

און די שקצים נאך דער מוטער האבען אנגעפיהלט דעם גאנצען יאהר־מארק מיט געוויין.

באלד איז געווארען ארום דער גוי'ע א געשטעה. די פויערטעס ארום האבען זיך אנגעהויבען צו ווישען די טרערען פון די אויגען, דער־זעהענדיג די ארימע גוי'ע ביי דער קראנקער קוה. דאס בלוט האט זיך צוקאכט ביי די גויים. זיי זיינען געשטאנען ארום, אויסגעהערט דער גוי'עס קלאג, געפרובט די קוה צו ריהרען ביים עק, די קוה האט זיך אבער ניט באוועגט. און די גוי'ים האבען אנגעהויבען מיטצו־פיהלען מיט דער פויערטע. איינע האט דערצעהלט, אז א אידעל איז אויך געוועזן דערביי.

— יא, דער איד איז דארט געשטאנען און גערונגען די קוה. איך האב געזעהן, אז ער גיט פופציג רובעל — פון מיר האט דער פויער נור גענומען צוויי און פערציג, — דערצעהלט די גוי'ע אין געוויין.

— עס איז געוועזן דעם אידענ'ס קוה, אודאי אזוי, דער איד האט דיך אבגענארט, — שרייען די גויים.

שכור זיינען די גויים געוועזן, ביי יעדען קויף אין שענקעל גע־גאנגען מיט די „קומעס", און אויפגעקאכט פון דער גוי'עס וויינען — האבען די פויערים געכאפט די שטעקענס און אנגעהויבען צו שלאגען דעם ערשטען בעסטען אידען, וואס זיי האבען דארט געטראפען.

געוועזן איז עס א גאמבינער קצב. די פויערים האבען איהם אויף דער ערד אנידערגעווארפען, געריסען די בארד און געשלאגען איהם איבערן קאפ מיט די שטעקענס.

די קצבים זיינען געוועזן אין רב שלמה'ס הויף, וואס איז ניט וויט געוועזן פון דעם אקסען־מארק. דארט זיינען געשטאנען די יונגע אקסען, וואס רב שלמה מיט'ן מחותן האבען געבראכט צו פערקויפען די שררה'ס אויף פאשע. די קצבים האבען בעטראכט די שעהנע געזונטע אקסען און האבען געווארט אויף א בראק, אז זיי זאלען קענען עס אבקויפען.

ווי זיי האבען דערהערט, אז די גוים שלאגען א אידען, זיינען זיי ארויס פון רב שלמה'ס הויף מיט די אייזערנע שטעקעלער אין די הענד און געווארפען זיך אין די גויים אריין.

דער „קאני־קראד" קראצט זיך אין קאפּ, און אייזיקל ווינקט איהם, אז ער זאל דאס געלד נעהמען.

— וואס קען מען מאכען? — שרייט אויס דער „קאני־קראד" צו דער גוי'ע, גיב אהער די האנד. אזא איינער בין איך! א קריסט איז א קריסט — וועל איך זי ליעבער פערקויפען א קריסט פאר צעהן רובל ווינציגער, איידער א אידען. — און שטעקט אויס די האנד נאך דעם געלד.

די גוי'ע צאהלט איהם אויס די בלוטיגע צוויי און פערציג רובל, וואס זי האט גענומען פאר די חזירים, און נעהמט דאס שטריקעל אין האנד אריין.

דער גוי איז באלד פערשוואונדען. אייזיקל האט נאך פּרעטענזיעס צו דער גוי'ע: זי האט איהם אויסגעדונגען די קוה, און פערלאנגט פון איהר א רובל אבטרעט געלד. נאר באלד ווערט ער פערשוואונדען, האט מורא, אז דער „קאני־קראד" זאל דערווייל נישט אוועק מיט'ן געלד. אין א פּאר מינוט ארום שטעהען זיי שוין אין שענקעל, טרינקען איינ־איינעם און טהיילען זיך מיט דער גוי'עס בלוטיגע גראשענס. דער „קאני־קראד" האט זיך אוועקגעשטעלט אין דער שענק פערטרינקען דאס געלד. אייזיקל גנב האט דאס געלד אהיים געבראכט צום ווייב און געגעבען דער אידענע „נא, בעהאלט".

די גוי'ע וואס האט געקויפט די קוה, האט זי גענומען ביים שטרי־קעל — די קוה וויל ניט געהן. טרייבט זי זי אונטער מיט א צווייג. לאזט די קוה אראב דעם קאפּ, מאכט א טריט, שטעקט ארויס ווייט די צונג, גיסט זיך אויס — ווערט פון דער קוה א האלבע, די אייטערס איינגעפאלען, באלד פאלט זי פון די פיס, די פיס בויגען זיך קרום אונטער איהר שווערער לאסט, לעגט זיך אוועק אין גאס.

ווי די גוי'ע האט דערזעהן, וואס עס איז פון דער קוה געווארען, האט זי זיך געגעבען א ווארף אנידער אויף דער ערד, צווישען די פוהרען און די אקסען מיט איהרע צוויי שקצים'לעך, מיט א גרויס געשריי: א, יעזוס! — געריסען האט זיך די גוי'ע די האהר פון קאפּ. געשלאגען דעם קאפּ אז די שטיינער פון גאס, געלעגען מיט איהרע שקצים לעבען דער קראנקער קוה און געשריען און געוויינט.

— א, יעזוס, וואס וועל איך איצט טהאן? דער פויער איז

ברענגען צו פערקויפען, אויף זאלין און זייף האבען איבער'ן ווינטער. קיינעם האט זי נישט די גוי'ע, דרעהט זי זיך אליין אויפ'ן אקסען־מארק ארום און זוכט זיך א קוה מיט א פאר גרויסע אייטערס.

דערזעהן די צוויי חברה־לייט, אז די גוי'ע שטעלט זיך אב ביי דער קוה, הויבט אן אייזיקל ארויפצוויאגען אויפ'ן מקח: „פיר און פערציג רובל, זעקס און פערציג — פופציג. גאנצע פופציג!" און פאטשט דעם „קאני־קראד" אין האנד אריין, אז זי ווערט אנגעשוואָ־לען ווי א פלאש. און דער „קאני־קראד" שטעהט און האלט אין איין טענ'ען: — זשידאווי ניע ספשעדאם!" — א אידען וועל איך ניט פערקויפען.

— פערקויף מיר די קוה, בעט זיך דער איד און שטעקט איין דאס געלד דעם גוי. און דער „קאני־קראד" טענ'עט אלץ אין איינעם:

— „ניע, זשידאוו ניע ספשעדאם!".

דערזעהן די גוי'ע, רופט זי דער גוי צו:

— „קויף די קוה, א גוטע, גיט א סך מילך, א שאד א אידען צו פערקויפען — און מעלקט אויס א פאר טראפען מילך פון דער קוה'ס אייטער און גיט דער גוי'ע צו פערזוכען: — „זעהסט, ווי זיס!" די גוי'ע שטעהט אבער און קלעהרט.

— וואס קומט אבער ארויס פון דעם, אז איך האב נישט מעהר, ווי צוויי און פערציג רובל? — ווייזט זי אויפ'ן קניפעל אין טיכעל, וואס זי האלט עס אין דער ברוסט. דער „קאני־קראד" קראצט זיך אין קאפ.

— פאר צוויי און פערציג רובל קען איך דיר זי נישט פערקויפען, דער איד גיט פופציג, און אז א איד גיט — איז זי ווערטה.

ווי אייזיקל דערזעהט, אז די גוי'ע האלט ביים קויפען — כאפט ער ארויף:

— פערקויף זי מיר, צוויי און פופציג גיב איך דיר, דא האסטו דאס געלד. דער „קאני־קראד" טענ'עט אלץ אין איינעם:

— ניין, א אידען וועל איך זי נישט פערקויפען. זוך אין דעם זאק — זאגט ער צו דער גוי'ע — זוך גוט, אפשר וועסטו נאך עפעס געפינען, א שאד די קוה אין אידישע הענד צו געבען.

— אבער, פאטערל, נישט מעהר ווי צוויי און פערציג פאר די חזירים גענומען. מיט דריי גילדען, וואס פאר די אייער.

פון דער העלער הויט, שטעקט א פויער געלד אין האנד אריין. דער גוי ווארפט עס צוריק. דער איד שטעקט עס ווידער איין — דער גוי וויל נישט. דער איד שלעפט די שרייענדיגע קאטשקעס פון דער פוהר אראב — דער גוי לאזט נישט. און דאס זינגען פון די בעטלערס מיט דעם געשריי פון די גוים, דאס קוויטשען פון די קאטשקעס און דאס ברומען פון די חזרים, די קאלירען פון די בענדער, דאס רויטע ליכט פון די טיכער שרייען מיט אין דער זון אריין — און די אלע געוואלדען, ברומען און געשרייען קאכען זיך צונויף, און עס איז דאס ברומען פון דעם גרויסען יאהר־מארק — יאהאנע.

אויף דעם אקסען־מארק איז קיין פוס ניט צו טרעטען. די קצבים שטעהען ארום די בהמות, טאפען די אייטערס, קוקען אין די פיסקער אריין, דינגען זיך, שרייען, שעלטען, ווארפען געלד און שלעפען די פויערים אין שענק אריין. קומט אן אין סאמע העכסטען ברען פון מארק, אייזיקל שלאסער־האקער מיט א קוה. ער אליין פיהרט זי נישט, נאר זיין קאמפאניאן סטאש „קאניקראד" (פערד גנב) א גוי מיט א צושניטען פנים און אריבערגעצויגענעם הוט איבער די אויגען, ווי א גנב. „אהא, גיב נאר א קוק, אייזיק ממזר, וואו האסטו די קוה געפאקט"? פרעגען די קצבים־יונגען אייזיקלען, דערזעהענדיג, ווי ער פיהרט די קוה. ענטפערטע ער: „שוויג, זי איז בלאט". קוקען זיי זיך גוט איין צו דער קוה, דערזעהען זיי, אז זי איז א חולה. אן עפויש האט זי, מען דארף זי שטעכען. אנגעטרונקען האט זי נאר אייזיקל איידער ער האט זי אויפ'ן מאר־ק געבראכט, מיט וואסער, אז זי זאל א דיקען בויך קריגען, עפעס געגעבען צו לעקען אזא מין גנב'ייטען זאלץ, אז די אייטערס זאלען איהר ווערען אנגעלאפען — עס הייסט זי גיט פיעל מילך — און גענומען די קוה ביים שטריקעל און אוועקגעשטעלט סטאש „קאני־קראד", אז ער זאל זי פערקויפען. און אייזיקל אליין האט זיך אוועקגעשטעלט די קוה האנדלען. שטעהט ער אזוי און קויפט די קוה: „אכט און דרייסיג רובל, פערציג רובל, צוויי און פערציג" און שרייט הויך און צעהלט באלד געלד, דוקא מיט זילבערנע רובעלס, כדי עס זאל קלינגען אז מען זאל הערען. קומט אן א גוי'ע מיט „שקצימלאך־יתומים". דער פויער איז ערשט נישט לאנג געשטארבען, האט זי פערקויפט די צוויי חזירים און וויל זיך קויפען א גוטע מילך־קוה — זי זאל פוטער מאכען, אין שטאדט אריין

זיך אין דער ווארימער זון. און דאס קירכען־געזאנג פון די בעטלערס. אויסגעמישט אינאיינעם מיט דעם שרייען פון די יונגע פערד, קוויטשען פון די חזירים, קרעהען און שרייען פון אלערליי געפליגעל האט אנגע־פילט די לופט. אויסגעמישט זיינען שוין די שווארצע לאנגע קא־פאטעס מיט די ווייס־גרויע רעק פון די פויערים, די וואכעדיגע טרויע־ריגע פאטשיילעס פון די אידישע ווייבער מיט די העל־קאלירטע טיכער פון די פויערטעס — און קאכט זיך אינאיינעם צונויף.

געכאפט האבען די גאסטיניגער ווייבער א פויער צו א שטעל, אויסגעטהאן איהם אין העמד און מעסטען איהם אן אלע רעק מיט אלע היטלען. דער פויער מיט דער בייטש אין דער האנד שטעהט אין א קורץ יאקעלע מיט אויסגעשטארטע העמד, און די ווייבער האלטען איהם א שפיגעלע פאר די אויגען: נא, זעה, ווי שעהן דו ביזט!

דארט שלעפט א איד א זעקעל תבואה פון א פויער׳ס א פוהר אראב, דער גוי ווארפט צוריק דאס געלד. עס הערט זיך געלד קלינגען, הענער שרייען, גוים שילטען, אידען רינגען זיך — און אלץ איז אינ־איינעם אויסגעמישט. מיט א מאל קומט אן א גוי צולויפען מיט א יונג פערד, פרובט עס אוים און קוקט נישט, ווער עס שטעהט — לאזט זיך מיט זיין פערדעל אין פולען, אננעשטאפטען מארק אריין.

אין מיטען דעם ים פוהרען, אידען, פויערים, חזירים און פערד האבען זיך די לאוויטשער ווייבער אויסגעשטעלט זייערע קראמען מיט די קאלירטע בענדער.

ליעב האט זיך די פויערטע פון יענער געגענד אין רייך קאלירטע בענדער אויסצוצירען, און דער גוי זיין קאפעלוש מיט פערשיעדענע קאלירטע קרעלען און סטענגעס אויסצופוצען. און די רייך בלאה־זויטע פארבען פון בענדער, מיט די קליינע ווייסע בלימעלאך לויכטען זיך אין דער זון. עס שטעהען ארום ביי די בענדער־קראמען די יונגע שעהנע דארפס־שיקסעלעך מיט די גראבע צעפ און רויט שטארקע הענד, קוקען מיט לייכטענדיגע פרעסענדיגע אויגען אויף דעם אוצר פון די סטענגעס, און די יונגע חתנים־שקצים — נעהמען די בייטלאך ארויס און קויפען די מיידלאך מתנות. עס שפיעלט אויף די קאטערינקע באלד. אין מיטען טאראראם, הערט ארום די אידען א געשטעה, און דער בלאהער פויגעל הויבט אן ארומצוטיילען מיט זיין שנאבעל די גוים קוויטלאך מיט יעדענס גורל. — עס קומט אן א איד צו לויפען

„פאטער", דער איד מיט די גנב'ישע זויגען און געגרייזעלטע האהר און קלאפט צו אין א בעמבעלע אריין. און די שעהנע כ'שוף־מאכערין ווארפט ארונטער דעם שווארץ געגרייזעלטען קאפ, הויבט אויף די דינע געטאקטע פיסלאך און טאנצט אין דער רייף און הויבט אן צו זינגען א טרויעריג ליעד פון א ציגיינערין אויף רוסיש, פון א ליעבע, אז דאס הארץ ווערט צוגאנגען פון איהר זיס קול.

נישט איין יונגען מאן האט שוין די כשוף־מאכערין כשוף אנגע־טהאן. ווארפט די כלה פאר דער חתונה און פערליעבט זיך אין דער שעהנער רייף־טענצערין און פאהרט איהר נאך אין די שטעדטלעך ארום אויף די יאהר־מערק. און מען ווערט דערנאך געוואר, אז דער פער־ליעבטער יונגער מאן האט מיט דער ציגיינערין חתונה געהאט, און דאס איז טאקע נישט געווען דעם קאטרינארזש'ס טאכטער, נאר אזוי ווי מען ראט געוואוסט, — אן איינציגע טאכטער פון א רייך הויז ארויס, וואס דער קאטארינאזש האט אוועקגע'גנב'עט, ווען זי איז נאך א קליין מיידעל געווען, און פאטער־מוטער האבען געטרויערט נאך איהר דאס גאנצע לעבען... דער יונגערמאן (דערצעהלט מען דערנאך אין די שטעדטלאך) האט אויפגעזוכט איהרע עלטערן און איז געווארען אן איידעם פון א רייכען שוועהר.

אזוי זיצען די סוחרים ארום א טיש ביי די געבראטענע גענזלאך און קוקען זיך צו צו דעם טאנצען.

אין דרויסען, אין דער נאכט, האט מען גרויסע כמאלע־פאקלען אנגעצונדען, אז די סוחרים זאלען זעהן אין שטעדטעל אריינצופאהרען. עס פאהרען דורך די שווערע פראכט־וועגען מיט די גרויסע קאסטענס סחורה, שטענגער און דרענגער — קומען זיך צוזאמענפאהרען פון אלע מקומות אויף דעם גרויסען יאהאן־יריד, וואס גיט אידען פרנסה אויף א גאנץ יאהר.

א גאנצע נאכט זיינען די וועגען אין שטעדטעל געפאהרען. א גאנצע נאכט האבען די פויערים מיט די בהמות פון די ארומיגע ערטער אנגעצויגען, און פון פריה־מארגענס אן איז געשטאנען אזא הו־הא, איז געווען אזא געפילדער, געשריי און ליארים אין די גאסען פון שטעדטעל. דאס גאנצע שטעדטעל האט מיט איין מאל אן אנדער פנים בעקומען— נישט צו דערקענען. אנגעשטאפט זיינען די גאסען, די מערק מיט פוהרען. רויטע, קאלירטע טיכער איבער די פויערטעס רוקענס ברענען

מיט זיי קאנקורירען די קראשענוויצער פערדס־יונגען. מיט די לעדערנע הויזען, געפּאַסטע שטיוועלאַך און די באַטיקלאַך אין די הענד געקומען צו פאָהרען אויפ׳ן יריד פערד איינקויפען פאַר׳ן דייטש. עס ציטערען פאַר זיי די זשאַכלינער קצבים־יונגען און קוקען זיך איינער דעם אנדערן אריבער:

„נו, העכט, וואָס הערט מען אין דיין זשאַכלין?״

„זאָל דיר דער מוח נישט אויסדאַרען פאַר זשאַכלין, דו קראשענווי־צער פּראַנט!״

אזוי נעהמט מען זיך אָן די פּאַר די שטערט. מען ווערט אָבער באַלד צווישען זיך גוט און מען געהט אריין צו נאַטע דעם רעסטאַראַטאָר אינאיינעם נעהמען דאָס ביסעל גוטע בראַנפען.

דערווייל איז פאַרנאַכט געוואָרען, און ביי נאַטע רעסטאַראַטאָר איז לעבעדיג: די סוחרים זיינען געקומען צו פאָהרען. אָבגעבראָטען האָט לאה׳לע, דאָס שעהנע פעטע ווייבעל, נאַטע דעם רעסטאַראַטאָרס טאָכטער, די פעטע גענזלאַך מיט די פעטע קאַטשקעלאַך. וואורשט גע־בראַכט פון וואַרשע מיט דעם גוטען טרונק בראַנפען. שטעהט זי הינטער דעם שענק־טיש מיט איין איירינגעל אין אויער, מיט די פּער־קעמטע צעפּ און אָבגעוואַשענעם פּעטען האַלז און זעהט אויס אזוי בע׳טעמ׳ט ווי איהרע פעטע גענזלאַך. זי גיסט בראַנפען איין די סוחרים. מען טרינקט דעם „ניינציגער״ און מען פערבייסט מיט דעם געשמאַקען קנייפ. וואָס מען גיט די פעטע, שעהנע שענקערין דאַרט, וואו עס איז צום אנגענעהמסטען צו קנייפּען.

אנגעקומען איז צו פאָהרען אויפ׳ן יריד א חברה צירק־מאַכערס — אידען, מיט א שעהנער דראַטען־געהערין, א זיבעצעהן־יעהריג אידיש מיידעל, מיט א שוואַרצען געגרייזעלטען קאָפּ האָר, מיט א פּאָר שוואַרצע אויגען, ווי א ציגיינערין. א דאַרע, נאָר א בע׳חנ׳טע. געהט אנגעטהאָן אין דעם קורצען רויטען קליידעל, אין דער טריקאָ, וואָס איז ארויפגעגאָסען אויף איהר דינעם לייב, און וואַרפּט אייגלאַך... ארום, איבער די בענק זיצען אויסגעזעצט די סוחרים און עסען געשמאַק די פרישע געבראָטענע געגזלעך. און די שעהנע כשוף־מאַכערין ברעכט זיך אין א ריי־ פאַר זיי. דער פאָטער (עס איז אוודאי גאָר קיין פאָטער נישט — גע׳גנב׳עט האָט ער זי אוודאי פון א רייך אידיש הויז ארויס, ווען דאָס מיידעל איז נאָך א קליין קינד געווען) — שטעהט ער דער

דעם איז ביי זיי אויפ'ן מארק יא חזקה, נישט חזקה — א קלייניגקייט. באלד אראב פון די פוהרען די פאטערס מיט די יונגען אין מיטען בעסטען מארק, גענומען די היימישע שטעלען צואווארפען און אויפ־שטעלען זיך זייערע אייגענע און אויסגעלעגט זיך זייערע פעלצלער. איז דאך דארט געווארען א געוואלד. די היימישע שטארט־ווייבער זיינען ארויס מיט היים וואסער, בעגאסען די גאמבינער רוצחים, וואס געהן איינגעהמען א וועלט. אבער פאר גאמבין האט מען מורא, האט מען זיך סוף כל סוף אבגערוקט אן א זייט פאר זיי.

עס זיינען געקומען צופאהרען די גאסטינינער „ווייבער". ווייבער האט מען זיי גערופען דערפאר, ווייל די מענער זיינען טאנדעט־שניידער און היטעל־מאכער, זיצען א גאנצע וואך ביי די אלטע מא־שינעס, וועלכע ווילען ניט אנדערש נייהען, סיידען נאר מען טרינקט זיי גוט אן מיט אויל. אזוי אז די הויזען און די מארינארקעס, וואס קומען ארויס פון דער מאשין זיינען ווי דורכגענעצט אין אויל; און ווייל די מענער זיינען פערנומען, פיהרען די ווייבער די שטאדט. די מענער האבען מורא פאר זיי. זיי זיינען קליינע, אויסגעטריקענטע שניידערלאך, און די ווייבער גרויס און שטארק. א שם האבען די גאסטינינער מוידען אין דער וועלט, און פאר א פאטש פון אזא מויד היט מען זיך. ווארים שטארק איז א גאסטינינער מויד און עסט פאר דריי מאנספארשוינען. עס איז א פערגעניגען ארייינצוקוקען אין א גאסטינינער קיך. די מוידען האבען כח צו שייערען די מעשענע רייפען פון די טונען, צו רייבען מיט זאדע און זאמד די ברעטלעך, און אלץ פינקעלט שטענדיג. דערפאר האבען מעהרסטען גאמבינער בחורים חתונה מיט גאסטינינער מוידען. זיי פאסען זיך פונקט איינער פאר'ן צווייטען און האבען נישט מורא איינער פאר'ן אנדערען... און אז די גאסטינינער ווייבער קומען אן מיט זייערע שטעלען, רוקען זיך די גאמבינער „רוצחים" א ביסעל פאר זיי אב. טאקע „רוצחים", אבער מיט גאסטינינער ווייבער איז נישט גוט זיך .ו טשעפען...

עס קומען אן די זשאבלינער קצבים־יונגען, וועלכע קויפען אויף די בהמות אויף די מערק צו פיהרען זיי קיין לאדז, מיט די גראבע שט..־קעלעך אין די הענד און די געפוצטע האלאווקעלאך — ציטערט פ.. זיי דאס שטעדטיל. אז זיי בעווייזען זיך, קוקען זיי זיך אוים א גא..־טינינער מויד א כלה צו נעהמען פאר זיי.

מעקלער ווארטען אויף געשעפטלאך. דער ווייס פֿון א מאיאנטעק, וואס שטעהט צו פערקויפען בחצי־חנם; דער צווייטער האט געהערט פֿון א צוויי הונדערט זעקלאך תבואה, וואס עס שטעהט צו פערדיענען אן דעם א פערמיגענס: דעם שלאגט אב דער שררה יעדען טאג די טהירען: „גיט איהם א סוחר פאר דעם וואלד". און נאך איינער דארף א צעהן טויזענד רובל פאר א שררה, קאן מען קריגען ביי איהם, וואס מען וויל. סוחרים זיצען שטיל, הערען אויס די געשעפטען און ליהען זיך איינער דעם צווייטען אריבער און טראכטען יעדער פאר זיך אין דער שטיל איבער דאס געשעפט. און קלענערע אידען זיצען און האבען דרך־ארץ פאר די גרויסע געשעפטען, וואס פליהען דא איבער דעם טיש. און די יויך פארעט, און הנדלעך אין דעם ברייטען שירין אנגעטהאן, טהיילט אליין אויס דעם גרויסען טעלער פלייש פאר די געסט. און אז זי דערזעהט אריבער איהר טיש די סוחרים אידען, ווי די געשעפטען לויפען איבער'ן טיש, קוועלט איהר דאס הארץ פאר נחת. און די סוחרים ווארפען בעהאלטענערהייד בליקען אויף דער יונגער שעהנע וייבעל און זיינען אין דער שטיל רב שלמה'ן מקנא אזא מזל...

פארנאכט איז אנגעקומען די גאבינער חברה. דאס זיינען די סעדער־אידען, וועלכע האנדלען אויך מיט פיש פון די גרויסע טייכען. עס שמעקט פֿון אזא איד אראב דער פיינער עפעל געשמאק, מיט וועלכען ער געהט אום א גאנץ יאהר. אין זיין געדיכטער טונקעלער בארד, וואס שטעכט ווי שפילקעס, האלט זיך אויף דער סוד פון דעם טונקעלען טייך, פון וועלכען זיי כאפען די פיש ארויס. דאס זיינען פון יענע אידען, וועלכע האבען נישט קיין מורא פאר קיין גוי און זיינען קיינמאל אין גלות נים געווען. דאס גאנצע לעבען מיט דער ערד איינ־איינעם אויפגעצויגען געווארען, אין די טונקעלע טייכען ביים פיש כאפען, אין די פייכטע סעדער ביים אויבס געוואקסען. אבגעברענט פון דער זון זיינען זייערע פנים'ער און זייערע הענד, אז עס דאכט זיך, אז זיי זיינען איינגאנצען פון מאסיווען בראנז געגאסען. יעדער אזא איד האט א טוץ קינדער און לעבט איים זיינע הונדערט און צוואנציג יאהר אהן צער און וועהטאג, פערדינט זיך זיין ברויט ביז צו דער לעצטער מינוט פון זיין לעבען און צו זיבעציג יאהר ברענגט ער נאך א ניי קינד אויף דער וועלט. אומעטום זיינען די גאמבינער די תקיפים, פאר זיי האט מען מורא. זיי כאפען זיך באלד צום דרענגעל, מחמת

מאכט פאר די צוויי מחותנים. די יונגע חנה'לע וויל ווייזן, אז זי איז א בעלי־הבית'טע, איז זי פערטאָהן פון פריה־מאָרגענס אָן מיט די געסט און מיט די אָרימע לייט, וואָס קומען אריין צו רב שלמה'ן באָרגען א גמילות־חסד א פאָר רובל אויפ'ן יאָהר־מאַרקעט.

דאָס גאַנצע שטעדטעל קוקט אויס אויף דעם יאָהר־מאַרק, וואָס גיט אידען א האַלבע פרנסה. איז ביי רב שלמה'ן געווען א מנהג — אַלע ערב יאָהר־מאַרק אויסצובייטען א הונדערטער אויף קליין־געלד און איהם אויסצובאָרגען צו אָרימע לייט אויפ'ן יאָהר־מאַרק. פאָר צייטען האָט מען גענומען אויף די גמלת חסדים פון די אָרימע לייט משכנות: א זייגערל, א פינגערל, א זילבערן לייכטערל, וואָס א העלפט דערפון זיינען פערפאַלען געוואָרען און א העלפט האָט מען צוריק אַרויסגעגעבען אויף די ימים־טובים. נאָר זינט עס האָט זיך געטראָפען דאָס אומגליק מיט נעכען, האָט רב שלמה שוין נישט געוואָלט ביי דער נייער ווייבעל איינפיהרען קיין משכנות. גענומען האָט ער נאָך שבת צו־נאַכטס א הונדערטער, צוביטען עס, אַריינגערופען חנה'לען און געגעבען איהר דאָס געלד אין שירין אריין: „נאָ, באָרג אָרימע־לייט און פערשרייב אויף א פאַפירעל וועמען און וואָס". געווען איז דאָס נעכע'ס חזקה, איז עס איבערגעגאַנגען צו דער נייער ווייבעל. קומט יעדעס מאָל אריין אַן אָרים ווייבעל און רופט חנה'לען אוועק פון דער קיך. דער מיטאָג קאָכט זיך, און דער גרויסער טיש ווערט אויס־געצויגען, אריינגעזעצט אין איהם די ברייטע בייכיגע ברעטער און מען דעקט אויף איהם פאָר א צוויי מנינים אידען. עס זיצען סוחרים, רייכע און אָרימע, די צוויי מחותנים — — צו רב שלמה'ס ביידע זיי־טען. דער רייכער מחותן, מיט דער ברייטער באָרד און גאָלדענער קייט, זיצט ברייט מיט דרייסקייט און רעדט מיט רב שלמה'ן וועגען אַלטע גע־שעפטען, וועגען אַלטע שותפים — ביידע אויסגעהאַנדעלט א וועלט. דער אָרימער מחותן, דער אָרימער ווייץ־סוחר, זיצט זיך בהכנעה, קוקט אין וואָס פאַר א גדולה זיין זוהן איז אריינגעקומען, קוועלט אינעווייניג פאַר נחת, האָט אָבער מורא ביים טיש א הויך וואָרט אויסצורייד׳ען, האָט דרך־ארץ פאַר די אידען נגידים און וויים גאָרנישט, פאַרוואָס עס קומט איהם דער אויבען־אָן. נור יעדעס מאָל, ווען ער קוקט אויף רב שלמה'ס איידים, ווערט ער ביי זיך פעסטער און שטאָלצער, וואָס גאָט האָט איהם מזכה געווען צו אזא זוהן.

פעלץ אויסבייטען. ס'קומען דא אנצופאהרען די פערד־סוחרים פון די מקומות ארום, וואס קויפען אויף די פערד פאר דעם דייטש. די פעלצען־סוחרים האבען שוין אבגערונגען די שטעלען אין די גאסען מיט וואכען צוריק, און פון פריה־מארגענס אן הערט זיך כסדר דאס רעדער־קלאפען איבער דעם ברוק פון שטעדטעל. דאס קומען אן צו פאהרען די סוחרים פון די נאהנטע שטעדטלעך ארום. אויפגעפאקט אויף די גרויסע פוהרען די קאסטענס סחורה מיט די שטעקענס און דרענגער, די שטעלע אויפצושטעלען, קומען צופאהרען אין שטעדטיל אריין טאנדעט - שניידער, טאנדעט - שוסטער, היטעל - מאכער, פעלצען־פליקער מיט זייער סחורה וואס זיי האבען פאר'ן גאנצען זומער פאר דעם יריד אנגעארבייט. מען לויפט פלינק א שטעל צו פעכאפען און מען שלאגט אויף א קראם. די שטאדטישע האבען שוין פערכאפט די בעסטע קראמען אין מיטען מארק און האבען די פרעמדע ארויסגע־שטופט צום פערד־מארק, צום חזיר־מארק, און נישט איין געשלעג איז שוין דורך דעם היינטיגען טאג ארויסגעקומען. און נישט איין מאל איז מען געקומען צו לויפען צו רב שלמה'ן זיך קלאגען אויף די פרעמדע, וואס פערכאפען די שטעלען, און ארויסגעשיקט האט מען א פאר בעלי־בתים, אנצוטהיילען די שטעלען לויט חזקה.

ביי רב שלמה'ן אין שטוב איז היינט גאר א מחיה. עס זיינען זיך צוזאמענגעפאהרען רב שלמה'ס צוויי מחותנים. איינער אן ארימער און איינער א רייכער. דעם איידעמס פאטער, אן ארימער איד פון גאסטינין, וועלכער בארגט נאך היינט פון מחותן א הונדערטער, און דער צווייטער איז רב יואל ברכהן, דער גרויסער שעפסען־סוחר, פון פלאצק, עזרל'ס דעם עלטסטען זוהן'ס מחותן. געבראכט האט ער אויפ'ן מארק יונגע אקסען צו פערקויפען פאר די שררות אויף פאישע: בשותפות זיינען די אקסען מיט רב שלמה'ן געקויפט. און אזוי סוחרים — שות־פים פון אנדערע געשעפטען זיינען געקומען, און גלאט א איד א מעק־לער געקומען אויף'ן יאהר־מארק, — און די ערשטע זאך געהט מען אריין צו רב שלמה'ן. דארט וועט זיך שוין מאכען א רובל צו פערדינען. שטעהט מען אלע ביי רב שלמה'ן אין שטוב, און די מוידען קאכען דעם רויטען בוריקעס־בארשטש פון פריה־מארגענס אן. די שטוב איז פול מיט רעגען־מאנטלען, און אידען פון דער גאנצער וועלט זיינען דא און האנדלען. גרייט מען זיך דא צום גרויסען מיטאג, וואס מען

דער איד האָט גאָר נישט געענטפערט, נאָר א גרויסער שטראָם טרעהרען האָט ארויסגעגאָסען פון זיינע אויגען.

רב שלמה האָט אריינגערופען דעם דיין'ס ווייב, וואָס איז מיטגע־קומען נאָך דעם מאַן. די אידענע איז געווען נאָך מעהר געבראכען פאר חרפה, ווי דער מאַן. בעהאַלטען דאָס פנים אין טוך, האָט זי ארויסגעוויינט: „זעהט, רב שלמה, ווי דער רבונו של עולם האָט מיך געשטראָפט, וואָס דער רבונו של עולם האָט געמאַכט פון מיר. וואָס וועט איצט פון מיינע קינדער ווערען?"

— הערט אויף צו וויינען און זעהט, אז ער זאָל ניט מעהר אין גאס לויפען. אט האָט איהר א צעהן־רובעלדיגען און נעהמט דאס בעלי־הבית'ישקייט און ציהט אייך אריבער צו מיר אין הויז אריין. חאַצקעל וועט אייך אנווייזען א שטוב אויבען, ביים שולכעל. איך וועל איהם צאָהלען זעקס רובל א וואָך, ער וועט לערנען מיט מיינע קינדער און זאָל ווערען א סוף.

---

## IV

# דער יאַהרמאַרק.

רב שלמה איז זונטאג ניט אוועקגעפאהרען אין וועג אריין. נאָטע איז נישט פערפאהרען מיט די צוויי בולאַנעס פאר דער טהיר, און רב שלמה איז געבליבען אין דער היים צום גרויסען יאַהר־יריד, וואָס וועט זיך אנהויבען מאנטאג און זיך אוועקציהען גאַנצע אכט טעג... עס איז דער גרויסער יאַהר מארק אין שטעדטיל, וואָס ציהט צו די ארומיגע סוחרים פון דער גאַנצער געגענד.

עס איז נאָך דעם שניט, שוין האָבען די גויים זייער ביסעל תבואה אין די שפייכלער אריינגעבראַכט און קומען זיך איצט צוזאַמען צו פערקויפען די תבואות; ווער עס קויפט דערפאַר א קוה, ווער א חזיר אויף אויסצופאשען איבער'ן ווינטער און אויפ'ן פריהלינג צו פער־קויפען, וועלכער פויער ברעננט זיין אייגען פערדיל צו פערקויפען, וואָס ער דאַרף עס נישט מעהר נאָכ'ן שניט, און וויל דאָס אויף א גוטען

של עולם, גיב מיר חן אין מיין מאַן'ס אויגען און אין די קינדערס אויגען, אַז זיי זאָלען מיך ליעב האָבען, אַז איך זאָל זיי קענען אַ געטרייע מוטער זיין. און בשכר דעם, וואָס איך וועל זיין אַ מוטער צו די יתומים, זאָלסטו מיך מזכה זיין צו דערלעבען, אַז איך זאָל ווערען אַ מוטער פאַר מיינע אייגענע קינדער"... רב שלמה קומט אריין פון מעריב. „חנה'לע, וואו ביזטו?" — „שוין פון מעריב?" און „גאָט פון אברהם" זאָגט זי אין דער טונקעלקייט. עס ווייזט זיך דאָס ערשטע ליכט און רב שלמה מאַכט הבדלה.

נאָך הבדלה לאָזט רב שלמה אריינרופען צו זיך דעם מעקלער חאַצקעל, וואָס וואָהנט מיט איהם אין שכנות, און זאָגט צו איהם: „חאַצקעל, געה ברייננ מיר ליב־בער, דעם דיין".

— דעם חוטא דאָ, דעם עוכר ישראל? — שרייט אויס חאַצקעל מיט וואונדער.

— טהו ווי איך הייס דיר. איך בעט דיך און זאָג קיינעם ניט דערפון קיין וואָרט. איך בעט דיך אַ טובה.

חאַצקעל טענה'ט ניט קיין סך. נאָכט איז עס, שעהמט ער זיך ניט צו געהן מיט דעם דיין איבער דער גאַס. אריינגעקומען צו רב שלמה'ן. דער דיין שטעהט ביי דער טהיר, מיט דעם צובלוטיגטען פּנים און אָבגעריסענעם ראָק נאָך. רב שלמה רופט איהם אין אַ בעזונדער חדר אריין.

— הער מיך אויס — זאָגט רב שלמה צום חוטא — אַז אַ מענש זינדיגט איז ער נאָך ניט פערפאַלען, איז דאָ אַ תשובה. איך ווייס, אַז איהר וועט טהאָן תשובה גמורה. אַ מענש לאָזט זיך אָנריידען פון יצר הרע; מיר אַלע זיינען ניט בעסער, אַלע זיינען מיר נאָר מענשען. פערפאַלען, עס איז געשעהן. בעט גאָט, אַז ער זאָל אייך מוחל זיין. וואַשט אייך אָב און הערט אויף די נאַרישקייטען, זיך וואַרפען פאַר'ן בית־המדרש. גאָט קוקט אין האַרץ אריין. די שטאָדט וועט אייך איצט רודפ'ן, ביי אייך אָוועקנעהמען די פּרנסה — וועט איהר וואָהנען ביי מיר אין הויז, איהר וועט לערנען מיט מיין אינגעל. איך וועל אייך אָבגעבען אַ דירה און וועל אייך צאָהלען זעקס רובל אַ וואָך. זייט איהר צופריעדען?

פעטער לייזער. עס איז דער יונגער ווייבעל'ס משפחה, וואס וואהנען אין שטאדט, פון די פיינע לייט ביז גאר, רייכע לייט, האבען גע־שענקט אין שוהל אריין דעם „מזרח". דער פעטער מיט דעם גע־פרעסטען קראגענדעל „שפריכט דייטש". עס קומט אריין דער שותף, רב אשר מיט זיין ווייב, אויך פון די שעהנע אידען, רעדט ווייניג, הערט א סך. און עס ווייזען זיך באלד די שבת'דיגע טיכער, געבראכט פון די לייפציגער מערק, מיט די קאלישער פיין־געשטיקטע שפיצען, מיט די אלטע אידישע גאלדענע אוירינגלאך, מיט די ברייטע בראשען, די לאנגע גאלדענע קייטען. אידישע אויגען און אידישע פנים'ער. עס ווייזען זיך די ברייטע אידען מיט די גלאנצענדיג־אטלאסנע קאַ־פאָטעס, געפרעסטע קראגענס און שווארצע בערד. די ווייבער בע־זונדער, די מאנספערשוינען בעזונדער. און באלד בעווייזט זיך אויפ'ן טיש דאָס גוטע גלעזעל „טאָקייער" ווייז מיט די ערשטע פרוכטען „אויף א ברכה", וויינפערלאך און רויטע פאַזשאָמקעס מיט צוקער. די שטיבער ווערען פֿול מיט קינדער. אלע אידען האבען א משפחה: די ווייבער רעדען צווישען זיך אין דער שטיל, דערצעהלען עפּעס פון פאמיליען־אנגעלעגענהייטען און די מענער ריידען פון שטאָדטישע ענינים. און דער שבת ליגט איבער דער גאנצער שטוב אויסגעגאָסען.

עס איז שוין געוואָרען פאר־נאכט. שטיל, מיט צער שטאַרבט אָב אין אידישע שטעדט דער שבת. די זון ברענט רויט אין עק הימעל, דער גיהנום — אונטערגעהייצט און מען טרייבט שוין די זינדיגע נשמות אין דעם פייער אריין... אין די שטיבער טונקעלט זיך; די אידען אויף די גאסען געהען שפאצירען און דער „גאט פון אברהם" לעגט זיך אין א לייכטען פערטרויערטען נעפּעל איבער דער גאס. עס איז דער שטילער צער פון חורבן בית־המקדש וואס רוהט שבת צו שלש סעודות איבער די אידישע שטעדטלאך. חנה'לע שטעהט ביים פענ־סטער, קוקט אין טונקעלען געסעל אריין און קלעהרט וועגען דעם ניי־געבאָרענעם, וואָס שטעהט איהר פאָר... זי וועט א מוטער זיין. און דער רבונו של עולם זאָל איהר העלפען, אז זי זאָל ניט פֿערשעהמט ווערען... אין שטוב איז טונקעל, קיינער איז נישטאָ. דער איידים איז ארונטערגעגאנגען צום רב צו שלש סעודות און האט מיטגענומען חיים'לען. די קינדער קומען אריין; און אין הארצען בעט זי: „רבונו

טריפט פון די מאכלים, פון דעם מעגעלע און די טשאָלענט־קארטאָפעל, און דאָס געבראָטעניע גענזעס מיט דער שוואַרצער קאַשע, און וויין טרינקט מען צו דערצו. פאַר יעדען בעזונדער שטעהט אַ בעכער אָנ־געגרייט. און פון דעם גוטען אונגארישען וויין „טאָקייער" איז דער טאַטע גאָר מכבד צום בענטשען. מיט בענטשען איז ער היינט מכבד דעם עלטסטען פון די אורחים. און נאָך דעם פעטען עסען פיהלט מען דאָך עפּעס אַ מיעדקייט, גלוסט זיך אַ גלעזעל לימאַנאַד מיט דעם פיי־נעם ביסעל שלאָף. אין אַ האַלב שעה ארום ליגט שוין רב שלמה אונ־טער דער ווייסער דעקע, די שוואַרצע לאַנגע באָרד איז פערשפּרייט אי־בער דער ווייסער ליילאַך און דאָס ווייבעל, נאָך אין דער זיידענער שוואַרצער קאָפּטענדעל, אין די פּעריל מיט די בריליאַנטענע אוירינג־לאַך, זיצט אויפ'ן ראַנד פון בעט, קוקט איהם מיט ליעבע אין די מיעדע אויגען אריין, וואָס שליסען זיך צום שלאָף, און שפּיעלט זיך לייכט מיט איהרע דינע פינגערלאַך מיט די האָהר פון זיין באָרד. אַ מלכות'־דיגער שמייכעל שוועבט איבער רב שלמה'ס געזיכט. און אַזוי געהט ער איבער מיט דעם שמייכעל אויף די ליפּען פון דער וואָהר אין חלום אריין...

אין אַ צוויי שעה ארום וואַרטען שוין די מלמדים; זיי זיינען געקומען צו רב שלמה'ן פערהערען די קינדער. רב שלמה שטעהט אויף פון שלאָף אַן אויסגערוהטער, אַ צופריעדענער, די קאַנטען פון די פּאות און באָרד זיינען נאַס, זיצט ער אין דעם גרויסען פאָטער־שטול פאַר דעם גרויסען חומש און פערהערט די קינדער. ביים טיש ארום זיצט דער איידעם מיט דעם אינגעל און דעם עלטסטען זוהן און לערנען הויך דעם שיעור. די זונן שיינט בריים אריין דורך די גרויסע אָפענע פענ־סטער. אין גנעסעל איז שבת'דיג. שוין אויפגעשטאַנען די בעלי־עגלות פון שלאָף און זיי זיצען פאַר די טירען פון זייערע הייזלעך; די מיידלאַך פון שטאָדט, אין שבת'דיגע קליידער, לאָזען זיך שוין אין גנעסיל צום שפּאַציר, אַ אידענע אין אַ טערקיש טוך געהט זיך בנעי־מות'דיג גוט־שבת־ביטען, און אַלע הערען פון רב שלמה'ס פענסטער דאָס קול התורה, ווי עס רייסט זיך ארויס אין גנעסיל אריין, און ווינשען זיך אין הארצען, אַז זייערע קינדער זאָלען דערלעבען צו אַזאַ גדולה, ווי רב שלמה.

באַלד קומען די ערשטע שבת־געסט: די מומע גיטעלע מיט דעם

טיש און אויך פאר זיי געדעקט מיט זילבערנע לעפעל און מעסער. דער שבת איז געווען ביי רב שלמה'ן א ברייטער און א פעטער; ניט אומזיסט האָבען די אורחים אַנגעלעגט וועג, אבי נור אַנצוציהען אויף שבת אין שטעדטעל אריין. דער טעם פון רב שלמה'ס קוגעל איז זיי דערנאָך געלעגען א גאנצע וואָך אין מויל. חנה'לע האָט אויך געוואָלט ווייזען רב שלמה'ן, אז זי קאָן ווירטהשאַפטען ניט ערגער ווי די פריערדיגע ווייב. און פון א רייך הויז איז זי ארויסגעקומען, און איידעלע מאכלים האט מען געגעסען ביי זיי — האט זי זיך דערמאנט אלץ נאָר דאָס שעהנסטע און דאָס בעסטע, וואָס איהר מוטער האָט געמאַכט אויף א יום־טוב, און האָט דאָס איצט אַנגעגרייט אויף שבת.

רב שלמה האָט ליעב געהאט גוט און פיעל צו עסען. מען האָט צוערשט דערלאנגט די גרויסע קארפּען־קעפּ אויפ'ן טיש; די ברייטע שטיקער פיש מיט דער געגליווערטער פיש־יויך, דעם גוטען טרונק בראנפען נאָך די פיש און דאס ביסעל גוטע לעבערלאך, דורכגעהאקט מיט ציבעלעס מיט גריוועז און דורכגעמישט מיט גענזען־שמאלץ און מיט פעפער בעשאָטען, אז עס שמעקט פון דערווייטענס. נאָך די ציבעלעס מאכט מען אַ הפסקה. געשיקט דערווייל נאָכ'ן טשאָלענט, גרייט מען דערווייל די שעהנע זמירות. די אורחים זיינען שוין אביסעל פרעהליך פון שטארקען טרונק בראנפען. רב שלמה מאַכט מיט זיי א שמועס וועגען די ווייטע מקומות, פון וואנען זיי קומען. און א איד דערצעהלט א מעשה פון א למד־וואוו־ניק, וואס האט זיך געלאזט נע ונד זיין. ער אליין האָט איהם געקענט. ער האָט זיך געטראָפען מיט איהם אויפ'ן וועג, און זיי זיינען געגאנגען איבער וועלדער אליין. נור יעדעס מאָל פערשטעלט ער זיך און מען קאָן איהם ניט דערקענען. קוקט חיים'ל דאָס אינגעל מיט גלאנצענדיגע אויגען אויף די אורחים, אפשר זיצט דער למד־וואָווניק צווישען זיי, און אפשר געפינט זיך גאָר אליהו הנביא צווישען זיי. צי ווייניג מעשיות האָט ער זיך דען אָנגעלייענט, ווי אליהו הנביא געהט ארום איבער אידישע מערק און אידישע שטעדטלעך, כדי אידען צו העלפען? און ער האָט גרויס דרך־ארץ פאר'ן טאַטען, וואָס דער טאַטע נעהמט אזוי פיעל אורחים אהיים, און מאכט ביי זיך אב: אז ער וועט גרויס ווערען און א הויז פיהרען, וועט ער איבערנעהמען דעם טאַטען'ס מדה און אויך אורחים מכבד זיין. מען דערלאנגט אויפ'ן טיש דעם פעטען קוגעל; דאָס שמאַלץ

מיט א צובראָכען האַרץ. ווארים אזוי ווי א בוים וואָס קאָן אנדערש ניט וואקסען, סיידען עס שטעהט אויף דער לופט, און רעגען און האגעל פאלען אויף איהם און דער ווינד יאָגט איבער איהם, און דאָס זאמד און מיסט קלייבט זיך ארום זיין שאָלעכץ, אזוי מוז א איד זיין. א איד א צדיק, וואָס האָט גאָרנישט אויף זיין נשמה, קאָן זעהר לייכט קומען צו גאוה, ווערט שטאָלץ און איז אלץ מבטל. איך קען אזעלכע אידען, רב מרדכי. אבער א איד מיט אן עבירה אויף זיין נשמה האט שטענדיג א צובראכענע הארץ. איך זאג אייך, אז פון דעם דיין קאָן נאך ווערען א גרויסער צדיק. א איד דארף אלץ פיהלען אויף זיך: אי רעגען, אי ווינט, ווי די בוים אויפ'ן גאס. א גרויסער צדיק און א גרויסער איד איז דער גאסטינינער רבי. א, זאגט ער גוט: „א איד דארף זיין ווי דער בוים, אלץ דארף ער האבען אויף זיין נשמה: אי דעם טעם פון דער עבירה, אי דעם טעם פון דער מצוה". יאָ, רב מרדכי, מיר אלע זיינען ניט ריין פון זינד, אלע האָבען מיר עפּעס אויף דער נשמה — א גוטען שבת, רב מרדכי, א גוטען שבת!

אז רב שלמה איז אריינגעקומען צו זיך אין שטוב אריין, איז צוריקגעקומען אויף איהם דער עונג פון שבת. געטרייסט האָט ער זיך מיט די ווערטער, וואָס ער האָט געזאָגט רב מרדכי'ן, און דאָס זיינען געווען די ווערטער פון דעם גאסטינינער רבי, וואס ער האָט איהם געזאגט ווען רב שלמה האט זיך אמאל נעקלאגט פאר איהם דערויף, וואס דער יצר הרע לאָזט איהם ניט צו רוה... ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם רבי'ס ווערטער און האָט צוריקגעקראָגען זיין פרעהליכקייט און פעסטקייט. אז דאָס ווייבעל איז פון שוהל אהיים געקומען און דער זיבעטעטער חן האָט געדוהט אויף איהר, האָט ער זיך שוין ניט געפיהלט ווי פריהער, אומווירדיג. ער איז צוגעגאנגען צו איהר, אָנגענומען זי ביי דער האנד און געזאָגט אין דער שטיל: „גוט-שבת, חנה'לע, געזונד זאָלסטו מיר לעבען", און זי האָט איהם אויך געענטפערט אין דער שטיל: „גוט יאָהר, שלמה, מיר זאָלען נחת דערלעבען אינאיינעם". דאָס זיינען געווען די געטרייע ווערטער, וואָס זיי האָבען גערעדט צווישען זיך אין דער שטיל. און ברייט האָט זיך רב שלמה אוועקגעזעצט ביים טיש. געדעקט איז שוין געווען דער טיש אין דער גרויסער שטוב, פאר זיי און פאר די אורחים אינאיינעם. חנה'לע האָט געוואָלט געפעלען ווערען דעם מאַן, האָט זי די אורחים אוועקגעזעצט אין מיטען

אויפ׳ן וועג קיין שלעכטס ניט טהאָן און זאָגט זיין ווייב, אז זי זאָל איהם ניט ארויסלאָזען. געהערט?

— געהערט, בעל־הבית!

די צוויי יונגען, ווי צוויי דעמבעס, האָבען דעם דיין אונטער די ארעמס גענומען און איהם איבער׳ן שטעדטעל אהיים געפיהרט. און אז א יונג האָט געוואָלט צוגעהן צו איהם און איהם „דערלאנגען" האָבען זיי געשריען: „לאָז אָב, לאָז אָב! רב שלמה האָט ניט גע־הייסען".

און דאָס איז געווען גענוג, אז דער איד זאָל בשלום אהיים קומען.

רב שלמה איז דערווייל אהיים געגאנגען פון בית־המדרש מיט די זייגיגע. דאס הארץ איז איהם רוהיגער געווארען, און ער האָט צו־ריק געפונען זיין שבת׳דיגקייט. אָנגעטראָפען האָט ער אויפ׳ן וועג דעם שוחט׳ס זוהן, וועלכער איז געווען א גרויסער חסיד און געגאנגען מיט איהם אינאיינעם. דער שוחט האָט געקרעכצט און זאָגט צו רב שלמה׳ן:

— דאָס איז דערפאר, רב שלמה, וואָס א מענש פערלאָזט זיך אויף זיין אייגענעם כח. טאקע ער איז געווען א שטארקער איד, נאָר וואָס שטארקער דער איד איז, אַלץ שטארקער איז זיין יצר הרע און פער־לאָזען זיך אויף זיך טאָר מען ניט. געראנגעלט זיך מיט׳ן יצר הרע, געראנגעלט זיך, ביז ער איז איהם בייגעקומען.

— אָבער ווי אזוי איז ער געקומען דערצו? ווי האָט דער איד ניט מורא געהאט?

— מיינט איהר, אז עס איז געווען פון היינט? ווער ווייסט ווי־פיעל מחשבות זרות עס זיינען פריהער געווען? ביים לערנען, ביים דאווענען, און דאס נאנצע לערנען און דאווענען איז געווארען צו נישט פאר׳ן שטן, רחמנא לצלן.

— נו, עס איז שבת, רב מרדכי — זאגט רב שלמה — און מצער זיין זיך טאָר מען נים. און מהוט א איד אן עבירה איז ער נאָך ניט פערפאלען — טרייסט דערווייל רב שלמה זיך אליין — אויך איז דא תשובה. ווי זאגען די חכמים: „במקום שבעלי תשובה עומדים"... אביסעל לערנען קען איך נאָך און דער גאסטינינער רבי האָט מיר אמאָל געזאָגט, אז א איד אָהן אן עבירה איז גאָר נישטאָ. א איד מוז האָבען עפּעס אויף זיין נשמה, כדי ער זאָל קענען זיין אן אמת׳ער איד,

זינד. און גאָט איז מוחל! ווארים ווי וואָלט דען דער מענש געקענט לעבען, אז גאָט וואָלט ניט געווען קיין אל רחום וחנון? ווארים מיט יעדען טריט אונזערען טהוען מיר א פעהלער, צו מיט דער מחשבה אדער במעשה".

דער בטחון אין גאָט האָט איהם באלד איננאנצען בערוהיגט, און ער האָט צוריק געפונען זיין גאנצקייט און צופריעדענקייט מיט זיך און אין הארצען אפילו פעראכט דעם דיין, וואָס ער האָט זיך אזוי מבוזה געמאכט. „האָסט געזינדיגט, בעט צו גאָט, — האָט ער געזאָגט אין הארצען — וואָס מאכסטו פול א וועלט?"

אז רב שלמה איז ארויס פון בית המדרש האָט ער דערזעהן דעם דיין ליגענדיג ביי דער טהיר פון בית־המדרש, א בלייכען, מיט אן אויפ־געריסען העמד, און יעדער וואָס איז דורכגעגאנגען, האָט איהם גע־געבען א שטורך, א שפיי, און מעהרסטען די וואָס האָבען איהם גע־שלאָגען זיינען געווען בעלי־עגלות מיט קצבים־יונגען. עס זיינען גע־שטאנען נעבען איהם נאָטע בעל־עגלה מיט אייזיקעל פישער־יונג און האָבען דערצעהלט בקול רם, ווי אזוי זיי האָבען איהם נעכטען געפאקט און איהם געשלאגען מיט די זעלנערישע פאסקעס, וואָס זיי האָבען געהאלטען אין דער האנד.

אז רב שלמה האָט דערזעהן ווי זיי שלאָגען דעם אידען, האָט ער גענעבען א געשריי אויף זיי:

— וואָס שלאָגט איהר איהם? וואָס איז די מעשה? איהר זייט בעסער? איהר זיים די צדיקים?

די יונגען האָבען זיך פערשעהמט פאר רב שלמה'ס ווערטער, צוריק אָנגעטהאָן די פאסקעס אויף די הויזען און זיך אָבגעטראָגען.

— אהייט געה, דו שוטה! — האָט רב שלמה געגעבען א געשריי אויפ'ן דיין, וואָס איז געלעגען א פער'חלש'טער אויף דר'ערד — האָסט געזינדיגט, בעט צו גאָט, זאָל ער דיר מוחל זיין. ווי ער מאכט פול מיט זיך א וועלט!

דער דיין האָט זיך פון דער ערד אויפגעהויבען.

— פיהרט איהם אהיים, לייזער, בעריל, — האָט רב שלמה א געשריי געגעבען אויף זיינע צוויי פערדס־יונגען, וואָס האָבען מיט בעלי־הבית געדאוונט אין בית־המדרש — און זעהט, אז מען זאָל איהם

די בוימער ניט אויסהאקען פון דער איינגענומענער שטאָדט״. ווערט א גרויס גערודער אין בית־המדרש. אידען שרייען: „ארויס, ארויס!״ און צווישען עולם רייסט זיך אריין א בלאַסער, צובלוטיגטער יונגער מאַן. די אטלאסנע קאַפאטע אבגעריסען אויף איהם, די האהר פון בארד און די פאות אויסגעריסען, דאס הארץ קוקט ארויס פון דער צוריסענער העמד, דער פנים צובלוטיגט, צוקרעלט, א שטריק ארומגע־וויקעלט ארום די לענדען — האט ער זיך אריינגעריסען מיט זיינע דארע צוקאַליעטשעטע נאקעטע הענד צווישען עולם. ארויף אויפ׳ן בע־לעמער און געגעבען א קלאַפּ אין טיש און געשריען: „אידען, איך בין א חוטא! איך האָב זיך אזוי לאנג געלאָזט אָנריידען פון יצר הרע, ביז איך בין פערפיהרט געוואָרען פון איהם! אידען, די גאנצע תוכחה פון דער תורה זאָל קומען אויף מיין קאָפּ! אידען, שלאָגט מיך!״, — און דער חוטא האָט זיך געגעבען א וואָרף אויף דער ערד פאר דער תורה.

עס איז געוואָרען א גערודער. בעלי־הבתים האָבען געשריען: „וואַרפט איהם ארויס, וואַרפט איהם ארויס!״ באלד האָבען א פּאָר בעלי־עגלות איהם אויפגעהויבען פון דער ערד און ארויסגעטראָגען אין פאליש אריין.

דער עולם האָט זיך באלד בערוהיגט. אין בית־המדרש האָט זיך ווייטער געפיהרט די תפילה פאר גאָט. דער בעל־קורא האָט געענדיגט ליינען, דער חזן האָט זיך גענומען צום מוסף, נאָר עפּעס איז שוין דער דאַווגען געוועזען צושטערט. אלע האָבען געקלעהרט וועגען דער מעשה, — און פון פאליש, וואו דער חוטא ליגט, דרינגט אריין יעדעס מאָל א רעש און א גערודער.

רב שלמה איז איצט געשטאַנען ביים שטענדער, פערשטעלט דעם פנים מיט׳ן טלית, און האָט געקלעהרט וועגען זיך, אז אויגענבליך האָט ער אויך געדאַרפט ארויפגעהן ווי דער איד אויפ׳ן בעלעמער און פאר אלעמען דערצעהלען זיינע חטאים און זיך אוועקלייגען אויף דר׳ערד, אז מען זאָל איהם שלאָגען. נאָר דאָס בילד ווי ער שטעהט אויפ׳ן בעלעמער און איז זיך מתודה, האָט ער זיך ניט געקענט פארשטעלען. און נאָכדעם ווי ער האָט געזעהן דעם דיין מיט די צוריסענע בגדים אויפ׳ן בעלעמער, איז ער פיעל רוהיגער געוואָרען, און ער האָט זיך געזאָגט: „אזוי זיינען מיר, מענשען. דער מענש איז זינדיג, אל[illegible] זיינען מיר זינדיג, און א גאָט איז דאָ, אז ער זאָל מוחל זיין אונזער[illegible]

נומען דעם חובת הלבבות וואס איז געלעגען אין שטענדער, אריינ־געקוקט אין איהם און פערטראכט זיך וועגען זיך, וועגען יצר הרע, ווי א מענש מוז זיך דערוויטערען פון שלעכטס, און די גאנצע צייט ביים דאוונען און לייענען האט ער אין האריץ נאר געהאט איין תפלה:
„רבונו של עולם, דערווייטער פון מיר דעם שטן און ברענג מיך ניט צו קיין נסיון!"

דער בית המדרש איז דערווייל געווארען אנגעפראפט מיט אידען. שבת'דיג איז געווען; די זון האט נאך ליכטיגער געשיינט ווי אן אנ־דערש מאל, מיט מעהר גלאנץ. ענג און ווארים איז געווען אין בית־המדרש; פון דער ווייבער־שוהל האבען אראבגעקוקט די שעהנע ווייבער מיט די בריליאנטענע שטערן־טיכלאך. דער חזן האט שעהן גע־דאווענט, און די אינגלאך האבען זיך די קעהלער אויסגעשריען פון נאכ־זאגען „אמן יהא שמיה רבא". מען האט פערקויפט דאס לייענען; אידען האבען נעקראגען א גרויס חשק צו עליות, און מען האט זיך גע־יאגט נאך די עליות אין די רענדלאך אריין, איינער דעם אנדערען אויסגערונגען, ווי עס וואלט נעגאנגען א גרויס געשעפט מאכען. צוויי שניידער־געזעלען, וואס האבען זיך געקויפט הוצאה, זיינען ארויף אין די טליתים צום ארון. דער גאנצער בית המדרש האט זיי נאכגעקוקט— צ וואס שניידער־געזעלען דערגעהן שוין היינטיגע יאהרען, קויפען זיך פתיחה! און די באקען זיינען רויט נעווען ווי פייער. דער חזן האט גע־נומען פון זייערע הענד די ספר תורה און בעוויזען עס די אידען. אידען האבען זיך געפרעהט מיט דער ספר תורה. אין דעם שבת'דיגען מענ־טעלע איז עס געגאנגען אנגעטהאן, מיט דער זילבערנער קרוין אויף די עץ־חיים'לעך, וואס רב שלמה האט צו זיין טאכטער'ס חתונה גע־שענקט. יעדער האט די ספר תורה געקושט און מען האט עס אויפ'ן בעלעמער ארויפגעטראגען און דער חזן האט אנגעהויבען צו עליות צו רופען. עס זיינען געגאנגען בעלי־הבתים, גבאים, — די קארפען־קעפ פון שטאדט. דער בעל־קורא, דער מלאווער בחור, וואס איז א גרויסער בעל דקדוק, האט שוין געלייענט און געשטעלט דעם טראפ אויף יעדען ווארט. אידען האבען אין די חומשים אריינגעקוקט און הנאה געהאט פון זיין טראפ שטעלען.

און ווי דער עולם איז אזוי פערטהאן „ווי אזוי מען זאל זיך בע־געהן מיט'ן פיינד, ווען מען וועט א שטאט איננעהמען, ווי מען זאל

אין די דריי וואכען איז ער אין קאלטען פאליש געזעסען אין די זאַ־קען און חצות אָבגעריכט. מען האָט שוין באלד אָנגעהויבען צו טראַ־גען צו איהם קוויטלאך, און דאָ אַזאַ מעשה — די האָהר שטעלען זיך קאפויר! „געראנגעלט זיך מיט'ן יצר הרע, געראנגעלט זיך, ביז דער יצר הרע האָט איהם בייגעקומען"...

„ברייננ מיך ניט צו קיין נסיון" — האָט רב שלמה אין הארצען געבעטען, און ער האָט זיך אָנגעהויבען צו דערמאָנען אָן זיינע נסיונות. צי איז ער אויך ניט אזוי ווי רב ליב־בער? נאר וואס? קיינער ווייס ניט דערפון. אמת, ביי איהר, זינט ער איז מיט חנה'לען, האָט איהם דער יצר הרע אָבגעלאָזען, אָבער ביי יענער, ביי נעכען, אין פערשיע־דענע אַכסניות, אויפ'ן וועג... און וויפיעל מאָל עובר געווען לא תחמוד, געקוקט אויף פרעמדע ווייבלאך... און מעשיות מיט דיענסט־מוידען... אוי, איז ער געלעגען פעסט אין יצר הרע'ס הענד. א רשע, און פאר וואָס קומט איהם דאָס איצט צו זיצען אין דעם זיידענעם ראָק ביים חומש, און דער איידים און דער זוהן נעבען איהם, און דרינגען טהוט זיך זיין ווייבעל אָן צום שוהל־געהן?...

ער האָט געפרובט אוועקיאגען פון זיך די מחשבות. עס איז היינט שבת און ער האָט זיך אריינגעלאָזט טיעף אין דער סדרה אריין, אָבער פערשיעדענע בילדער זיינען איהם פאר די אויגען שטעהן געבליבען ווי לעבעדיגע... גאָט, ווי מיאוס ער איז! אַן אומווירדיגקייט און אַ פער־אכטונג צו זיך האָט איהם ארומגענומען. ער האָט זיך אויפגעהויבען פון טיש און ארומגעדרעהט זיך איבער'ן שטוב פערטראַגען, און אַלע זיינע פערבארגענע מעשים זיינען איהם נעשטאנען פאר די אויגען. און דערנאָך, אַז ער איז אריין אין דער צווייטער שטוב און האָט דערזעהן, ווי חנה'לע ביים שפיעגעל אין שווארצען זיידענעם קלייד טהוט אָן די פעריל אויפ'ן האלז מיט די ווייסע זיידענע שפיצען — האָט זי איהם אויסגעזעהן ווי אַ פריצטע, ווי אַ פרינצעסין, און ער האָט ביי זיך אויסגעזעהן ווי אַ פערדס־יונג, וואָס איז ניט ווערטה צו שטעהן אין איהרע ד' אמות, און האָט זיך ניט געטרויט צו צוגעהן צו איהר...

כדי צו פערטריבען זיינע געדאנקען איז רב שלמה היינט פריהער געגאנגען אין בית־המדרש אריין ווי אַן אנדערש מאָל, און אוועקגע־שטעלט זיך אויף זיין שטאָט אויבען־אַן אין דער מזרח־וואנד, נעבען רב. און איידער דער חזן האָט אנגעהויבען צו דאווגען, האָט ער ארויסגע־

בליקען זיינע אויגען, זיין פנים. זעהט זיך אוים, אז דאס ווייבעל איז געווארען צו איהם היימישער און צוגעבונדענער דורך דער נאכט, און האט איהם שוין מוחל געווען דאס, וואס עס איז נעבטען פארגעקומען. אבער רב שלמה האט ניט געקענט צו איהר צוגעהן נאכדעם. וואס ער האט אין דרויסען געהערט... ער האט זיך נעפיהלט אינערליך ריין, בעת ער האט חנה'לען דערזעהן, און א גרויסע אינערליכע פרייד און א ריינקייט האט איהם ארומגענומען, און ער האט גאט געדאנקט דער־פאר. ער איז אריין צו זיך איבערטאהן זיך. געשפירט אויף זיך די שבת'דיגע בגדים, איז ער אריין אין דעם זאל וואו ארום דעם גרויסען, ברייטען אמפיר־טיש, מיט'ן שעהנעם גאלד־געהאפטענעם שבת־טוך בעדעקט, איז געזעסען דער איידים מיט'ן אינגעל און האבען אויפ'ן קול געלערענט. דער בחור איז געזעסען אן א זיים און שטיל אונטער־געברומט. רב שלמה האט זיך אוועקגעזעצט אויבען־אן און גענומען דעם חומש מעביר צו זיין די סדרה.

ביים חומש איז רב שלמה ניט געווען אזוי רוהיג ווי יעדעס מאל. די מעשה וואס ער האט היינט געהערט האט איהם געשטערט און ארויסגעצויגען פון זיין שבת'קייט. רב ליב־בער איז דער שעהנסטער יונגער מאן אין שטאדט. אן עלוי, געהאט א היתר הוראה נאך בחור־ווייז. אן ארים בחור געווען, האט ער חתונה געהאט מיט א טאכטער פון א היגען בעלי־הבית א נגיד. דאס ווייבעל איז מאקע ניט געווע. קיין שעהנע, בלינד אויף איין אויג, נאר דער שוועהר האט איהם צו־געזאגט קעסט כל ימיו. עס האט זיך באלד אויסגעלאזט פון שוועהר'ס רייכקייט א גארנישט. דער שוועהר האט באנקראטירט און געשטאר־בען פאר עגמת נפש און איבערגעלאזט נאך זיך חובות. מען האט גע־כאפט דער פאר א שניט־געשעפט; דאס ווייבעל איז געשטאנען אי. שניט־קראם, און ער איז געזעסען יומם ולילה און האט געלערענט באלד האט געקלונגען מיט איהם די וועלט. דער רב האט מורא געהאט פאר איהם, ווייל פאר א יום־טוב אדער פאר א זומערדיגען פרייטאג, ווען די קאטשקעס טרפ'נען זיך, און עס איז דא א סך שאלות, פלעגט מען צו איהם קומען מיט די שאלות. פאר א צדיק איז ער געווען בע־וואוסט. א יושב אוהל, און זיין דאווענען, זיין לערנען,—האט מען איהם געמאכט פאר א דיין. און זיין נאמען איז נאך גרעסער געווארען; א גרויסער פרומער איד, יעדען מאנטאג און דאנערשטאג געפאסט,

דיין, אין דער זיידענער קאפאטע, דאס שטריימעל אראבגעפאלען פון קאפ. „רבי, וואס טהוט איהר דא?" — פרעג איך. ענטפערט ער קיין ווארט ניט; די פיאות טרייסלען זיך, אליין איז ער בלייך. „רבי, אזעלכע מעשיות טהוט איהר?" — גיב איך א געשריי אויס, און ווי איך גיב איהם ניט דעם ערשטען פלאם אין פנים אריין, בריהט מיר נאך די האנד. „צום רב קומט!" אראב דעם גארטעל, א כאפ ארום איהם, ארויף אויפ'ן אקסעל, ער — ווייזט ער אויף אייזיקלען — האט זיך געגעבען א לאז נאך דער שיקסע, די האהר צופלאשעט, נאס. איך — דעם דיין, ער — די שיקסע, און מיר גיבען זיי ביידע א טראג אין שטאדט אריין, א נעהם אריין צום רב, א שטעל אוועק: „רבי, זיי האבען מיר געכאפט". געוואלט נאך נעכטען אריינגעהן אייך דערצעהלען, איז שוין געווען שפעט, ניט געוואלט.

— אזוי איז עס געווען, רב שלמה — ברעכט צום סוף ארויס איי־זיקעל פישער־יונג, וועלכער איז געווען אן אויסגעריענטער סאלדאט, און שטעהט פאר רב שלמה'ן ווי פאר דעם אפיצער, האלט די האנד אונטער'ן שטערען און שאקעלט צו מיט'ן קאפ.

— גענוג שוין, גענוג שוין, — ענטפערט האצקעל אב פאר רב שלמה'ן צו די יונגע בעלי־הבתים און ווינקט זיי מיט דער האנד, אז זיי זאלען אוועקגעהן. זיי ווילען אבער ניט הערען און ווארטען הינטער די שטאכעטען פון גארטען.

רב שלמה איז אביסעל בלייך געווארען, געבליבען זיצען ביים טיש און געקוקט פאר זיך אהן א מחשבה. באלד האט זיך דערהערט פון די אפענע פענסטער, וואס געהען אין גערטענדעל ארויס, דעם איידעם'ס קול תורה. ער זיצט מיט דעם אינגעל, מיט חיים'ל, אין זאל און זיי לערנען דעם שיעור פאר'ן דאווגען. עס הערט זיך אויך עוזר'לס קול. רב שלמה ווערט אביסעל פערשעהמט, וואס ער זיצט דא אין גארטען און הערט אזעלכע מעשיות, הויבט ער זיך אויף, זאגט „א גוטען־שבת אידען" און געהט אין שטוב אריין.

אריינגעקומען אין שטוב אריין האט ער דערזעהן חנה'לען, וועלכע איז שוין אויף געווען, און איהר ווייסער געטאקטער האלז מיט דער אלבאסטער־ברוסט, דורכגעוועבט מיט די בלאהע פעדימלאך פון די אדערען, קוקט ארויס פון בעט. איהרע שעהנע גרויסע אויגען האלט זי אפען, און זיי קוקען צו איהם ליעבליך און גלעטען מיט זייערע ווייכע

— ניט שעהן צו דערצעהלען, רב שלמה. דיא בעל־עגלות יונגען, די פישער האָבען איהם געכאַפּט. עס קלינגט דאָס גאַנצע שטעדטעל. א מיאוס׳ע מעשה.

דערווייל איז שוין נאַטע בעל־עגלה דא, מיט זיין ברייטען די־קען קול. ביי׳ז דערויף, וואָס האצקעל האָט אויסגעכאַפּט דאָס נייעס, האַלט ער זיך איין מיט אַלע מעגליכקייטען פאַר רב שלמה׳ן, שטעקט אריין דעם קאָפּ צווישען די קשאַקעס אין גערטענדעל:

— גוט־שבת, רב שלמה, — הויבט ער אָן, ווי רעדער וואַלטען דורך דער געסעל דורכגעפאָהרען, — שוין אודאי געהערט, האצקעל איז שוין דאָ.

האצקעל נעהמט זיך איצט דערצעהלען די מעשה, נור נאַטע כאַפּט איהם אויס:

— וואָס דערצעהלט ער דאָ? הערט מיך אויס, רב שלמה. מיר געהען זיך אזוי נעכטען באָדען, איך מיט איהם — ווייזט ער אויף אייזיקעל פישער־יונג, וועלכער איז אויך געקומען צו לויפען צום גער־טענדעל צו, ציטערט פאַר רב שלמה׳ן און האָט מורא א וואָרט אויס־צוריידען — שפּעטליך איז עס געווען, טאַקע וואָהר, א שטיק שוין אריין אין שבת. די ליכטלאך האָבען שוין אין די פענסטער געברענט, און אויף דער פּאַליאַנקע צווישען די בוימער איז שוין טונקעל געווען. וואָס טהאָן, רב שלמה? שפּעט אָנגעקומען פון וועג, אין די בגדים פון שטאָהל פאַסט דאָך ניט צו געהן אין בית־המדרש אריין, איז מען געגאַנגען דעם ברוד פון לייב אָבישווייגקען. ווי מיר קריכען אזוי ארויס פון וואַסער, זעה איך פון דערווייטענס, ווי צווישען די קשאַקעס אויף יענער זייט טייך שלייכט זיך עפּעס, ווי א הונד וואַלט געבלאָנדזשעט. האָב איך געמיינט, אז דאָס זיינען די גנבים פון מאַנדריק׳ס זילבערנע לייכטער, וואָס זיי האָבען פאַראַכטאַגען שבת ארויסגע׳גנב׳עט און גראָבען זיי איצט אויס פון דר׳ערד. גיב איך א מאַך צו אייזיקלען: „לעג זיך אין די גרעזער אריין“. מיר האָבען זיך אוועקגעלייגט אין די גרעזער, און דאָ רודערט עס ווידער צווישען די קשאַקעס. מיר זיינען אין דער שטיל פערקראָכען אָן א זייט אויף יענער זייט טייך, — אין דער שטיל אין די קשאַקעס אריין. נאַכט איז עס שוין געווען, נאָס איז געווען, און דאָ יאָגט מען פון די קשאַקעס ארויס די מיינקע, די שיקסע פון דער נאָס. איך גיב א קוק — אוי, וועה מיר! רב ליב־בער, דער

זאָל איהם ווער ניט ארויסכאפּען דאָס נייעס, פּערערט ער זיך דער ערשטער און פאר טאָג שוין דרעהט ער זיך אין געסעל און ווארט, אז דער לארען פון רב שלמה'ס פענסטער זאָל זיך עפענען. ווייס ער, אז רב שלמה איז שוין אויף, קומט ער אין גערטענדעל אריין „גוט־שבת" ביטען און דאָס גלעזעל טהיי טרינקען. רב שלמה ווינקט איהם מיט דער האַנד ער זאָל זיך זעצען און הייסט דער דיענסט, אז זי זאָל א גלאָז טהיי דערלאנגען.

— וואָס הערט מען עפּעס נייעס, חאצקעל?

חאצקעל האָט נור געווארט דערויף און רב שלמה האָט שוין גע־זעהן, אז יענער האָט עפּעס וויכטיגעס מיטצוטהיילען, ווייל חאצקעל האָט אומגעדולדיג דאָס שפּיץ בערדעל זיך געצופּט — דאָס נייעס האָט איהם געפּיקט.

איצט, ווייל רב שלמה האָט איהם געפרעגט, פּרואווט ער זיך איינ־האלטען. לאנג זיך איינהאלטען קען ער אָבער ניט, ברעכט ער ארויס מיט אימפּעט:

— עס האָט זיך פערלאָפען זעהר א מיאוס'ע מעשה אין אונזער שטאָדט, רב שלמה: מיר וועלען ווערען צו געלעכטער איבער דער גאנצער וועלט, אלע וועלען מיט אונז צו טהאָן האָבען.

רב שלמה ווערט נייגעריג:

— וואָס אזוינס?

— עס איז ניט שעהן צו דערצעהלען, רב שלמה.

אנדערע בעלי־בתים האָבען שוין אָבגעווארט אין געסעל, אז רב שלמה זאָל זיך אויפהויבען, כדי איהם אויך צו דערצעהלען די מעשה. געזעהן, אז חאצקעל האָט אויסגעכאפּט, זיצט שוין ביי איהם אין גער־טענדעל, קומען זיי צו צום טהיר פון גערטענדעל, שטעקען אריין די קעפּ צווישען די בוימער און זאָגען אריין „גוט שבת".

חאצקעל זעהט די בעלי־בתים, האָט מורא, מען זאָל ביי איהם ניט אויסכאפּען דאָס נייעס, דערצעהלט ער בסוד:

— רב ליב־בער'ן, דעם דיין אונזערען, האָט מען געכאפּט ביי א מיאוס'ער עבירה.

— וואָס? — פרעגט רב שלמה ערשטוינט.

III

# הירהור תשובה.

צומאָרגענס אין דער פריה, שבת, ווען די זון איז נור וואָס ארויף אויפ׳ן הימעל און האָט אָנגעהויבען צו טריקענען די בוימער און די שטיינער פון׳ם פייכטען טוי, וואָס האָט זיך געלעגט איבער זיי ביי דער נאַכט, האָט זיך רב שלמה אין ברייטען זיידענעם שלאָף־ראָק, אין קאפּעל אויפ׳ן קאָפּ, ארויף און אראָב געדרעהט זיך אין דער קליינער אַלֶע, וואָס איז אין זיין גערטענדעל געווען, און האָט געקלעהרט ווע־גען זיין יונג ווייבעל און וועגען די קינדער. רב שלמה האט זיך מיט אַלֶע מעגליכקייטען געהיט, אז שבת זאָלען איהם, חלילה, ניט קומען אויפ׳ן זינען געדאנקען וועגען געשעפט און אויך ניט אזעלכע געדאנקען, וועלכע זאָלען איהם טרויעריג מאכען — עס איז שבת. צופריעדען מיט זיך און מיט אַלֶין וואס ארום איהם, האט ער אינערליך גאט געדאנקט פאר אַלֶין און געהאָפט אויף דעם רבונו של עולם, אז ער וועט איהם, חלילה, ניט ברייגגען צו קיין נסיון. אונטערגעזונגען פאר זיך זיין געוועהנליך ניגון׳דעל, די הענד פערלעגט, האָט ער זיך צוגעקוקט צו די פרוכטען, ווי זיי ווערען רייף אויף די בוימער, צו די בלומען, וואָס וואקסען אונטער זיינע פיס, און געטראכט זיך: „דעם רבונו של עולם׳ס מעשים! מלא כל הארץ כבודו״.

דערווייל האט די דיענסט ארויסגעטראגען אויף דער וועראנדע אין גערטענדעל אריין טהיי, וואָס איז געווען צוגעגרייט שבת׳דיג, לויט דעם דין. רב שלמה האָט זיך אוועקגעזעצט אויף דער וועראנדע, וואָס קוקט אין געסעל ארויס. איז אָנגעקומען, ווי דער שטייגער איז, רב חאצקעל, א איד א שכן, וואס איז אן אריינגעהער ביי רב שלמה׳ן, א האלבער מעקלער, א האלבער סוחר, און האָט שטענדיג געדארפט רב שלמה׳ס א טובה. א היימישער איז ער אין שטוב: רב כאצקעל קומט שטענדיג שבת אין דער פריה צו רב שלמה׳ן אין גארטען: אריין אויף א גלעזעל טהיי און דערצעהלט איהם, וואָס אין שטעדטעל איז פאר א גאנצע וואָך פאָרגעקומען. גלייך ווי ער וואלט מורא געהאט, אז עס

ווארים זי איז אַן איידעלע טאָכטער פון אַ גוט הויז און זי וועט זיין אַ געטרייע מוטער, און דאס זי איז ווערטה צו פערנעהמען דער מאמע'ס אָרט.

און אַ חתונה האָט רב שלמה נעהייסען מאַכען דער כלה'ס עלטערען אַ ברייטע און אַ רייכע, ווי עס פאַסט פאַר אַ מיידעל. „מילא, איך — בין אַן אלמן — האָט ער געזאָגט, אָבער די כלה איז דאָך נאָך אַ בתולה, זי האָט דאָך נאָך איהר חתונה ניט געהאט”. און כאָטש ער האָט פון זיין צד קיינעם ניט געבעטען, און די קינדער אין דער היים האָבען ניט געוואוסט ווען דער פאָטער פאָהרט אויף דער חתונה, דאָך האָט ער זיך נעהייסען אָנגרייטען אַן אויסשטייער ביי דער כלה, ווי פאַר אַ בחור אַ חתן. און געלד דערויף האָט ער געלאָזען; נעלאָזט מאַכען נייע וועש און נייע בעט־געוואַנט, אַז עס זאָל דער נייער כלה גאָרנים דערמאָנען אַן דער פריהערדיגער ווייב און עס זאָל איהר ניט די שמחה פערשטערען. „פאַר דיר בין איך נאָך אַ בחור”— האָט ער געזאגט צו דער כלה.

אַ חתונה האָט מען געמאַכט ווי עס פאַסט פאַר'ן גרעסטען נגיד. דאָ איז שוין יאָ מוזיק געווען, און די שעהנסטע מיידלאך פון שטאָדט זיינען צו דער כלה געקומען, און די בחורים צום חתן. ער האָט זיך צווישען די בחורים אוועקגעזעצט, ווי ער וואלט ניט געווען קיין אלמן, נאָר נאָך אַ יונגער בחור. און אַז מען האָט איהם אונטער דער חופה געפיהרט און זיין שעהנע שווארצע באָרד און זיינע אויגען האָבען געגלאַנצט, אין דעם שעהנעם נייעם זיידענעם ראָק מיט דער נייער שטריי־מעל, און ער האָט געקוקט אויף דער יונגער, שעהנע כלה וואָס שטעהט נעבען איהם — איז ער טאַקע אַ יוננער בחור געווען.

און ווען זיי זיינען אליין געבליבען, און ער איז צו איהר נאָהנט געוואָרען, האָט איהם דאָס מיידעל ליעב געקראָגען און געבענקט נאָך איהם, ווי מען בענקט נאָך דעם ערשטען ליעבהאָבער...

באלד נאך דער טאכטער'ס חתונה האט זיך רב שלמה אנגעהויבען ארומקוקען פאר א שידוך פאר זיך. אזא הויז־געזינדער אהן עין הרע: און רב שלמה אליין, א שעהנער געזונטער איד, און דארף האבען א ווייב אין שטוב. איצט איז ער דאך שוין געווען דער נגיד און דער אנגעזעהענער מענש — האט ער געוואלט נעהמען אין שטוב אריין א בת נדיבים, וועלכע זאל פיהרען זיין הויז מיט ברייטקייט ווי נעכע, און זיין א גוטע מוטער צו די שטיף־קינדער. גע'שדכנ'ט האט מען איהם גראסגליק'ס א טאכטער פון קויל. געקענט האט ער די משפחה, א שעהן אידיש הויז, פון זעהר אן אלטען יחוס — אייניגע טעכטער, און עס געהט דעם פאטער ניט גוט. דארט האט מען זיך אן דעם אנ־געכאפט. רב שלמה האט זיך געלאזט געלד קאסטען, דעם פאטער געהאלפען, די שניט־קראם צוריק געעפענט און פאר די אנדערע טעכטער וועט ער אויך זארגען.

דאס מיידעל איז נאך געווען יונג, ניינצעהן יאהר, און אז מען האט איהר פארגעשטעלט דעם חתן, האט זי געוויינט. אבער רב שלמה האט זי ביי דער האנד אנגענומען און געפרעגט, צי ער געפעלט איהר ניט, און געזאגט האט ער איהר, אז עס וועט איהר זיין גוט, און די קינדער זיינע זיינען איידעלע, וועלען זי גוט בעהאנדלען און ער וועט איהר, חלילה, ניט לאזען קיין שלעכטס טהאן. און געגעבען האט ער איהר די טהייערע בריליאנטענע אוירינגלאך חתימה־געלד. דאס מיידעל איז וייכער געווארען. דער איד מיט דער שווארצער בארד און די ברע־נענדיגע אויגען איז איהר געפעלען געווארען, נאר זי האט מורא פאר איהם און האט איהם ניט געקענט זאגען „דו". און ביז היינט נאך, א פאר חדשים נאך דער חתונה, ווען זי טראגט שוין דאס קינד פון איהם, געטרויט זי זיך נאך ניט איהם צו זאגען „דו" און דער „איהר" ליגט איהר שטענדיג אויף די ליפען.

אמאל אויף שבת איז דער פאטער אהיים ניט געקומען (עס האט זיך געטראפען דאס ערשטע מאל, וואס רב שלמה איז אויף שבת ניט אין דער היים געווען), האבען די קינדער פערשטאנען, אז דער פאטער איז א חתן געווארען. איז דארט דעם שבת תשעה באב געווען, און די גאנצע שטאדט האט זיי בעוויינט. דערנאך, אז רב שלמה איז אהיים געקומען, האט ער זיי דערצעהלט, אז אין קורצען וועט די „מומע" קומען אין שטוב אריין, און ער בעט זיי, אז זיי זאלען זי גוט בעהאנדלען.

גאנגען, דערנאָך די כלה; א האלבע שטאָדט איז מיט זיי ארויסגע־קומען צום קבר. און אל מלא רחמים דער כלה צו מאַכען האָט מען אראָבגעבראַכט רב בצלאל סאָכאַטשאָווער, וואָס די וועלט האָט מיט איהם געקלונגען. אז די מחותנים זיינען זיך צוזאַמענגעקומען, האָט דער כלה'ס צד אָנגעהויבען אויסצורופען רבנים־משפחות. צוואַנציג שטריימעלאך זיינען ביי דער חופה געווען. רב שלמה'ן האָט ניט גע־פאַסט פאר די מחותנים און ער אליין האָט אויך אָנגעטהאָן א שטריי־מעל און אַן אטלאַסנע קאַפאָטע צו דער חופה. קיין כלי־זמרים זיינען ניט געווען, ווייל די כלה איז דאָך געווען אַ יתומה, נור רב שלמה האָט זיי חתונה־געלד אָבגעצאָהלט. עס האָבען אָנגעצויגען פערשיעדענע ברחנים און מגידים, די כלה פאר דער חופה צו בעזינגען און די טויטע מוטער צו בעוויינען. אויף דער נאַכט, אין גרויסען זאַל, וואו די כלה איז געזעסען צווישען בלומען־טעפּ, אז רב בצלאל סאָכאַטשאָווער האָט זיך אוועקגעשטעלט פאר דער כלה און האָט געמאַכט דעם אל מלא רחמים פאר נעכעס נשמה, איז געוואָרען א געוויין ביי דער כלה, גלייך ווי עס וואלט א לויה געווען. דערנאָך האָט דער ברחן פערבע־טען די טויטע מוטער, אז זי זאל קומען בענשען דער כלה פאר דער חופה. די ווייבער האָבען זיך גענעבען א רוק אָב און געמאַכט אָרט פאר דער טויטער מוטער; די כלה האָט בעהאַלטען דאָס פּנים אין טיכעל און געכליפּעט. און עס האָט טאַקע אויסגעוויזען, ווי נעכע טרעט אין איהרע ווייסע תכריכים צווישען די ווייבער, געהט צו דער כלה צו, לעגט ארויף אויף איהר קאָפּ איהרע טויטע הענד און בענשט זי,— אזוי שטיל איז געוואָרען, און אזוי טונקעל האָבען געלויכטען די ליכט.

און צו דער חופה האָט שלמה געטהאָן ווי נעכע האָט איהם אָנגע־זאָגט פאר'ן טויט: גערופען אַן אָרים פאָר פאָלק און מיט זיי איינ־איינעם געפיהרט אונטער דער חופה זיין ערשטע טאָכטער. מען זאָגט, אז דאָס איז געווען יענע אידענע מיט'ן מאַן, וועלכע נעכע האָט פער־שעהמט און איהר ניט ארויסגעגעבען די ציהרונג צו דער חופה, און דערפאַר ווייל זי איז פערשעהמט געוואָרען פון נעכען, האָט זי די זכיה געהאַט, אז זי און איהר מאַן זאָלען פיהרען רב שלמה'ס עלטסטע טאָכטער צו דער חופה.

---

בען נאָך איהר קדיש געזאָגט; דער דיין האָט איהר א הספד געמאַכט, ווארום זי איז געווען פאר אלעמען ווי א מוטער.

דאס איז געווען א פאר וואכען פאר דער טאכטערס חתונה. נעביך, ניט די זכיה געהאט די טאָכטער אונטער דער חופה צו פיהרען. מען זאָגט, זי האָט זיך פּערזיינדיגט. זי האָט געהאט פערגעסען אן ארימע כלה איהר ציהרונג ארויסצוגעבען צו דער חופה, וואָס די כלה האָט גע־האט ביי איהר פערזעצט אין א משכן. און די כלה איז געגאנגען אונטער די חופה אָהן ציהרונג און איז נעביך פערשעהמט געוואָרען פאר'ן חתן. איהר האָט גאָט בעשטראָפט, אז זי זאָל ניט דערלעבען צו פיהרען איהר קינד אונטער דער חופה און דערמיט איז זי אבגע־קומען די זינד אויף דער וועלט.

---

אן איידעם האָט רב שלמה גענומען פאר זיין עלטסטער טאָכטער א למדן און א חסיד. ער האָט געוואָלט צוריק אויפזוכען דעם אור התורה וואָס איז אמאָל געווען אין דער משפחה, האָט ער זיך גענומען אן אָרימען בחור, כאָטש ניט פון קיין שעהנער משפחה, נאָר אן עלוי. כמה וכמה אלפים נדן געגעבען און קעסט — כל ימיו. און א חתונה איז עס געווען אין שטעדטעל, ווען רב שלמה האָט דאָס ערשטע קינד אויס־געגעבען (מען האָט אבגעלעגט די חתונה אויף נאָך דריי חדשים)! מיט אכט טאָג פריהער האָט מען געמאכט חתונות פאר אָרימע לייט. אָנ־געצויגען האָבען אָרימע לייט פון דער גאנצער סביבה ארום אויף דער חתונה. דער מחותן מיט דער כלה האָבען אליין דערלאנגט צו די טי־שען. גאנצע קעסלען האָבען זיך אין הויף געקאָכט און פון בית־המדרש האָט מען טיש און בענק ארויסגענומען און אויפ'ן הויף ארויס־געשטעלט. דער פאָטער מיט דער כלה האָבען פאר די אָרימע לייט גע־טאנצט. דערנאָך האָבען זיי זיך ביידע אוועקגעשטעלט, רב שלמה האָט אין זיין שירץ זילבערנע רובעלס געהאלטען און די כלה אין א צווייטען שירץ. ווען די אורחים האָבען די חתונה פערלאָזען האָבען זיי ביידע די רובעלס געטהיילט.

היינט די חתונה אליין! דאָס געהן אויפ'ן „גוטען ארט", די געשטארבענע מאַמע צו דער חופה בעטען: צוערשט איז רב שלמה גע־

אידען בעלי־בתים האָבען די ארבייט אוועקגעוואָרפען און געשטעלט זיך תהלים זאָגען. די שטאָדט ווייבער האָבען פינסטער געמאַכט דאָס געסעל מיט דעם גרויסען געשטעהע פאַר'ן הויז. און די גוואַלדען און די געשרייען זיינען געגאַנגען אין הימעל ארויף. און אז מען האָט דעם דאָקטאָר געזעהן ארויסגעהענדיג פון דעם חולה, און דער דאָקטאָר האָט געמאַכט מיט די הענד און געוויזען דעם עולם אויפ'ן הימעל, — אז דאָ קען נור דער רבונו של עולם העלפען, איז געוואָרען אזא יאָמער, אז די שטיינער אין גאַס האָבען געוויינט.

עס האָט זיך פונקט געקליבען צו רעגענען; די וואָלקענס האָבען בעלעגט די הימלען, און פון עק גאַס קומט אָן רב שלמה'ס פוהר צו־פאַהרען. אז די ווייבער האָבען דערזעהן די פוהר אנקומענדיג, איז מען ארייננעלאָפען צום חולה אָנזאָגען, אז דער מאַן קומט אָן. און אז רב שלמה האָט דערזעהן פאַר זיין טהיר אזא עולם שטעהן, איז ער אראָבגעשפרונגען פון דער פוהר און האָט אָנגעהויבען צו לויפען אהיים. מען האָט איהם באַלד אנגעזאָגט דאָס אומגליק און ער איז אריין צו דעם חולה זייענדיג אָנגעטהאָן נאָך אין מאַנטעל. זי האָט נאָך צייט גע־האַט איהם ביי דער האַנד אָנצונעהמען און צו זאָגען: „שלמה, אז דו וועסט נעהמען פאַר מיינע קינדער א שטיף־מאַמע, זאָלסטו זעהן, אז זי זאָל גוט בעהאַנדלען די קינדער און די אָרימע לייט אין שטאָדט, און אז די שטוב זאָל זיך פיהרען ווייטער אזוי, ווי זי האָט זיך געפיהרט ביי מיין לעבען. צו מיין טאָכטער'ס חתונה זאָלסטו נעהמען אַן אָרים פאָר פאָלק, און זיי זאָלען אָנשטאָט אונז פיהרען מיין טאָכטער אונטער דער חופה".

די קינדער זיינען געשטאַנען ארום בעט און אז זיי האָבען געהערט דער מוטערס רייד, איז געוואָרען אַ געוויין. זי האָט באַלד די אויגען צוגעמאַכט און איז געשטאָרבען.

אַ לויה האָט זי געהאַט! די גאַנצע שטאָדט איז נאָכגעגאַנגען. אלע געוועלבער זיינען געווען פערמאַכט, אלע תלמוד־תורה קינדער און בית־המדרש בחורים זיינען נאָך דער מיטה נאָכגעגאַנגען. די אָרימע בחורים האָבען אלע ביי איהר „טעג געגעסען", און די תלמוד־תורה קינדער האָט זי אויף יעדען יום־טוב קליידער און שיך געמאַכט. אַן אָרט פאַר אַ קבר האָט מען איהר אָבגעגעבען אין שכנות ביי דער רבי'צין. אלע בית־המדרש בחורים און די תלמוד־תורה קינדער האָ־

דער גאסטינינער איז אָבער געווען אַן אוהב ישראל און האָט דווקא ליעב געהאַט זיך צו חבר׳ן מיט די פּשוט׳ע אידען, בעלי־בתים, די חברה פ״פען (פישערס, פליישערס, פערד־סוחרים). און איז גע־קומען אַ שבת, אַ יום־טוב, זיינען צו איהם געקומען די בעלי־בתים מיט די ווייבער און מיט זייער גאנצען הויז־געזינד, בעלאַגערט זיין הויז, ליעב געהאַט דעם רבי׳ן ווי דעם לעבען, און זיך געשלאַגען פאַר איהם. און געהאָלפען האָט דער רבי מיט תהילים זאָגען: איז אַ איד גע־קומען צו געהן צו איהם און האָט איהם דערצעהלט זיינע צרות, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט מיט דעם אידען תהלים זאָגען, — ער אַ פּסוק, דער איד אַ פּסוק. און מען האָט געזעהן בחוש, ווי דער איד ווערט געהאָלפען, ווי די ישועה קומט. דאָרט, ביים רבי׳ן, האָט מען זיך גע־פיהרט בעלי־בית׳יש. אפילו געדאַוונט האָט מען כמנהג אשכנז. האָ־בען אידען דעם רבי׳ן ליעב געהאַט, פון אַלע מקומות אַרום איז מען געקומען צו איהם, און געוואוסט האָט ער פון אַלע זייערע געשעפטען און עצות געגעבען.

אַט צו דעם בעל־הבית׳ישען רבי׳ן איז רב שלמה אויך געפאָהרען, ווי יעדער איד. און אַז ער האָט אַ ברית געמאַכט, האָט ער איהם פיש געשיקט דורך אַ שליח. דערפאַר האָבען איהם די אידען בעלי׳בתים ליעב געהאַט, און ער איז געוואָרען באַלד זייער גאַנצער פערטרויטער, דער בעל־יועץ אין שטאָדט און דער בורר. און ווען עס האָט נור עפּעס געטראָפען אין שטאָדט און מען האָט זיך געדאַרפט מישב זיין, אויס־גלייכען אַ סכסוך, אַ שותפות, אַ שידוך, — איז מען געקומען צו רב שלמה׳ן. זיינע ווערטער זיינען געווען היילינ, וואָרים ער איז געווען זייער שטאָלץ — רב שלמה, דער גרעסטער נגיד און דער גרויסער בעל־יחוס, דער שעהנסטער איד פון שטאָדט, איז מיט זיי, דאַוועגט מיט זיי אין איין בית־המדרש און פאָהרט מיט זיי צו איין רבי, איז ער אויך געוואָרען דער פיהרער פון שטאָדט.

———

און אַז זיין ווייב נעכע איז שווער געגאַנגען צו קינד, איז רב שלמה פונקט ניט געווען אין דער היים. וואָס האָט זיך דערנסטמאָל געטהאָן אין שטאָדט! אין אַלע שוהלען און בתי־מדרשים ליכט געצונדען:

און די אלטע אוועקגעשענקט אָרימע לייט. און האָט ווער געדאַרפֿט אַ גמילת־חסד (קליינע, וואָרים מיט גרויסע איז מען צו רב שלמה׳ן נעגאַנגען), איז מען אַריינגעקומען צו נעמען. אין שאַנק ליגט אַ פֿור־לער שיפּליאַד מיט פֿינגערלאַך און בראַשטען, וואָס אָרימע לייט לאָזען לי־גען פֿאַר משכנות. אויף אַ יום־טוב גיט מען עס צוריק אַרויס. און די, וועלכע זיינען פֿערפֿאַלען געבליבען, שענקט מען אַוועק אַן אָרימער כלה אויף כלה־מתנות. מען בענוצט עס, חלילה, ניט, מען האַלט עס פֿאַר צדקה.

און מען האָט טאַקע אָנגעזעהן, ווי דאָס גאַנצע הויז האָט זיך גע־טונקט אין גאָט׳ס ברכה, וואָס איז געלעגען דערויף, געטונקט זיך אין שפע. יעדעס יאָהר אַ קינד געהאַט. די אַמען מיט די באָבעס זיינען גאָר ניט פֿון שטוב אַרויס — איידער מען האָט איין סעודה פֿערענדיגט, האָט מען שוין זיך געגרייט צו אַ צווייטער סעודה... און ווי די קינדער אַזוי, להבדיל, די קיה אין די שטאַלען און די שטוב־חיות... און עסענ־וואַרג האָט זיך אין הויף אַרומגעוואַלגערט. אַלע היהנער פֿון דער שטאָדט האָבען אין רב שלמה׳ס הויף חיונה געקליבען. און דאַך, אַז רב שלמה האָט אָבגעקויפֿט די אַלטע פֿלעצער, וואָס האָבען געהערט צו זיינע זיידעס, און איז דאָרט געגאַנגען בויען — האָט נעכע אַרויסגענו־מען אַ בעהאַלטען זעקעלע, אָנגעשטאָפּט מיט זילבערנע רובעלס, וואָס זי האָט אָנגעקליבען בעזונדער, און צו שטייער געגעבען אויפֿ׳ן בויען.

נור דער אור־התורה איז איהם ניט צוריקגענעבען געוואָרען. קיין למדן איז רב שלמה ניט געווען, נאָך יונגערהייד זיך גענומען צום האַנ־דעל. און אַז ער איז געוואָרען אַן אָנגעזעהענער מענש, האָט ער זיך אָנגעהויבען צו חבר׳ן מיט בעלי־בתים, מיט די פֿישערס און קצבים, מיט פּראָסטע אידען, כאָטש די חסידים האָבען איהם געוואָלט אַריינ־ציהען צו זיך און שטענדיג געדענקט זיין יחוס. ער האָט פֿאַר זיי דרדך־ארץ געהאַט, אָבער ליעב האָט ער זיי ניט געהאַט. „איך ניט — האָט ער געזאָגט — נאָך ניט די צייט. אפשר מיינע קינדער אמאל״ (גע־מיינט האָט ער חיים׳לען, דעם איינגערען זוהן, פֿון איהם וועט זיך אָנ־הויבען דער אור התורה). געפֿאָהרען איז רב שלמה צום נאָסטינינער, וואָס איז געווען אָנגענומען פֿאַר אַ „ווייבערישען גוטען אידען״ און וואָס די תסידים האָבען פֿון איהם חוזק געמאַכט, ווייל צו איהם זיינען גע־פֿאָהרען נאָר פּראָסטע אידען, בעלי־תבתים.

א גלייכען, א שטאלצער איד געווען. אמאל האט איהם א יונגער פריץ, וועלכען ער האט ניט געקענט (ערשט בירושה געקראגען דאס פערמעגען), פערשעהמט, ניט געהייסען איהם זיצען און געזאגט „דו". האט ער איהם שטעהן געלאזט, אוועקגעפאהרען און קיין געשעפט ניט געמאכט, כאטש עס איז דערביי געשטאנען אן עשירות צו פערדינען. דער פריץ איז א הולטיי געווען, האט אויסגעפערקויפט זיינע גיטער בחצי־חנם, האט דאך רב שלמה מעהר ניט געוואלט מיט איהם קיין געשעפטען מאכען — און ביז היינטיגען טאג.

אז רב שלמה איז אריינגעקומען אין א הויף אריין, אדער אז מען האט איהם א געשעפט פארגעלעגט, האט ער געפרעגט, צי זיינען שוין אידען סוחרים דארט געווען. קוים ער איז געוואהר געווארען, אז אידען דינגען שוין, האט ער עס פאר קיין געהר גישט געוואלט קויפען. ער האט קיינמאל קיינעם קיין געשעפט ניט אויסגעדונגען און אויב ער האט דאס געטהאן בלא יודעים, האט ער יענעם דעם ריוח אבגעגעבען. דאס האט איהם געמאכט א שם אין דער וועלט. מען האט זיך באלד דערמאנט, ווער רב שלמה איז, דערמאנט זיין יחוס. דער פאטער, דער שוחט, דער אריסאן, איז פערגעסען געווארען; דעם מומר, דעם זיידען האט קיינער ניט געקענט. עס זיינען באלד אויפגעשטאנען די גרויסע עלטער זיידעס, די רבנים סוחרים, דער בעל „אורת החיים", וואס האבען בעלויכטען דאס שטעדטעל דורך אזוי פיעל יאהרען, און רב שלמה איז געווארען דער גרויסער נגיד און דער גרויסער בעל יחוס אין שטעדטעל.

און מען האט געזעהן, אז דער רבונו של עולם וויל איהם העלפען. די ברכה איז געלעגען אויפ'ן הויז, און צו וואס ער האט זיך גענומען, איז געלד געווארען. דאס ווייב נעכע — אן אשת חיל. די גאנצע וואך איז ער ארומגעפאהרען האנדלען אין די הויפען, אין די שטעדטלאך, און זי האט געמאכט פון הויז א גאסט־הויז פאר ארימע לייט. קיינער איז ניט ארויסגעגאנגען פון איהר הויז א הונגעריגער. דער בית־המדרש און די שוהל האט זי מיט ליכט אויסגעהאלטען, און אן ארימע קינפעטארין אין שטאדט — איז מען צו נעכען געגאנגען נאך אביסעל גוטע איינגעמאכטס, נאך א לעפעל יויך. און א נדבה, און א העמד אן ארימאן, אדער א ריינע ליילעך פאר אן ארימע געווינעריו. קיין מלבושים האט מען ניט פערקויפט, אויף יעדען יום־טוב נייע געמאכט

האָב איך איהם געזאָגט, דעם רבונו של עולם: שותפות מאַכען מיט דיר קאָן איך ניט; איך האָב אַ ווייב מיט קינדער און דאַרף זעהן צו זאָרגען פאַר זיי אויף אַ תכלית. נאָר ווי ווייט איך וועל קאָנען, ווי ווייט דו וועסט מיר העלפען — מיר זיינען דאָך אידען... און האָב זיך ארויסגעלאָזט אין דאָרף אריין צום שרה מיט אַ פּאָר רובעל און געארבייט... און קיינמאָל האָב איך מיט'ן שרה קיין קוויטעל אונטער־געשריבען און דער רבונו של עולם האָט נאָך מיר קיינמאָל, חלילה, ניט געבראַכט צו דעם, אז איך זאָל דאַרפען מיין וואָרט ברעכען, אפילו עס האָט געהאַלטען אונגליקליך צו ווערען. און פון דעמאָלט אָן לעב איך, און מיר האבען זיך ניט צו קלאָגען, און איך האָף און גלויב, ער וועט אונז ווייטער אויך ניט פּערלאָזען".

היינט, אז עוזר'ל דער זוהן און די טאָכטער הערען וואָס דער פאָטער דערצעהלט, רויטלען זיי זיך ביים טיש און בויגען די קעפּ צו דר'ערד, און עס איז זיי אונאַנגענעהם, וואָס דער פאָטער דערצעהלט ווי ער האָט אַמאָל אַ קעלבעל געטראָגען. אָבער רב שלמה איז שטאָלץ דערמיט און איז גרייט אפילו היינט, ווען עס זאָל איהם חלילה טרעפען אַן אונגליק און ער וואָלט זיין געלד פערלאָרען, וואָלט ער אפילו איין מינוט ניט געקלעהרט און צוריק אָנגעהויבען אויפ'ס ניי און קעלבלעך געשלעפּט.

אזוי האָט רב שלמה אויסגעפיהרט זיין וועלט מיט דעם כח פון בטחון, וואָס ער האָט געהאַט. עס זיינען נאָך געווען יענע צייטען, ווען די יאהר־מערק זיינען פול געווען מיט פּויערים און פוהרען: „גע־שעפּטען" האָבען זיך אין די גאַסען געוואַלגערט; דער פּריצ'ל האָט ניט געוואוסט פון דער שטאָדט און גערארפט האָבען דעם אידען. רב שלמה'ס עהרליכקייט האט אין דער וועלט געקלונגען. קיינמאָל קיין קוויטעל ניט אונטערגעשריבען, און אפילו אויף „ברי" קיין שבועה ניט געגעבען. און עס האט זיך שוין אמאל געטראָפען, אז רב שלמה האָט געלאָזט פּערפאַלען געהן אַ פּערמעגען ביי אַ שותף נאָר דערפאַר, וואָס בית־דין האָט איהם צוגע'פסק'ענט אַ שבועה. די שבועה איז געווען אַ ברי: די וועלט האָט געוואוסט, אז ער האָט רעכט, נור שווע־רען האט ער ניט געוואָלט און פערפאַלען געלאזט: „דער רבונו של עולם וועט מיר ממלא זיין" — האָט ער געזאָגט. און אזוי איז געווען אין „הויף" אָנגעזעהן, די שררות האָבען איהם בעהאנדעלט ווי זייערס

געהאט פון פרייטאגדינגען שבת מאכען. און דא איז געווען דריי טעג פאר יום טוב, אין שטוב איז גאר נישטא, און אן אורח אויף יום־טוב בין איך אויך געוועהנט אהיים צו נעהמען. נאר איך האב מיר גאר ניט נים געמאכט דערפון, איך האב זיך פערלאזט אויף דעם רבונו של עולם אז ער וועט מיך ניט פערלאזען. צומארגענס אין דער פריה, איז געווען א יאהר־מארק, זונטאג. איך בין געגאנגען דאווגען און קו־מענדיג צוריק האב איך זיך געוואשען צו די פאר זעמעל, וואס די מאמע האט געקויפט, פערביסען, אבגעבענשט און געה ארויס אין גאס אריין און זאג מיר: „רבונו של עולם! דער שותף האט מיך פערלאזען, און קיין געלד האב איך ניט — וויל איך דיר צונעהמען פאר א שותף. איך וועל אריינלייגען מיין ארבייט, דו — דיין ישועה, און וואס מיר וועלען פערדיענען, וועלען מיר זיך טהיילען". קיין גראשען אין קע־שענע האב איך ניט געהאט. אבער דעם בטחון האט איך ניט פערלארען איך האב געוואוסט, אז דער רבונו של עולם וויל מיר העלפען און זאג מיר: „דאס ערשטע בעסטע, וואס איך וועל טרעפען — דאס קויף איך אהן א גראשען". טרעף איך אן א פויער וואס טראגט אויפ'ן אקסעל א קעלבעל. צוויי רובל וויל ער דערפאר. איך גיב איהם נור צעהן גילדען; דינגט ער זיך: נאך צוויי גילדען — און איך נעהם דאס קעלבעל אויף דער פלייצע און שעהם זיך גאר ניט, — כאטש איך בין דעמאלט געווען אן אנגעזעהנער יונגער מאן פון א שעהנער משפחה און ערשט נאך דער חתונה, און אלע האבען מיר געקענט — און געה דרייסט, כאטש די שטאדט קוקט מיר נאך. איך האב א שותף דעם רבונו של עולם און א ווייב מיט קינדער פרנסה צו געבען. טראג איך דאס קעלבעל פארביי לייבוש מלוה'ס טהיר. „בארג מיר דארויף דריי קערבלעך!" בארגט ער מיר דריי רובל. בעצאהלט דעם פויער און ארויס אין גאס ווייטער האנדלען. א זעקעל תבואה, ארבעס, א פעל — איך האב גאר ניט געקוקט: אלין, וואס האט זיך מיר געטראפען האב איך געקויפט. און דער רבונו של עולם האט מיר טאקע געהאלפען. ערב פסח האב איך געמאכט מיט איהם א חשבון, זיין חלק ריוח האב איך איהם אבגעגעבען ביז צו א גראשען, צוטהיילט ארימע לייט, און איך מיט דער מאמען האבען אנגעגרייט א שעהנעם פסח, און אן אורח אהיים גענומען. מיר האבען געהאט א פרעהליכען יום־טוב און עס איז איבערגעבליבען א פאר קערבלעך אויף נאך יום־טוב אויך. נאך יום־טוב

מקומו פון דעם בעריהמטען „אור ישראל", טאקע דער אליקום געציל, הנ"ל, וואס איז געווען אן עלוי, א פייערדיגע קאפ געהאט און די וועלט האט גע'שמ'ט מיט איהם, האט פלוצלונג מעגן געווען זיין ווייב מיט די קינדער, פערלאזען דעם בית־המדרש מיט די ספרים און איז אנט־לאפען קיין בערלין, וואס איז דענסטמאל געווען א מקום טומאה, רחמנא לצלן, ווארים דער דעסער האט דארט דעמאלט געלעבט, און ער איז ארויסגעגאנגען לתרבות רעה.

פון דעמאלט אן איז די שנור פון רבנים־סוחרים געווארען איבער־געריסען. די קינדער פון דעם מומר זיינען געווארען איידימס אין פרעמדע שטעדט, האבען פערלאזט דעם כסא רבנות און זיך גענומען צום האנדעל. רב שלמה'ס פאטער האט אפילו יא דערגרייכט צו זיין א שוחט, אבער ווייטער איז עס ניט געגאנגען. מען האט איהם אויך די שטעלע געגעבען נאר צוליעב זיין יחוס. דער „אור התורה" איז אבגענומען געווארען פון זיי, און קיין סוחרים זיינען זיי אויך ניט גע־ווען קיין גרויסע. און מחמת דעם פאטער'ס שפל'קייט האט מען באלד אויף זייער יחוס פערגעסען. אויף רב שלמה'ן פלעגט מען אויך היינט נאך זאגען אין דער שטיל, אז ער איז אין דער יוגענד געווען א קאלבען־טרעגער, נאר רב שלמה פלעגט זיך דערמיט ניט שעהמען. אדרבא, נאך ביז היינט, אויף יעדען פסח צום סדר, אז די קינדער זיצען ארום טיש און ער קוקט אויף דעם שעהן געדעקטען טיש, דערצעהלט ער פאר זיינע בני־בית דעם נס, וואס דער רבונו של עולם האט מיט איהם אמאל געטהאן, ווי אזוי ער איז געקומען צו זיינע עשירות. ווארים, פלעגט ער זאגען, אז פסח צום סדר דארף א איד דערצעהלען ניט נאר די נסים, וואס דער רבונו של עולם האט געטהאן מיט די אידען אין מצרים, נאר מען דארף אויך דערצעהלען די נסים, וואס דער רבונו של עולם טהוט מיט יעדען איד בעזונדער.

און דערצעהלען פלעגט ער אזוי:

„מיט אזוי פיעל און אזוי פיעל יאהרען צוריק, ווען איך בין נאך געווען א יונגער מאן, נאך דער חתונה, האט דער רבונו של עולם מיט מיר געטהאן א נס. איך האב דעמאלט געהאנדעלט מיט קארן מיט א יונגען מאן בשותפות. האט מען זיך אבגערעכענט דעם שבת צו־נאכט, וואס פאר פסח, און מיר איז גאר ניט ארויסגעקומען. ביי מיר איז נאר געבליבען די פינף גראשען, וואס אייער מוטער נעבע האט איבעריג

פערשריבען, אז ז׳ כסליו איז ביי איהם געבוירען געווארען א זוהן אליקום נעציל. דער יחוס־בריוו ציהט זיך ביז צום ,,נודע ביהודה״. און דער ,,נודע ביהודה״ — ווי מען ווייסט — רעכענט אוים אין דער הקדמה צו זיין ספר זיין יחוס ביז צו דוד המלך, — אזוי איז ר׳ב שלמה און אזוי זיינען רב שלמה׳ס קינדער איבערצייגט און גלויבען באמונה שלמה, אז זיי קומען ארוים פון דוד המלך.

א לאנגע צייט האט די משפחה פערנומען אין דאס שטעדטעל די שטעלע פון א רב, וואס האט קיין שכירות ניט גענומען פאר רבנות. דער רב איז איינציייטיג געווען א סוחר, און דאס איז אזוי איבערגע־גאנגען פון די טאטעס צו די זיהן. אז א רב איז עלטער געווארען און געפיהלט, אז ער האלט ביים שטארבען, האט ער נאך ביי זיין לעבען בעשטימט איינעם פון זיינע זיהן, וועלכער איז ראוי געווען דערצו, פאר א ממלא מקומו, און אליין איז ער אוועקגעפאהרען קיין ירושלים שטארבען און דער זוהן האט זיך מתחיב געווען צו צאהלען דעם פאטער וואכען־געלד אזוי לאנג ווי ער וועט לעבען. די שטאדט האט געמאכט א גרויסען מאהלצייט דעם טאג, איידער דער רב איז פון דער שטאדט ,,ארויסגעגאנגען״ קיין ירושלים. אויף דעם מאהלצייט האט מען דעם אלטען רב געוואונשען מזל־טוב, וואס זיין זוהן איז ממלא מקומו, און צוזאמענגעם אין דער פריה האט דאס גאנצע שטעדטעל ארויכבעלייט דעם רב מיט דער רבי׳צין אין וועג אריין. און דער רב איז ארויסגע־גאנגען צו־פוס פון שטעדטעל, כדי עס זאל הייסען, אז ער איז ,,עולה רגל״.

פיעלע רבנים פון דער משפחה זיינען אנגעקומען קיין ירושלים און ליגען אויפ׳ן הר הזיתים, וואס איז געגענאיבער דעם הר הבית. נאר פיעל רבנים פון דער משפחה זיינען אין יענע אומרוהיגע צייטען, ווען די מלכים האבען געפיהרט צווישען זיך מלחמות, פערלארען געווארען אויפ׳ן וועג. מען ווייסט ניט, וואו זיי זיינען אהינגעקומען, און זיי־ערע ביינער זיינען פערשפרייט אויף די בית־עולמים פון אלע שטעדט, וואס ליגען אויף דעם וועג צווישען דער שטעדטעל שערעץ און ירושלים. זיי זיינען געשטארבען אויפ׳ן וועג און האבען ניט די זכיה געהאט צו טרעטען אויף דער הייליגער ערד.

אזוי האט זיך געצויגען א לאנגע שנור פון דורות רבנים, ביז דאס ,,אומגליק״ איז געקומען. דאס אומגליק איז געווען, אז דער ממלא

געשמייכעלט ליעבליך צו דער ווייבעל און גערעדט צו איהר, גלייך ווי עס וואָלט גאָר ניט געווען פאַרגעקומען. און געשפּיעלט האָט ער זיך מיט די קינדער, געגלעט די מיידלאך איבער די קעפּלאך און געפרעגט די אינגלאך עפּעס פון לערנען. באלד האָט מען אָנגעהויבען זמירות צו זינגען און אלע האבען פערגעסען, אז זיי זיצען אין דער קיך. אלע זייי־נען צוריק פרעהליך געוואָרען, בערוהיגט זיך, און דער שבת איז זיך גע־גאנגען מיט זיין געוועהנליכען יום־טוב׳דיגען גאנג.

נור דאָס ווייבעל אליין איז געזעסען א טרויעריגע. און וויפּיעל רב שלמה האָט זיך בעמיהט זי צו בערוהיגען מיט די בליקען און מיט גוטע ווערטער, האָט עס ניט געהאָלפען. זי איז געזעסען א טרויעריגע און האָט רוהיג געטהיילט ביים טיש.

אז זיי זיינען צו זיך אין צימער אריינגעקומען, איז רב שלמה צו־געגאנגען צו דער ווייבעל, האט זי געגלעט איבער׳ן קאָפּ און געזאגט אזוי:

— ביזט פערשעהמט געוואָרען, חנה׳לע. אָבער וואָס האָב איך געזאָלט טהאן? אז דו ביזט מכבד אן אורח, איז ווי דו וואָלסט מכבד געווען דעם רבונו של עולם. און ווער, וואָלסטו געוואָלט, זאָל ליעבער פערשעהמט ווערען: דו, צו דער רבונו של עולם?

זי האָט אין דער שטיל דעם קאָפּ צו דר׳ערד געבויגען און גע־זאָגט מיט אונטערטהעניגקייט און מיט א בעוויינטער שטימע:

— איך ווייס ניט, ווי אזוי איך זאָל זיך פיהרען. לערן מיך, שלמה, לערן מיך, איך וועל דיר פאָלגען.

און זי האָט גענומען זיינע הענד און האָט זיי אין דער שטיל גע־קושט.

---

II

## רב שלמה׳ס יחוס.

אויף אן אלט חומש, וואָס אן עלטער זיידע האָט איבערגעלאָזט, ציהט זיך אוועק א יחוס־בריעף פון רב שלמה׳ס משפחה. לויט דער אלטקייט פון דער משפחה דערגרייכט דער יחוס־בריעף ניט זעהר ווייט. אן עלטער־זיידע, דער מחבר פון דעם ספר „אור ישראל״, האָט אין שנת תקל״ז אין דער שטעדטעל שערעין, וואָס איז במדינת גרויס־פּוילען,

אויף זיין אידישקייט, אויף גאט און אויף דער תורה, וואס ער האט די אידען געגעבען. ווי א קעניג פיהלט ער זיך אין זיין היים. אוועק איז דער גלות, חורבן ירושלים איז קיינמאל ניט געווען, און בבל און רוים האבען קיינמאל ניט עקזיסטירט. און ווי א נצחון־ליעד איבער זיינע אייביגע שונאים, די גריכען מיט די רוימער, ווי ער וואלט ערשט פון בית־המקדש צוריקגעקומען, און דא איז זיין ירושלים, זינגט ער „שלום־עליכם מלאכי השרת".

אבער פלוצלונג דערזעהט ער דעם געדעקטען טיש אין קיך פאר די אורחים. א צער דריקט זיין הארץ, וואס זיין שבת ווערט פערשטערט. ער ווייסט וואס דאס איז, און האלט זיך איין מיט אלע מעגליכקייטען ניט צו צושטערען זיין שבת. ער זעהט ווי די אורחים זעצען זיך שוין אויס אין קיך ביים טיש און דער צער אין הארץ ווערט נאך גרעסער. פערשעהמט ווערט ער פאר זיך. „אן אורח איז געגליכען צום רבונו של עולם; אז דו ביזט מכבד אן אורח, איז ווי דו וואלסט דעם רבונו של עולם מכבד געווען", — דערמאנט ער זיך, וואס דער גאסטיניגער רבי' האט איהם אמאל געזאגט. און ווער איז ער דען, וואס ער זעצט זיך ביי זיין שעהנעם טיש, און דעם רבונו של עולם לאזט ער אין דער קיך? אבער שבת איז עס. קיין אייןווארט רעדט ער ניט, געהט צו צום טיש, נעהמט אראב די פלאש וויין מיט דעם כוס פון זיין טיש, טראגט עס אין דער קיך אריין און זעצט זיך אוועק ביי די אורחים. באלד האבען זיך אלע אויפגעהויבען פון טיש און זיינען נאכגעגאנגען דעם פאטער אין קיך אריין. קיינער האט ניט דערוועגט זיך קיין ווארט צו רעדען, ניט צו פרעגען. די אורחים האבען באלד צווישען זיך ארט געמאכט. מען האט אנגעהויבען איבערטראגען אין קיך אריין די שטוהלען, די טעלער און לעפעל. אלע האבען זיך אין קיך אויסגעזעצט ביים ארים־געדעקטען טיש, מיט די מעשענע לייכטער, און די גרויסע זילבערנע לייכטער האבען זיך פערשעהמט און איינזאם געברענט אין דער גרויסער שטוב.

דאס ווייבעל איז פערשעהמט געווארען. רויט און בלאס איז זי דעם גאנצען אבענד געווען, און ניט איין מאל זיך טועה געווען ביים טהיילען. דער עולם איז געזעסען שטיל, נור באלד האט זיי רב שלמה בערוהיגט מיט זיינע בליקען. נאך דעם קדוש, ביי די פיש, האט ער אנגעהויבען פריינדליך צו רעדען מיט די אורחים. מיט די קינדער און

פּאַטער וועט פּערדריסען דאָס גרויסאַרטיגקייט, וואָס דאָס ווייבעל פיהרט איין אין דער היים. דאָס ווייבעל האָט זיך געוואָלט מיט דער טאַכטער אפילו מישב זיין, האט זי אבער געוואוסט, אז א טאכטער'ס הארץ איז שטענדיג אַנגעקניפּט אָן דער מוטער... און איבריגענס איז זי די בעל־הבית'טע אין דער שטוב און טהוט וואס איהר געפעלט.

דערווייל איז דער שבת אַנגעקומען מיט רוהיגע טריט. איבער'ן הי־מעל האָט זיך די טונקעלע נאַכט אויסגעשפּרייט, ווי א שוואַרץ, זיידען טוך מיט שטערען בענייהם. דאָס שטעדטעל האָט זיך אין טונקעלען שאַטען געהילט, די געוועלבער זיינען געווען פערמאַכט, די שבת־ליכטלאַך פון די פענסטער אַרויסגעקוקט. און אַ שבת־יום־טוב'דיגקייט איז איבער'ן שטעדטעל ווי אַ זאַנפטער שלאַף געפאַלען. אידען געהען שוין פון דאַוונען אהיים. רב שלמה מיט דעם איידים און קינדער, מיט די יונגען — זיינע מענשען און א פעקעל אורחים הינטער איהם. רו־היג, מיט שבת'דיגע טריט, טרעט רב שלמה און מאַכט זיך מיט דער האנד די שווארצע גערדיכטע באָרד גלייך, פערשפּרייט זי איבער זיין וויים־געפּרעסט העמד, איבער זיין שווארצען זיידענעם ראָק, און דאָס אידישקייט שמעקט אראָב פון איהם. ער קוקט אויף די אָרימע שטעד־טעלשע גוים, וועלכע דרעהען זיך האלב שיכור אין געסעל ארום, אין זייערע וואָכעדיגע קליידער, און בעדויערט זיי פון טיעפען הארצען, וואָס דער רבונו של עולם האָט מיט זיי דעם חסד ניט געטהאָן און זיי דעם שבת ניט געגעבען. עס בעט דער איד און ווינשט פון גאנצען הארצען, אז משיח זאָל קומען, די וועלט זאָל ווערען אויסגעלייזט, און אלע גוים פון דער וועלט זאָלען אַננעהמען אידישקייט.

אריינגעקומען אין שטוב, געזאָגט גוט־שבת. מיט אַ שטילען רו־היגען שמייכעל וואָס שיינט איבער'ן פנים פון אַ פול הארץ מיט פרייד, בעגעגענט חנה'לע זיין גוט־שבת און ענטפערט אב אין דער שטיל: „גוט־שבת, גוט יאָהר". רב שלמה דערפיהלט אין איהר טאָן און אין איהר מינע דאָס ווארימקייט פון איהר הארץ, וואָס ליגט ווי א ליכט אויסגעגאסען איבער איהר גאנץ געשטאלט, און מיט א הארץ פול פרייד בעגריסט ער די שבת'דיגע מלאכים, וואָס קומען מיט איהם אין שטוב אריין. ער קוקט אויף דעם וויים־געדעקטען טיש, אויף די זילבערנע לייכטער און דאנקט דעם רבונו של עולם פאר אלץ, וואָס ער טהוט מיט איהם. און אַ גרויס שטאָלצקייט פילט איהם אָן, אַ שטאָלצקייט

קראַנען — אַלץ, וואָס קומט פון איהם און וואָס עס געפינט זיך אין זיין שטוב. אפילו די פרעמדע זאַכען, וואָס זיינען איהר ביז איצט פרעמד געווען: די זילבערנע לייכטער, די שענק, די זשיראַנדאָלען, דאָס זילבערן געפעס, וואָס איז איהר ביז איצט פרעמד און ווייט געווען, ווייל ניט זי האָט איינגעשאַפט דאָס בעל־הבית׳ישקייט איז איהר מיט אַמאָל ליעב געוואָרען: א י ה ר ס איז עס, און זי האָט זיך דערפיהלט די בעל־הבית׳טע פון דער שטוב.

---

זי האָט געוואָלט דעם מאַן געפעלען ווערען. זי האָט זיך אין שטוב ארומגעקוקט צו איז אַלץ אַזוי צוגעגרייט, ווי ער האָט עס ליעב. זי האָט בעמערקט דעם צוגעשטעלטען טיש פאַר די אורחים מיט די וואַכעדיגע מעשענע לעפעל און מעשענע לייכטער און מיט די ברענענדיגע ליכט אין זיי. און געוועהנט איז זי געווען פון דער היים אויס, אז אַלץ זאָל זיין שעהן, יעדע זאַך אויף איהר אָרט, און עס האָט איהר געשטערט אָט דאָס וואָכעדיגע, וואָס רייסט זיך אריין אין איהר שבת אריין. זי האָט ניט פיינט געהאַט די אורחים, נור זיי מיט זייערע שמוציגע קאַפאָטעס, דאָ ביים דעם הערליך געדעקטען טיש... פאַר ליכט־צינדען איז עס נאָך געווען, האָט זי געהייסען די דיענסטען גרייטען פאַר די אורחים א בעזונדער טיש אין קיך און ארויפשטעלען די מעשענע לייכטער מיט דעם וואָכעדיגען געפעס, כדי אז זי מיט דעם מאַן און די קינדער זאָלען זיין ביי דעם טיש אַליין. זי האָט געמיינט, אז עס וועט איהם געפעלען. דער טיש איז אַזוי שעהן, שבת׳דיג!

עס איז אראָבגעקומען די עלטערע טאָכטער פון דער הויך, אויך שבת׳דיג אָנגעטהאָן, מיט איהר ציהרונג בעפוצט. זי האָט געזעהן דעם בעזונדערען טיש, וואָס איז אין דער קיך געגרייט געווען, און איהר האָבען פערדראָסען די נייע מאָדעס, וואָס מען פיהרט דאָ איין נאָך איהר מוטער׳ס טויט. נאָר דער „מומען" זאָגען עס האָט זי ניט געוואָלט. זי האָט געוואַרט ביז דער פאָטער וועט קומען אַהיים פון שוהל און כאָטש זי האָט די „מומע" ליעב געהאַט, און זיך גוט פערטראָגען מיט איהר, האָט זי דאָך אין האַרצען נקמה געוואָלט דערלעבען אַן איהר דערפאַר, וועס זי פערנעהמט דער מוטער׳ס אָרט. זי האָט געוואוסט, אַז דעם

ליעב צו זעהן, אז דער פאָטער איז צו איהר גוט. דערפאַר מיידט זי אויס אין די קינדער'ס געגענוואַרט צו ריידען מיט'ן מאַן ליעבע־רייד, מיט דער עלטסטער טאָכטער לעבט זי גוט, איז זיך מיט איהר מישב אין שטוביגע זאַכען און טהיילט מיט איהר די מוטערליכקייט צו די אינגערע קינדער. נור פאַר דעם מאַן איז זי פרעמד. זי האָט איהם ליעב פון דער ערשטער מינוט אָן, ווי זי האָט איהם געזעהן: אזא שטאַרקער און א זיכערער; מען קאָן זיך אויף איהם פערלאָזען! און ווען מען האָט זי צו דער חופה געפיהרט און דערנאָך זיי געלאָזט אליין, איז ער צוגעגאַנגען צו איהר און האָט גערעדט צו איהר. איהר האַרץ האָט אזוי געקלאַפט אין דער שטיל, געציטערט האָט זי אין זיינע אָרעמס. ליעב האָט זי איהם און מורא האָט זי פאַר איהם, און ווייס ניט צי זי טהוט גוט. זי וויל איהם געפעלען זיין, נאָר אלץ, וואָס זי טהוט קומט ארויס קאַפּויר. זי קען איהם נאָך ניט און ווייס ניט, וואָס עס געפעלט איהם. זי ווייסט ניט, ווי אזוי יענע איז געווען. נור אזוי טהאָן ווי יענע, וויל זי ניט — זי וויל זיך אליין פיהרען, אויף איהר שטייגער. נור איהר דוכט זיך, אז ער שטעקט נאָך אין יענערס אָרעמס און זי וויל איהם צונעהמען צו זיך. אָ, זי וואָלט איהם שוין געפעלען, ווען זיי וואָלטען נור געווען אליין. ווען זי וואָלט געהאַט מיט איהם איין היים, איין שטיבעל, כאָטש א קליין שטיבעל, נאָר אליין. די קינדער רייסען איהם אוועק, מאַכען איהם פרעמד, שליסען איהם אין די אָרעמס פון דער טויטער... און זי וויינט דארויף, וואָס איהר איז ניט בעשערט צו האָבען דעם מאַן אליין, ווי יערעס אָרעם מיידעל האָט. נור באַלד דערמאָנט זי זיך אָן די קליינע קינדער, אָן די מיידלאַך, וואָס זיצען ביים טיש, אָן די יתומות. וואָס זיינען זיי שולדיג, אז זייער מוטער איז טויט?

און די קינדער זיינען שוין צו איהר צוגעגאַנגען. זיי האָבען געזעהן, אז די „מומע" וויינט — האָבען זיי אָנגעהויבען זי צו רייסען ביים קלייד און אוועקנעהמען די הענד פון געזיכט. „מומע, וויין ניט" — האָבען זי די קינדער געבעטען. זי האָט זיי געקושט און צוגעדריקט ווארים צו איהר האַרץ, אויסגעווישט זיך די טרעהרען און עפּעס אַן אינערליך צופריעדענקייט, א פרייד האָט זי געפיהלט דארויף, וואָס זי האָט אזא שטאַרקען מאַן און א בכבוד'ן מענש, דעם שעהנסטען איד פון שטאָדט, און זי איז שטאָלץ געווען אויף איהר גליק, און אלץ ליעב גע־

זיידענע קאפטענדעל. אין וועלכער זי איז צו דער חופה געגאנגען, בע־
האפטען מיט די טהייערע זיידענע שפיצען, וואס דער מאן האט איהר
פון לייפציגער יריד געבראכט. די פעריל האט זי נישט געוואלט אנ־
טאהן — עס איז געווען פון דער פריהערדיגער ווייב, האט זי נישט גע־
וואלט די קינדער קיין פערדרוס אנטהאן. אבער געפעלען האט זי גע־
וואלט היינט דעם מאן. האט זי זיך מיט דער נייער בראש און גאלדע־
נער קייט אויסגעפוצט. שטעהט זיך ביי דעם שבת'דיג געדעקטען
טיש, ווי א יונגע אידישע פרינצעסין, צינדט די ליכט אן און הויבט
אויף איהרע איידעלע ווייסע הענד, וועלכע זיינען ווי שעהנע איידעלע
פרוכטען אויסגעוואקסען, און פערשטעלט זיך מיט זיי איהר געזיכט.
די תחינה ליגט פאר איהר, נאר קיין ווארט זאגט זי. הייסע, שטילע
טרעהרען רינען איהר איבער דעם פנים. צו וויינען האט זי פיעל. נים,
חלילה, איבער איהר מזל, וואס זי האט גענומען מיט אן אלמן חתונה הא־
בען. זי האט דעם מאן גאנץ ליעב. „פון א שעהן אידיש הויז קומט זי
ארויס. אין דערהיים ביים טאטעשי האט מען זיך געפיהרט פיין,
מענשליך. אבער ארעם איז ער געווען, און איינינע דערוואקסענע טעכ־
טער אין שטוב. תשעה באב איז זי אין דער היים געווען ווען זי איז
פאר דעם אלמן א כלה געווארען. אין שטאדט האט געקאכט: „רב
שמואל גראסגליק'ס טאכטער נעהמט אן אלמן מיט זיעבען קינדער.
וועה, צו וואס מען האט דערלעבט!" געוואוסט האט זי, אז אין דער
היים איז שלעכט. דאס שניט־געשעפט, וואס איז איבערגעגאנגען פון
פאטער צום זוהן און איז אזוי אלט געווען, ווי די שטאדט איז אלט —
איז פערמאכט געווארען. דער פאטער האט באנקראטירט. און כאטש
זי איז קוים נײנצעהן יאהר אלט געווען — אבער די עלטסטע אין שטוב,
און דער חתן איז רייך — רב שלמה נגיד פון שערעין. דעם טאטען האט
ער געעפענט צוריק דאס געשעפט. אין דער שטיל אויך אויף אויס־
שטייער און חתונה־הוצאות געגעבען און נאך אויף חתן־מתנות פאר זיך
אונטערגעשטעקט. צו בעדויערען האט זי איהר מזל נים. די שטיף־
קינדער בעהאנדלען זי גוט; איידעלע קינדער, אונטער א מוטער'ס
געטרייע האנד, אונטער דעם פאטער'ס שטרענגען בליק אויפגעצויגען
געווארען, האבען זיי זיך באלד צו איהר צוגעוועהנט. די אינגערע קינ־
דער האבען זי ליעב ווי דאס לעבען. די אינגעלאך נאך אביסעלע
פרעמד, זיי טרויערען אין דער שטיל נאך דער מוטער און האבען נים

בערנע לייכטער אויפ'ן טיש. פיעל ליכט איז ביי רב שלמה'ן צום שבת געוועזן — „וואס מעהר ליכט, אלץ מעהר פרנסה" — און די חלות צו־נערעקט מיט דעם נייעם חלה־צוועלעכעל, וואס חנה'לע האט געמאכט כלה־ווייז. דאס אלטע חלה־צוועלעכעל, — נעבע'ס עליה השלום — האט רב שלמה בעהאלטען, און קיינמאל ווערט עס ניט בענוצט כדי עס זאל ניט דער יונגער ווייבעל קיין צער אנטהאן... אויסגעלעגט פאר יעדען קינד זיין זילבערען פאר גאפעל־מעסער. געוועזן איז ביי רב שלמה'ן ראפעלט געפעס: צינענס אויף אין דער וואכען, זילבערנס אויף שבת — אזוי איז עס נאך פון נעבעס צייטען אן (א גרויסע בעל־הבית'־טע געוועזן).

צונויפגעזאמעלט האט זיך אין עס־שטוב דאס גאנצע הויז־געזינד. די איינגלאך אבגעוואשען, אויסגעקעמט, אין די נייע שבת'דיגע קאפאט־קעלאך אנגעטהאן. די מיידלאך מיט קורצע צעפלאך פערפלאכטען, אין נייע קארטונענע קליידלאך אנגעטהאן. פון אויבען קומט אראב דער איידים אין דער אטלאסנער קאפאטע, אין דעם שטריימעל. א מתנגד איז רב שלמה. אין דעם פשוט'ן בית־המדרש דאווענט ער, און זיין איידים, כאטש א חסיד, דאווענט אין איינעם מיט'ן שוועהר אין בית־המדרש. עס קומט אריין פון זיין צימער דער חתן־בחור, אין דער שעהנער עלעגאנטער קאפאטע. ארויסגעוויזען האט ביי דער קאפאטע יחזקאל, דער הויז־שניידער, אלע זיינע קונצען, ווארים דאס בחור'ל האט זיך ליעב געהאט צו פוצען, ווי א מיידעל. א מינוט האט רב שלמה ארומגענומען זיין גאנץ הויז־געזינד מיט זיין בליק, א שמייכעל אין דער בארד געגעבען, הנאה געהאט. די איינגלאך האבען די סדורים אין די הענד גענומען און געגאנגען אין בית־המדרש אריין דאווענען. און ווער עס האט אין געסעל געזעהן, ווי רב שלמה געהט מיט דעם איידים און די קינדער, אויסגעפוצטע, געוואשענע, און די אורחים הינטער איהם, אין בית־המדרש אריין — האט איהם יעדער אין הארץ געבענשט, הנאה געהאט און גליקליך געוועזן.

אז די מאנספערשוינען זיינען אוועק, איז חנה'לע געבליבען אליין מיט די צוויי קליינע יתומה'לאך פון זעקס, זיעבען יאהר ביים טיש זי־צען. די עלטערע טאכטער איז צו זיך אין שטוב געגאנגען, די שבת־ליכט אנצינדען. חנה'לע האט זיך צום ליכט־צינדען אנגעטהאן איהר נייע שבת'דיגע הויב מיט דעם ציהרונג בעפוצט, און דאס שבת'דיגע

איהם אַ סוד אריין... רב שלמה געהט אין אייניגע שטיבער אריין צו קראנקע אידען. קיינער ווייסט ניט פון זייער נויטה, נאָר ער אליין — דאס איז ביי איהם „צדקה בסתר", און פאַר דער גרעסטער מצוה האַלט ער עס.

אויסגעליידיגט די קעשענעס, קעהרט זיך רב שלמה אום אהיים מיט אַ האַרץ פול נחת און דאנקט דעם רבונו של עולם, וואָס ער האָט איהם אויסגעקליבען פאַר זיין קאסיר, און אז ניט ער זאָל, חלילה, דאַרפען צו אַן אנדערען אָנקומען. ווארים דאָס גאנצע פערמעגענס זיינס, האַלט רב שלמה, איז איהם פון גאָט איבערגעגעבען נאָר, כדי ער זאָל דערמיט גוטס טהאָן. ער איז גאָט'ס נאמן — זאָגט ער זיך — און ווען ער וועט, חלילה, ניט גוט פיהרען, וועט גאָט פון איהם דאָס פערמע־גען אבנעהמען און אַן אנדערען פאַר זיין נאמן מאַכען. טראַכטענדיג זיך אזוי, קומט ער צוריק מיט אינערליכער צופריעדענקייט אין שטוב אריין. אין דער קיך הערט ער שוין דאָס קוויטשען פון די קינדער, ווי זיי שרייען ביים וואשען די קעפּלאך אויף שבת. און ליעב האָט רב שלמה די קינדער זיינע, געהט ער אין דער קינדער־שטוב אריין. ביי פיער וואש־שיסלען שטעהען די דיענסט־מיידלאך און וואשען די קעפּ פון די קינדער אויף שבת. חנה'לע שטעהט ביים קאמאָד און נעהמט ארויס וועש. עס שרייען די יונגען פון הינטער די שיסלען ארויס, זיי רייסען די אָבגעצוואָגענע קעפּלאך פון אונטער דעם קאם ארויס. טהייל זיינען שוין אבגעצוואגענע, אויסגעקעמטע, שטעהען זיי האַלב נאַקעט און ווילען ניט קריכען אין די פרישע העמדלאך אריין. אַ צופריעדענ־דער שמייכעל ווייזט זיך אויף רב שלמה'ס ליפּען. די קינדער דערזע־העז דעם פאָטער און שטילען זיך באַלד איין. ער פּאַטשט אַ קינד איבער דעם נאַקעטען לייב און געהט אַ צופריעדענער פון דער קינדער־שטוב ארויס. דאָס ווייבעל ברייננגט איהם באַלד פרישע וועש אריין, גרייט איהם אָן צום וואשען, נעהמט די שבת'דיגע מלבושים ארויס, און רב שלמה הויבט זיך אָן אליין צו צוגרייטען צום שבת.

---

אין עס־שטוב איז שוין אלץ צוגעגרייט צום שבת. דער לאַנגער טיש איז אויסגעצויגען, די ווייסע שבת־צוועל און די פּיער פאַר זיל־

נחת איז חיים'ל, דאָס פיערצעהן־יעהריג אינגעל, וואָס קומט איצט אריין מיט די געקרייזטע פאה'לאך, מיט'ן גאָלדענעם זייגערעל, וואָס ער האָט פון דעם טאַטען צו בר מצוה געקראָגען. דער עלוי איז שטערטעל — עס קלינגט זיין גוט קעפעל אין דער וועלט, און דער רב אליין לערנט מיט איהם אַ בעזונדערען שיעור. דער אור התורה וועט זיך ווידער פון איהם אין דער משפחה אָנהויבען. שדכנים שלאָגען שוין רב שלמה'ס טהירען אָב — אַ שידוך פאַר איהם. נור אַ היינטוועל־טיגער איז רב שלמה, וויל ער ניט, עס איז נאָך צו פריה. דאָס אינגעל ווייסט, אז ער איז דער ליעבלינג פון פאָטער און געהט צום פאָטער צו מיט אַ גאַנץ אַנדער דרייסטיגקייט, ווי אלע אַנדערע קינדער. דער טאַטע גיט איהם אַ קניפּ אין בעקעל אריין און פרעגט איהם עפּעס אין לערנען. אזוי האָט זיך די גאַנצע משפחה צוזאַמענגעקליבען דעם טאַטען מקבל פנים צו זיין. אלע זיצען אין די ווינקעלאך און קוקען אויפ'ן פאָטער מיט געטרייער ליעבשאַפט, און קיינער דערוועגט זיך ניט קיין וואָרט אויסצורייד‍ען אין רב שלמה'ס נעגענוואַרט.

אָבגעגעסען, אָבגעבענטשט, רופט ער די חדר־אינגלאך אריין, איי־זיקלען און גדליה'ן, צעהן, עלף־יעהריגע אינגלאך, וואָס זעהען אויס ווי אַ צווילינג (קינדער האָט רב שלמה געהאַט פון יעדער עלטער, יעדעם יאָהר האָט געבראַכט זיין פּרוכט). רב שלמה נעהמט אראָב פון דאָס געלד וואָס ליגט אויפ'ן טיש, וויקעלט אין פאַפּירלאך איין און שיקט זיי איבער דער שטאָדט: דעם רב אַ פאַפּירעל, דעם דיין רב לייבוש, דעם שוחט, דעם חזן און גלאַט אזוי אַ שעהנעם איד רב יצחק אליה'ס. נאָר דאָס פאַפּיר־געלד לייגט מען אין דער שאַנק אריין, דאָס קליין־געלד אָבער איז ביי רב שלמה'ן אַ חזקה פרייטאָג צו צוטהיילען אָרימע לייט. אָנגעפילט די קעשענעס מיט קליין געלד, געהט רב שלמה אין געסעל ארוים. אין געסעל רעדט ער מיט קיינעם ניט. ער שטעלט זיך אין ערגעץ ניט אָב, כדי אַ נצרך זאָל זיך ניט שעהמען צו איהם צו צוגעהן, און ער בעט אין הארצען דעם רבונו של עולם, ער זאָל איהם צו שיקען אידען נצרכים, וואָס דאַרפען אויף שבת. עס ווייסט שוין דאָס געסעל צו וואָס רב שלמה געהט דאָ, און קיינער וויל איהם ניט שטערען אין זיין גאַנג, מען מיידט איהם אויס דעם וועג. ער פערקריכט אין די קרומע געסלאך, און יעדעס מאָל קומט אַן אַנדער איד צו צו איהם, רופט איהם אין אַ ווינקעל אריין און רוימט

מיט ליכט — צוגעגרייט צום ליכט־צינדען. דאָס ווייבעל זיצט נעבען איהם. אין דער שטיל פרעגט רב שלמה ביי איהר, צו זי האָט ניט קיין עגמת נפש פון די שטיף־קינדער? פערשעהמט ווערט זי און ענט־פערט, אז זי האָט זיך חלילה נים וואָס צו קלאָגען, — די קינדער ליע־בען איהר, און דער געשטאָרבענערס קינדער זיינען ביי איהר ווי איהרע אייגענע.

אויף דעם טיש ליגט ארויסגעוואָרפען דאָס געלד, וואָס דער סוחר האָט פון וועג אהיים געבראכט. עס לעגט דאָס ווייבעל דאָס פאַפּיער־געלד צו פאַפּיער־געלד, און באלד ווערט די שטוב פרעהליך. עס קו־מען אהיים צו לויפען די אינגלאך פון חדר מיט די חומשים אונטער די אָרעמס. אויף די ליפּען ליגט נאָך דער נגון פון מהפך פשטא, פון דעם מעביר־סדרה זיין. זיי גיבען דעם טאַטען שלום־עליכם אב, קושען די האנד און שרייען „עסען”.

פון דער אויבערשטער שטוב קומט אראָב דער איידים, דער עלט־סטער טאָכטער׳ס מאַן, וואָס זיצט ביים שווערער אויף קעסט. דער יונגער מאַן גיט דעם שווער „שלום־עליכם” און דרעהט זיך איבער־דער שטוב ארויף און אראָב אין זיין זיידענער קאַפּאָטקעלע, וואָס ער טראָגט אין דער היים (ער לערנט אויף א רב צו זיין!). די טאָכטער שרה׳לע, איז אביסעל ברוגז אויף׳ן פאָטער, וואָס ער האָט אזוי פריה, באלד נאָך דער מוטער׳ס טויט, חתונה געהאַט. אָבער מיט דער שטיף־מאַמע איז זי גאָר קניפּעל בקניפּעל. כאָטש זי פערגעהמט די שטעלע פון דער מאַמע, עליה השלום, דאָך איז זי אויך א יונג ווייבעל ערשט נאָך דער חתונה, האָבען זיך דיביידע ווייבלאך באלד בעפריינדעט, זיצען צוזאַמען, און חנה׳לע איז נעהנטער צו דער שטיף־טאָכטער, ווי צום מאַן.

עס קומט אהיים עוזר׳ל פון בית המדרש. דאָס איז דער עלטסטער זוהן און דער חתן־בחור, אויסגעפּוצט מיט דעם גאָלדענעם זייגער, וואָס ער האָט פון דער כלה א מתנה געקראָגען. ער גיט אויף דעם טאַטען „שלום עליכם” און זעצט זיך ברוגז׳דיג אוועק אין א ווינקעל. ער איז א משכיל שוין, לייענט די נייע לשון־קדוש׳דיגע ביכלאך און שפּראַכען קען ער (רב שלמה שטערט איהם ניט). דער בכור און דער רייכער חתן־בחור, נאָהנט פאַר דער חתונה — איז ער דער ערשטער אין דער היים און האַלט זיך פון דערוווייטענס פון אלעמען. נאָר רב שלמה׳ס

זי האלט דאָס שאַכטעלע אין האנד און טרויט זיך ניט עס צו עפענען.

זי עפענט עס אויף אין איהר האנד און נעהמט ארויס א גאלדענע מאַליע מיט א בראָש.

— זיי האָט זיך מיר געטראָפען א מציאה.

און ער גיט צו:

— עס איז דערפאַר, כדי דו זאָלסט ליעב האבען אורחים, אורחים דאַרף מען ליעב האָבען און דאנקען דעם רבונו של עולם, וואָס ער האָט דיר געהאָלפען אז דו קאָנסט אורחים אהיים ברייננגען — דערביי גיט ער איהר א גלעט איבער דעם שייטעל.

— איך האָב דען ניט ליעב קיין אורחים? הלואי זאָל אונז דער רבונו של עולם אזוי פיעל העלפען, וויפיעל מיר זאָלען קאָנען, — האקט זיך אָב אין מיטען און בלייבט שטעהן פערשעהמט און דערוועגט זיך ניט איהם צו קוקען אין די אויגען אריין איבער דעם וואָרט „אונז” — וואָרים זי איז נאָך ניט געוועהנט געוועזען צו איהם.

ער האָט זי דערפאַר נאָך מעהר ליעב געקראָגען.

און באלד האָט שוין אין הויף א קעסעל מיט קאַרטאָפעל איבער א פייער געקאָכט, א פרייטאָגדיג מיטאָג פאַר די אורחים. די יונגען האָבען שעניקעס שטרוי אָנגעשטאָפּט אויף נאַכט־לעגערס אין די שטעלער צו מאַכען, און די דיענסט־מוידען האָבען די פרישע פיש געשאָבען, אז די שופּען זיינען געשפּרונגען, געשפּריצט איבער זייערע צוהיצטע פנים'ער. און אז מען האָט די פיש אין די ראנדלעס געקאָכט, זיינען נאָך די אבגעשניטענע קעפּ פיש פון ראנדעל געשפּרונגען. אזוי פריש זיינען זיי געווען.

---

רב שלמה איז געזעסען אין עס־צימער און האָט זיין פרייטאָגדיג מיטאָג געגעסען. ניט רייך איז געווען דאָס מיטאָג, מען דאַרף דאָך אפּעטיט האָבען צו דער נאַכט־סעודה. א פרישע קאָפּ פיש און די פרישגעבאַקענע חלה פּערשמעקט די שטוב. די שטוב איז שוין צוגעראַמט צום שבת; די פּאָדלאָגע געוואַשען, מיט זאַמט בעשאָטען; די קופּערנע הענג־לייכטער בלישטשען אויף די ווענד; אויפ'ן קאָמאָד שטעהען שוין אויסגעשטעלט די פיער פּאָר זילבערנע לייכטער, אָנגעשטעקט

טהאָן מיט אַזא גרויס בעל־הבית׳ישקייט. און, ניט ווילענדיג, דער־מאָנט ער זיך ווידער אָן נעכטן — ווי זי האָט זיך געפרעהט, ווען ער איז אהיים געקומען פון וועג און די פוהר איז אנגעלאדען געווען מיט אורחים. „וואָס מעהר אורחים, אלץ פרעהליכער דער שבת״ — פלעגט זי זאגען. און א קרעכץ רייסט זיך ארויס פון זיין הארץ. חנה׳לע פער־שטעהט דעם קרעכץ און טיעפער רוקען זיך אראב די ברעמען איבער איהרע אויגען. דער שעהנער הויכער שטערן קנייטשט זיך, און אויף די הערלאך פון אויג בלישטשעט עפעס. ער קוקט אויף איהר, זעהט איהר פולע פיגור, דערמאָנט זיך אָן ברית, וואָס שטעהט פאר אם ירצה השם, און קריגט גרויס רחמנות אויף איהר. „די טויטע זיינען טויט— זאָגט ער זיך — און זי איז דאָך א כשר ווייבעל, איז נאָך ניט געוועהנט צו אזא בעלי־הבית׳ישקיים״. ער נעהט א טריט נעהנטער צו איהר און זאָגט מיט א ווייכער שטים, מיט א שמייכעל אין זיין שעהנער שווארצער באָרד אריין:

— חנה׳לע, דו זעהסט מיך נישט? איך בין דאָך געקומען צו פאָהרען.

א מינוט קוקט זיך חנה׳לע אום, אויב קיינער איז אין קיך ניטאָ. די מוידען זיינען ביי דער פוהרע, און זי זאגט מיט א טיעפער ווארימער שטים, פון וועלכער עס קוועלט ליעבע:

— איך קאָן דאָך דיר ניט אנטקעגען לויפען, שלמה!

אין די ווערטער פיהלט ער, אז זי האָט נאָך מורא פאר איהם. שוין א פאָר חדשים נאָך דער חתונה מיט איהר, דאָס קינד טראָגט זי שוין פון איהם, און זי איז נאָך דאָס אכטצעהן־יעהריגע מיידעל פון דער היים און איז נאָך נישט געוועהנט צו איהם, האָט נאָך מורא פאר איהם. דאָס טהוט איהם גלייכצייטיג הנאה און עס ריהרט איהם, און ער קריגט זי ליעב דערפאר. ער נעהמט זי אָן ביי דער האנד און זאגט:

— חנה׳לע, קום אריין אין דער צווייטער שטוב, איז האָב דיר עפעס צו זאָגען!

שטיל, מיט אָן אראבגעבויגענעם קאָפּ געהט איהם נאָך דאָס ווייבעל אין זייער שלאָף־שטוב אריין. ער נעהמט ארויס פון קעשענע א שאכטעלע און גיט עס איהר איבער:

— איך האָב דיר עס מיטגעבראכט.

רב שלמה׳ן איז מען נים מקנא, דאָס הארץ קוועלט נור פֿאַר נחת. „אַ שאַר, נעביך, וואָס זיין ווייב נעבע איז נעשטאָרבען אין קימפעט. אַ צדקנית נעוועזן, איהר צדקה געבען האָט דאָך געהאָט אַ שם“. פֿון דער נייער ווייבעל וואָס ער האָט געבראַכט אין שטעדטעל אריין, רעדט מען נישט קיין גוטס. „זי וויל פיהרען רייך“ — רעדט מען אויף די שוועלען פֿון די געוועלבלאַך, נאָכקוקענדיג רב שלמה׳ס וואָגען.

דערווייל איז מען אַהיים געקומען. ברייט עפֿענט זיך אויף די טהיר פֿון הויף, און אַ שווערען קרעכץ גיט אָב די פֿוהר. די קינדער — פֿערשיעדען־יעהריגע אינגלאַך און מיידלאַך — לויפֿען אנטקעגען, באַ־פֿען זיך אויף דער פֿוהר ארויף, הענגען זיך אָן וואָגען אָן. פֿון די אָפֿע־נע פֿענסטער פֿון קיך טראָגט זיך דער ריח פֿון די פֿריש־קאָכעדיגע פֿיש. פֿון מערען־צימעס, פֿון שבת־מאַכען. עס וואָרפֿט פֿון זיך אראָב רב שלמה זיין גרויען בעשטויבטען מאַנטעל, פֿיהרט דורך די פֿינגער דורך זיין פֿערשטויבטער באָרד און עס בלישטשען ארויס די שוואַרצע גלאַנצענדיגע אויגען פֿון אונטער די שוואַרצע ברעמען. עס שפּריצט מיט שטאַרקייט פֿון איהם, און די שוואַרצע האָהר פֿון באָרד זיצען גע־דיכט און פֿעסט אין די וואָרצלען. עס שפּרינגט פֿון וואָגען אראָב דער ברייט־ביינינער, פֿערציג־יאָהריגער איד, ווי אַ אינגעל, און רופֿט אין קיך אריין: „שפּרינצע, חנה, דבורה“... עס ווייזען זיך די דיענסטען מיט די רויט־צוקאָכטע געזיכטער, עס פֿלאַמט זיי דאָס פּנים פֿון קאָכען ביי דער קיך. זיי שטרעקען אויס זייערע נאַקעטע הענד און דער יונג זרח הויבט אָן פֿון וואָגען אראָבצודערלאַנגען די זעקלאַך פֿיש און די היהנער.

דאָס ווייבעל אָבער ווייזט זיך נישט אין פֿענסטער פֿון קיך. עס הערט זיך נישט דאָס ברייטער פֿרייטאַניקער לאַכען פֿון זיין ווייב נעבע, עליה השלום, ווען ער איז פֿון וועג אהיים געקומען. רב שלמה פֿער־שטעהט, אַז דאָס ווייבעל איז בייז. קומט ער אין קיך אריין; חנה׳לע שטעהט ביי דעם ברייטען מעש־בערעקטען קיך־טיש און מאַכט דעם קוגעל. איהרע שוואַרצע ברעמען און די שוואַרצע הערלאַך פֿון די אוי־גען לייגען זיך איבער דעם שוואַרץ־אַפּעל. אַ מינוט וואַרט ער. דאָס ווייבעל הויבט נישט אויף איהר בליק פֿון טעלער, שטעהט רוהיג און לאָזט זיך בעטראַכטען פֿון איהם. ער פֿערשטעהט וואָס זי איז בייז — איבער די אורחים. אַ יונג ווייבעל נאָך דער חתונה וויל ניט האָבען צו

ניט האקען דעם אויסגעוואקסענעם וואלד. עס איז פרייטאג. און כאטש הויך שטעהט נאך די זון אין הימעל פאר דער מיטאג־שעה, נאר אויסגעטהאן איז שוין דער איד פון נעשעפטען. א צוואה פון טאטען צו דעם זוהן — פרייטאג קיינע געשעפטען מאכען. פאהרט ער פון א גאנצער וואך האנדלען און וואנדלען אויף שבת אהיים. אנגעשטאפט איז דער בוזעם־בייטעל מיט שטר־מכירות. א האלבע מדינה פעלדער און וועלדער, האלץ אויפ׳ן וואסער, וואל אויף די שעפסען אבגעקויפט. און מיט א הארץ פול בטחון אויפ׳ן רבונו של עולם האט ער גענע־דיגט זיינע וואכעדיגע עסקים און איז אין גאנצען שוין אבגעגעבען דעם שבת.

דער שבת איז ביי רב שלמה׳ן א לאנגער — „וואס מעהר פון דער וואך צוציהען צום שבת" האט עס געהייסען אין דער משפחה, איז דער פרייטאג אויף שבת געווען. אין דארף האט מען זיך אבגעשטעלט. די פויערטעס האבען געוואוסט, אז רב שלמה פאהרט אהיים אויף שבת, האבען זיי אנגעהויבען פון די הייזער ארויסצושלעפען ווער וואס האט נאר געהאט — א פעטע הוהן, א מענדעל אייער. און כאטש אין דער היים גרייט מען שוין דעם שבת פון דאנערשטאג אן, האט דאך רב שלמה מיטגעקויפט — טאמער וועט אויספעהלען. גוים־פישער זיינען נאך דער פוהר נעלאפען מיט זעקלאך לעבעדיגע פיש, ערשט פון וואסער געפאנ־גען. נישט געדונגען זיך, נעווארפען אין וואגען אריין און ווייטער גע־פאהרען. ארויסגעקומען פון דארף, האט מען אנגעטראפען די ערשטע אורחים ציהענדיג זיך אין שטעדטעל אריין אויף שבת. רב שלמה׳ס שבת האט געהאט א שם אין דער סביבה, און די אורחים פון דער גע־גענד ארום האבען אנגעצויגען אויף שבת אין שטעדטעל אריין. "זרח, שטעה" — שרייט רב שלמה צום שמייסער — „קומט ארויף רב איד, אויף דער פוהר". און אלע די, וואס ער האט אויף דעם וועג אנגעטראפען, זיינען שוין געווען זיינע אורחים. אזוי קומט מען אין שטעדטעל אריין: א פולע פוהר אנגעהאנגען מיט אורחים, א פולע פוהר אנגעלאדען מיט עסענווארג אויף שבת אהיים.

די פוהר קלאפט איבער דעם שטעדטעלשען ברוק. עס גריסען די ערשטע בעלי־בתים אויף די שוועלען פון זייערע געוועלבלאך, רב חיים קאשעמאכער און דוד שמיד. דאס געסעל קוקט נאך — „א איד דער־לעבט צו אזא גדולה אהן עין הרע, א פולע פוהר אורחים!" נאר

I

# אויף שבת אַהיים.

איבער דעם ווייס־בעשטויבטען וועג צום שטעדטעל צולאזט זיך א פעסטע בעל־הבת׳ישע פוהר מיט שטארקע צוויי בולאנעס. א וואָלקען שטויב לויפט פאראויס פאַר דער פוהר און זאָגט אָן: „דער סוחר פאָהרט!" דער רעש פון וואגען וועקט אויף די קארן־זאנגען פון דעם ווארימען תמוז־שלאָף, זיי סוד׳ן זיך אין דער שטיל און בויגען מיט שרעק זייערע זייערע בעזימלאך צו דער ערד פאר דעם סוחר׳ס פוהר. אבער שטאָלץ לאָזט זיי דער וואָגען אין א וואָלקען שטויב הינטער זיך און פערגעהמט זיך אין געדיכטען וואלד אריין, וואָס לאָזט זיך טאָהל אראב. עס קוממט צו לויפען דער רעש פון דעם וואָגען אין געדיכטען וואלד אריין, און א שרעק לויפט צווישען די בוימער דורך. זיי ברוימען און שאָקלען זייערע בלעטער און נויגען זייערע צווייגען מיט כבוד פאר דעם סוחר׳ס פוהר, וואָס פאָהרט פארביי. נאָר הינטער זיך לאָזט זיי די פוהר אין דעם וואָלקען שטויב. עס קנאַקט די בייטש, און עס הירזשען די ווייסע בעשטויבטע פערד און לאָזען זיך ווייטער אין וועג אריין.

ווער איז דאָס, וואָס פאָהרט פארביי? פאר וועמען נויגען זיך עס ... די בוימער אין וואלאָ, די זאנגען אין פעלד? עס איז דער סוחר רב שלמה נגיד, וואָס פאָהרט אויף שבת אהיים. פאר איהם שרעקען עס זיך די בוימער אין וואלד און די זאנגען אין פעלד. אבגעקויפט האָט ער זיי, די שטר־מכירות אין זיין בוזעם־טאַש. פאר איהם וואקסט דער וואלד, רייפט די זאנג. ער וועט זיי וואקסען לאָזען, ווי ער וועט זיי שניידען לאָזען, ווען ער וועט וועלען.

נאָר אומזיסט שרעקען זיך פעלד און וואלד פאר רב שלמה׳ן. ניט האנדלען פאָהרט איצט א איד, ניט שניידען לאָזען די רייפע זאנגען,

# אינהאלטס-פערצייכניס:


1. ר' שלמה נגיד — 1—102
2. דער פערבארגענער בחור — 103—153
3. זיין האָב און גוטס — 154—162
4. דריי בעלי־בתים — 163—173
5. אין דאָרף — 174—178
6. אידישע אויגען — 179—183
7. אָפּגענאַרט — 184—191
8. קדוש השם — 192—197
9. אידישע יום־טובים — 198—236
10. חורבן פוילען — 237—282

לזכר נשמת אבי

## רב משה בן צבי נתן

מיין פאטער, דעם גאנצען איד און דעם גאנצען מענש; דעם, וואס זיין לעבען לייכט פאר מיר, ווי א ליכטיגער שטערן אין א פערנעפעלטער נאכט, וועלכען איך זעה און קאן איהם נישט דערגרייכען — איהם שענק איך דאס ווערק. קאן איך דיר, טאטע, אין מיין לעבען נישט נאכטהאן, וויל איך עס אין מיין חלום.

שלום אש.

Copyright 1918
by
SHOLEM ASH
(all rights reserved)

# רב שלמה נגיד

## און אנדערע ערצעהלונגען

פון

## שלום אש.

---

ארויסגעגעבען פון „פאָרווערטס"
175 איסט בראָדוויי, ניו יארק
1918

VELUT ARBOR ÆVO

PURCHASED BY
FRIENDS OF THE
UNIVERSITY OF TORONTO
LIBRARY'S
YIDDISH COLLECTION